STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02396

DI BITERE NEKEYVE

George Selikovitch

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

דיא ביטערע נקיבה

אָדער

דיא פירסטין, אלגא אגינסקי.

א העכסט אינטערעסאַנטער ראָמאַן פון
ליטוועשען פילאָזאָף.

1טעס קאפּיטעל.

דער שלאָף=טרונק אין שפּאַציר=וואַגען.

שבת דען 28טען יולי. . 188 איז ערשיענען אין דיא לאָנדאָנער ציימונג „טאַימס" דיעזער אַרטיקעל:

„א מערקווירדיגער ווילדער מאָרד האט פּאסירט נעכטען באגינען אין לאָנדאָן.
„אין רעכטען מיטען שטאָדט, האט אן אונבעקאנטער ערמאָרדעט אן אונבעקאנטען.
„און דיעזער מאָרד שיינט צו זיין ארומגערינגעלט מיט אזא דיקען שלייער, אז עס
„איז אונמעגליך פאָרלויפיג צו דערגעהן א טאָלק. הערט און וואונדערט אייך:

„דעם 27טען יולי, נאָך האַלבע נאכט פּונקט אום 2 אוהר, איז צוגעפאהרען
„צו דער פּאָליציי סטאַציאָן א שפּאציר=וואַגען אין גרעסטען גאַלאָפּ. דער ערשראָקענער
„פוהרמאן, בלייך וויא א טוך, האט קוים ארויסגעזאגט דיא ווערטער: „אין מיין
„וואָגען ליעגט אן ערמאָרדעטער מאנן!" נאָך א קורצען שטיל שוויינגען, האט דער
„בלאסער פוהרמאַן הענרי רוסטאן, דערצעהלט דעם אינספּעקטאָר, אז אום
„1 אוהר אין דער נאכט איז ער דורכגעפאָהרען קאָללינס סטריט; פאהרענדיג האט
„איהם צוגעשריען א מאַן ער זאָל זיך אָבשטעלען. רוסטאַן האט זיך געשטעלט און
„האט באלד געזעהן וויא דיעזער מאַן פיהרט אונטער דיא אָרימס אן אנדער מאַן
„וואס האט געשיינט צו זיין אזוי שכור, אז ער האט פּשוט ניט געקענט איינשטעהן
„אויף דיא פיס. ביידע מענער זיינען געווען געקליידעט אין שווארצע פראַקען מיט
„געבליזטע וועסטען, וויא זיי וואָלטען געווען אויף א באָל. דער בעזאָפענער האט
„קיין איבערציהער געהאט אויף זיך, אבער דער ניכטערער האט געטראָגען א העלען
„איבערציהער. ער האט געזאגט צום פוהרמאַן רוסטאַן: „פיהרט אָפּ א היים דיעזען
„חברה=מאן; איך האב איהם אויפגעהויבען פון מיטען שטראסע, און ער איז אזוי
„בעזאָפען, אז ער קען זיין צונג ניט ארומדרעהן. איך קען איהם אפילו ניט, נאר דאָס
„איז קיין תירוץ איהם איבערלאָזען אין סטריט אין אזא לאגע."

„רוסטאן איז באלד אראָב פון זעסיל, און צוזאמען מיטן ניכטערן, האבען זיי
„אריינגעזעצט אין וואגען דעם בעזאָפענעם וואס האט געמורמעלט אונטער דיא
„צעהנער: „פיהרט מיר אהיים אין פיקאדילי.״ דער ניכטערער האט אויפגעשפילעט
„זיין העלען איבערציהער און איז אויך אריינגעקראכען אין וואגען. אבער, קוים איז
„דער וואגען אָבגעפאהרען א צוואנציג הייזער, האט דער ניכטערער געהייסען דעם
„פוהרמאן שטעהן בלייבען, און האט געזאגט:
„— איך האב זיך בערעכענט, אז איך האב ניט וואָס מיטצופאָהרען מיט איהם.
„פיהרט איהם אפּ אין פיקאדילי; ווען איהר וועט זיין געקומען אין יענע געגענד,
„וועט ער שוין זיין אביסעל אויסגעניכטערט, און ער וועט אייך אליין זאָגען, וואו
„ער וואוינט.
„דער מאן האט געעפענט דיא טהירל פון וואגען, האט געגעבען דעם פוהרמאן
„פינף שילינג, האט ווידער אריינגעקוקט אין וואָגען און האט געזאגט צום בעזאָ=
„פענעם: „גוט נאכט, דער פוהרמאַן וועט אייך אָפּפיהרען, איך האב איהם שוין
„בעצאָהלט.״ דער בעזאָפענער האט ניט געענטפערט און דער פרעמדער איז שנעל
„פאָרטגעגאנגען מיט א ציגאר אין מויל. ווען רוסטאַן איז אָנגעקומען אין פיקאדילי
„האט ער געפרעגט אייניגע מאָל דעם רייזענדען, וואו ער וואוינט, און נאכדעם וויא
„ער האט געזעהן, אז ער קריגט קיין ענטפער, איז ער אראָפּגעקראָכען פון זיין זעסיל
„אום זיך צו ערקונדיגען וואָס דער מאן טהוט, אז ער ענטפערט ניט. קוים האט
„רוסטאַן געעפענט דיא טהירל פון וואגען, האט ער געזעהן, וויא ער ליגט מיט'ן
„קאָפּ פערוואָרפען אן א זייט און א ווייסע טאשענטיכעל אין מויל. רוסטאן האט
„פראָבירט איהם מינטערן — אָבער אומזיסט! ער האט זיך שטארק ערשראָקען, אז
„דער מאן מיט'ן העלען איבערציהער זאָל איהם ניט האבען ערמאָרדעט, און ער
„איז דארום געלאָפען גלאָפּ אין דער פּאָליציי סטאציאָן פון פיקאדילי, וואו ער האט
„דערצעהלט דעם אינספּעקטאָר דיא גאַנצע מעשה.
„דער פּאָליציי דאָקטאָר האט באלד געזעהן, אז דיא ווייסע טיכעל וואָס האט
„געשטעקט אין טויטענ'ס מונד, איז געווען בעשמירט מיט כלאָראָפאָרם. דאס איז
„אלזאָ דער בעסטער בעוויז, אז דא האנדעלט זיך פון א מאָרד דורך כלאָראָפאָרם.
„דער טוידטער איז א מאן פון מיטעלן וואוקס, א רונדעס געזיכט, שווארצע האָאָר
„און לאנגע שנור=באָרד. ער האט געטראָגען א שווארצען פראק און אין זיין טאשע
„האט מען ניט געפונען קיין וויזיט=קארטע, קיינע פּאפּיערן און קיין סימן וואס זאָל
„ווייזען ווער ער איז געווען. נאָר דיא ווייסע כלאָראָפאָרמירטע טיכעל טראָגט א
„צייכען .O. W אויסגענעהט מיט רויטע זייד. אין פאל ווען דאס געהערט צום מער=
„דער, דאן קענען דיעזע צוויי בוכשטאבען פיהרען צו א שפור. איבריגענס, הייטע,
„פאָרמיטאג וועט מען מאכען איין אונטערזוכונג איבער'ן טוידטען און מאָנטאג וועלען
„מיר וואהרשיינליך אין שטאנד זיין מיטצוטהיילען אונזערע ווערטהע לעזער זעהר
„פיעל וועגען דיעזען געהיימניספאלען מאָרד אין שפּאציר=וואָגען, וואס פערטומעלט
„יעצט גאנץ לאָנדאָן״.

דיעזע שטיק ווילדע נייעס פון דיא „טאיםס״ האט ווירקליך געמאכט א גער

וואלטינען אויפרוהר, ניט נאר אין לאנדאן אליין, נאר אויך אין גאנץ ענגלאנד.

מאנטאג האבען דיא לאנדאנער צייטונגען צוגעשריעבען דיעזע וויכטיגע פאקטען:

„מיר האבען שוין שבת דערצעהלט אונזערע ווערטהע לעזער פון דעם געהיימ-
„ניספאלען מארד אין א שפאציר-וואגען. אונטער דיעזע צייט איז געקומען אן אנדער
„פוהרמאן אין דער פאליציי און האט געמעלדעט, אז פרייטאג נאך האלבע נאכט
„אום האלב נאך איינס אוהר, איז ער דורכגעפאהרען פיקאדילי; א מאן מיט א
„העלען איבערציהער האט איהם געבעטען ער זאל איהם אבפיהרען נאך פוילעט
„סטריט. דער פוהרמאן האט איהם אפגעפיהרט; דיא פאליציי איז כמעט איבער-
„צייגט, אז דיעזער מאן מיט'ן העלען איבערציהער איז קיין אנדערער וויא דערזעלבער
„וואס האט פערלאסען רוסטאן'ס וואגען נאכדעם וויא ער האט ערמארדעט דעם
„בעזאפענעם. דאס איז אלעס וואס מען וויים יעצט, און מיר גלויבען, אז כל-זמן
„מען וועט ניט אויסגעפינען ווער דער ערמארדעטער איז געוועזן, וועט דיא פאליציי
„ניט קענען לעגען דיא האנד אויפ'ן מערדער. דאך האבען מיר צוטרויען אין אונזערע
„גוטע „דעטעקטיוום", אז זיי וועלען ציינען דער וועלט זייער קונסט און ברענגען פאר
„גערעכטינקייט דעם וואס האט בעגאנגען אזא מיאוס'ן מארד אין א שעהנעם
„שפאציער-וואגען".

דעם זעלבען טאג, מאנטאג, איז געוועזן דיא אונטערזוכונג, אין געגענווארט פון'ם דעטעקטיוו ס ע ם ג א ר י ק. דער ערשטער עדות איז געוועזן הענרי רוסטאן אין וועמעס וואגען דער מארד איז געשעהן. ער האט איבערגעזאגט דיעזעלבע זאך וואס ער האט דערצעהלט אין דער פאליציי, ווען ער האט דארט געבראכט דעם טוידטען. ער האט נאר צוגעגעבען, אז דער מאן מיט'ן העלען איבערציהער האט געטראגען א בריליאנטענעם רינג אויפ'ן פינגער.

דער געשווארענער דאקטאר, ראבערט קינגסטאן, האט געזאגט אז ער האט געפאלמעסט דעם ערמארדטען און ער קען בעשטעטיגען, אז כלאראפארם האט איהם פערגיפטעט.

דער אנדער פוהרמאן, א געוויסער ראנדאלף, האט ווידער געשווארען, אז ער האט אבגעפיהרט פרייטאג נאך האלבע נאכט א מאן מיט א העלען איבערציהער נאך פוילעט סטריט.

אין דיא קליידער פון ערמארדעטען האט מען געפונען דיא פאלגענדע ארטיקלען:

1) צוויי פונט שטערלינג אין גאלד מיט צעהן שילינג אין זילבער.

2) דיא ווייסע טיכעל, וואס איז געוועזן בעשפריינקילט מיט כלאראפארם און אויסגענעהט מיט דיא צוויי בוכשטאבען W. O.

3) א לעדערנע ציגארעט-האלטער.

4) א ווייסע האנדשוה פון דיא לינקע האנד.

5) א פאטאגראפיע פון א שעהנע פרוי, זעהר קאמיש געקליידעט, וואס זעהט אויס צו זיין א פראנצויזישע אקטריצע.

יא אבער ווער איז דער מערדער און ווער איז דער ערמארדעטער? דאס איז וואס גאנץ לאנדאן האט געוואלט וויסען.

3טער קאפיטעל.

ווען דער שפּיגעל וואָלט געקענט רעדען.

— יא, עס איז א מערקווירדיגער געהיימניספאלער מאָרד, — האט סעם גאריק געזאָגט צו זיך אליין זיך אָנקוקענדיג אין שפּיגעל.

גאריק האט זיך געהאלטען אין ראזירען דיא באָרד און ער האט געהאט א געוואָהנהייט צו רעדען מיט זיך אליין אין שפּיגעל זעהר אָפט. — דאס איז קיין וואונדער, דען גאריק איז געווען געדעכענט צווישען לאָנדאָנ'ס בעסטע געהיים-פּאָליציסטען, און ער פלעגט דארום זעהר זעלטען רעדען מיט וועמען וועגען זיין פּראָפעסיאָן. יעדעס מאָל ווען ער האט זיך געוואָלט מישב זיין מיט זיך אליין און רעדען פון זיינע פּלענער, פלעגט ער אריינגעהן אין זיין שלאָף-צימער און שמועסען אין שפּיגעל צו זיין צווייטען „איך". פון צייט צו צייט האט גאריק געפיהלט דיא נויטהיגקייט צו לאָזען רעדען זיינע געהיימע געדאנקען. און אזוי וויא ער האט ניט געוואָלט פּלוידערן אין דער לופט, איז דער שפּיגעל געווען זיין בעסטער קאמעראד, — זיינע גרעסטע סודות האט ער אנפערטרויט זיין שטומען גלעזערנעם פריינד.

אך! ווען דיעזער בילִיגער שפּיגעל וואָלט געקענט רעדען — וואס פאר א שרעק-ליכע זאכען ער וואָלט דערצעהלט פון לאָנדאָנ'ס געהיימניסע!

אויך דיעזען מאָרגען האט גאריק געשמועסט מיט זיין שפּיגעל — זיין גלעזערנער בעל-סוד האט איהם אבער קיין זאך ניט אויפגעקלערט.

— אין דער ערד! — האט גאריק געזאגט אוועקלעגענדיג זיין ראזיר-מעסער — אין דער ערד אזא פערפלאָנטערטע טראגעדיע! יעדע זאך מיט אן ענדע מוז דאָך האבען אן אנפאנג. טא וויא אזוי קען איך קומען צו דיא ענדע, ווען איך ווייס ניט וואו דער אנפאנג איז!

גאריק האט אריינגעשטעקט ביידע הענד אין זיינע הויזען-טאשען, האט פער-קנייטשט זיין שטערן צום שפּיגעל און האט ווייטער גערעדט:

— לאָמיך אקאָרשט געהן בסדר: דא איז א מאן וואס שבורט זיך אן אהן א פּארוואָס. דאס איז גאנץ נאטירליך. אן אנדער מאן קומט איהם ענטקעגען, רופט פאר איהם א וואָגען און העלפט איהם ארייַנקריכען. צוערשט זאָגט דער ניכטערער דעם פוהרמאן, אז ער קען דעם בעזאָפענעם ניט, — אבער נאכדעם צייגט ער, אז ער קען איהם יא. ער קריכט אויך אריין אין וואגען נאכדעם וויא ער האט געהייסען פאהרען נאך פּיקאדילי. אין וואגען גיבט ער דעם בעזאָפענעם א שלאָף-טרונק — ער רוקט איהם אריין אין מונד א בעשמירטע טיכעל מיט כלאָראָפאָרם. ער שפּרינגט ווידער ארויס פון וואגען. — אין פוילעט סטריט איז ער פערשוואונדען געוואָרען וויא אין וואסער אריין — אט דאס איז דער רעטעניס וואס איך האב פאר מיר. איך האב דא אלזא אויסצוגעפינען דריי זאכען: ערשטענס, ווער איז דער ערמאָרדעטער? צווייטענס, ווארום האט מען איהם ערמאָרדעט? דריטענס, ווער האט דאס געטהאָן? ווען איך זאל האבען אן ענטפער אויף דיא ערשטע פראגע, דאן קען איך זעהר לייכט דערגעהן דיא איבריגע צוויי ביי זיינע גוטע פריינד און ביי זיינע שונאים. דער מאן

וואס האט איהם ערמאָרדעט. האט געוויס געהאט אַ שטאַרקע אורזאַכע פון איהם פטור צו ווערן, און איך מוז אויסגעפינען, וואס דיעזע אורזאַכע איז געוועזן. — ליעבע? ניין, דאס קען ניט זיין — אַ פערליבטער געהט ניט אַזוי וויט, צו שטעלען זיין לעבען אין געפאהר צוליעב אַ קוש אויף אַ פּאָר ראָזע ליפּעלאַך. אַזעלכע זאַכען טרעפען אין ראָמאַנען, אבער ניט אין נאַטירליכען לעבען. זאל דיא אורזאַכע געוועזען זיין רויבעריי? דאס קען אויך ניט זיין, וואָרום מען האט געפונען אין דיא טאַשען פון ערמאָרדעטען גענוג געלד. איז דאס געוועזן ראַכע? — דאס קען שוין ניבער זיין. קיין קאַמפּף איז אין וואַגען געוויס ניט געוועזן, ווארום דיא קליידער פון ערמאָרדעטען זיינען ניט געוועזן צוריסען. נאר, איך גלויב, אז איך האב זיינע קליידער ניט גענוג בעקוקט. לאָמיך עס נאָך אַמאָל גוט אָנקוקען.

גאַריק האט זיך אנגעטהאָן שנעל, האט וואס איבערגעחאַפּט פריהשטיק, איז געגאַנגען אין דער פּאָליציי סטאַציאָן און האט פערלאַנגט נאָך אַמאַל מען זאל איהם ווייזען דיא קליידער פון ערמאָרדעטען. ער האט דיא ערשטע זאַך גענומען דעם ראָק, האט עס גוט בעקוקט און האט דערווייל קיין זאַך ניט בעמערקט. אַ פראַק-ראָק וויא אַלע רעק, נאָר זעהר שעהן אָבגעאַרבייט. גאַריק האט דעם ראָק געגעבען אַ שליידער מיט אונצופרידענהייט און האט זיך גענומען צו דיא וועסט.

דיעזע וועסט איז שוין עפּעס געוועזן מעהר אינטערעסאַנט פאַר איהם. דען זיא האט געהאַט פון אינוועניג אויף דיא לינקע זייט אַ מין בוזים-טאַשע.

— וואס איז דאָס? — האט גאַריק געזאַגט זיך קראַצענדיג זיין הויכען שטערן — איך זעה צום ערשטען מאָל אַזאַ מין טאַשע פון אינוועניג פון אַ וועסט וואָס איז געמאַכט געוואָרען צו אַ פראַק. נאָך מעהר, איך זעה, אז דיעזע טאַשע איז ניט געוועזן דיא אַרבייט פון שניידער. דיא טאַשע זעהט אויס צופיעל פּאַרטאַטשקע. עס איז ביי מיר קיין צווייפעל, אז דער מאַכער אַליין האט עס אָנגענעהט! ניין, דאס איז ניט קיין שניידער'ס אַרבייט, — אַ שוסטער וואלט עס אויך ערגער ניט אנגענעהט.

גאַריק האט פערדרויכט אַ ציגאַר, האט זיך אָוועקגעזעצט מיט דיא וועסט אין האַנד און האט ווייטער געזאַגט:

— ווען אַ מאַן געהט אַליין אָננעהען אַ בוזים-טאַשע אינוועניג פון זיין פראַק-וועסט, האט ער דאָך וואהרשיינליך געוואָלט, אז קיין מענש זאל ניט וויסען דערפון. עס איז אַלזאָ קלאָהר וויא דער טאָג, אז ער האט געמאַכט דיעזע געהיימע טאַשע ניט צו האַלטען שמעק-טאַבאַק, נאָר אַ זעהר טהייערע זאַך וואס ער האט געמוזט האַלטען ביי זיך אפילו דאַן, ווען ער האט געטראָגען זיין צערעמאָניע-פראַק. שאַ! איך זעה דאָ פּאַזע טאַשע אַ געוואַלד-ריס. דיא טאַשע זאַגט מיר, אז מען האט פון דאַנען וואָס אַרויסגעריסען מיט געוואַלד. אַהאַ! איך הייב שוין יעצט אָן צו פערשטעהן אַ שטיקעלע אָנפאַנג. דער טויטער האט געטראָגען מיט זיך אַ זאַך וואס דער אַנדערער האט געוואָלט דורכאויס קריגען. און ער האט געוואוסט, אז ער האַלט דאָס אין בוזים-טאַשע פון זיין וועסט. ער האט איהם געטראָפען בעזאָפען, האט איהם אַריינגעטראָגען אין וואַגען און האט געוואָלט נעהמען פון איהם דיא זאַך. דער בעזאָפענער האט ניט געלאָזען — און דאָס בעדייט דער מאָרד! אָבער וואָס איז געוועזן

דיעזע טהייערע זאך? ברילִיאַנטען? ניין, ניט אויך דאס איז געמאכט געוואָרען א טאשע פון אינוועניג וועסט. דאס האט וואהרשיינליך געמוזט זיין א פּאַפּיער, א מין דאָקומענט וואָס דער מערדער האט געוואָלט קריגען.

נאריק האט געשמייכעלט צו זיך אליין, האט אוועקגעוואָרפען דיא וועסט און האט ווייטער געקלערט:

— אבער ווער איז דער ערמאָרדעטער? ער איז געווים א פרעמדער אין לאָנדאָן, ווארום זאנסט, וואָלט איהם דאָך אימיצער דערקענט; זיין פאַמיליע וואלט איהם געזוכט. וויעדער, ווארום זוכט איהם ניט דער ווירטה פון האָטעל וואו ער איז איינגעשטאַנען, אין פאל ווען ער איז קיין לאָנדאָנער? דאָבצעך דיא צייטונגען האבען דאך גענוי בעשריעבען וויא דער ערמאָרדעטער זעהט אויס. דיא פּאָליציי האט אויך פערשפּראָכען א בעלאָהנונג פון 200 פונט שטערלינג פאר דעם וואָס וועט וויזען א שפור פון מערדער, און דאס דארף דאך אינטערעסירען פיעלע מענשען. 200 פונט שטערלינג געהן עפּעס צו פוס? — דער ערמאָרדעטער האט מן־הסתם געוואוינט אין א פריוואט לאָזשי ביי א ווירטהין וואָס לעזט קיינע צייטונגען ניט און וואָס קימערט זיך פון נייעס וויא פון פאַריאָהריגען שנעע. יא, אבער וויא קען דאס געמאָהלט זיין, אז זיין ווירטהין זאָל ניט זוכען איהר „באָרדער"? עס איז דאך שוין אריבער א גאנצע וואָך זייט דער מאן איז ערמארדעט געווארען, און עס איז צייט, אז דיא ווירטהין זאל ארייננשטעלען אין דיא צייטונגען אן אנאָנסע, וויא אלע אנדערע טהוען אין לאָנדאן ווען זיי ווילען אויסזוכען א קרוב, א פריינד אָדער א „באָרדער". לאָמיך אקאָרשט געבען אַ בליק אין דיאַ צייטונגען אויף דעם פלאָץ וואו מען זוכט פער־לארענע פריינד.

נאריק האט אראפּגענומען פון וואנד א שטוס פערשיעדענע צייטונגען פון דיא גאנצע וואָך און האט געזאגט צו זיך אליין:

— דער מארד איז דאך געשעהן פרייטאג בעגינען; אנגענומען, אז מאָנטאג האט דיא ווירטהין פון פערלאָרענעם זיך וועניג געקימערט; אבער מאָנטאג־דינגען טאג האט זיא זיך דאָך יא בעדארפט קימערן. דיענסטאג דארף זיא איהם זוכען דורך דיא צייטונגען.

נאריק האט אבער קיין אַנאָנסע געפונען, ניט מיטוואך, ניט דאָנערשטאג, וואס זאל איהם פיהרען אויף א שפור. אבער אין דיא צייטונגען פון פרייטאג, פונקט א וואָך נאך דיא טראגעדיע, האט נאריק בעמערקט דיעזע אַנאָנסע:

„ווען אָסקאר וולאָדימיראָוויטש ווייזט זיך ניט ביז ענדע וואָך אין קאָנאָט „סקווער נומער 16 פיקאדילי, דאן וועל איך זיינע צימערן פערדינגען.

רובינא ניקעלסאָן."

— אסקאר וולאדימיראָוויטש! — האט נאריק ווידערהאלט גאנץ שטיל — דיעזער אויסלענדישער נאמען שטימט דאך מיט דיא צוויי בוכשטאבען O. W. (אָ וו.) פון דער ווייסער טאשענטיכעל וואס מען האט געפונען אין מויל פון דעם ערמארדעטען. איך בין יעצט זעהר נייגיעריג צו וויסען אויב מאדאם רובינא ניקעל־

סאָן ווייס עפּעס וואס עס קען מיר אינטערעסירען. לאמיך איהר געהן ציהען אביסל פאר'ן צונג.

גאריק איז שנעל אוועק ביי זיך צו הויז, האט זיך אנגעצויגען זעהר עלעגאנט, מיט א הויכען צילינדער־הוט און איידער ער איז ארויס פון הויז, האט ער געהאט מיט'ן שפּיגעל א געשפּרעך. אבער יעצט האט גאריק פערלאָסען זיין שטומען גלע־זערנעם פריינד מיט דיא גרעסטע צופריעדענהייט. וואס האבען זיי דאָרט געשמו־עסט ? דאס ווייס נור גאריק — און דער שפּיגעל.

ווען מיט דיעזען שפּיגעל וואלט געטראָפען דערזעלבער נס וואס מיט בלעם'ס אייזעל און ער וואלט געקראָגען לשון — דאן וואלט ער דאך דערצעהלט אויף שפּיגעל־שפּראך אזוי פיעל סודות פון לאָנדאָנער פערדארבענהייט, פון דיא פארפומירטע אריסטאקראטען, פון דיא געפּודערטע אריסטאקראטקעס, פון דיא גרינע טישלאך, פון דיא געהיימניספאָלע הימעל־בעטס, פון דיא אויסגעבלייכטע פראנטען, פון דיא פעטע אויסגעבלייזטע אַקטריצעס, פון פּרינץ אָף וויילס ,,הו־לאנקעס'', פון לאָרד ראַזבערי'ס נאכטוואנדלונג און פון דיעזען מארד אין שפּאציר־וואגען וואס איז געווען לאָנדאָן'ס גרעסטע פערפּלאָנטערטע טראגעדיע פון דיעזען יאהר־הונדערט !

3טעס קאפּיטעל.

וואס מאַדאַם פּלוידער־זאַק ווייס.

מאדאם רובינא ניקעלסאָן איז געווען א פרוי וואס האט אימער געהאט פּרע־טענזיעס צו דער גאנצער וועלט. אויף איהר קען מען זעהן דיא וואהרהייט פון לאָרד ביקאנספיעלד'ס געדאנק : "No one is so interesting as when he is talking about himself" (דער מענש איז קיין מאל ניט אזוי אינטערעסאנט וויא דאן, ווען ער רעדט פון זיך אליין) און אזוי וויא מאדאם ניקעלסאָן האט אימער גערעדט פון זיך, איז זיא אימער געווען זעהר אינטערעסאַנט. איהר איז ניט געלעגען אין קאָפּ קיין אנדער זאך וויא איהרע פּרעטענזיעס צו דער וועלט. ווערליג נאך איהר מיינונג, איז דיא גאנצע וועלט שולדיג ווארום זיא האט קיין געלד ניט. פּרובירט איהר בע־טען זיא זאל אייך ערקלערן איהרע טענות צו דער וועלט, וועט זיא אייך באלד דערצעהלען, אז דיא מענער זיינען גאר ניט ווערטה וואס זיי לעבען אויף דער וועלט, — א בעווייז איז געווען איהר זעליגער מאן ניקעלסאָן וואס האט אלעס פערשפּיעלט אין קארטען און פערטרונקען איידער ער איז געשטארבען. ער האט איהר איבערגע־לאזען עלענד, און מיט גרויסע צרות האבען איהר דיא ביסל פריינדע געהאלפען מאכען א שטיקעל אריסטאקראטישע ,,באָרדינג־הויז'' אין קאָנאָט סקוועיר, 16 פּי־קאדילי. עס שטעהן איין ביי איהר געסט און זיי צאהלען צוויי פונט שטערלינג א וואָך פאר עסען און שלאָפען. דאס איז גענוג ביליג פאר אזא הויז וואס שטעהט אין אזא טהייערע געגענד, ניט ווייט פון האיד־פּארק.

מאדאם ניקעלסאָן איז געווען ברוגז אויף דיא גאנצע וועלט, ווארום זיא האט ניט עפּעס מעהר געלד צו פיהרען דיעזע הויז. דער קארפּעט איז שוין אפּגעניצט,

דיא מעבעל אביסעל אפגעריבען און ווען מען קוקט זיך גוט צו אין איהרע צימערן, וואוינט דארט דער דלות — אן אריסטאקראטישער דלות.

אבוואהל מאדאם ניקעלסאן האט א דיענסט און א קעכין, דאך ארבייט זיא אליין אויך שווער און ביטער. ווען עס בלייבט איהר אביסעל איבעריגע צייט פון דיא הויז־ארבייט און פון דיא נייעצעהן מאס רייד וואס זיא האט, דאן בעשעפטיגט זיא זיך אין איהר גע־מיל פאר׳ן הויז; זיא בעגיסט דיא בלומען אדער זיא ווישט אפ דעם שטויב פון דיא בלומען־טעפ. זיא איז געווען זעהר בעשעפטיגט אין איהר אריגען גערטיל, פונקט א וואך זייט איהר לאזשירער איז פערשוואונדען געווארען און זיא האט זיך געוואונדערט וואו ער איז אהינגעקומען.

— ער ליגט געוויס בעזויפען — האט זיא געזאגט צו זיך אליין — אדער ער האלט אין פערשפיעלען אין קארטען זיינע פאפירענע קראגענס. — אי, דיא מענער! ווער עס קען זיי ניט!

וויא זיא האט אזוי גערעדט צו זיך אליין, איז ארויפגעפאלען א שאטען אויפ׳ן גערטיל און וויא זיא האט אויפגעהויבען איהר קאפ, האט זיא געזעהן א מאן שטעהט אנגעשפארט אן צוים און קוקט אויף איהר.

— איהר דארפט געוויס א צימער? איך האב פאר אייך וואס איהר זוכט, — האט זיא צו איהם געזאגט איידער ער האט נאך זיין מונד געעפענט.

— איך בין אהער געקומען, — האט דער פרעמדער אנגעהויבען רעדען; אבער מאדאם ניקעלסאן האט איהם ניט געלאזט ענדיגען און זיא האט צו איהם וויטער געזאגט:

— אויב איין צימער איז אייך ווייניג, קענט איהר האבען צוויי; אבער איהר זאלט ניט אריינגעהמען קיין הינטלאך, איהר זאלט ניט שפילען אויף א הארמאניק, איהר זאלט ניט זינגען, איהר זאלט ניט לאכען הויך, איהר זאלט ניט —

— מאדאם, ערלויבט מיר א ווארט. איך האב געלעזען אין דיא צייטונגען, — האט דער פרעמדער ווידער אנגעפאנגען; אבער זיא האט איהם ווידער אונטער־בראכען.

— איך לעז קיין צייטונגען ניט און וויל ניט וויסען פון —

— אבער, מאדאם ניקעלסאן, איך בין ניט געקומען הערן אייער ביא... לאזט מיר אויך רעדען א ווארט. איך וועל אייך פרעגען א קלייניגקייט.

— אזוי נאר, זיא לעזט קיין צייטונגען ניט — האט דער פרעמדער געמור־מורמעלט צו זיך אליין — יעצט פערשטעה איך א סך זאכען.

— זאגט מיר, אלזא, וואס ווילט איהר? האט מאדאם ניקעלסאן איהם גע־פרעגט מיט א טאן פון אונגעדולד.

— וואוינט ניט ביי אייך, הערר אסקאר וולאדימיראוויטש? — האט דער פרעמדער געפרעגט און ער האט זיך שיער ניט אויסגעבראכען דיא צייהן אויסשפרע־כענדיג דעם צווייטען נאמען.

— איך קען זיין נאמען ניט זאגען — האט ניקעלסאן געענטפערט — דאס איז

א נאמען וואס קען עקספלאָדירען, וויא דיא נעמען פון אלע אויסלענדער און איך רוף איהם דארום אָסקאר אליין.

— אבער, וואוינט ער ביי אייך?

— ער וואוינט דא יא, און וואוינט דא ניט, — האט דיא ווירטהין געזאגט איהם קוקענדיג אין דיא אויגען — איך האב איהם שוין פון א וואָך ניט געזעהן, און איך גלויב, אז ער מוז וואו=עס=איז ליגען שכור וויא א חזיר.

— אבער, ווער זייט איהר, וואס ווילט איהר און וועמען זוכט איהר? — האט זיא דעם פרעמדען געפרעגט מיט א מענערשע שטימע.

— מיין נאמען איז סעם גאַריק. איך בין א דעטעקטיוו. איך זוך הערין אָס=קאר וולאדימיראָוויטש.

— אבער, ער איז ניטא! וואו זאל איך איהם יעצט נעהמען? — האט מאַ=דאם ניקעלסאָן זיך אפגערופען האלב ערשראקען, דען זיא האט געמיינט אז אָסקאר האט „עפּעס וואס געטהאן" און מען זוכט איהם „אוועקצוזעצען אין א זיכערן אָרט".

דיא ווירטהין האט א ווילע געטראכט און האט געבעטען דעם דעטעקטיוו ער זאל אריינקומען זיך זעצען א ווילע. זיי זיינען ביידע אריין אין זאל און זיא האט איהם נאך אמאל איבערגעזאגט, אז אסקאר איז אין דער היים ניטאָ.

— דאס דארפט איהר מיר ניט דערצעהלען. איך וויים אליין אז ער איז ניט ביי אייך — איך האב איהם יעצט געזעהן אין דער פּאליציי.

— איז ער אַרעטירט?

— ער איז טויט!

מאדאם ניקעלסאן איז בלאס געווארען, האט אוועקגערוקט דעם שטוהל און האט אויסגעשריען וויא צו זיך אליין:

— אָה, ניין. עס קען ניט זיין אז ער זאל האבען ערמארדעט —

— ווער האט ערמארדעט? וועמען מיינט איהר? — האט גאריק געשווינד איהר אפּגעהאקט אין מיטען.

— איך האב געוואלט זאגען: עס קען ניט זיין, אז ער זאל האבען בעגאנגען זעלבסט־מארד; אָסקאר האט ניט אויסגעזעהן פון דיא מענשען וואס טהוען זיך אן „א מעשה".

דער דעטעקטיוו האט איהר שטארק אנגעקוקט און האט געטראכט:

— מיט אביסעל געדולד וועל איך שוין ארויסקריגען פון איהר אלעס וואס זיא וויים. — עס איז קיין גרויסער קונץ צו ציהען פארן צונג א פרוי וואס האט 3 מאָל 1ז מאס רייד.

— און פון וואנען נעהמט איהר זיך צו זאָגען, אז ער האט ניט בעגאנגען זעלבסט=מאָרד? — האט גאַריק איהר ווייטער געפרעגט.

— אזוי גלאַט.

— דאס איז פאר מיר קיינע דבורים ניט, — האט ער [illegible]

מיר בעסער דיא וואהרהייט וואס איהר וויסט.

— זאגט איהר מיר, הערר דעטעקטיוו, וואו איז אסקאר ערמארדעט געווארען?
— אין א שפאציר־וואגען, פאהרענדיג ארויף פיקאדילי.
— אין מיטען שטראסע? — האט זיא געפרעגט איבערראשט.
— יא אין מיטען סטריט.
— אויב אזוי! — האט זיא זיך ארויסגעהאפט, און איהרע ליפען האבען זיך באלד פערזיגעלט.

נאריק האט געשוויגען און געווארט. ער האט געוואוסט, אז ער וועט ווארטען ביז ער וועט זיך דערוואַרטען. אזוי איז טאקע געווען, דען מאדאם פלוידערזאק האט זיך באלד ווידער ארויסגעהאפט מיט דיזעז ווערטער:

— גלויבט מיר, הערר נאריק, איך האב גענוג אבגעהוישעכט מיין וועלט דורך מיין צרה'דיגען מאן, וואס איז געווען א טרינקער און א קארטען־שפיעלער. צרות האב איך פון איהם געהאט וויא אין א הויף, און קיין נוטס האב איך פון איהם קיין מאל נים געזעהן. ער האט מיר נאר געטהאן איין שמיקעל טובה וואס ער איז געשטארבען. איהר מוזט מיר אלזא ענטשולדיגען וואס איך האב א גאנץ טרויעריגע מיינונג פון אייך מענער — אָבער פאר מערדערס האלט איך אייך נים.

— וואס מיינט איהר מיט דעם מאדאם?
— איך מיין, עס קען ניט זיין אז ער זאל האבען ערמארדעט אסקאר'ן.
— ווער איז דער „ער" ?
— ווארט, הערר נאריק, איך וועל אייך דערצעהלען אלעס, און אין פאל ווען ער איז אונשולדיג, זאל זיך גאט אננעהמען פאר איהם.

מאדאם ניקעלסאן האט אין גאנצען געהאט פערגעסען אז זיא געהט צו „הייר מיש" אנגעצויגען, אין א גאנץ דינעם חאלאט וואס איז נים איבעראל צוגעשפילעט. זיא האט עפעס בעמערקט פון נאריק'ן א קאסאקען קוק אן א זייט אויף איהר קערפער; זיא האט געחאפט אויפ'ן זאפא א ווייסע קאפ־טיכעל, האט עס אריבער־געווארפען איבער איהרע ברייטע שולטערן, און נאכדעם וויא זיא האט געגעבען צו זיך אליין א בעסטיאלען שמייכעל אין שפיגעל, האט זיא ווייטער געזאגט:

— עס איז נאר צוויי חדשים זייט איך האב בעשלאסען צו האלטען לאזשירער, ווייל איך האב זיך ביז דאן אבגעגעבען מיט אנדערע ווייבערשע געשעפטען. איך האב געשטעלט אן אנאנסע אין דיא צייטונגען און הערר אסקאר האט זיך געמעלדעט דער ערשטער ביי מיר אלס לאזשירער.

— ער האט אלזא געוואוינט, ביי אייך זייט צוויי מאנאט?
— יא, הערר נאריק.
— און וויא האט ער אויסגעזעהן?
— ציעמליך הויך, ברוינעט, אהן א בארד און אהן וואנצעס. ער האט אויף געהאט א צייכען אויפ'ן לינקען שלייף וואס ער פלעגט פערשטעלען מיט זיינע האאר.
— דאס איז ער מיט דיא ביינער — האט נאריק געזאגט צו זין אליין.

מאדאם ניקעלסאן האט ווייטער גערעדט:

— אסקאר האט מיר געזאגט, אז ער קומט פון רוסלאנד און פון אמעריקא.

— איך פערשטעה נים —

— ער האט מיר געזאגט אז ער אליין האט געוואוינט אין רוסלאנד וואס ער האט פערלאסען מיט צוויי יאהר צוריק און ער האט צוגעבראכט די לעצטע צוויי יאהר אין ניו־יארק.

— ער איז אלזא ביי אייך אנגעקומען פון ניו־יארק?

— יא הערר דעטעקטיוו.

— האט ער געקענט ענגליש רעדען?

— יא, ער האט גערעדט אביסעל וויא א יענקי — אבער אלעס הייסט גערעדט; איך פלעג איהם קוים פערשטעהן. ווען ער האט אריינגעצויגען ביי מיר, האט ער מיר פערזיכערט, אז ער וועט דא שטעהן זעקס מאנאט. ער האט מיר געצאהלט רעגעל־מעסיג און ער האט מיר געזאגט, אז ער האט זעהר פיעל גוטע פריינד אין לאנדאן.

— קענט איהר מיר נים זאגען ווער זיינע פריינד זיינען געווען?

— דאס ווייס איך נים; ער האט מיר נאר געזאגט אז ער געהט הייראטהען א רייכען מאנ'ס טאכטער, דיא איינציגע יורש'טע. עס שטעהט איהם נאר אין וועג וואס דיא מיידעל איז פון יודישע עלטערן, און זיי ווילען נים פערהייראטהען דיא דיא טאכטער צו א קריסט. דאס איז אלעס וואס איך ווייס.

— אזוי נאר! האט אויסגעשריען סעם גאריק. קענט איהר נים איינעם פון זיינע פריינדע?

— איך קען יא איינעם און קען איהם נים; ער האט א פריינד א געוויסען הערר הארן וואס פלעגט איהם אימער קומען זעהן. זיי האבען געלעבט וויא ברי־דער,—דאס איז אלעס וואס איך ווייס.

— וויא זעהט אויס דיעזער הארן?

— א שעהנער מאן און ווייטער גארנים.

— וואו קען איך איהם געפינען?

— דאס ווייס איך נים; ער איז שוין דא פון א וואך נים געווען — דאס איז אלעס וואס איך ווייס.

גאריק האט געטראכט צו זיך אליין:

— איך וואלט יעצט גערן זעהן דיעזען הארן. — ער האט זיך נאכדעם געווענ־דעט צו דיא פרוי און האט צו איהר געזאגט:

— איך וועל דא זיין ביי אייך הייטע אבענד; פיעללייכט באגעגען איך דא הערען הארן; יעצט זאגט מיר וואס ווייסט איהר עפעס נאך פון אסקאר'ן.

— אלעס וואס איך ווייס איז דאס: מיט צוויי וואכען צוריק איז אהער געקו־מען א יונגער מאן זעהן הערן אסקאר. ער איז געוועזן א הויבער און האט געטראגען א העלען איבער־ציהער.

— אי! דאס שטימט מיט'ן מערדער, — האט גאריק געזאגט צו זיך אליין.

— דיעזער יונגער־מאן — האט מאדאם ניקעלסאן ווייטער געזאגט — איז ארייך ביי אסקאר'ן אין צימער און דיא טהיר האט זיך באלד פערמאכט. איך ווייס וויא לאנג זיי האבען זיך געקריגט. דער פרעמדער מיט'ן העלען איבערציהר

געזאגט צו אָסקאר'ן: „עס איז אומזיסט אייערע סטראשונקעס, זיא איז מיינע און איך וועל איהר הייראטהען. וועה צו אייך, ווען איהר וועט געהן מיט אייערע פערדאָרבענע פלענער. איך וועל פון אייך ראכע נעהמען אין מיטען שטראסע" — דאס איז אלעס וואס איך האב געהערט און האב זיי געזאגט זיי זאלען ניט מאכען אזעלכע געוואלדען אין מיין הויז. דער פרעמדער מאן מיט'ן העלען איבער־ציהער האט באלד פערלאסען מיין הויז — און דאס איז אלעס וואס איך וויים.

— האט אייך אָסקאר עפּעס ערקלערט וועגען דיעזען יונגען מאן?

— ניין, גארניט, — ער האט נאר בעמערקט לאכענדיג, דאס דער יונגער מאן איז א היציגער יודע.

— אבער, וויא הייסט ער?

— דאס וויים איך ניט, ווייל אָסקאר האט מיר ניט געזאגט. ער איז א הויכער, מיט בלאָנדע שנור־בארט און אנגעצויגען וויא איך האב אייך פריהער געזאגט, — דאס איז אלעס וואס איך וויים.

— דאס איז דער מאן מיט דיא ביינער וואס האט ערמארדעט אָסקאר'ן אין שפּאציר־וואגען — האט גאריק געמורמעלט צו זיך אליין — יא, דאס איז ער, און דיא אורזאכע איז געווים דיא רייכע יודישע יורש'טע וואס זיי האבעןביידע געוואלט הייראטען. איבערהויפּט איז דיעזער מארד נאטירליך, ווייל דא איז געוועזען אויך א קאמפּף צווישען קריסט און איד. עס איז מיר נאָר א וואונדער, אז א איד זאל ערמאָרדען א מענשען צוליעב ליעבע. דיא יודען האבען כמעט קיינע מערדערס צווישען זיי, און בפרט נאך אזא ראָמאנטישען מערדער צוליעב א שעהנע מיידעל. יא, אבער דיא פאקטען זיינען שטארקער וויא פילאָזאָפיע, און דיעזע פאקטען זאָגען, אז אָסקאר איז ערמאָרדעט געווארען פון דעם יונגען מאן מיט'ן העלען איבער־ציהער.

— וואס דענקט איהר דערפון, הערר גאריק — האט מאדאם ניקעלסאָן געפרעגט מיט נייגירדע.

— איך דענק, אז אין דיעזע פערפלאָנטערטע טראגעדיע שטעקט א פרוי; דאס איז מיין מיינונג.

4טעס קאפּיטעל.

אָ יודישע טאכטער אין מיטען.

ווען גאריק האט פערלאסען 16 קאנאָט־סקווער איז ביי איהם קיין צווייפעל געבליעבען, ווער דער מערדער איז. דער יונגער מאן מיט'ן העלען איבערציהער האט דאך געשראקען אָסקאר וולאדימיראָוויטש'ן, אז ער וועט פון איהם ראכע נעהמען אין מיטען שטראסע — וואהרשיינליך האט ער דיעזען פּלאן דורכגעזעצט. אלעס וואס דער דעטעקטיוו האט יעצט צו טהאן איז: געפינען דיעזען מאן מיט'ן העלען איבערציהער און אויסצוגעפינען אין דיא זעלבע צייט, וואו ער איז געוועזען יענע נאכט, ווען דער מארד איז געשעהן. מאדאם ניקעלסאן האט איהם אפילו אבגעמאָלט וויא ער זעהט אויס; זיא ווייסט אָבער ניט זיין נאמען און אין לאנדאן געפינען זיך צ הך יונגע לייט מיט העלע איבערציהערס און מיט דיא אָנגעגעבענע סימנים. גאריק האט באלד געזאגט צו זיך אליין:

— דא איז נאר דא איין איינציגער וואס איך ווייס זיין נאמען און דיעזער איז אָסקאַר'ס גוטער פריינד הערר האַרן. אָסקאַר האט געוויס פערטרויט דיעזען גוטען פריינד אלעס וועגען דעם יונגען מאן וואס האט זיך מיט איהם געקריגט, וויא אויך דיא אורזאכע פון דיעזע מחלוקה. אָבער גאריק האט זיך ניט געקענט אָבוואונדערן, ווארום ה אָ ר ן האט ניט געהערט פון זיין פריינד'ס טראגישען טויט. דאכט זיך אלע צייטונגען זיינען דאך געווען פול מיט דיעזען געהיימניספאלען מארד אין שפאציער-וואגען.

— עס קען אנדערש ניט זיין — האט זיך גאריק געטראכט — אז האַרן איז אויף דער רייזע און האט קיינע צייטונגען געלעזען.

דער דעטעקטיוו האט ניט לאנג געטראכט און איז ווידער אריבער ביי מאדאם ניקעלסאָן געגען אבענד. ער האט בעזוכט דיא צימערן וואו אָסקאַר וולאדימיראוויטש איז איינגעשטאנען און פון יעדע ווינקעלע האט מען געקענט ארויסזעהן, אז דיעזער יונגער מאן האט געלעבט א גוטען טאָג. דיא ביידע צימערן זיינען געווען שעהן מעבלירט מיט א סך געשמאק און דיא ווענט בעהאנגען מיט דיא בילדער פון בע-ריהמטע אקטריצעס און בעקאנטע טענצערקעס פון לאָנדאָן, וויא אויך פון ניו יארק. מאנכע פון זיי זיינען געווען פאָטאָגראפירט אין פערשיעדענע פּאָזען.

— וויא איך זעה איז אָסקאַר געווען א גרויסער דאמענפריינד — האט גאריק בעמערקט אנקוקענדיג דיא פערשיעדענע בילדער.

— א באנדע האלב נאקעטע חצופות — האט געמורמעלט מאדאם ניקעלסאָן — און עס איז מיר ווירקליך א שאנדע צו זעהן וויא זיי פעראונרייניגען מיינע צימערן; נאר, הערר אָסקאַר האט דאס שמארק ליעב געהאט.

— במעט אלע יונגע לייט האבען דאס ניט פיינד — האט גאריק געענטפערט קורץ און שארף און ער איז געגאנגען אנקוקען דעם ביכער שראנק.

— דא זעה איך ביכער, האט גאריק געזאגט, וואס איך קען ניט לעזען — דאס מוז זיין רוסישע. געוויס זיינען דאס ראָמאנען, דען איך זעה דא אויך א רעכטע ביסעל ענגלישע ראָמאנען.

— איידער דער דעטעקטיוו האט געענדיגט זיין צענזוריע איבער אָסקאַר'ס ביבליאָטהעק, האט זיך געהערט א קלאפּ אין טהיר.

דיא ווירטהין איז באלד ארויס עפענען און גאריק האט געהערט וויא דער בעזוכער פרעגט אויף אָסקאַרן.

— ער איז ניטאָ — האט זיא איהם געענטפערט — אָבער דא איז דאָ א מאן, וואס פרעגט אויך אויף איהם; קומט א וויילע אריין הערר ה אָ ר ן.

אין א מינוט ארום האט מאדאם ניקעלסאָן אריינגעפיהרט אָסקאַרס בעסטען פריינד. ער איז געווען א שלאנקער יונגער מאן, הויך אבגעוואקסען, מיט ראָזע באקען און מיט בלאנדע פריזירטע האאר. ער איז אויך געווען שעהן אנגעצייגען, און אויף זיין געזיכט איז געלעגען דער אריסטאקראטישער זיעגעל.

— און וואו א י ז הערר אָסקאַר וולאדימיראָוויטש ? — האט דער בעזוכער גע-פרעגט מיט א שטארקע דייטשע אויסשפראכע.

ער האט זיך הינגעזעצט אויף א שטוהל און האט פון׳ם דעטעקטיוו קיין נאָטיץ גענומען, פונקט וויא ער וואלט געווען א טיש אדער א לאמפ. אבער דער דעטעקטיוו האט זיך באלד ארויסגעחאפט גיך:

— האט איהר איהם דען ניט געזעהן דיא לעצטע צייט?

הארן האט איהם אנגעקוקט מיט שטאלץ, וויא איינער וואס האלט זיך אין מישב זיין, אויב עס לוינט צו ענטפערן. ער האט ענדליך בעשלאסען יא צו ענטפערן און האט קוים ארויסגעזאגט מיט א דערשטיקטען געניץ:

— ניין, איך האב איהם ניט געזעהן — איך האב ארומגערייזט איינינע טעג אין פראווינץ; הייטע אָבענד בין איך צוריקגעקומען און האב איהם ניט געזעהן זייט איבער א וואָך. גענגען וואס פרעגט איהר מיר?

גאריק האט איהם ניט געענטפערט, נאר ער האט איהם געקוקט שארף אין געזיכט.

— און ווער זיינט איהר אייגענטליך? האט איהם הארן ווייטער געפרעגט.

— מיין נאמען איז גאריק און איך בין א דעטעקטיוו.

— אזוי נאָר! — האט הארן אויסגערופען קאלטבלוטיג און האט איהם אנגעקוקט פון אויבען ביז אראפ.

— יא הערר הארן דאס בין איך.

— וואס פאר א פעו׳ברעכען האט דען אָסקאר בעגאנגען, וואס איהר זוכט איהם? האט ער דען געמאכט פליטה מיט אימיצענס ווייב? אסקאר האט אפט־מאל גערן אבצוטהאן אזעלכע שטיקלאך, דער פלוט —

— ענטשולדיגט מיר, ער פלעגט מיר צאהלען פאר דיא צימערן זעהר רעגעלמעסיג. — האט מאדאם ניקעלסאן אונטערבראכען.

— דאס האט ניט צו טהאן מיט צאהלען חובות — האט הארן געענטפערט לאכענדיג — נאר איבריגענס פערשטעה איך ניט, הערר גאריק, וואס אייערע אלע פראגעס בעדייטען. וואו איז ער דען מיין פריינד?

— טויט! האט גאריק געענטפערט.

הארן האט זיך געגעבען א חאפ פון שטוהל וויא מיט א מאשין און האט וויעדערהאָלט:

— וואס! אָסקאר טויט! עס קען ניט זיין!

— עס קען אבער יא זיין — האט גאריק ערווידערט. — א בעוויז, עס איז אזוי: אסקאר איז ערמארדעט געווארען אין א שפאציר־וואגען.

הארן האט אנגעקוקט דעם דעטעקטיוו מיט א ווילדען בליק, האט צוגעלעגט זיין האנד צום שטערן און האט אויסגעשריען:

— ענטשולעיגט מיר, מיין קאפ שווינדעלט מיר; אסקאר ערמארדעט! ער איז דאך געווען געזונד און פריש ווען איך האב איהם פערלאסען מיט איינינע צייט צוריק.

— האט איהר דען דיא צייטונגען ניט געלעזען? — האט איהם גאריק ווידער געפרעגט.

— איך האב קיין ציימונג אנגעזעהן דיא לעצטע צייט. נור היינט האט מיר דיא ווירטהין דערצעהלט פון א מארד און עס איז מיר גאר ניט איינגעפאלען אז דאס איז אסקאר. אונגליקליכער אסקאר!

דער דעטעקטיוו האט זיך געפיהלט שטארק געריהרט און אויך מאדאם ני-קעלסאן האט געשענקט דעם ערמארדעטען א טרעהר.

— ווען איך וואלט געווען אין לאָנדאָן — האט זיך האָרן אפגערופען מיט א האלב-וויינענדע שטימע — דאן וואלט דיעזער מארד ניט געשעהן; מיר זיינען געווען וויא ברידער און איך האב איהם אימער בעגלייט.

— פון וואנען האט איהר זיך ביידע אזוי געקענט? — האט גאריק געפרעגט.

— מיר זיינען ביידע אהער אנגעקומען אויף דיעזעלבע שיף פון נויארק. אויך אין נויארק זיינען מיר געווען גוטע פריינד.

נאכדעם וויא גאריק האט איהם ערצעהלט וויא און ווען דיעזער מארד איז געשעהן, האט האָרן אויסגעשריען:

— איך גלויב, אז איך בין מיט איהם געווען צוזאמען יענע נאכט ווען ער איז ערמארדעט געוואָרען.

מאדאם ניקעלסאן האט געגעבען א שפרונג און האט זיך פערשטעלט איהר געזיכט מיט'ן פארטוך; אבער דער דעטעקטיוו האט זיך קיין ריהר געגעבען.

— שרעקט איך ניט, מאדאם, — האט האָרן אויסגערופען — ניט איך האב איהם ערמארדעט. איך האב אסקאר'ן געזעהן יענע דאָנערסטאג'דיגע נאכט, און אויף מארגען פרייטאג האב איך פערלאסען לאָנדאָן.

האָרן האט דערצעהלט וויא אזוי ער האט אסקאר'ן געטראפען אין א ווייך און ליקער געשעפט, און זיי האבען ביידע ציעמליך געטרונקען. אסקאר איז געווען שטארק בעזויפען; אבער ער אליין איז געווען צו דערליידען. זיי האבען זיך געשיידען און האבען ניט בעמערקט אז אימיצער געהט זיא נאך פון הינטען.

— אבער וואס דענקט איהר, הערר האָרן, האט געקענט זיין דיא אורזאכע פון דיעזען מארד?

האָרן האט דעם דעטעקטיוו קיין ענטפער געגעבען, זאנדערן ער האט זיך אויפגעהויבען און האט צוגעטראגען אסקאר'ס אלבום וואס איז געלעגען אויף א טי-שעל. ער האט עס גענומען בלעטערן פאר'ן דעטעקטיוו אין דיא אויגען און יעדער זייטעל האט פארגעשטעלט אַן אנדער אקטריצע, א באלעט-טענצערין און אזוי גלאַט שעהנע נקבות פון א גאנץ יאהר. האָרן האט אזוי געמישט דעם אלבום ביז ער איז געקומען צו דיא לעצטע בלעטיל וואו עס איז געווען איינגעפאסט א גרויסעס בילד.

— אָט דאס איז דיא אורזאכע פון אָסקאר'ס מארד — האט האָרן געזאגט צו גאריק'ן מיט א שמייכעל.

דאס בילד איז געווען דער פאָרטרעט פון א שעהנע מיידעל געקליידעט אין ווייסען מיט א מאטראָזען-הוט אויף איהרע בלאָנדע גאָלדענע האָר, איהר קערפער אויסגעבויגען אביסל קיילאבדיג וויא זיא וואלט זיך איינגעהערט א סוד געבען טהיר.

וויא מאדאם ניקעלסאן האט געזעהן דיעזע פאטאגראפיע, האט זיא אויסגעשריען:

— דאס איז דאך פרייליין רובינשטיין — פון וואנען האט אסקאר איהר געקענט?

— ער איז געוועזן רעקאמאנדירט צו איהר פאטער אהרן רובינשטיין — האט הארן געענטפערט קאלטבלוטיג.

— אזוי נאר? — האט נאריק געזאגט האלב פערוואונדערט — אייער פריינד האט געהאט בעקאנטשאפט מיט דעם רייכען רובינשטיין — אבער, וויא אזוי איז ער געקומען צו זיין טאכטער'ס בילד?

— זיא האט עס איהם אליין געגעבען, ווייל ער האט מיט איהר געשפיעלט א גרויסע ליעבע — האט הארן געענטפערט.

— און זיא?

— זיא האט געליעבט אן אנדערן, פון איהר רעליגיאן, א אידישען יונגען מאן, זיין נאמען איז מארקוס גרינוואלד.

— קענט איהר איהם אפשר?

— איך בין אין לאנדאן ניט לאנג און האב קיין בעקאנטשאפט מיט אידישע פאמיליען.

— קענט איהר מיר ניט זאגען וויא ער האט אויסגעזעהן?

— אָה יא, הערר נאריק, — האט הארן געענטפערט מיט קוראזש — ער איז אבגעוואקסען וויא איך און האט אויך א סך עהנליכקייט צו מיר — מיט דיעזען איינציגען אונטערשיעד, וואס ער איז שעהן אויפין געזיכט.

— יעצט ווייס איך שוין — האט זיך ארויסגעכאפט מאדאם ניקעלסאן — ווער עס איז געוועזן דער יונגער מאן וואס האט זיך דאן געקריגט מיט אסקאר'ן אין זיין צימער, און יעצט ווייס איך אויך ווער דיא פרוי איז, איבער וועלכע זיי האבען געהאט אזא שטרייט אין דיעזען צימער.

— איהר האט געטראפען, מאדאם, — האט זיך אפגערופען הארן און האט זיך אויפגעהויבען צו געהן.

הארן האט דערלאנגט נאריק'ן זיין וויזיט־קארטע און האט צו איהם געזאגט:

— דא איז מיין אדרעסע. עס פרייט מיך ווירקליך וואס איך קען אייך ניצליך זיין צו געפינען דעם מערדער פון מיין בעסטען פריינד.

— יעצט איז דאס מעהר ניט קיין שווערע זאך — האט נאריק ערוויעדערט.

— האט איהר דען אויף אימיצען א חשד? — האט איהם הארן געפרעגט מיט דעם גרעסטען ערנסט.

— יא, איך האב.

— טאָ, ווער דענקט איהר, אלזא, איז דער מערדער?

נאריק האט א ווײלע געשוויעגען און האט ענדליך געזאגט מיט א האלבע מויל:

— זיכער בין איך ניט. איך האב ניט מעהר וויא א חשד — פארלויפיג.

— אָה איך לעז אויף אייערע אויגען, הערר נאריק, אז מארקוס גרינוואלד האט ערמארדעט מיין פריינד.

— עס קען זיין, — האט דער דעטעקטיוו געענטפערט מיט א שמייכעל — איך וועל זעהן וואס עס וועט ווייטער זיין.

5טעם קאפיטעל.

דעם חתן'ס געהיימניספאָלע וואך־נאַכט.

עס זיינען דא מענשען מיט געבענטשטע הענד; יעדע זאך וואס זיי ריהרן אָן פערוואנדעלט זיך אין גאלד. אזא מענשען רופט מען בעל־מזל. יעדער וואס האט מזל דער איז גליקליך אין אלעס וואס ער נעהמט זיך: האנדעלט ער? מאכט ער געלד. טהוט ער א שידוך — קריגט ער א שעהנע ווייב, א געראטעניש און מיט א סך געלד. זוכט ער א גרויסארטיגע שטעלע — קריגט ער עס לייכט וויא א האָר פון מילך. אהרון רובינשטיין איז געוועזן איינער פון דיעזע גליקליכע לייט צו וועמען דער מזל האט געשמייכעלט ביי יעדע געלעגענהייט. דארט וואו אַן אנדערער האט דערלעגט דעם קאָפּ, האט ער געמאכט געלד וויא בלאָטע. ער האט שוין געוואוינט אין לאָנ־דאָן זייט צוואנציג יאהר און אין גאנצען שטאדט איז ער מיט דער צייט בעקאנט געווארען אלס דער גרעסטער פאבריקאנט פון רעגען־מאנטלען. איידער ער האט זיך בעזעצט אין לאנדאן האט רובינשטיין בערייזט א רעכט ביסל דיא וועלט און האט אויך פערבראכט א קורצע צייט אין אמעריקא. דיא רייזען פון איין זייט, דיא ער־פאהרונגען פון דער אנדערער זייט און איבערהויפּט דיא הצלחה צו געשעפט — דאס אלעס האט פון איהם געמאכט א וואהרען דזשענטעלמען און זיינע אייגענע לאנדס־לייט פון דער ליטא קענען אויף איהם בשום־אופן ניט דערקענען, אז דאס איז דער אמאליגער אינגעל „אָרקע מזיק“ פון דיא ליטווישע שטעדטעל ט ע ל ז, קאָוונער גובערניע.

אהרון רובינשטיין האט געהייראטהעט אין לאנדאן א יאהר נאך זיין אנקונפט. ער האט גענומען דיא טאכטער פון אַן אמסטערדאמער גאלד-הענדלער. שעהן, געבילדעט, קלוג און גוט. — מאדאם רובינשטיין האט זיך ערווארבען אין לאנדאן א פיינעם נאמען און מען האט איהר איבעראל געהאט זעהר גערן. דיא זיעבצעהן־יעהד־ריגע אסתר רובינשטיין האט ניט געהאט אלע מעלות פון איהר מוטער; זיא איז געוועזן א רעכט־ביסל שטאלץ און זיא האט ווירקליך געהאט מיט וואס צו שטאָל־צירען: שעהן, געזונד, רייך, געבילדעט און מוזיקאליש. א יונגער ענגלישער באראָן, ס ע ם ל י י נ י א ן, האט זיך געהאט פערליעבט אין איהר; אבער זיא האט ניט געוואלט הערען פון שדוכים מיט קריסטען. פלוצלונג האט זיך בעוויעזען א יונגער מאן פון האלאנד, שעהן וויא א פרינץ מיט בלאנדע פריזירטע האר. ער איז געוועזן א געשעפט'ס־מאן און האט אימפּאָרטירט פון אמסטערדאם נאך לאָנדאָן טהייערע שטיינער און בריליאנטען. ער האט געבראכט פון אמסטערדאם אייניגע רעקאמענ־דאציאנען צו דעם רייכען רובינשטיין, וואס איז געוועזן א האלבער האָלענדער פון זיין ווייב'ס צד. דיא שעהנע אסתר האט זיך באלד אין דיעזען יונגען מאן פערליעבט, און זיא האט איהם פערטרויט א סוד דיא דריטע [illegible] — זיא קען אָהן איהם ניט לעבען. דאס איז געוועזן מארקוס גרינוואלד.

דאס האט ניט לאנג געדויערט ביז גרינוואלד האט אסתר'ס ליעבע געענטפערט מיט ליעבע און זיי האבען בעשלאסען צו הייראטען באלד וויא עס וועט זיך ענדיגען דאס יאהר פון אסתר'ס טרויער, דען דאס יונגע פרייליין רובינשטיין איז מיט אכט מאנאט צוריק א יתומה געווארען נאך איהר מוטער.

מארקוס האט שוין געהאט גערעדט מיט אסתר'ס פאטער וועגען דיעזען שדוך, אבער פלוצלונג האט זיך בעוויעזען א יונגער מאן און האט זיך גענומען דיא פרייהייט צו ערקלערן ליעבע דיא שעהנע אסתר. מען קען זיך לייכט פארשטעלען וויא דאס האט געשמעקט דעם יונגען מארקוס גרינוואלד. איבערהויפט האט איהם געערגערט, ווארום אסטר'ס פאטער ערלויבט דיעזען פרעמדען צו פערקעהרן ביי איהם אין הויז מיט זיין טאכטער. דיעזער פרעמדער, וואס איז געשטאנען גרינוואלדען וויא א ביין אין האלז, איז קיין אנדערער געוועזען וויא אסקאר וולאדימיראוויטש. גרינוואלד האט איהם אייניגע מאל אויפגעזוכט אין זיין לאזשי, 16 קאנאט סקווער, און האט איהם געבעטען מיט גוטען, ער זאל צו רוה לאזען זיין כלה. דאס לעצטע מאל האט ער איהם געזאגט:

— ווען איהר וועט דורכאויס ניט וועלען צורוה לאזען פרייליין רובינשטיין, דאן מעגט איהר זיכער זיין אז איך וועל פון אייך ראכע נעהמען אין מיטען שטראסע.

גרינוואלד האט גאנץ גוט געוואוסט אז אסתר האט נור ליעב איהם אליין און זיא קען אסקאר'ן פאר דיא אויגען ניט ליידען. ער האט אבער דאך מורא געהאט; דען ער האט גוט געוואוסט, אז דא מוז וואס שטעקען א גרויסע געהיימניסע. ווארום זאנסט, וואלט איהם דאך העדר רובינשטיין אבגעזאגט באלד. וויא קומט עס אלזא' וואס אסתר'ס פאטער קוקט און שווייגט וויא א קריסט דרעהט זיך ארום זיין איינציגע טאכטער? אפשר האט רובינשטיין מורא פאר אסקאר'ן, אדער דא ליגט אן אנדער סעקרעט? איבערהויפט האט גרינוואלד ניט געקענט קלוג ווערן, ווארום העדר רובינשטיין ווערט אזוי בלאס יעדעס מאל ווען אסקאר קומט אריין.

וויא גרינוואלד האט געזעהן, אז ער קען דא קיין טאלק ניט דערגעהן, האט ער אליין גענומען דיא זאך אין זיינע הענד און האט געזוכט צו ווירקען מיט בייזען אויף דעם אונגעבעטענעם חתן, אסקאר וולאדימיראוויטש. מיט אייניגע נעכט שפעטער האט מען איהם געפונען ערמארדעט אין שפאציר־וואגען.

צוויי וואכען זיינען שוין פאריבער זייט אסקאר איז ניט געקומען זעהן דיא שעהנע אסתר. עס איז גראדע געוועזען איהר געבורטסטאג, און איהר פאטער האט געמאכט אן אבענד פאר אייניגע פריינדע און בעקאנטע. מארקוס גרינוואלד איז געזעסען נעבען דיא רעכטע זייט פון אסתר'ן און האט זיך ניט געקענט אבקוקען פון איהרע שעהנע אויגען, איהר עכט רונדע בייבישע געזיכט, איהר פראכטפאל אויסגעפילטער קארסעט'ל און איהר מונד וואס האט אויסגעזעהן וויא א נעסט פון לעבעדיגע קושען — אט אט פליהען זיי ארויס דורך דיא ראזע ליפעלאך.

צווישען דיא געסט איז אויך געוועזען רובינשטיינ'ס גוטער פריינד דער אדוואקאט מארטאן, און זיי האבען זיך אלע אונטערהאלטען זעהר שעהן. פלוצלונג איז אריינגעקומען א יונגער מאן ראלערמאן וואס האט געהאט א נאמען פאר א האלבען

פראַנט, א פערטיל פילאָזאָף און א גאַנצען ארומטרייבער. ער האט געוואוסט פון אלע נייסען, פון אלע סקאַנדאלען און ער האט געהאט א געוויסען טאַלענט וויא עס איבערצוגעבען. ראַלערמאַן איז געווען א שטיקעל איינגעהער ביי דיא רובינשטיינס פונקט וויא ער איז געווען א בעזוכער אין נאך אנדערע פופציג הייזער. אויף דיעזען פויגעל קען מען זאגען: ער האט וועניג בילדונג אין קאָפּ, אבער זיין מונד איז אימער פאל מיט מעשה׳לאך פון פויגעל־מילך און אנעקדאָטען. ווען איהר רעדט מיט ראַלער־מאַן, איז גאָר ניטאָ אויף דער וועלט א זאך וואס ער ווייס ניט. ער קען אלעס און ווייס אלעס:

ער קען רעדען, פון וויסענשאפט, פון רעליגיאָן,
ער קען אייך ערקלערן, וואס איז ציוויליזאציאָן;
ער שטודירט אסטראָנאָמיע און מאטהעמאטיק,
ער שיט מיט וויצען, האלט זיך פאר א חכם־עתיק.
ער קען ערקלערן דיא אטאָנאָמיע פון א נוס,
און וויפיעל עלעקטריציטעט עס ליגט אין א קוס.
ער האט נאכגעפאָרשט דיא שפראך פון דיא בינען,
ער האט נאכגעקלערט, אויב א פלוי קען אראָפּ פון זינען.
ער ווייס פון אלע פּאָעטען, זייערע פרייזען —
אָבער ער שרייבט דאך „נח" מיט זיעבען גרייזען.

וויא מען זעהט, איז ראַלערמאַן געווען א גאנצער איינגעבילדעטער אייזעל, במעט א „משכיל" חאָטש ער האט נעבאך ניט פערשטאנען איין וואָרט העברעאיש. ער האט אבער צימליך גוט געוואוסט וויא זיך צו בעגעהן אין א געזעלשאפט, און ער האט געהאט דיא קונסט צו דערצעהלען א מעשה מיט געשמאק. דאס איז אויך א טאַלענט וואס מען קען ניט אוועקמאכען אונטער׳ן האנד.

— וואס פאר א נייעס ברייננט איהר הייטע, הערר ראַלערמאַן? — האט רובינשטיין איהם געפרעגט מיט א שמייכעל.

— א גאנצען פאַק, — האט ראַלערמאַן געענטפערט.

אלע האבען אויסגעשטעלט מויל און אויערן צו הערן וואס ער וועט דאָ דער־צעהלען, און ער האט באלד אנגעפאנגען:

— ווייסט איהר אז מען האט שוין אויסגעפונען ווער דער ערמאָרדעטער איז געווען אין שפּאציר־וואָגען?

— ווירקליך? האבען אלע אויסגעשריען.

— נעווים, — האט ראַלערמאַן ווייטער געזאָגט — און וואָס איז נאך מעהר וואונדער: איהר אלע האט איהם גוט געקענט.

— וואס רעדט איהר?

— אט דאס וואס איהר הערט: איהר אלע קענט איהם; זיין נאמען איז — אָסקאַר וולאַדימירמאַן —

— איהר מיינט אָסקאַר וולאַדימיראָוויטש? — האט איהם אונטערגעזאָגט רובינשטיין.

— יאָ, יאָ איך מיין טאַקע איהם. — איהר ווייסט דאָך דעם רוסע וואָס איך פלעג אימער רופען שטרויענער קאָזאַק.

— וויא אזוי האט מען איינענטליך אויסגעפונען אז דאס איז ער? — האט אסתר געפרעגט.

— א דעטעקטיוו ניט אויסגעפינען! — האט ראָלערמאַן ערווידערט — איהר ווייסט דאָך אז פאר דיעזע חברה איז ניטאָ קיינע פערבאָרגענע זאַכען.

דיא געסט האבען זיך אונטערהאַלטען דעם גאנצען אבענד וועגען דיעזען מאָרד. רובינשטיין האט געזאגט, אז ער בעדויערט אַסקאַר'ס אונצייטיגען טוידט. דער אדוואָקאַט מאַרטאָן האט בעוואונדערט דיא לאָנדאָנער פּאָליציי, וויא אזוי זיא האט אויסגעפונען דעם נאמען פון ערמאָרדעטען אין אזא שווערן פאל. יעדער האט וואָס געזאגט, יעדער האט עפּעס געפרעגט און ראָלערמאַן האט זיי אלעמען אריבערגערעדט.

— וויא איך זעה, האט דער אַדוואָקאַט מאַרטאָן געזאגט — איז דא א גע־היימניספאָלער מאָרד, און איך גלויב ניט אז מען וועט אזוי גיך אויסגעפינען דעם ־יכטיגען מערדער. נאָר, אין פאל ווען יאָ, וואָלט איך געוואָלט איהם פערטהיידיגען.

באלד נאך דעם מאָהלצייט זיינען דיא געסט אריין אין פּארלאָר וואו א געוויסע פריילין, עמא שפּינוועב, האט עפּעס געשפּיעלט אויפ'ן פּיאַנאָ — אויב מען קען דאָס רופען „געשפּיעלט“. זיא האט געטהאָן וויא מאַנכע אנדערע פריילינס וואס ווילען וויזען זייער טעכנישע קונסט אויפ'ן פּיאַנאָ: זיא האט גענומען אן אונשולדיגע מע־לאָדיע און האט עס איינגעפּאסט אין א בארג וואַריאַציאָנען, ביז וואנען דיא טענער פון מעלאָדיע האבען זיך מעהר ניט ארויסגעזעהן. מען האט נאָר געהערט דיא אונ־ערבאַרימליכע קלעפּ אויף דיא אָרימע פּיאַנאָ וואָס איז שוין געוויס אָבגעקומען יענעם אבענד חבוט־הקבר אויף דער וועלט. דיא מעלאָדיע האט געהייסען „א זומער־פייגעלע אויפ'ן בית־עולם“, — אבער וואו? מען האט ניט געהערט קיין זומער־פייגעלע. מען האט ניט געזעהן בית־עולם'ס — מען האט נאָר געהערט א האַגעל טענער אָהן טעם, אהן ריח און ווייטער גאָרניט. זיא האט אזוי אָבגעמאַטערט דיא געסט א גוטע פערטיל שטונדע, האט זיך אראָבגעלאָזען אויפ'ן באַס, האט געגעבען דריי משונה'דיגע קלעפּ אויף א צעהנדליג נאָטען מיט אמאל און דיא פּיאנא איז ענטשוויגען געוואָרען!

ראָלערמאַן האט זיך צוגעבויגען אביסעל צו פריילין שפּינוועב און האט צו איהר געזאגט:

— פריילין, איהר האט ווירקליך אריינגעגאָסען אייער זעעלע אין דיעזער מע־לאָדיע, און אויך אלע אייערע מוסקעלן.

דיעזען קאָמפּלימענט האט ער צו איהר געזאגט, אבער אין זיך האט ער זיך געוואונדערט וויא אזוי דיא פּיאנאָ איז לעבען געבליעבען נאך אזא באַראַבאַן. פריילין שפּינוועב האט אבער באלד געענטפערט:

— גלויבט מיר הערר ראָלערמאַן, דאָס וואָס איך האב יעצט געשפּיעלט האב איך ניט צו פערדאַנקען אזוי מיין טאַלענט וויא מיין פּראַקטיקע; איך פּראַקטיצי־יערען טאג אויפ'ן פּיאנאָ ניט ווייניגער וויא 4 שטונדען, און דארום האַלט איך אזוי ווייט אין טעכניק.

— איך וואָלט אסור ניט געוואָלט ליגען אונטערן פיאנאָ — האט ראָלערמאַן געזאָגט צו זיך אליין — אָבער ער האט איהר באלד ערווידערט א נייעם קאָמפּלימענט:

— אייער פיאנאָ מעג זיך גליקליך שעצען, וואָס זיא איז אריינגעפאלען אין דיא הענד פון אזא קינסטלערין.

ביי דיעזע ווערטער האט ראָלערמאַן אויפגעהויבען דיא אויגען אויפ'ן באַלקען און האט געזיפצט. ער האט אימער געהאט אן אויג אויף עמא שפּינוועב, ניט חלילה ווייל זיא איז שעהן געוועזן, נאָר איינפאך, ווייל זיא איז געוועזן דיא איינציגע טאָכטער פון א רייכען פאַבריקאַנט.

אסתר און מארקוס גרינוואלד זיינעןביידע געזעסען אין א ווינקעל פון זאַל און האבען געשמועסט פון אָסקאר'ס טוידט.

— גלויב מיר, טהייערער מארקוס — האט זיא געזאָגט — איך האב איהם ניעמאלס געקענט ליידען, און דאך איז שרעקליך, ווען איך דענק פון זיין טראגישען ענדע. דאס איז אביסעל א שרעקליכער טוידט!

— און איך גלויב — האט מארקוס ערווידערט — אז כלאָראָפאָרם איז א לייכטער טוידט.

— עס איז גאָר ניטאָ קיין לייכטער טוידט, — האט אסתר בעמערקט — און בפרט נאָך אזא יונגער מאַן וויא אָסקאר איז געוועזן, פאל לעבען און געזונדהייט.

— מאַרקוס האט געגעבען א זיפץ און איז אביסעל בלאַס געוואָרען; אסתר האט איהם געפרעגט וואס איהם איז.

— גאר ניט — וואר זיין ענטפער — דיא מוזיק האט מיר שוואך געמאַכט, און איבערהויפּט רייסט מיר דיא אויערן דיא קוויטשעריי פון דיא זינגערקע וואס פערטויבט אונז יעצט מיט איהר ליעד'ל Meet me once ogain.

אסתר האט געשוויגען; זיא האט זיך צוגעבויגען צום פענסטער און האט ארויסגעקוקט אויפ'ן טעראַס (גאניק). דיא לבנה איז געוועזן אין איהר פאָלען גלאַנץ און זיא האט אויסגעזעהן וויא א גאָלדענער נר־תמיד פערהילעט מיט א דינעם בלויען פרוכת. פיעלע זיינען פאָראיבערגעגאנגען פאָרביי פענסטער און מאנכע האבען זיך אבגעשטעלט הערן דיא מוזיק פון אינווענינ. זיי זיינען אבער לאנג ניט געבליעבען שטעהן און האבען זייער וועג ווייטער פארטגעזעצט. נאָר איין מאַן האט אויסגעזעהן שטאַרק צו ליבען מוזיק, דען ער איז געבליעבען שטעהן און האט געקוקט אין פענסטער. מארקוס און אסתר האבען גערעדט פון פערשיעדענע זאכען — נאָר יעדעס מאל ווען אסתר האט ארויסגעקוקט דורכ'ן פענסטער, האט זיא אלץ בעמערקט, דעם זעלבען מאַן וואס ווארפט אויגען אויף זייער הויז.

— ליעבער מארקוס, וואס וויל אייגענטליך דיעזער מאַן? — האט זיא איהר חתן געפרעגט מיט אונגעדולד.

— וועלכער מאַן? האט זיך מארקוס א חאפּ געטהאן — יענער, וואס שטעהט דאָרט אָנגעשפּארט? ער איז געווים פערליעבט אין דיא מוזיק.

— אסתר האָט געשוויגען; נאר איהר חערץ האט איהר געזאָגט, אז אין דיעזען מאַן פון דרויסען־זייט איז דאָ עפּעס מעהר וויא מוזיק. אסתר האָט זיך אויפ-

געהויבען צו געהן צום פּיאנאָ, אבער מארקוס האט איהר אָבגעהאלטען מיט דיעזע ווערטער:

— עס איז דאָך אזוי שעהן צו זיצען היער אין פענסטער. זעה בלייב נאָך.

זיא האט זיך ווידער אוועקגעזעצט נעבען איהם אין פענסטער און מארקוסעס לינקע פוס איז געווען וויא צוגעשמידט צו אסתר'ס רעכטע קניע.

— אָך וויא דוא ביסט היים! — האט אסתר בעמערקט צו איהם לאַכענדיג— דוא ברענסט וויא א שטיק פייער.

זיא האט לאנגזאם צוגערוקט איהר באַק צו זיין באַק וואָס איז אויך געווען זעהר הייס, און אין דיא זעלבע צייט האט ער זיך געשפּיעלט מיט דיא קנעפּלאך פון אסתר'ס נעבלייזטע קלייד. זיא האט זיך געפיהלט זינקען אונטער א זיסען צויבער איינינע מינוטען. זיא האט זיך אויפגעמונטערט פון א הייסען קוש וואס מארקוס האט איהר געגעבען אויף איהר זילבער-ווייסע האלז.

— אַי, זעה זיסינקער, — האט זיא געזאגט — איך מוז געהן אויפוואַרטען מיינע געסט; דוא זאלסט אויך באלד נאָכקומען.

ביי דיעזע ווערטער האט זיא זיך ארויסגעריסען און האט איהם געלאָזען אליין זיצען.

מארקוס גרינוואלד האט פערדרויכט א ציגאר און האט געזאגט צו זיך אליין:

— יא, איך האב מורא אז דיעזער מאַן בעוואכט ווירקליך דאס הויז. איז דען מעגליך אז ער זוכט מיר? זאל מיר אימיצער האבען געזעהן יענע נאכט? זעהר שלעכט! הלואי וואלט איך אָסקאַר'ן ניעמאלס געזעהן. איך האב שטארק מורא אז עס איז מיר חלילה באשערט אן אונגליק.

ער האט ווידער ארויסגעקוקט דורכ'ן פענסטער און האט אלץ געזעהן דעם זעלבען מאַן. א ציטערנעס האט דורכגעטרייסעלט זיינע אלע גלידער. ער וואָלט זיך געוויס נאָך מעהר געשראָקען, ווען ער וואָלט געוואוסט, אז דיעזער פרעמדער איז קיין אנדערער וויא גאריק, איינער פון לאָנדאָנ'ס בעסטע דעטעקטיוועס.

סעם גאריק האט בעוואכט דאס הויז פון רובינשטיין דעם גאנצען אבענד. אזוי וויא האָרן האט ניט געוואוסט גרינוואלד'ס וואוינונג, האט דארום גאריק בעשלאָסען איהם צו וואכען ביי זיין כלה און איהם נאָכגעהן ביז ער וועט אויסגעפינען וואו ער וואוינט.

— אין פאל ווען דער בחור איז דער ליעבהאבער פון יענע שעהנע מיידעל, — האט גאריק גערעדט מיט זיך אליין — וועל איך וואַרטען ביז ער וועט ארויסגעהן. איך וועל איהם נאָכגעהן ביז זיין וואוינונג. איך האב איהם דאכטזיך געזעהן היער אריינגעהן; ער האט געטראָגען א שווארצען פראַק מיט א העלען איבערציהער. סך-הכל איז מארקוס א גוטער משוגענער, וואס ער שלעפּט זיך ארום אין סטריט אין דעם זעלבען קאָסטיום וויא דאָן, ווען ער האט אָסקאַר'ן צוגעמאכט דיא אויגען אין וואגען. לאָמיך נאר ווארטען ביז מיין פוקס קומט ארויס.

גאריק'ס געדולד האט שיער ניט געפּלאצט ווארטענדיג. ער האט אויסגערויכט מעהר וויא איין ציגאַר ביז ער האט דערלעבט צו זעהן וויא דיא געסט פאנגען אן

ארויסצוגעהן. צוערשט האבען זיך ארויסגעשאָטען איינינע מיידלאך און האבען געלאכט אין כאָר. זיי האבען קריטיזירט דיא קליידער פון מאנכע פרויען, און זיי האבען אפּגעלאכט פון א מאן וואס זיי האבען גערופען א פלאָקען אין פאנטאָפעל. איינע האט קריטיזירט גרינוואלד'ן, אז זיינע הויזען זיינען צו שמאל אויף איהם. אן אנדערע האט זיך לוסטיג געמאכט איבער אסתר'ן, אז זיא זעהט אויס וויא א באָבע, דען זיא איז צובריט פאר א מיידעל, און זיא איז געווען א ביסעל צופיעל געבלייזט.

נאך דיעזע גרופע מיידלאך וואס האבען געקענט א סך רעדען און נאך מעהר בארעדען, זיינען ארויסגעקומען א יונגע פאר ארעם-געפאסט: ער, א הויכער, שלאנקער יונגער מאן מיט שפּיציגע ברוינעטע וואָנצעס און מיט א גאָלדענע פאנס-נע. זיא, א ברוינעטקע מיט שווארצע אייגעלאך. זיא האט געפּרעסט מיט לייִדענשאפט איהר קאוואליער'ס רעכטען ארעם צו איהר ברוסט. נאכדעם האט דער דעטעקטיוו געזעהן וויא נאך אנדערע יונגע דאמען מיט קאוואליערען קומען ארויס און א רעגען קושען האט זיך געהערט אין קארידאָר איידער זיי זיינען ארויס אויפ'ן בריקעל.

ענדליך, גרינוואלד מיט אסתר'ן און איהר פאטער האבען זיך אויך בעוויעזען אין טהיר.

— גוט נאכט, הערר גרינוואלד, — האט רובינשטיין געזאגט צו זיין טאָכטער'ס חתן — קומט ווידער וואס גיכער.

— גוט נאכט טהייערער מארקוס, — האט ווידער אסתר געזאָגט בעגלייט מיט א פּאָר מוזיקאלישע קושען — פערגעס נאר ניט צו קומען מאָרגען אבענד.

דער פאָטער און דיא טאָכטער האבען צוגעמאכט דיא טהיר, און מארקוס האט אנגעפאנגען געהן א היים.

— אה — האט גאריק געזאגט צו זיך אליין — ווען דער פאפא און דיא טאָכטער וואלטען יעצט וויסען דאס וואס איך ווייס, וואלטען זיי אסור ניט אזוי שטארק געבייגקט נאך דיעזען תכשיט.

מארקוס איז געגאנגען שנעל צו פוס ביז ער איז אנגעקומען צום לאָנדאָן-בריק. ער האט אראָבגענומען זיין הוט און האט א ווילע בעטראכט דעם גרויסען שטראָם וואס איז געווען אונטערגעשלאגען מיט נאך א הימעל, ריין וויא אלבאסטער.

גאריק וואס איז איהם נאכגעגאנגען ביז בריק, האט אויף איהם א שארפען בליק געגעבען און האט געזאגט צו זיך אליין מיט בעדויערן:

— וואס פאר א שעהנער יונג דאס איז! ער זעהט גאר ניט אויס וויא א מערדער, — נאר זיין שעהן פּנים'ל קען איהם דא ניט העלפען; דיא בעווייזע זיינען צופיעל געגען איהם.

דיא נאכט איז געווען זעהר א שטילע; קוים וואס א ווינטעלע האט געאטהימט, און דער גרויסער האפען האט געמורמעלט א מין פערבאָרגענע שפּראך וואס נור דער פּאָעט אליין קען פערשטעהן. ארום וואסער איז געווען א וואהרע אילומינאציאָן, דען טויזענדע עלעקטרישע ליכט וויא אויך גאז-בעלייכטונג האבען פערפלייצט דעם האפען מיט גאָלדענע שטראהלען וואס האָבען אויסגעזעהן אין וואסער וויא א רעגען

בריליאנטען אויפ׳ן בלויען אָבגרונד פון תהום. איבער דיעזע פאנטאסטישע פאנאראמא פון לאנד און וואסער, האט געשמייכעלט א הימעל עבט בלוי, וואס איז געווען בעדעקט אין מאנכע ערטער מיט שטיקער העלע וואָלקעס האלב אטלעס, האלב וואטעצווישען דיעזע שטילע שטיקער וואלקענס וואָס האבען זיך געשיפט אויף אלהים׳ס געוועלב, האט דיא לבנה אראָבגעקוקט אויף לאָנדאָן און געגאָסען אין שטראָם איהרע קאלטע שטראהלען וואס האבען געשיינט צו זיין וויא מיט א זילבערנעם אונטערשלאג. גרינוואלד האט אזוי בעטראכט פון׳ם בריק נאטור׳ס טואלעט ביי נאכט, ווען ער האט פלוצלונג בעמערקט נאריק׳ס געזיכט.

— ווער זיינט איהר אייגענטליך, און ווארום געהט איהר מיר נאך ? — האט איהם מארקוס געפרעגט מיט אונגעדולד.

— ענטשולדיגט מיר — האט איהם גאריק געענטפערט מיט א געמאכטען שטאלץ — איך געה אייך ניט נאך ; איך בין אהער געקומען שעפען פרישע לופט, און איך גלויב, אז דער לאָנדאָן־בריק געהערט צו מיר פונקט וויא צו אייך — דאס איז א קהל׳שע זאך.

גרינוואלד האט ניט געענטפערט ; ער האט זיך צוריק אומגעקעהרט פון לאָנדאָן־בריק און נאריק איז איהם אלץ נאכגעגאנגען. וויא ער איז געקומען ניט ווייט פון וויקטאָריא־באנק, האט ער געחאפט דעם לעצטען צוג נאך איסט־לאָנדאן און נאריק איז איהם אלץ נאָך. יעצט איז שוין גרינוואלד געווען איבערציינט, אז דער פרעמדער געהט איהם נאך. ביי דער סטאציאָן פון לאָנדאָן־פארק איז גרינוואלד ארויסגעשפרונגען און נאריק אויך. ער האט זיך געדרעהט דורך דיא זייטיגע געסלאך ביז ער איז ענדליך אריינגעפאלען אין פוילעט סטריט. דער דעטעקטיוו איז איהם אימער נאכגעגאנגען.

— וואס בעדייט אייגענטליך דיעזע געשיכטע ? — האט מארקוס געפרעגט זיך אליין — ווארום געהט מיר דיעזער מאָן נאך ? דאכט זיך קיין מענש האט מיר ניט געזעהן יענע נאכט ווען איך בין געווען צוזאמען מיט אסקאר׳ן אין איין סטריט. דיא פאליציי וועט אויך ניעמאלס עס קענען בעווייזען. ווארום שרעק איך זיך אלזא ? איך ביןווירקליך וויא א קינד וואס האט מורא פאר זיין אייגענעם שאטען.

אין פוילעט סטריט איז גרינוואלד אריין אין א הויז וואס ער האט געעפענט דיא טהיר מיט א שליסעל און איז פערשוואונדען געווארען. נאריק איז א ווילע געבליעבען שטעהן, האט גוט בעטראכט דאס הויז פון אלע זייטען און האט פערציי־בענט דעם נומער און האט בעשלאסען דא צו קומען מארגען פריה.

— וואס איך האב יעצט צו טהאָן, — האט דער דעטעקטיוו געזאגט צו זיך אליין צוריק־געהענדיג אין שטאדט — איך דארף מארגען זעהן גרינוואלד׳ס ווירטהין אין דיעזע הויז ווען ער וועט דערביי ניט זיין און פון איהר וועל איך אויסגעפינען, ווען גרינוואלד איז געקומען א היים יענע נאכט, ווען דער מארד איז געשעהן. אויב דאס שטימט מיט דיא צייט ווען ער האט פערלאסען ראנדאָלף׳ס וואגען, דאן וועל איך א מינוט ניט פערליערען : איך וועל באלד ארויסנעהמען דיא נעטהיגע פאפירען צו ארעטירען גרינוואלד׳ן ; איך וועל שוין נאכדעם אלעס אויסגעפינען, אין דער

ציים ווען דיעזער חברה־מאן וועט גענעצען אויף א קהל׳שען שטרוי=זאק אין א ד־
בערן אָרט.

6טעס קאפיטעל.

אויף צעהן מינוטען שטעהט אַ וועלט.

וואס פאר א טרויעריגע און שרעקליכע נאכט גרינוואלד האט צוגעבראכט ביי זיך! ער האט זיך געקייקעלט אין זיין בעט, ער האט ארויסגעקוקט דורך׳ן פענסטער אין דער פינסטער און האט נור געדאכט פון אסקאר׳ן. אזוי איז ער געלעגען א גאנצע נאכט; ער האט ערשט זיינע אויגען צוגעשלאָסען ווען עס האט אנגעפאנגען צו טאָגען און זיין שלאף האט איהם אריינגעוואָרפען אין א תהום שרעקליכע חלומות. עס האט זיך איהם אפגעדוכט, אז ער פאהרט אין א שפאציר=וואגען און פלוצלונג זעהט ער וויא אָסקאר זיצט נעבען איהם און לאכט מיט אזא מין געלעבטער, אז עס האט איהם פשוט געשניטען דיא זעעלע; אין מיטען=דרינען האט דער וואגען אנגעפאנגען פאלען אין א טיעפען גראָבען; דער וואגען איז אזוי געפאלען, געפאלען, געפאלען — ביז ער האט זיך אויפגעחאפט מיט א געשריי וויא ניט מיט זיין קול. עס איז שוין געווען א שטיק אויפ׳ן טאג. מארקוס האט מיט א ציטערנדע האנד אפגעווישט זיינע גרויסע טראָפענס שוויס פון זיינע ברעמען. ער איז ארויס פון בעט, האט גענומען א קאלטע באד אום זיך אביסעל צו ערהוילען און ער האט זיך טאקע אויך אייניגע מאסען אביסעל געשטערקט. אבער ער האט זיך דאך ניט געקענט איינהאלטען זיין איבערראשונג ווען ער האט זיך אנגעקוקט אין שפיגעל! וויא גיך און וויא שרעקליך ער האט זיך פערענדערט! ער האט געגעבען א שאָקיל מיט׳ן קאפ און געשמייכעלט צו זיך אליין:

— וויא איך זעה, האב איך דא א שעהנעם פעקעל אויף זיך! הלואי וואָלט איך בעסער אין דער ערד אריין איידער איך האב גאר פון אנפאנג אָן געמאכט דיא בעקאנטשאפט מיט דיעזען אָסקאר!

גרינוואלד האט זיך אנגעצויגען עלעגאנט וויא אימער און ער האט זיך פיעל מיה געגעבען, אז זיין ווירטהין זאל אויף איהם ניט דערקענען, אז ער האט עפעס א שברת=הלב. יא, אבער ניט אימער קען דער מענש בעהאלטען זיינע שמערצען אדער זיינע שרעקען — דיא ווירטהין האט באלד בעמערקט אויף זיין געזיכט, אז ער איז גאָרניט „מיט אלעמען“.

דיא ווירטהין פון מארקוס גרינוואלד איז געווען א קליין־געוויקסיגע דייטשע פרוי מיט א צוקאָרטצ׳שעטע געזיכט, וויא געשטופעלטע פארמעט, געל וויא א וואקס, דין וויא א הערינג — א מין פערטריקענטע שטיקעל נפש רחמנא=לצלן, פונקט וויא זיא וואלט געווען א מין „אימיטיישען“ פון א פרוי וואס מען דארף האלטען אין א פלאש עסיג. א מענה=לשון האט דאס געהאט שוועביל און פעך, און עס איז ווירקליך א וואונדער, וואו עס האט זיך גענומען דיא כחות ביי איהר צו רעדען אזוי פיעל. זיא האט גערעדט אויפ׳ן קוויטש שנעל וויא א מיהל און האט אלע ווייל געפרעגט:

„אבער זיא פערשטעהען מיר, ניבט וואהר?“

זיא האט אימער געטראגען דיא זעלבע אבגעבלאקירטע רויטע קלייד וואס איז אויף איהר געלעגען וויא א האנד־טוך אויף א שטעקען און יעדער וואס האט איהר דערזעהן האט איהר געהאלטען פאר א מין הילצערנע אנדרוגינים מיט א פלוידער־מאשינקע אין מויל. זיא האט זיך אריינגעקייקעלט ביי גרינוואלד'ן אין צימער מיט א טאס קאפע און מיט דיא צייטונג "Times" וויא געוועהנליך יעדען מארגען. וויא זיא האט בעמערקט זיין שרעקליכעס אויסזעהן, האט זיא איהם געפרעגט:

— וואס איז מיט איהנען? — קראנק?

— ניין, מאדאם זינגער, — האט ער געענטפערט אויסשפרייטענדיג דיא צייטונג — איך בין ניט קראנק, נור איך האב א גאנצע נאכט ניט געקענט שלאפען.

— דאס קומט, הערר גרינוואלד, ווייל איהר האט ניט גענוג בלוט אין קאפ און ווען מען האט קיין בלוט, האט מען קיין שלאף.

וויא מען זעהט, האט מאדאם זינגער געהאט איהר אייגענע מיינונג וועגען געזונדהייט. אבער גרינוואלד האט געשמייכעלט און האט געטראכט:

— אין פאל ווען שלאף ווענדט זיך אן בלוט, דאן האט זיא נאך געוויס אין איהר לעבען קיין אויג ניט צוגעמאכט.

מאדאם זינגער האט זיך ניט געקימערט וואס ער גיבט איהר קיין ענטפער און האט ווייטער געקוויטשעט:

— וואס דארפט איהר מעהר, הערר גרינוואלד? אט מיין פאטער'ס ברודער, וואס איז נאטירליך מיין אנקעל און וואס הייסט יאהאן נאך דעם זעלבען גרויספא־טער נאך וועלכען איך הייס יאהאנא, האט געהאט אזוי פיעל בלוט אין קאפ און אין דיא פיס, אז ער האט געקענט אפשלאפען א יאהר ווען מען וואלט איהם ניט אלע מארגען געשטעלט צוואנציג באנקעס איהם אויפצו־וועקען און זיין בלוט האט זיך געגאסען עמערס־ווייז. דער דאקטאר איז מעהר וויא איין מאל געבליעבען אין חלשות קוקענדיג.

מארקוס האט זיך צולאכט אונטערן צייטונג פון מאדאם זינגער'ס פרישען אפגעבאקענעם ליגען; אבער זיא האט פארטגעזעצט איהר געשיכטע ווייטער:

— א שפאס האט מיין פאטער'ס ברודער געהאט בלוט! ער איז טאקע מיינער א פעטער געווען, אבער דאך האב איך ניט אזוי פיעל בלוט וויא ער, וויא איהר קוקט מיך אן.

דער יונגער מאן האט ווידער געשמייכעלט און האט איהר געגעבען אנצוהערן, אז ער וויל עסען זיין פריהשטיק אהן מעשות. זיא האט אנגעפאנגען ארויסצוגעהן און האט צו איהם געזאגט שטעהענדיג אין טהיר:

— ווען איהר ווילט נאך עפעס, הערר גרינוואלד, זאלט איהר אנקלינגען — אפשר ווילט איהר נאך קאפע, נאך א זעמעל; א זעמיל גיבט בלוט און קאפע שטארקט דיא נערווען.

מאדאם זינגער איז אזוי ארויסגעגאנגען רעדענדיג ביז'ן קיך און אויך דארט האט זיא נאך גערעדט א רעכטע ווייל צו זיך אליין. מארקוס איז ענדליך געבליבען אליין; ער האט אוועקגעשטופט פון זיך דיא קאפע און האט געעפענט אין גאנצען

דיא ציימונג צו זעהן וואס זיא דערצעהלט עפּעס היינט וועגען אָסקאַר'ס מארד. אבער קוים האט ער געלעזען דיא ערשטע ציילען, איז ער באלד בלאַס געווארען און ער האט געקענט גאַנץ גוט הערן וויא זיין הערץ קלאַפּט „טיק־טיק".

— אזוי נאַר? — האט ער גערעדט צו זיך אליין — דיא פּאָליציי האט א שפּור פון מערדער! איך בין נייגעריג צו וויסען וואס דאס קען בעדייטען. אפשר האט דאס א שייכות מיט דעם מאַן וואס איז מיר לעצטע נאכט נאכגעגאנגען ביז מיין טהיר? א קשיא אויף א מעשה! נור וואס רייד איך נאררישקייט? איך בין א קרבן פון מיין קראנקע איינבילדונג און דיא פּאָליציי קען מיר ניט אריינמישען אין דיעזען פערברעכען.

מארקוס האט זיך א ווײַלע פערטראכט און האט אויסגעשריען מיט א זיפץ צו דיא פיער ווענט:

— אך, מיין ליעבע טהייערע אסתר! וויא שטארק וואָלסט דוא מיר בע־דויערט, ווען דוא זאָלסט וויסען וואס איך לייד יעצט! אבער דוא וועסט ניעמאלס וויסען דיא וואהרהייט, דוא קענסט עס ניט וויסען און דוא טאָרסט עס ניט וויסען.

ער האט צוגעלעגט זיינע האנד צום געזיכט און האט זיך שטארק פערטיפט אין זיינע געדאנקען איינינע מינוטען. ער האט נאכדעם אויפגעהויבען זיין קאָפּ און האט אנגעקלונגען דיא גלעקיל. זיין ווירטהין איז באלד אריינגעקומען (נאטירליך, ריידענדיג) און זיא האט איהם גענומען דערצעהלען וויא אזוי דאס מילך איז שיער ניט אויסגעלאָפען און זיא האט עס דערהאַפּט מיט נסים.

— איך האב הייטע צו טהאן אין וועסט־ענד לאָנדאָן — האט מארקוס צו איהר געזאגט — און איך וועל אפשר ניט זיין ביז דריי אוהר אין דער־היים.

— איך האָף, הערר גרינוואלד, אז דאס וועט אייך זיין צוגעזונד; מיין מו־טער'ס ברודער וואס איז א קאָנדוקטאר זאגט, אז אומפאהרען איז געזונד פאר דיא וואס האבען קיין בלוט.

— איך האב אייך נאך עפּעס געוואלט זאגען, מאדאם, איהר זאלט האבען הייטע נאכמיטאג פערטיגע טהעע מיט קוכען ווייל איך רעכען צו ברענגען הייטע ארום דריי אוהר ביי מיר הערען רובינשטיין און זיין טאכטער.

— אך, מיט דעם גרעסטען פערגניגען, הערר גרינוואלד. איך וועל מאכען פון דיא פרישע טהעע וואס איך האב געסטערן געקויפט ביי ווילקינסאָן און איך וועל באלד געהן באקען קוכענס, מיין אייגען־געבאַקטע וואס זייגען דיא בעסטע. מיין מו־טער האט עס מיר געלערנט מאכען און זיא האט דאס אמאל געלערנט פון א שכנה וואס איז באלד געשטאָרבען פון דיא פאליגע וואס זיא האט זיך אָנגענומען פון איהר פעטער דעם קוימען־קעהרער — אונז ביידען צו לאַנגער יאהר.

אזוי וויא גרינוואלד האט וועניג נחת געקליבען הערענדיג וויא זיא שלעפּט צוזאמען דיא פאליגע מיט קוכען, האט ער זיך ארויסגעמאכט פון איהר, ער זאָל פערשפּאָרען צו הערען איהרע מעשות און האט איהר געזאגט „אדיע". וויא ער איז ארויסגעגאנגען, האט איהם מאדאם זינגער נאכגעקוקט דורך'ן פענסטער און האט

בעוואונדערט איהר שעהנעם און שטארקען לאָזירער וואס יעדע דאמע וואלט גע־מענט שטאָלצירען איהם צו האבען פאר א מאַן. פּלוצלונג האט זיא געזעהן וויא א הויכער מאַן קומט צום טהיר און קלינגט.

דיעזער קלינגער איז קיין אנדערער געוועזן וויא גאריק אליין וואס האט אפּגע־פּאסט דרויסען ביז גרינוואלד איז ארויסגעגאנגען. מאדאם זינגער איז אראָפּגעלאָפען פון דיא טרעפּ, רעדענדיג וויא אימער און האט בעגריסט דעם בעזוכער מיט דיעזען קאָמפּלימענט:

— איהר האט שיער ניט צובראָכען דאס גלעקיל מיט אייער קלינגען. מיט אזא קלינגען קענט איהר דאָך דיא טהיר אויך צוברעכען!

— עס טהוט מיר לייד, מאדאם, — האט דער דעטעקטיוו געענטפערט — נאך אמאָל ווען איך וועל דיא עהרע האבען צו קומען אהער וועל איך אַנקלאַפּען, אנשטאט צו קלינגען.

— אה ניין, ניין! — האט מאדאם זינגער איהם אונטערבראָכען — קלאַפּען זאָלט איהר ניט, דאס קראַצט אָפּ דיא פארב פון טהיר וואס מיין שוועגערינס פלימעניק האט ניט לאַנג געמאכט פאר צוועלף שילינג וואס איך....

— וואוינט דא ניט הערר גרינוואלד? — האט דער דעטעקטיוו געפרעגט קורץ און שארף.

— געוויס וואוינט ער דאָ. ער וועט דא וואוינען ביז דער חתונה. ער איז יעצט ניטאָ, ער איז געגאנגען האַפּען אביסעל פרישע לופט, ער האט ווייניג בלוט אין קאָפּ.

— קען איך אפשר ריידען מיט אייך, מאדאם, א פּאָר מינוטען?

— וואס איז דען? וואס דארפט איהר?

— ווען מיר וועלען אריינגעהן אין הויז, וועל איך אייך זאגען — האט גאריק געענטפערט.

זיא האט איהם אנגעקוקט מיט איהרע קעצעשע אייגעלאך און זיא האט ענד־ליך בעשלאָסען איהם ארויפצופיהרען; זיא האט איהם אריינגעבראכט אין גרינ־וואלד׳ס צימער און האט צו איהם געזאגט:

— איך האָף, אז איהר קומט ניט צו הערר׳ן גרינוואלד׳ן מאָהנען געלד, ער האט געלד אין באַנק, ער האט....

— דאס האט מיט געלד גאָר ניט צו טהאָן — האט איהר דער דעטעקטיוו אונטערבראָכען — איך וויל נור ביי אייך אויספרעגען עפּעס, וועגען הערר גרינוואלד׳ס ארט לעבען און וויא ער פיהרט זיך אויף.

— וואס קימערט אייך וויא הערר גרינוואלד לעבט און פיהרט זיך אויף? א כלה האט ער שוין, דעם רייכען רובינשטיין׳ס טאכטער און איהר קענט דאָך מיר ניט איינרעדען אז איהר זייט דער הערר רובינשטיין, הא?

— איך בין אן אגענט פון א גרויסע לעבען׳ס־פערזיכערונג׳ס קאָמפּאַני — האט גאריק איהר ערוויעדערט — און אזוי וויא הערר גרינוואלד וויל זיין לעבען פער־זיכערן אין אונזער קאָמפּאַני, דארום בין איך אהער געקומען ביי אייך נאכפרעגען

אויף הערר גרינוואלד היט גוט אָפּ זיין לעבען? טרינקט ער ניט קיין שטארקע גע־טרענקע? געהט ער פריה צו בעט? און נאך אזעלכע פראגען.

— אויב אזוי, זייט איהר גערעכט — האט מאדאם זיננער זיך ארויסגעחאפּט מיט א שמייכעל — און איך וועל אייך אלעס זאגען: הערר גרינוואלד טרינקט ניט, דאס הייסט איך האב איהם קיין מאל ניט געזעהן שיכור און אום צוועלף אוהר אין דער נאכט איז ער שוין אלע מאל אין דער־היים.

— אלע מאל? האט איהר דער דעטעקטיוו איבערגעפרעגט דיא לעצטע פּאָר ווערטער.

— געוויס אלע מאל, — האט זיא ערוויעדערט איהם קוקענדיג אין דיא אויגען — און ווען איך זאג אייך „אלע מאל", מיין איך ניט אלע נאכט; הערר גרינוואלד איז א יונגער־מאן וואס איז נאך פּאָרלויפיג אליין און זעהר שעהן דערצו. ער האט אויך א נאכט־שליסעל אין זיין טאשע און ער מאכט אָפט־מאָל א געברויך דערפון ווען ער קומט שפּעט אהיים.

— איהר שלאפט געוויס, מאדאם, ווען ער קומט שפּעט אהיים און איהר קענט מן־הסתם ניט וויסען אום וויפיעל אוהר אין דער נאכט ער קומט?

— איך האב ניט קיין שווערן שלאָף ווי א איהר מיינט, הערר אגענט, און פּאָרלעצטען דאָנערשטאג האב איך איהם אויך געהערט קומען א רעכטע ווילע נאך האלבע נאכט.

גאריק האט געגעבען א ציה זיין אָטהעם מיט צופריעדענהייט, ווייל פּאָרלעצטען דאָנערסטאג נאכט איז געשעהן דער מארד אין שפּאציר־וואגען.

— וויא שפּעט, גלויבט איהר אלזא, איז געווען, ווען הערר גרינוואלד איז געקומען אהיים יענע נאכט?

— פינף מינוטען פאר צוויי.

גאריק האט זיך א ווילע פערטראכט.

— לאמיר זעהן, האט ער געזאגט צו זיך אליין: דעם וואגען האט מען גענומען אום איינס אוהר און דיזער וואגען איז אפּגעפאהרען פון פלאץ א צירקא מיט צעהן מינוטען שפּעטער, — אונגעפעהר פינף און צוואנציג מינוטען נאך איינס איז דער וואגען אנגעקומען נעבען „גראמער־סקולי", — גרינוואלד האט גערעדט פינף מינוטען מיט'ן פוהרמאן, מאכט דאס אויס פונקט האלב איינס. — יעצט לאָמיר זאָגען, אז ער האט געווארט נאך צעהן מינוטען פאר'ן אנדערן וואגען נאך דיא ערמאָר־דונג, מאכט עס אויס צוואנציג מינוטען פאר צוויי — נאך צוואנציג מינוטען האט איהם גענומען ביז ער איז געקומען נאך איסט־לאָנדאָן און נאך פינף מינוטען גאנג ביז זיין וואוינונג — דאס מאכט אלזא אויס פינף מינוטען נ א ך צוויי אנשטאט פ א ר צוויי. צום טייפעל! איך קען דא ניט ארויסקריכען.

— געהט אייער וואנד־אוהר ריכטיג? — האט גאריק געפרעגט מאדאם זיננער.

— זיא קריכט אָפט־מאל אביסל אויף אלע פיער — האט מאדאם זיננער גע־ענטפערט לאכענדיג — ווארום וויא איהר קוקט אָן דיעזע וואנד־אוהר, האט מען

איהר שוין ניט נעריינינט זייט שעהנע עטליכע חדשים. ווייל מיין פלימיעניק וואס איז אליין אוהר־מאכער אין הוואיט־טשעפּיל האט קיין צייט ניט צו קומען ריינינגען, ער ליגט נאכט טעג ביי זיין כלה און האט קיין צייט ניט איהר צו ריינינגען — איך מיין דיא אור, ניט דיא כלה.

— נאטירליך איז אייער אוהר נעקראכען אביסעל יענע נאכט, — האט נאריק אפגעהאקט איהר געשוועץ — און העדר גרינוואלד איז נעווים געקומען אהיים פינף מינוטען נאך צוויי. — אט אזוי שטימט.

— שטימט, וואס? — האט דיאווירטהין איהם געפרעגט — וויא אזוי ווייסט איהר, אז מיין אוהר האט זיך דאן פערשפּעטינט אין צעהן מינוטען?

— וואס דען? זיא איז נעגאנגען ריכטיג? — האט נאריק געפרעגט מיט אונגעדולד.

— איך קען אייך ניט פערפיהרען — נור איך זעה ניט איין וואס דיעזע צעהן מינוטען האבען צו טהאן מיט העדר גרינוואלד'ס לעבען־פערזיכערונג; געוועהנליך קומט ער אהיים ניט שפּעטער וויא האלבע נאכט.

— אה, עס איז שוין אלל־ראיט, מאדאם; זאגט מיר יעצט געפעלינסט, אויב דאס איז העדר גרינוואלד'ס צימער?

— יא, דאס איז זיין צימער; נור דיא מעבעל האט ער דא אליין אריינגעשטעלט, ווייל ער איז א גאנצער אריסטאקראט און האט א סך געלד אין באנק. איהר ווייסט דאך, אז אלע אידען זיינען רייך און העדר גרינוואלד איז א יודע; אבּער וואהל ער איז אן ארענטליכער מאן, וועלכער איז....

דא איז מאדאם זינגער געבליעבען שטעהן אין מיטען, ווייל מען האט א קלונג געטהאן אין טהיר און זיא איז געלאפען עפענען. וויא נאריק האט געזעהן, אז ער איז אליין געבליעבען, האט ער געמאכט א שנעלען שפּאציער ארום צימער און האט בעטראכט מיט זיינע דעטעקטיוו'שע אויגען יעדע ברעקעלע אין צימער. דאס מעבעל איז געוועזען גרויסארטיג און דיא בילדער אויף'ן וואנד האבען געהאט א סך געשמאק. פון ענדע צימער נעבען פענסטער איז געשטאנען א שרייב־טישל אנגעווארפען מיט פערשיעדענע צייטונגען.

נאריק האט געקוקט אהין־און־אהער, און האט געזאגט צו זיך אליין:

— וויא צופריעדען וואלט איך זיין, ווען איך זאל יעצט געפינען אסקאר'ס צווייטע האנדשוה וואס איז ניטא, וויא אויך דיא פלעשעלע אין וועלכע ער האט געהאלטען דיא כלאראפארם.

נאריק האט געזעהן, אז ער טאר יעצט קיין צייט פערליערען איידער דיא ווירטהין קומט ארויף. ער האט זיך געגעבען א חאפּ שנעל וויא א קאץ אין שלאף־צימער. דיא ערשטע זאך וואס ער האט בעמערקט, איז געוועזען א גרויסע פאטאגראפישע בילד פון פריילין אסתר רובינשטיין וואס איז געוועזען איינגעפאסט אין א ראהם פון פלוש. זיא איז דא געשטאנען אין דיא זעלבע קלייד וויא אויף אסקאר'ס אלבום; נור איהר פאזע איז ניט געוועזען דיא זעלבע וויא דארט. דא איז זיא געשטאנען אויפ'ן בילד אריבערגעבויגען איבער א נעסט און האט זיך געשפּיעלט מיט

א פוינעלע. זיא איז אזוי געשטאנען גוט איינגעבויגען און איהר עכט הויכע, רונדע ברוסט איז געווען זעהר חן'עוודיג אויסגעבויגען וויא ביי א פעטע גאנז ווען זיא שווימט און זיא האלט פערוואָרפען איהר קעפּיל ריקווערטס. איהרע לאנגע האָר זיינען געווען צולאָזען און צוטהיילט אין צוויי בעזונדערע טהיילען: איין העלפט לאָקען פערווארפען הינטערן רוקען און דיא אנדערע העלפט אריבערגעוואָרפען מיט שמאָרשטיק אויף דיא לינקע זייט פון איהר אויסגעפּילטען בוזים. זיא האט געשמיי־בעלט צו דיא פייגעלע און האט געוויעזען איהרע זילבער־ווייסע צייהן וויא צוויי שניר פּערל.

גאריק האט זיך אביסל פערקוקט און האט געזאגט, פּונקט וויא ער וואָלט גערעדט צום בילד:

— עס איז טאקע אמת, אסתר, אז דוא ביסט א גאנץ שעהנע בחור'טע; אבער דוא ביסט ניט קיין גרויסע חכמניות, וואס דוא האסט געגעבען דיין בילד צו צוויי יונגע לייט וואס זיינען פערליעבט אין דיר, ביידע פון צוויי פערשיעדענע רעלי־גיאָנען און ביידע היץ־קעפּ. דער רעזולטאט איז, אז איינער איז שוין טויט און דער אנדערער וועט איהם ניט לאנג איבערלעבען. דאס איז וואס דוא האסט גע־טהאן, מיין שעהנע, נארישע אסתר.

וויא גאריק האט זיך אבגעקעהרט פון בילד, האט ער געזעהן אויף'ן וואנד היינגען א פראק און א ווייכען מענערשען הוט.

דער דעטעקטיוו האט גאר ניט איבערקלעהרט און עס איז ביי איהם גע־בליעבען אז דאס איז געווים דערזעלבער ראָק וואס גרינוואלד האט געטראגען ווען ער האט ערמאָרדעט אָסקאר'ן. גאריק האט זיך געגעבען א חאפּ צו דיא טאשען, איינע נאך דיא אנדערע. אין איין טאשע האט ער געפונען א טהעאטער־פּראָגראם און א ברוינע פּאָר האנד־שוה. אבער אין דיא אנדער טאשע האט ער געפונען דיא ווייסע האנד־שוה פון דיא רעכטע האנד, וואס פּאסט אויסגעצייכענט צו דיא ווייסע האנד־שוה פון דיא לינקע האנד וואס מען האט געפונען אין אָסקאר'ס טאשע.

— אויב אזוי — האט דער דעטעקטיוו געזאגט מיט צופריעדענהייט — מעג איך זיך ריהמען אז איך האב געלעגט דיא האנד אויף דעם ריכטיגען מערדער. אך, ווען איך זאָל נאך געפינען דיא כלאָראָפאָרם־פלעשעלע!

ער האט אבער דיא פלעשעלע ניט געפונען.

— גרינוואלד האט דאס געווים אוועקגעוואָרפען — האט גאריק געזאגט צו זיך אליין און איז באלד ארויס פון שלאף־צימער שנעל וויא א בליץ, ווארום ער האט געהערט וויא מאדאם זינגער קייקעלט זיך אויף דיא טרעפּ און טענה'ט מיט זיך אליין אויפ'ן קווימש.

דיא טהיר האט זיך געעפענט און דיא מפיל־ווירטהין האט זיך „אריינגעקוויט־שעט" אין צימער מיט א כעס. דער וואס האט געקלונגען, האט געוואלט א צימער, און ער איז ניט צורעכטגעקומען מיט'ן פּרייז. דאס איז א ביסל א חוצפּה!

— אלזא, מאדאם, האט דער דעטעקטיוו געזאָגט — איך דאנק אייך פאר אייער עדעלקייט וואס איהר האט מיר מיטגעטהיילט אלעס וואס איך האב אייך

נעפרענט; יעצט מוז איך נעהן. מיר דוכט, מאַדאַם, איהר האט מיר פריהער זאגט, אז הערר גרינוואלד וועט דא זיין היינטיגען נאכמיטאג. ניט וואהר?

— יא. ער וועט קומען צו טהעע מיט פריילין רובינשטיין זיין כלה.

נאריק איז ארויסגעגאנגען מיט א פריינדליכען אדיע און מאדאם זינגער האט איהם נאכגעקוקט א רעכטע ווייל אין פענסטער.

— דאס איז אביסל א יונג מיט ביינער — האט זיא געזאגט צו זיך אליין — שטארק געבויט, הויך און מיט ברייטע שולטערן פונקט וויא מיין פאטער וואס האט געוואויגען צוויי הונדערט און צעהן פונט. איך האב זיך אביסר איינגעגעבען אין מיין מוטער וואס איז געווען דין וויא א פלאקען און גלאט וויא א לאקשען־ברעט.

זיא האט אזוי גערעדט צו איהר איינענעם שאטען אין דער צייט וואס נאריק האט געשטעלט שנעלע שפרייזען. ער איז געגאנגען אין דער פאליציי ארויסצונעהמען דיא נעטהיגע פאפירען צו ארעטירען מארקוס גרינוואלד אלס מערדער ערשטער קלאס. געהענדיג האט ער א סך געטראכט וועגען דיא צעהן מינוטען וואס שטימען ניט איין מיט זיין רעכנונג. אנשטאט צו קומען אהיים פינף מינוטען פאר צוויי, האט ער בעדארפט קומען פינף מינוטען נאך צוויי. אויף דיעזע צעהן מינוטען הייננט יעצט דאס לעבען פון א מענשען און דאס גליק פון א שעהנע מיידעל וואס איהרע חן־גריבעלאך זיינען גענוג טיעף צו בעגראבען אינווענינג א צעהנדליג פער־ליעבטע נפשות!

— יא, אויף צעהן מינוטען שטעהט א וועלט. סיידען זינגער'ס וואנד־אוהר איז געקראכען יענע נאכט אויף אלע פיער — זיינען געווען נאריק'ס לעצטע ווערטער ווען ער איז אנגעקומען צום טהיר פון דער פאליציי.

7טעם קאפיטעל.

צווישען ליעבע און תליה.

עס איז געווען א גאנץ הייסער טאג, דיא שטראהלען פון דער זון האבען גע־טאנצט דורך לאנדאן'ס שטראסען פונקט וויא דאן ווען אברהם אבינו האט געווארט פארן טהיר פון זיין געצעלט אויף אורחים. עס איז געווען שבת נאכמיטאג און גאנץ לאנדאן האט שפאצירט אין דיא גאסען. רידשענט סטריט און דיא „סטרענד" זיינען געווען אנגעשוואומען מיט מענשען, דיא מייסטען פון זיי זעהר עלעגאנט גע־קליידעט; איבערהויפט דיא פרויען האבען זיך געגעבען א לאז אין זייערע טאאלעטען פון אלערליי קאלירען און האבען פערוואנדעלט רידשענט סטריט אין א לעבעדיגען רעגען־בויגען. צעהנדליגע שפאציר־וואגענס האבען זיך געגליטשט אויף'ן שטילען ציטענט־ברוק וויא אויף א קארפעט פון סאמעט און דיא רייזענדע פון אינווייניג האבען בעגריסט מיט א שמייכעל דיא פריינדע וואס זיי האבען דערקענט צווישע דיא פוס־געהער'ס פוןביידע זייטען טראטואר.

פריילין אסתר רובינשטיין איז אויך געווען א טהייל פון דיעזען לעבעדי־גען בווינגען אין רידשענט סטריט. זיא איז געווען שטארק בע־וואס איז זעהר בעליעבט בייא פרויען; קוסען אין דיא שו־

מאָדע־לאַדענס און טאָאַלעטע; אבער אסתר האט זיך ניט צופריעדען געשטעלט מיט קוקען אליין, זאָנדערן זיא האט אויך געקויפט. איהר פאטער איז אפילו געווען אן אנגעזעהנער מיטגליעד אין דיא גרויסע אָרטהאָדאָקסישע שול פון דיוק'ס פלייס — ער איז אבער ניט געווען אזוי פאנאטיש, ער זאל זיך ארומבינדען זיין טאשען־טוך ארום האלז אום ניט צו טראגען שבת. עס איז וואהר, ער האט שבת קיינע געשעפטען געמאכט, האט קיין וואַרע פערקויפט; ער האט אבער זעהר אָפט גע־קויפט קליינינקייטען און ער האט זיך אויך מתיר געווען צו נעהמען נאָכ'ן קוגעל א וואגען, ווען ער האט בעדארפט. הערר רובינשטיין וואס איז א מאל געווען א גאנצער למדן האט געוואוסט פון דעם מדרש „מתלא אמר: אזלת בקרתא זיל בנמוסיה" (פיהר זיך אימער נאך דיא מנהגים פון לאנד וואו דוא ביסט).

זיין טאכטער אסתר איז געווען אביסעלע נאך פרייער וויא איהר פאפא; זיא איז אבער געווען א גאנץ ארענטליכעס קינד. זיא וואר אפילו א גאנצע קאָ־קעטקע, זיא האט געוואוסט אז זיא איז שעהן, זיא האט געוואוסט וויא זיך צו בענוצען מיט איהרע רייצענדע כלי־זין געגען דיא מענער; זיא האט אבער קיין חוצפה געהאט. איהר „יא" איז געווען יא און איהר „ניין" — ניין. הערר אהרון רו־בינשטיין פלעגט אלץ שטאָלצירען וואס זיין טאכטער איז ניט לייכטזיניג וויא אנדערע שעהנע מיידלאך און ער האט ווירקליך רעכט געהאט.

אסתר איז גראדע דיעזען שבת געווען בעשעפטיגט איינצוהאנדלען קליינינקייטען אין א לאדען; איהר חתן, הערר מארקוס גרינוואלד, האט אויף איהר געווארט פון דרויסען און האט זיך דערווייל אַמוזירט צו בעטראכטען דעם שטראָם מענשען וואס שיטען זיך אהין־און־צוריק. ער האט געקוקט אויף דיעזען לעבעדיגען וואלד קעפ וואס האבען זיך געצויגען ארויף און אראפ.

נאכדעם וויא אסתר האט איינגעקויפט א דוצענד ארטיקלען, וואס זיא האט בעדארפט האבען וויא א לאָך אין קאָפּ, האט זיא זיך דערמאָנט אז מארקוס ווארט אויף איהר פאר'ן טהיר. זיא איז ארויסגעקומען און האט זיך ענטשולדיגט מיט דיעזע ווערטער:

— איך האב דיר אביסעלע געלאזט ווארטען צו לאנג, טהייערער מארקוס, עס איז ניט מיין שולד, — דיא לאדענס האבען אין זיך אזא כשוף ווען מען קומט אריין וואס אנקוקען. דוא האסט זיך דא געמוזט גוט לאנגווײלען, מיין טהייערער.

— א האאר אויך ניט, מיין קינד, — האט איהר מארקוס געענטפערט מיט א שמייכעל און האט איהר געהאָלפען אריינקריכען אין וואגען.

— א ברירה האָסט דוא אנדערש צו זאגען? — האט זיך אסתר אפגערופען לאבענדיג אין דיא ווײלע וואס מארקוס האט זיך געזעצט אין וואגען נעבען איהר זייט.

— דוא מענסט מיר גלויבען, מיין קינד, אז איך לאנגווייל זיך ניעמאלס אין דער צייט ווען דוא האסט פערגעניגען, — האט מארקוס איהר ערוויעדערט און האט איהר געגעבען א הייסען קוש אויף איהר ראָזעס געזיכט וואס איז געווען איינגעפאסט אין א גרויסען ווייסען הוט.

(Oginsky, 3.)

— פיהר אונז נאך דעם „קויפמאנישעו קלוב" — האט אסתר אויסגעשריעו צום קוטשער.

איך ווייס אז פאפא איז יעצט דארט, — האט זיא ווייטער פארטגעזעצט צו גרינוואלדן — מיר וועלען איהם יעצט מיטנעהמען ביי דיר און מיר וועלען זעהן אויב דוא האסט גוטע קעסט ביי דיין מאדאם זינגער; איהרע כהעע און קוכען וועלען מיר שוין דערצעהלען וואס זיא קען מאכען.

— יא, מיין טהייערע אסתר, — אבער עס איז נאך אביסל צו פריה פאר טהעע; עס איז יעצט האלב נאך איינס און איך האב מורא, אז עס איז נאך ניט אלעס פערטיג. מיין פלאן איז אלזא, מיר זאלען נאך אין קלוב ניט פאהרען אפ־נעהמען דיין פאפא. דאס קענען מיר בעווייזען אין א שטונדע ארום.

— און וואו זאלען מיר יעצט פאהרען? — האט אסתר געפרעגט איהם קוקענדיג שארף אין זיינע בלויע בייבישע אויגען.

— אבי־וואו! — האט ער ארויסגעזאגט מיט א דערשטיקטען שמייכעלע — איז דען דא ווייניג פלעצער וואו צו פאהרען שפאצירען אין א שטונדע? לאמיר ארומ־נארטלען אייניגע מאל האיד־פארק; מיר קענען אויך דורכלויפען אקספארד סטריט, פיקאדילי, דוויניג סטריט אדער דיא סטרענד.

— לאז זיין וויא דוא זאגסט, מארקוס.

נאכדעם וויא גרינוואלד האט געגעבען דעם קוטשער דעם נייעם מארשרוט, זיינען זיי ביידע געבליעבען זיצען פערטראכט און גרינוואלד האט לאנגזאם אראפ־געצויגען אביסעל מעהר דיא פארהאנגלאך איבער דיא שויבען פון וואגען. אסתר האט זיך צוגעטולעט צום יונגען מאן און דיעזער האט איהר ארומגענומען דיא טאליע מיט א קאוואלערישען חן.

אסתר האט געשוויגען.

פלוצלונג האט זיא זיך געפיהלט זינקען אין א זיסען היהנער־פלעט און גרינ־וואלד האט איהר אויפגעמונטערט מיט א כפול־שמונה־דיגען קוש.

אסתר האט אלץ געשוויעגען.

זיסע שטונדע, וואו ביסטו? האסטו פיעלע אזעלכע אוצרות ליעבע אין דיין היילינגטהום וויא יענע שטונדע, ווען אסתר און מארקוס האבען ביידע צוגעבראכט אין דיא „בלינדע קארעטע"???

פלוצלונג האט זיך אסתר אביסל אויפגעמונטערט און האט געפרעגט איהר בעסטען פריינד:

— וואס האסטו מיר?

— ליעב וויא מיין לעבען, — האט ער געמורמעלט אונטער דיא צייהן און האט איהר אוועקגעזעצט אויף זיין שויס.

אסתר איז ווידער ענטשוויגען געווארען.

אסתר האט זיך ווידער אויפגעמונטערט, זיא האט איהם געדריקט מיט אלע קרעפטען צווישען איהרע ארעמס אויף איהר הארטע מארמאר־ב וסט און זיא האט איהם געגעבען אזא ביס אין האלז, אז ער האט געגעבען א קוויטש און האט זיך

צולאכט. ער האט זיך בשעת־מעשה דערמאָנט דאס מערקווירדיגע ווערטיל פון דעם גרויסען שעקספיר: „The pinch of a lover hurts, and still it is desired“ „דער קניפּ פון א געליעבטע טהוט אפילו וועה, און דאך האט מען ליעב אזא וועהטאג“.

— וויא שפּעט איז יעצט, מארקוס?

— א פערטיל נאך צוויי; יעצט איז צייט צו פאהרען נאָכ׳ן „קויפמאנישען קלוב“ אָפּנעהמען דיין פּאפּא.

מיט פונפצעהן מינוטען שפּעטער איז דער וואגען צוגעפאהרען צום קלוב. גרינוואלד איז אריין ארויסרופען זיין צוקינפטיגען שווער און אסתר איז געבליעבען ווארטען אין וואגען.

מארקוס האט געפונען הערען רובינשטיין לעזענדיג דיא צייטונגען. זיי האָבען זיך פריינדליך בעגריסט. אסתר׳ס פאטער האט בעמערקט:

— איך לעז שוין דאָ צייטונגען פון א גוטע שטונדע.

— פּאָליטיק?

— ניין, הערר גרינוואלד, — איך לעז וועגען דעם מארד אין שפּאציר־וואגען.

— דיא גאנצע געשיכטע מאכט מיר קראנק — האט גרינוואלד ארויסגע־זאָגט מיט א זיפץ — איך גלויב גאר ניט אויב אָסקאר איז אזוי ווערטה געווען מען זאל איהם בעדויערן.

— זעהט איהר, — האט איהם רובינשטיין נערעכט געגעבען — דערמיט שטים איך איין מיט אייך; וויא וויט אסקאר איז געווען א פערדאָרבענער מענש, ווייס איך נור אליין....

— אלזא, לאמיר געהן צו מיר אויף טהעע, ווארום אייער טאָכטער זיצט אין וואגען און ווארט אויף אונז.

עס איז געווען א פערטיל צו דריי אוהר ווען דער וואגען האט צוגעפיהרט דעם פאטער, דיא טאכטער און דעם חתן צו מאדאם זינגער׳ס הויז.

זיי האבען זיך אלע געזעצט טרינקען טהעע און מאדאם זינגער האט אויסגע־לופטערט איהר צינגעל וויפיעל זיא האט נור געקענט. דיא געסט האבען זיך שטארק אמוזירט און מאדאם זינגער נאך מעהר פון זיי. פלוצלונג איז זיא אראָפּגעלאָפען רעדענדיג:

— איהר האט קיין רעכט ניט אריינצוקומען — האבען זיי איהר געהערט קוויטשען אונטען צו א בעזוכער. איהרע דעות האבען אבער ניט געהאָלפען. סעם נאריק איז ארויף און מיט איהם איז געווען נאך א מאן. גרינוואלד איז געוואָרען ווייס וויא א טויטער. זיין חערץ האט איהם געזאגט וואס מען איז געקומען צו איהם. נאריק איז צוגעגאנגען צו אסתר׳ס חתן, האט ארויפגעלעגט זיין האנד אויף זיין שולטער און האט צו איהם געזאגט:

— איך ארעטיר אייך אין נאמען פון דיא קעניגין.

— פאַרוואָס? — האט גרינוואלד געפרעגט ערשראָקען.

— פאר דעם מאָרד פון אָסקאר וולאַדימיראָוויטש.

אסתר האט גענעבען א געשריי.

— אָי, ניין: עס איז ניט אמת! אָך גאָט, דאס איז א בלבול! מיין מארקוס איז קיין מערדער.

גרינוואלד האט קיין וואָרט געזאגט. ער האט אויסגעשטעלט זיינע הענד און גאריק האט איהם ארויפגעטהאן א האנד־שלאָס (הענד־קאָפּס). נאכדעם האט זיך דער געפאנגענער געווענדעט צו אסתר'ן און האט אויסגעשריען:

— טהייערסטע אסתר! איך געה אין געפענגניס, און פיעללייכט צום טויט, אבער איך שווער דיר ביי אלעם וואס איז הייליג, ביי אונזער ליעבע, אז איך בין אונשולדיג פון דיעזען מאָרד!

— מיין טהייערער, — האט אסתר געזאָגט מיט טרעהרן, און האט געוואלט צוגעהן צו איהם. אָבער איהר פאטער האט איהר ניט געלאזען; ער האט צו איהר געזאגט מיט צארן:

— דיעזער מאן איז מיט דיר יעצט מעהר קיין מחותן נים.

אסתר איז נאך בלאסער געווארען, און מיט א שטאָלצען בליק האט זיא איהר פאפא ערוויעדערט:

— ניין פאטער, דוא האסט יעצט קיין רעכט דאס צו זאגען. איך ליעב איהם נאך מעהר וויא פריהער.

זיא האט זיך געגעבען א חאַפּ צו איהם, האט איהם געקושט געגען דעם ווילען פון איהר פאטער, און זיא האט אויסגעשריען יאמערליך:

— זיסער מארקוס! לאז דיא וועלט זאָגען וואס זיא וויל, — אין מיינע אויגען ביסט דוא אונשולדיג פון אזא פערברעכען.

— גרינוואלד האט איהר בעדעקט מיט הייסע קושען און איז ארויסגעגאנגען מיט זיינע וועכטערס, אין דער צייט ווען אסתר איז געפאלען און אונמאכט נעבען איהר פאטערס פיס.

— מארקוס און אסתר — איהר זיינט יעצט ביידע צווישען ליעבע און טויט — האט געזיפצט מאדאם זינגער אין א ווינקעלע מיט טרעהרן אין דיא אויגען.

8טעם קאפיטעל.

אַ פרוי אָדער אַ נקיבה.

מען האט ארעסטירט גרינוואלד'ן אייניגע מינוטען נאך 3 אוהר נאכמיטאג, און אום 5 אוהר אבענד האט שוין גאנץ לאָנדאָן געוואוסט, אז מען האט ענדליך ענטדעקט דעם מערדער וואס האט געטעדטעט דעם רוסישען ניהיליסט אין שפאציר־וואגען. דיא לאנדאנער צייטונגען האבען באלד פון אָסקארן געמאכט א ניהיליסט, און דער לעזער וועט שוין ווייטער זעהן אויב ער איז דאס געוועזן.

עס איז איבעריג צו דערצעהלען, אז דיעזע נייעס האט אויפגעריהרט גאנץ לאָנדאָן, ערשטענס וויל אזא פערברעכען אין א שפאציער־וואגען האט נאך לאנדאן ניט געהאט, צווייטעס וויל דער ערמארדעטער איז א רוסישער ניהיליסט, דריטענס

ווייל דער מערדער איז א פיינער אנגעזעהענער יונגער מאן און נאך א איד דערצו! דיא אבענד בלאט "Echo" איז ארויסגעקומען מיט א גרויסען ארטיקל פון א גאנצע זייט מיט דיא פאלגענדע טיטלען:

ניטא קיין סודות!

דיא טראגעדיע פון שפאציר-וואגען מעהר קיין רעטענעס!

ענדליך געחאפט דעם מערדער.

דער קאמפף צווישען קריסט און איד.

דיא צוויי אונגליקליכע חתנים פון דיא שעהנע אסתר.

נאטירליך, האבען כמעט אלע רעפארטערס געשילדערט דיעזע שטיק נייעס מיט דיא שווארצעסטע פארבען און זיי האבען צוגעלעגט א רעכט ביסעל ליגען. דיא לעזער האבען עס געגלויבט, וויא אימער, און יעדע בויך-סברה פון רעפארטער איז געווען תורת לאקשען.

אויף מארגען נאכדעם וויא אסתר'ס חתן איז ארעסטירט געווארען, האט רובינשטיין געהאט א לאנגען געשפרעך מיט זיין טאכטער און ער האט איהר גע-ראטהען זיא זאל ארויספאהרען אויף א פאר וואכען פון לאנדאן ביז מען וועט אויפ-הערען צו רעדען פון דיעזע פערשאלטענע טראגעדיע. אבער אסתר האט דיעזע עצה אבגעשטויסען; זיא האט געזאגט מיט טרעהרען אין דיא אויגען:

— ניין פאטער, איך קען איהם ניט פערלאזען יעצט ווען ער איז אזוי עלענד; יעדער איז געגען איהם, איידער מען האט נאך אויסגעהערט דיא פאקטען פון פראצעס. מארקוס זאגט אז ער איז אונשולדיג, — איך גלויב איהם!

— טא ווארום איבערצייגט ער ניט זיין אונשולד? — האט רובינשטיין אויס-געשריען — שטייך, אין פאל ווען ער איז יענע נאכט ניט געווען מיט אסקארן אין וואגען, איז ער דאך געוויס געווען אנדערס-וואו. לאז ער איבערצייגען וואו ער איז דאן געווען און. דאס געריכט וועט איהם מוזען פריי שפרעכען.

— געוויס וועט ער דאס איבערצייגען, — האט אסתר ערווידערט — ביז עלף אוהר אין דער נאכט איז ער דאך יענע נאכט געווען ביי אונז.

— אנגענומען אז יא, מיין טאכטער — אבער וואו איז ער געווען אום 1 אוהר נאך האלבע נאכט? איך געדענק נאר איין זאך, אז אסקאר איז פון אונז אוועקגע-גאנגען מיט 2 שטונדען פריהער פאר גרינוואלד'ן. דוא זאגסט, מיין קינד, אז דיין געוועזענער חתן איז ביי דיר מעהר בעגלויבט וויא אלע און דוא גלויבסט באמונה שלמה אין זיין אונשולד; איך ווייס אבער ניט אויב דיא געשווארענע אין געריכט וועלען איהם גלויבען.

— פאטער — האט אסתר געזאגט מיט תחנונים — וויא איך זעה, ביסטו אליין געגען מארקוסען, אז דוא האלסט איהם פאר שולדיג.

— ניין מיין קינד, איך קען ניט זאגען, אז ער איז שולדיג און איך וויל ניט

זאגען, אז ער איז אונשולדיג; איך טהו פאר איהם אלעס וואס א גוטער פריינד קען טהאן: איך האב שוין בעשטעלט פאר איהם דעם אדוואָקאט מאָרטאָן און עס איז ביי מיר קיין צווייפעל, אז אונזער גוטער פריינד מאָרטאָן וועט טהאן פאר איהם אלעס וואס ער האט ביכולת צו טהאן. אין פאל ווען טאלענט און טהעטיגקייט קענען ווירקליך רעטען מארקוסען, דאַן מעגסטו זיכער האפען צו זעהן זיין בעפרייאונג.

אסתר איז ארויפגעפאלען קושען איהר פאטער און האט צו איהם געזאגט:

— איך דאנק דיר, פאטער, איך האב גאנץ גוט געוואוסט, אז דוא וועסט איהם ניט פערלאזען, פון מיינט וועגען.

געווים מיין קינד; עס איז גאר ניטאָ א זאך אויף דער וועלט וואס איך זאל ניט טהאן פון דיינט וועגען.

אין דיעזער צייט וואס פאטער און טאָכטער האבען צווישען זיך געהאט דעם געשפרעך, איז גרינוואלד געזעסען אין תפיסה און האט שטארק געטראכט וועגען זיין פינסטערע לאגע. ער האט פאר זיך ניט געזעהן קיין וועג פון האפנונג, אויסער איינס און ער האט דערפון ניט געוואָלט מאכען קיין געברויך. ער איז אומגעגאנגען הין-און-צוריק אין זיין פערשלאָסענעם צימער'ל און האט געזאגט צו זיך אליין:

— ניין, איך קען ניט און טאָר ניט מאכען קיין געברויך דערפון, ווייל דאס וועט איהר זיכער טעדטען. עס איז פאר מיר בעסער איך זאל צומאכען מיינע אויגען אויפ'ן תליה וויא א פערברעכער, איידער אסתר זאל וויסען דיא ביטערע וואהרהייט. איך וויים גאנץ גוט, אז מיין אדוואָקאט וועט מיר פרעגען דיא ערשטע זאך, וואו איך בין געוועזען יענע נאכט, ווען דער מאָרד איז געשעהן. איך וויים אויך צו גוט, אז איך קען דאָס בעווייזען און מיין פרייהייט איז דאַן א זיכערע זאך. אבער וויא קען איך זאגען וואו איך בין דאַן געוועזען? — אסתר וועט דאס ניט אויסהאלטען. ניין, איך קען דאס ניט טהאן, איך טאָר דאס ניט טהאן און וועל דאס ניט טהאן.

וויא ער איז אזוי געווען פערטיעפט, האט זיך דיא אייזערנע טהיר פון זיין געפענגניס געעפענט. גרינוואלד האט אויפגעהויבען זיין קאָפּ און האט דערזעהן, אז ער שטעהט דאָ פנים-אל-פנים מיט זיין גוטען פריינד דעם אדוואָקאט מאָרטאָן.

מאָרטאָן האט געהאט א ווייכע הערץ און ער האט געוואָלט רעטען גרינוואלד'ן מיט אלע כחות אין נאמען פון זייער פריינדשאפט; א חוץ דאָס, האט אויך מאָרטאָן אין דיעזע טראגעדיע געזעהן א וואהרען אוצר פאר זיך אליין, ווייל מיט דיא טראַגעדיע פון דיעזען מאָרד קלינגט גאנץ ענגלאנד, און עס איז גאר ניטאָ קיין בעסערע געלעגענהייט פאר אן אדוואָקאט זיך בעריהמט צו מאכען אין דער וועלט. מאָרטאָן איז צוגעגאנגען צום געפאנגענעם און האט איהם געגעבען פריינדליך דיא האנד.

— איך דאנק אייך פאר אייער גוטהערציגקייט — האט גרינוואלד צו איהם געזאגט — וואס איהר זיינט מיר געקומען זעהן. ווען קען זיין פריינדשאפט נאך בעסער אנגעלעגט פאר מיר וויא יעצט?

— א פריינד — האט דער אדוואָקאט געענטפערט — איך האב צו אייך א דאָפּעלטע שליחות: ערשטענס, בין איך אייך געקומען זעהן אין נאמען פון אונזער

פריינדשאפט, און צוווייטענס ווייל הערר רובינשטיין האט מיר צו אייך געשיקט אלס אייער אדוואָקאט.

— הערר רובינשטיין איז ווירקליך א גוטער מענש — האט גרינוואלד ערוויע־דערט — אבי איך האב געמיינט, אז ער האלט מיר פאר שולדיג; און וואָס מאכט פריילין רובינשטיין?

— אויך זיא וויל ניט גלויבען, אז איהר זיינט שולדיג; זיא לאזט ניט פאלען קיין בייז וואָרט אויף אייך.

— זיא איז ווירקליך א גוטע זעעלע און א וואהרע פרוי — האט מארקוס געזיפצט.

דער אדוואָקאט האט זיך געזעצט נעבען געפאנגענעם און האט צו איהם געזאגט:

— יעצט לאמיר רעדען געשעפט: ווילט איהר מיר האבען אלס אייער אדוואָקאט?

— געוויס, הערר מאַרטאַן; אבער איך גלויב, אז אייער מיה וועט זיין אומ־זיסט, — דיא שטריק איז שוין ארום מיין האלז!

— נארעשקייט! — האט זיך אבגערופען מאַרטאַן מיט א לאך — דיא שטריק איז ניט ארום קיינעמ'ס האלז כל־זמן ער שטעהט ניט אונטערן תליה. נאָר, לאָמיר דאָס לאזען אָן דער זייט — און לאמיר קומען צום עיקר: איך קען אפילו נאך ניט אלע פאקטען, אויסער דאס וואָס איך האב געלעזען אין דיא צייטונגען. נאטירליך, איך האלט אייך פאר אונשולדיג; איך מוז אייך פריי מאכען, און ווען איהר וועט צוריק האבען דיא פרייהייט, דאן וועלען מיר ביידע זוכען דעם וואהרען מערדער.

— איך האב פאָלקאָמען אייער מיינונג, הערר אדוואָקאַט — נאר איך האב קיין פערטהיידיגונג וואס דער האָר איז ווערטה, און דארום זעה איך ניט איין וויא אזוי איהר קענט מיר בעפרייען.

— וואָס, הערר גרינוואלד, מיינט איהר דען מיר צו זאגען, אז איהר האט ווירקליך ערמאָרדעט דעם מאן? וואס הייסט איהר האט קיין פערטהיידיגונג?

— אָך ניין, גאט בעהיטע! איך בין קיין מערדער, און איך וויים פון אָסקאר'ס טוידט ניט מעהר פאר אייך. אבער —

— אָבער וואָס?

— אבער עס זיינען דאָ געוויסע אורזאכען וואס ערלויבען מיר ניט איך זאָל זיך פערטהיידיגען — האט גרינוואלד געענטפערט.

— דאס איז ווידער א נארעשקייט, מיין פריינד: עס איז גאר ניטאָ אויף דער וועלט א זאך וואָס זאל א מענשען ניט ערלויבען צו רעטען זיין לעבען פון א שענדליכען טוידט. אלזא, זייט אזוי גוט און ענטפערט מיר אויף איינינע פראגען. זאָגט מיר צוערשט וואו זיינט איהר געווען יענע נאכט ווען דער מאָרד איז געשעהן?

— דאס קען איך אייך ניט זאגען, הערר מאַרטאַן.

— אָי, איך וויים אז איהר קענט עס יא זאָגען. איהר זייט אנגעקומען אין פּיי׳אַדילי מיט דעם צוג וואס פאהרט אב עלף אוהר אין דער נאכט.

— עלף אוהר און 20 מינוטען — האט איהם גרינוואלד אויסגעבעסערט.

— און וואו, זיינט איהר דערנאָך געגאַנגען?

— איך האב גראדע בעגעגענט העררן ראָלערמאַן אין וואַגאָן און מיר זיינען ביידע נאכהער צוגעפאָהרען נאך פלינדער סטריט, אין „קויפמענישען קלוב“. ראָלער־מאַן איז אוועק א היים, און איך בין אריין אין קלוב זיך אונטערהאַלטען.

— און ווען האט איהר דעם קלוב פערלאַסען?

— א פּאָר מינוטען פאר א יינס אוהר נאך האלבע נאכט.

— זייט איהר פון קלוב אהיים געגאַנגען?

— ניין.

— וואו דען?

— גלאט אזוי אין דער וועלט אריין — אין קאָלינס סטריט.

— וואָס הייסט „גלאט אזוי אין דער וועלט“? איהר זייט דאך געוויס גע־גאַנגען מיט א ציעל.

— פון וואנען איז דאס געדרונגען? טאָמער בין איך טאקע געגאַנגען אזוי גלאט שפּאַצירען?

— יא, הערר גרינוואַלד — אָבער ניט קאָלינס סטריט אין דער פּלאַץ צו שפּאַציערן אליין ביי נאכט; איהר האט דאך וואהרשיינליך געוואָלט אימיצען זעהן.

— יא, דאס אויך.

— איך האב באַלד פערשטאַנען, אז דא מוז זיין אן „אימיצער“. יעצט זאגט מיר ווער דיעזער אימיצער איז געוועזן: א מאַן אָדער א פרוי?

— דאס קען איך אייך ניט זאגען.

— נו, וועל איך דאס אליין אויסגעפינען.

— אזוי נאָר! דאס קענט איהר ניט.

— ווארום דען ניט?

— ווייל איהר ווייסט ניט וואו איהר צו זוכען.

— א י ה ר זוכען! — האט דער אדוואָקאט זיך א חאַפּ געטהאַן מיט צופרי־דענהייט — דא האנדעלט זיך אלזאָ וועגען א „ז י א“; איך האב באַלד געמערקט, אז דאָ איז ניט קיין רעדע פון א זכר, זאגט מיר יעצט ווער איז דיעזע פרוי?

דער געפאנגענער האט ניט געענטפערט.

— איך פערשטעה ניט אייער שטילקייט, הערר גרינוואַלד; איך וויס גאַנץ זיכער, אז איך שטעל אייך דאָ א זעהר דעליקאַטנע פראגע וואָס איז אייך שווער צו בעאַנטוואָרטען. ווייל איהר ווילט ניט בעפלעקען אייער כאַראַקטער. אָבער דאס איז קיין תרוץ ניט, מיין פריינד — איהר מוזט ברייגנען א קרבן אייער מאָראַל אום צו רעטען אייער קאָפּ. זאגט מיר אלזאָ וואָס איז איהר נאמען? ווייסט א י ה ר חאָטש ווי זיא הייסט?

— געוויס וויס איך, אָבער זאגען קען איך עס ניט. איך זאל אפילו וויסען ווער־ווייסט־וואָס.

— ניין?

— ניין!

מאַרטאַן איז געווען צופריעדען וואָס ער האט דערוויל אויסגעפאָרשט צוויי זאכען: ערשטענס, אז גרינוואלד האָט דאן געהאט צו טהאן מיט „אימיצען" און צווייטענס, אז דיעזער אימיצער איז א פרוי. מאַרטאַן האט איהם ווייטער געפרעגט:

— ווען האט איהר געזעהן אָסקאר'ן צום לעצטען מאָל?

— איך האב איהם געזעהן ליגען בעזאפען ניט ווייט פון דיא סקאָטש קירכע.

— זייט איהר אלזאָ געווען דער מאן וואָס האט צוגערופען דעם פוהרמאן מיט זיין וואגען?

— יא, איך בין עס געווען.

— זיינען דאך דיא צייטונגען גערעכט וואָס זיי שרייבען — האט דער אדוואָקאט געזאגט מיט שרעק.

— יא רעכט. אביסעל אמת האבען דיא צייטונגען ווירקליך געשריבען; ווען איך האב געזעהן אָסקאר'ן ליגענדיג שכור, האב איך ניט געוואוסט אז דאס איז ער, און דארום האב איך גערופען א וואָגען, אום איהם ניט צו לאָזען ליגען אין סטריט. איך האב איהם ערשט דערקענט נאכער. איך בין אלזא באלד אוועקגעגאנגען און האב זיך וועגען איהם מעהר ניט געקימערט.

— טאָ וואָרום זייט איהר דערנאך אריין אין שפּאציר־וואגען וואו אָסקאר איז געלעגען?

— דאס איז ניט וואהר, הערר אדוואָקאט.

— דער קוטשער רוסטאן זאגט דאך אבער אז יא.

— ענטוועדער דער פוהרמאן האט א טעות אָדער ער זאגט א ליגען.

— ווען ניט איהר זייט אריין אין וואגען, טאָ ווער דען איז דאס געווען?

— דאס וויים איך ניט.

— געוויס?

— געוויס!

— ער איז דאך אבער געווען אנגעצויגען פונקט וויא איהר.

— דאס איז קיין וואונדער, הערר מאַרטאַן; איך קען אייך אויסרעכנען א 20 יונגע לייט פון אונזער בעקאנטשאפט וואס געהן געקליידעט וויא איך. איהר אליין, הערר אדוואָקאט, געהט דאך אויך געקליידעט וויא איך.

— ווייסט איהר ניט אויב אָסקאר האט געהאט שונאים?

— איך האב איהם זעהר ווענינ געקענט; איך האב נאר געוואוסט, אז ער האט געבראכט פון ניו־יארק א רעקאָמענדאציאָן צו העררן רובינשטיין, און ער האט געהאט דיא חוצפּה צו פערלאנגען פריילין רובינשטיין אלס פרוי.

— זייט איהר אמאל געווען ביי אָסקאר'ן אין 16 קאָנאָט סקווער?

— יא, איך בין דארט איין מאָל געווען, איך האב איהר געבעטען ער זאָל אויפהערן זיך נאָכצוטראָגען נאך מיין כלה. ער האט זיך אבער אויסגעלאכט פון מיר.

— טא וואס האט איהר איהם געענטפערט?

— איך האב איהם געזאגט אז דאס וועט איהם טהייער קאָסטען. איך וועל פון איהם ראַבע נעהמען.

— האט אָסקאר'ס ווירטהין מאדאם ניקעלסאָן דאן געהערט די לעצטע ווערטער ?
— איך גלויב אז יא.
— דאס גערימט וועט געוויס רופען מאדאם ניקעלסאָן אלס עדות געגען אייך, און דאס קען אייך פערזאָנגליקען. אייער איינציגע ישועה וועגדעט זיך נאר יעצט, אויב איהר קענט בעווייזען וואו איהר זייט געוועזען דאן, ווען דער מאָרד איז געשעהן. גרינוואלד האט געשוויגען.
— אלזא איהר זאגט, — האט דער אדוואקאט ווייטער גערעדט — אז ניט איהר זייט אריין אין וואגען מיט אָסקארן, זאנדערן דאס איז געוועזען אן אנדערער, און איהר ווייסט ניט ווער ?
— יא, אזוי.
— אבער זאגט דאָך מיר וואו זייט איהר געוועזען יענע שטונדע ? ביי וועמען און מיט וועמען ? זאגט מיר אָפען, איז דאס א פרוי אדער א נקיבה ?
— איך פערשטעה ניט אייער פראגע.
— עס איז איינפאך: איז זיא געוועזען אן ערענטליכע פרוי פון א מאן אדער א פראָסטע נקבה, מיט וועמען איהר זייט געשטאנען אָפט-מאל אין פערבינדונג ?
— איך קען אייך ניט זאגען.
— דאס הייסט איהר ווילט ניט זאגען, — איהר ווילט געוויס ניט פערשעהמען פריילין רובינשטיין ווארום איהר האט אייך געהאט אן אויג אויף אן אנדערע; אבער דיזע פּאָליטיק איז זעהר נארריש ווען עס האנדעלט זיך פון אייער לעבען.
קיין ענטפער.
— ווען זייט איהר געקומען אהיים ?
— אום צוויי אוהר נאך האלבע נאכט.
— האט איהר געוואוסט אז אָסקאר האט מיט זיך געטראגען וויכטיגע פּאפּירען ?
— גרינוואלד האט זיך א חאפּ געטהאָן מיט איבערראשונג און האט געפרעגט:
— וואס! האט אסקאר געטראגען יענע נאכט מיט זיך זיינע פּאפּירען ? איך ווייס אבער ווירקליך ניט ווער עס האט עס פון איהם גענומען — וואהרשיינליך דער מערדער.
— קענט איהר מיר ניט זאגען וואס דיזע וויכטיגע פּאפּירען זיינען געוועזען ? האבען זיי ניט געהאט פאר אייך אן אינטערעסע ?
— פאר מיר געוויס ניט; נור געגען וואס פרעגט איהר מיר דאס ?
— ווייל עס איז ביי מיר קיין צווייפעל אז אסקאר'ס מערדער איז קיין אנדערער וויא דער וואס האט געוואלט פון איהם די פּאפּירען און האט עס גענומען.
— אך גאט! — האט גרינוואלד אויסגעשריען — איז דאך טאקע אמת, אז דער מערדער איז טאקע ער — און ער איז היגגעפאלען אויף דער ערד אין חלשות...

מאַרטאַן האט אריינגערופען דיא וועכטערס, וועלכע האבען דעם געפאנגענעם ארויפגעהויבען אויפ'ן בעט און האבען איהם אפגעמינטערט מיט קאלטע וואסער. וויא דער אדוואקאט האט געזעהן, אז גרינוואלד איז ניט אין שטאנד צו רעדען, האט ער פערלאסען דעם געפענגניס און האט געמורמעלט צו זיך אליין!

— מארקוס גרינוואלד! איך פערשטעה אז ניט דוא האסט אסקאר'ן ערמאָר־דעט, — נור דוא מוזט וויסען ווער דער מערדער איז. יעצט דארף איך ווידער אויס־געפינען ביי וועמען גרינוואלד איז געוועזען יענע נאכט אין דער צייט פון מאָרד: ביי א פרוי אדער ביי א נקיבה?

9טעס קאפיטעל.

אַ צדקניות מיט אַ זעלע פון אַ מלאך.

לאָנדאָן איז אלץ געווארען מעהר און מעהר אויפגערעגט וועגען דעם מאָרד אין שפאציר־וואגען. איידער מען האט געהאט א שפור פון מערדער, האט אויך דיא שטאדט געגוג גערעדט וועגען דעם — נור מען האט דארויף געקוקט וויא אויף א געוועהנליכען מאָרד. אבער זייט מען האט ארעטירט דעם אריסטאקראטישען מער־דער, האט גאנץ לאָנדאָן געקאָכט וויא א קעסיל. אין אלע קלוב'ס, אין אלע סאלאָן'ס (פארלאָרס), אין אלער־האנד געזעלשאפטען האט מען נור גערעדט פון מאָרד און נאך מעהר פון מערדער. דיא אלע רייכע יונגע לייט וואס האבען געקענט גרינ־וואלד'ן האבען זיך ניט געקענט אפוואונדערן, וויא אזוי אזא שעהנער, געבילדעטער יונגער מאַן זאל האבען אזא שווארצע זעלע! דיא צייטונגען האבען יעדען טאג געהאט אן אנדער באָבע־מעשה, און אנדער נייעס, און כמעט יעדע צייטונג האט דערצעהלט מיט „אותות ומופתים" וואס איהר איינענער רעפאָרטער האט גערעדט מיט גרינוואלד'ן אין געפענגניס. אין דער אמת גערעדט, האבען דיא רעפאָרטער'ס אזוי געזעהן גרינוואלד'ן פונקט וויא זייער לינקען אויער.

עס האט זיך אויך געפונען אין לאָנדאָן א יונגער פערפאסער וואס האט נאך קיין זאך ביז דאמאלס ניט פערפאסט און האט באלד אנגעשריבען א דראמא אין פינף אקטען מיט דיעזען טיטעל:

„ליעבע, מאָרד און דיא שטריק".

דער לעצטער אקט האט זיך געענדיגט וויא מען הייננט גרינוואלד'ן. דער יונגער פערפאסער האט דיעזע דראמא געבראכט אין אלהאמברא־טהעאטער — אבער דער דירעקטאר פון טהעאטער האט געזאגט צום פאפיר־קראצער:

— אום צו ענדיגען אייער דראמא מיט'ן פינפטען אקט, דארפט איהר פריהערווארטען ביז דער פינפטער אקט וועט זיך ענדיגען אין געריכט.

דאָך, וואס אנבעטרעפט דעם מערדער, איז כמעט ביי קיינעם קיין צווייפעל געוועזען, אז זיין נאמען איז גרינוואלד. נור אכתר רובינשטיין האט אלץ יעדען טאג מעהר און מעהר געגלויבט אין איהר חתן'ס אונשולד. א פרוי איז פון דער נאטור איינגעשפארט — דיא גאנצע וועלט מעג זיין געגען א מאַן, אבער דיא פרוי וואס האט איהם ליעב, וועט ניט אויפהערן איהם צו פערטהיידיגען, ער מעג אפילו זיין

וויא שולדיג. ווען א פרוי האט ליעב א מאן, דאן קוקט זיא אויף איהם וויא אויף אן אבגאָט און זיא וויל בשום־אופן ניט זעהן, אז אונטער זיין וועסט קלאפּט א שווארצע הערץ. וואס מעהר דיא וועלט פעראכטעט איהם, האט זיא איהם אליין מעהר ליעב; ווען דיא גאנצע וועלט קוקט אויף איהם קרום, שמייכעלט זיא צו איהם — און נאך זיין טויט קוקט זיא אויף איהם וויא אויף א היילינגען וואס האט בעצאהלט זיין לעבען אין נאמען פון קדוש־השם!

אזוי איז געווען אסתר רובינשטיין: מען האט איהר געקענט געבען דיא גרעסטע סימנים, אז איהר חתן איז שולדיג; זיא האט עס אבער ניט געוואָלט הערן. זיא האט איהם געהאלטען פאר אונשולדיג און איהר הערץ האט איהר גע־זאגט, אז דער אמת מוז ארויסקומען דיא לעצטע מינוט — ווען דאס זאל אפילו געשעהן דאן, ווען דיא שטריק וועט זיין ארום זיין האלז, איידער דער שעריף גיבט א ציה דעם קראוואט (נעק־טאי) פון מלאך־המות. אסתר האט אפילו שטארק געוואלט בעזוכען גרינוואלד'ן אין געפענגניס, אבער איהר פאטער האט עס איהר שטרענג פערבאָטען; זיא האט זיך אלעס געמוזט שאפען דורך דעם אדוואָקאט מאַרטאַן.

מאַרטאַן, וויעדער איז געווען זעהר צופריעדען פארוואָס גרינוואלד וויל איהם ניט זאגען וואו ער איז געווען יענע נאכט פון מאָרד. דער אדוואקאט האט געזאגט צו זיך אליין:

— גרינוואלד האט זיך מודה געווען פאר מיר אז ער האט זיך יענע נאכט געזעהן מיט א פרוי. א שעהנער יונג איז ער און עס איז מיר קיין וואונדער ניט אז ער איז דאן געווען אין דיא חברותא פון א פערהייראטעטע, אנגעזעהנע פרוי. ער וויל דארום ניט זאגען וואו, ווער, וואס, ווען, כדי ניט צו מאכען א סקאנדאל. דאס אלעס איז נאטירליך; אבער עס איז דאך בעסער פאר גרינוואלד'ן צו פערליערען זיין כאראקטער, איידער צו פערליערען זיין לעבען. נאָך מעהר, מיר איז א וואונדער ווארום דיא פרוי בעוויזט זיך ניט צו רעטען א מאן פון א שענדליכען טויט? עס איז טאקע אמת, אז זיא וועט דערפון קיין האָניג לעקען; אבער דאס איז קיין תירוץ ניט צו לאזען א שעהנעם יונגען מאן שטארבען אויף דער תליה פאר א פערברעכען וואס ער האט ניט געטהאן!

וויא מאַרטאַן איז אזוי געווען פערטיעפט אין זיינע געדאנקען איז אנגעקומען אסתר.

— נוט וואס איהר זייט יעצט געקומען — האט צו איהר דער אדוואקאט געזאגט. — איך וויל אייך פרעגען אויב איהר ווילט גרינוואלד'ן רעטען דאס לעבען?

— אויב איך וויל! — האט זיא ארויסגעשריען מיט איבעררראשונג — געוויס וויל איך. איין גאט אין הימעל וויים, אז איך וואלט מיט פערגנינען שטארבען, אבי איהם צו רעטען דאס לעבען.

— איהר זאלט וויסען זיין, פריילין, אז גרינוואלד קען בעווייזען וואו ער איז געווען אין דער צייט ווען דער מארד איז געשעהן און ער וויל עס ניט.

— ווארום דען?

— דאס וויל ער מיר ניט זאגען; נור איך רעכען אז ער וועט דאס אפשר א י י ך זאגען. לאָמיר אלזאביידע געהן צו איהם אין געפענגניס.

— אבער וואס וועט מיין פאָטער זאגען? איהר ווייסט דאָך אז ער האט מיר שטרענג פערבאָטען צו געהן איהם זעהן. מיין פאטער איז אפילו זייט איינינע טעג אין לאָנדאָן ניטאָ; אבער איך קען זיך ווירקליך קיין עצה ניט געבען וויא איך זאָל דאָ טהאָן.

זאָגט מיר נור, הערר מאָרטאָן, — האט זיא ווידער געפרעגט — קען עפּעס מיין געהן אין געפענגניס א טובה טהאן מיין מארקוס'ן?

— געוויס, איהר קענט רעטען זיין לעבען.

— אויב אזוי, געה איך, און לאָמיר מאָקע ש ו י ן געהן.

— דאס איז אביסל א געטרייע פרוי — האט דער אדוואקאט געזאגט צו זיך אליין — יעצט איז דיא פראגע אויב גרינוואלד וועט א י ה ר וועלען זאגען דאס וואס ער זאגט מ י ר ניט. נור, וויא דיא מעשה איז, דיא פרויען זיינען א וואהרער רעטענעש פאר דער וועלט; דער פראנצויזישער שריפטשטעלער ב א ל ז א ק איז גערעכט ווען ער זאגט: „וואס איז דער חידוש וואס דער מאַן קען ניט פערשטעהן דיא פרוי? דאכט זיך גאט אליין וואס האט איהר בעשאפען, האט איהר אויך ניט געקענט פערשטעהן און ער האט דארום קיין אנדער ברירה ניט געהאט וויא איהר גוט אנצושילטען".

אסתר האט אראפּגעלאָזען א שווארצען שלייער פון איהר הוט און מיט פינף מינוטען שפּעטער איז זיא געזעסען מיט'ן אדוואקאט אין וואגען; עס האט גענומען א גוטע האלבע שטונדע ביז זיי זיינען אנגעקומען אין געפענגניס.

ווען דער וועכטער האט זיי געעפענט דיא טהיר פון גרינוואלד'ס צימער'ל, האבען זיי געפונען דעם יונגען מאן זיצען אויף זיין בעט, דאס געזיכט בעגראבען אין זיינע הענד. ער האט אויפגעהויבען זיינע אויגען און וויא ער האט געזעהן אסתר'ן האט ער זיך אויפגעהויבען און אויסגעשטעלט זיינע הענד מיט פרייד. זיא איז צו איהם צוגעלאפען, האט איהם ארומגענומען און דער ערשטיקטער ווידער-קול פון איהר זיפץ האט זיך געהערט איבער דיא גאנצע תפיסה. אייניגע מינוטען זיינען פאָראיבער און קיינער פון זיי האט קיין וואָרט געזאגט. וויא דער וועכטער האט זיך צוריקגעצויגען האט אָסתר געקראגען לשון.

— מיין טהייערער זיסער מארקוס, — האט זיא געזאגט מיט טרערין אין דיא אויגען — דוא זעהסט דאך אויס אזוי שוואך.

— וואס מיינסטו ליעבע אסתר — האט ער ערווידערט מיט א געצוואונגענעם לאך — א געפענגניס איז עפּעס א פלאץ פון פערגניגען?

— זעה, מארקוס, רעד ניט אזוי; דערצעהל מיר מעהר ניט. לאָמיר זיך זעצען און רעדען וויכטיגע זאכען.

— איך זעה אבער ניט איין, ליעבע אסתרל, וועלכע וויכטיגע זאכען מיר האבען צו רעדען. עס לוינט איבערהויפּט ניט צו שמועסן וועגען דיעזען אונגליק.

— עס לוינט זעהר צו רעדען וועגען דעם, — האט זיך דער אדוואקאט אריינ

נעמישט — און אויב דער לעצטער פונק פערשטאנד האט זיך נאך ביי אייך ניט אויסגעלאשען, מוזט איהר אונז זאגען וואו איהר זיינט געווען יענע נאכט אין דער צייט ווען דער מארד איז געשעהן אין שפּאציר־וואגען.

— איך האב אייך שוין גענוג געזאגט, אז איך קען ניט ערפילען אייער ווונש.

— זעה, זיסער מארקוס — האט זיך אסתר אריינגעמישט מיט טרעהרען — דוא מוזט אונז אלעס זאגען, דוא מוזט דאס טהאן פון מיינט־וועגען.

גרינוואלד האט געזיפצט, — ער איז נאך קיין מאל ניט אזוי געווען צווישען צוויי פלאמען וויא יעצט. ער האט שוין געוואלט אנפאנגען אויסזאגען דעם שרעקלי־כען סוד — אבער וויא ער האט נאר געגעבען איין בליק אויף אסתר׳ס ריינע, אונשול־דיגע געזיכט, האבען זיך באלד זיינע ליפּען פערזיגעלט! דורך זיין אויסזאגען דעם סוד מוז ער דאך פערשאפען א ים שמערצען צו דיא יעניגע, וואס ער ליעבט בעסער וויא זיין לעבען.

— ליעבע, געטרייע אסתר — האט גרינוואלד געזאגט מיט א שטימע פון תחנונים — ווען דוא וואלסט וויסען וואס פאר א שווערע זאך דוא פערלאנגסט יעצט פון מיר ?

— איך וויים — האט זיא שנעל געענטפערט — איך בעט דיר דוא זאלסט דיין אייגענעם לעבען רעטען, דוא זאלסט זיך ריין וואשען פון אזא שרעקליכען פערברעכען און דוא זאלסט ניט זיין קיין עקשן צוליעב א —

— צוליעב א פרוי! — האט מארטאן געענדיגט אסתר׳ס ווערטער.

— א פרוי!!! — האט גרינוואלד׳ס כלה אויסגעשריען — איז דען דאס דיא אורזאכע?

— יא אסתר — האט גרינוואלד געענטפערט מיט א ניעדעריג הייזעריגע שטימע.

פרייליין רובינשטיינ׳ס געזיכט איז בלאס געווארען וויא א טוך, זיא האט בע־האלטען איהר געזיכט אין איהרע הענד און האט געוויינט מיט ביטערע טרעהרן. גרינוואלד האט אויף איהר געקוקט מיט טיעפע רחמנות און מארטאן האט זיי ביידען אנגעקוקט מיט א שארפען בליק. דער ארוואקאט האט ענדליך אויסגעשאסען צארניג מיט דיעזע ווערטער:

— הערט נאר, יונגער מאן, וואס איך וועל אייך זאגען: ווייסט איהר וויא איך קוק אויף אייך? וויא אויף א פערדארבענעם כאראקטער. — ענטשולדיגט מיר דיעזען אויסדרוק, איך מיין וואס איך זאג. שטייך, דא שטעהט יעצט פאר אייערע אויגען אן עדעלע, גוטהערציגע קינד, וואס ליעבט אייך מיט דיא גאנצע טיעפקייט פון איהר זעלע! זיא איז געגרייט צו טהאן אלעס פאר אייך, זיא קומט אייך בעטען איהר זאלט רעטען אייער אייגענעם לעבען — און איהר האט דיא חוצפה צו פערמאכען אייערע אויערן!? לאמיר זיך ניט נארען, ווארום האנדעלט איהר אזוי געמיין? — וואהרשיינליך ליעבט איהר אנאנדער פרוי! פע, מאוס! שעהמט אייך אין אייער ווייטען האלז!

גרינוואלד האט אויפגעהויבען זיין קאפּ מיט שטאלץ, זיינע באקען האבען געגליהט וויא פייער און ער האט געענטפערט:

— איהר האט קיין רעכט צו זאגען דאס וואס איהר ווייסט ניט. עס איז וואהר, אז איך קען מיין סוד ניט אויסזאגען צוליעב א פרוי וואס איך האב זעהר ליעב; אבער דיזע טהייערע פרוי איז קיין אנדערע וויא פריילין אסתר רובינשטיין!

— וואס! צוליעב מ י ר ווילסטו שענדליך שטארבען! — האט זיך אסתר א חאפּ געטהאן מיט א ווילדען געשריי.

— ער איז ניט ביי זיין פערשטאנד, — האט דער אדוואָקאט זיך אפּגערופען הייבענדיג זיינע ברייטע שולטערן — ער איז ניט ביים זינען.

— אָ, איך בין קלאר מיט אייך צוגלייך, — האט דער געפאנגענער אויסגעשריען פאסענדיג זיין כלה אין זיינע אָרימס.

אך מיין ליעבעס קינד, — האט ער צו איהר פארטגעזעצט — נור צוליעב דיר אליין מוז איך האלטען מיין צונג פערביסען צווישען דיא ציין. ווען איך זאל אפילו וויסען, אז איך וועל פאר מיין שווייגען בעצאהלען מיט מיין לעבען אויף דער תליה! איך קען גאנץ גוט בעווייזען וואו איך בין געוועזען יענע נאכט ווען דער מארד איז געשעהן, אבער ווען איך זאל דיר דאס זאגען, וועסטו זיך פערשילטען דיין לעבען און דוא וועסט דאס ניט איבערלעבען. מיין ניט אז דא האנדעלט זיך וועגען א פרוי און איך שעהם זיך דיר צו דערצעהלען אום ניט צו פערוואונדען דיינע געפיהלען. ניין, דאס האט צו טהאן מיט א שרעקליכען סוד, וואס וועט מאכען פון דיר א בארג אש! זעה, זיסע אסתר, ציה מיך ניט צופיעל פארן צונג, איך קען דיר דאס ניט זאגען, איך טאָר עס ניט זאגען און איך וועל עס אויך ניט זאגען!

אסתר האט אויפגעהויבען דיא אויגען אויף דעם יונגען מאן מיט א שמייכעלע פון מיטלייד און האט געזאגט:

— זעה מיין לעבען לאָז מיר צורוה, איך בעט דיר דאך ניט פאר מיר נאָר פאר דיר אליין. ניט איך בין אין געפאהר, נאָר דוא! איך וויים ניט וואס דיין סוד איז; נאר אין פאל, ווען דאס קען רעטען דיין לעבען זאָלסט דוא עס מיר באלד זאגען. עס איז בעסער פאר מיר איך זאָל בלייבען פעראונגליקט מיין גאנצעס לעבען איידער איך זאל דיר פערליערן אויף אזא שרעקליכען ארט.

— אסתר! איך שווער דיר בייא אלעס וואס איז הייליג, אז איך בין אונשולדיג פון דיזעס פערברעכען וואס מען בעשולדיגט מיר, — אָבער דעם סוד קען איך ניט זאגען.

דער שמאָלער צימערל איז שטיל געוואָרן; מען האט נאָר געהערט אסתר׳ס חליפּען וואס האט געקענט דורכלעכערן א שטיין. גרינוואלד האט צוגעפיהרט אסתר׳ן צום אדוואָקאט און האט צו איהם געזאגט:

— נעהמט איהר אוועק פון דאנען, הערר מאַרטאָן, איך קען דאס מעהר ניט אויסהאַלטען.

דער אַדוואָקאט האט איהם קיין ענטפער נעגעבען, זאָנדערן ער האט צוגערופען דעם וועכטער, און זייביידע האבען פּרובירט ארויספיהרן אסתר׳ן. אָבער, וויא זיא איז געקומען צום טהיר, האט זיא זיך פון זיי ארויסגעריסען, איז ווידער צוגעפאלען צו גרינוואלד׳ן, האט איהם בעדעקט מיט קושען און האט געזאגט:

— ניין, מיין זיסינקער, דוא וועסט ניט שטארבען; איך וועל דיר רעטען נעגען דיין ווילען.

ביי דיעזע ווערטער, האט זיא מורא געהאט לענגער צו בלייבען; זיא איז שנעל ארויסגעלאָפען, דער אדוואָקאט נאך איהר, און דיא שטילקייט האט ווידער געהערשט אין גרינוואלד'ס לעבעדיגען קבר.

10טעס קאפיטעל.

דאס פערבאָרגענע בריוועלע.

אסתר און מארטאַן זיינען אריין אין וואגען אום צו פאהרען צוריק אהיים. אָבער פלוצלונג האט זיא זיך אחאפּ געטהאן און געזאגט צום אדוואָקאט:

— זאָגט דעם קוטשער ער זאָל אונז אָבפיהרען נאָך פוילעט סטריט; מיר וועלן בעזוכען דאס הויז פון מאדאם זינגער וואו מארקוס האט געוואוינט.

נאר דעם וויא מאַרטאַן האט געגעבען א בעפעהל דעם קוטשער צו פאהרען דאָרט וואו אסתר הייסט, האט ער זיך צו איהר געווענדעט מיט דיא פראגע:

— וואס ווילט איהר דאָרט אייגענטליך יעצט טהאן?

— איך וויל רעטען מארקוסען נעגען זיין ווילען — האט זיא געענטפערט — און איך האב א פּלאַן.

— לאָמיך הערען פריילײן.

— איך מוז אייך זאגען, הערר מאַרטאַן, אז איך קען דאָ אין גאנצען גיט קלוג ווערן ווארום מארקוס שווייגט צוליעב מיר אליין, וועדליג וויא ער זאגט. דאכט זיך מיין פערגאנגענהייט האט קיינע סודות, אז ער זאָל זאָ-וואס זאגען. דא מוז עפּעס וואס אנדערש זיין! מארקוס איז אוועק פון אונז יענע נאכט אום 11 אוהר. ער האט מיר דאן געזאגט אז ער געהט אין „קויפמענישען קלוב" צו זעהן אויב עס איז דאָרט ניטאָ פאר איהם א בריעף, און ער וועט דערנאָך געהן אהיים.

— אפשר האט ער אייך אזוי געזאגט, פריילײן, ווייל ער האט אייך ניט גע-וואָלט פערטרויען וואס ער האט אין הערצען?

— ניין, הערר מאַרטאַן: איך האב ניט אייער מיינונג און איך וועל אייך זאָגען פארוואָס: איך האב דאן מארקוסען ניט געפרעגט וואו ער געהט; ער האט זיך אליין ארויסגעהאפּט מיט זיין פרייען ווילען. איך קען איהם צו גוט און איך וויים, אז ער וועט ניט זאָגען קיין אָפענעם ליגען, ווען קיין זאך צווינגט איהם ניט דערצו. איך בין אלזאָ זיכער אז ער האט מיר געזאגט דיא ריינע וואהרהייט. ער איז געווים געגאנגען אין קלוב אום צו געהן פון דאָרט אַ היים. אין קלוב האט ער געווים גע-פונען א בריעף וואָס האט איהם פעראורזאכט ער זאל ענדערן זיין מארשרוט.

— אָבער, פון וועמען האט ער דאן געקענט ערהאלטען דיעזען בריעף? — האט מאַרטאַן איהר געפרעגט.

— דיעזען בריעף האט ער מן-הסתם ערהאלטען פון דיא פערזאָן — א מאן אדער א פרוי. — וואס האט איהם דערצעהלט דעם סוד וועגען מיר. וויא ער האט נעקראָגען דעם בריעף, איז ער געווים געגאנגען אין קאלען סטריט צו זעהן דיא פער-

און וואס האט דעם בריעף געשריעבען. אויפ'ן קארנער פון דיא סקאטש קירכע, האט ער געפונען ליגען שכור הערן אסקאר און וויא ער האט איהם דערקענט, נאכדעם וויא ער האט איהם אריינגעזעצט אין וואגען, איז ער באלד פון איהם אוועקגעגאנגען אום צו זעהן דיא פערזאן וואס האט אויף איהם געווארט.

— אלזא, דענקט איהר פריילין, אז ער איז ניט צוריק געקומען אין וואגען מיט אסקאר'ן?

— געוויס דענק איך אזוי; איך בין איבערצייגט אז מארקוס האט אייך געזאגט דיא וואהרהייט. עס זיינען דא גענוג יונגע לייט אין לאנדאן וואס געהן געקליידעט וויא ער. ווער דיעזער צווייטער מאן איז געווען וואס איז אריין מיט אסקאר'ן אין וואגען ווייס איך ניט; איך בין אבער זיכער, אז מארקוס איז דאס ניט געוועזן. איך קען שווערן דארויף! יעצט וויל איך אלזא זוכען יענעם בריף וואס מארקוס האט בעקאמען אין קלוב. דאס קענען מיר געפינען אין זיין צימער, ביי מאדאם זינגער.

— טאמער האט ער עס פערברענט? — האט מארטאן געפרעגט פערטראכטערהייט.

— פון „טאמער" איז יעצט קיין רעדע ניט — האט אסתר זיך אבגערופען מיט אונגעדולד — עס איז זעהר מעגליך, אז מארקוס האט געטהא, מיט דיעזען בריעף טויזענד זאכען; ער האט עס אבער ניט געטהאן. ער איז א זעהר נאכלעסיגער יונגער מאן. ענטוועדער ער האט דיעזען בריעף אריינגעלעגט אין זיין טאשע, אדער ער האט עס פערווארפען אויפ'ן טיש צווישען דיא פאפירען אונד האט ניט מעהר דערפון געדאכט.

דער אדוואקאט האט א ווײלע געשוויגען און האט ענדליך געזאגט מיט איבערלייגענד:

— אין פאל ווען ער האט געהאט א בריעף אזוי שפעט ביי נאכט, וואהרשיינליך האט איהם דאס אימיצער געבראכט אין קלוב. לאמיר אלזא צוערשט געהן אין קלוב נאכפרעגען, ווער עס האט איהם א בריעף געבראכט יענעם דאנערשטאג נאכט.

אסתר האט באלד איינגעשטימט מיט מארטאנ'ס פלאן און זיי זיינען געפאהרען פריהער צום קלוב. אסתר איז געבליעבען זיצען אין וואגען און מארטאן איז ארויף זיך ערקונדיגען. ער האט דארט געפונען דעם אויבער-קעלנער ב ר ז י ן מיט וועמען ער איז געוועזן ציעמליך גוט בעקאנט און האט איהם געפרעגט:

— קענט איהר מיר ניט זאגען אויב יענע נאכט ווען דער מארד אין שפאציר-וואגען איז געשעהן, — אויב עס איז יענע נאכט געקומען היער עפעס א בריעף פאר הערן גרינוואלד?

— פער פאסט, גלויב איך, איז דאן קיין בריעף געקומען פאר איהם — האט דער קעלנער געענטפערט — איבריגענס, עס איז שוין אזוי לאנג אז עס איז מיר אונמעגליך צו געדענקען. נאר, דאס קען איך אייך פערזיכערן, אז א פרוי האט יענע נאכט געבראכט א בריעף פאר איהם. איך געדענק דאס גאנץ גוט, ווייל איך האב זיך שיער ניט צושלאגען מיט דיעזע אונפערשעהמטע פרוי.

— אום וויפיעל אוהר האט דיא פרוי אהער געבראכט דעם בריף?

— איינינע מינוטען פאר 12.

— וויא האט דיא פרוי אויסגעזעהן?

— אויסגעזעהן! — האט דער קעלנער זיך צולאכט — זיא האט גאר ניט אויס־געזעהן! עפעס א שטיק מישב אהן דרך ארץ, פון דיא געמיינסטע קלאס. איהר קענט אייך שוין פארשטעלען, הער אדוואקאט, וויא טרויעריג זיא האט אויסגעזעהן, אז איך האב איהר ניט געוואלט ארייגלאזען.

— וואס האט זיא אייך געזאגט?

— זיא האט געהאלטען אין האנד א בריעף אין א שמוציגען קאנווערט. אויפן קאנווערט איז ניט געווען געשריבען קיין אדרעסע. זיא האט מיר געזאגט:

— מיסטער נאט אייך דעם בריעף און גיבט עס איהם איבער.

— וועמען? — האב איך איהר געפרעגט מיט אונגעדולד.

— דעם הויכען בלאנדען יונגען מאן, אסתר רובינשטיינ׳ס חתן — האט זיא געענטפערט — איך וויים אליין ניט וויא ער הייסט.

— איך האב פון איהר צוגענומען דיעזען בריף און האב עס באלד אבגעגעבען הערן גרינוואלד וואס איז גראדע געווען זעהר בעשעפטיגט שפילענדיג שאך. ער האט צוגענומען דעם בריף האט עס אנגעקוקט האט עס אריינגעלעגט אין טאשע און האט וויטער געשפיעלט.

— האט הערר גרינוואלד דעם בריעף ניט געעפענט?

— ניין! באלד ניט; נאר א פערטיל פאר 1 אוהר, האט ער עס דורכגעלעזען און האט אויסגעשריען: „דאס איז אביסעל א פערדאמטע חוצפה“. ער האט ווידער אריינגעלעגט דעם בריעף אין טאשע און איז ארויסגעגאנגען, אונגעפעהר 5 מינוטען פאר 1. ער איז געווען זעהר אויפגערעגט.

— אהא! — האט מארטאן געזאגט צו זיך אליין — יעצט פערשטעה איך שוין: ער האט געטראפען אסקאר׳ן שכור אום 1 אוהר נעגענאיבער דיא סקאטש קירכע; ער האט איהם געלאזען און ער איז געגאנגען צו דער פערזאן וואס האט איהם געשיקט רופען דורכ׳ן בריעף.

דער אדוואקאט האט בעדאנקט דעם קעלנער פאר זיין מיטטהיילונג, ער האט איהם אריינגערוקט אין האנד א גאלדענעם „האלבע־פונט“ און ער איז געלאפען שנעל צום וואגען וואו אסתר האט אויף איהם געווארט.

— יא פריילין, איהר האט רעכט געהאט — האט דער אדוואקאט צו איהר געזאגט ווען ער איז אריין אין וואגען — הערר גרינוואלד האט ווירקליך ערהאלטען א בריעף יענע נאכט, און אין דער צייט ווען ער האט בעגעגענט אסקאר׳ן איז ער גע־גאנגען צו דער פערזאן וואס האט איהם געשריבען.

— אבער אזוי וויא מיין הערץ האט מיר געזאגט! — האט אסתר אויסגע־שריען פאר פרייד — איהר וועט יעצט זעהן אז מיר וועלען דיעזען בריעף געפינען אין מארקוס׳עס צימער.

— הלואי זאל זיך אזוי אויסלאזען — האט מארטאן איהר געענטפערט פערי

טראכטערהייט, און ער האט אין זיך בעוואונדערט מיט דעם גרעסטען רעספעקט אזא פרוי מיט אזוי פיעל אונטערנעהמונג׳ס קראפט, מוטה און געטרייהייט. אט דאס הייסט ליעבע אָהן א גרענעץ!

ווען זיי זיינען אנגעקומען אין גרינוואלד׳ס וואהנונג, האבען זיי געפונען מאדאם זינגער שרעקליך צוטראָגען. דיא אונגליקליכע קליינע קוויטשעדיגע ווירטהין האט זיך אליין ניט געקענט מוחל זיין, ווארום זיא איז געוועזן אזוי נארעש יענעם טאָג ווען דער פאלשער אגענט האט פון איהר אויסגעפארשט זאכען וואס עס האבען גרינוואלד׳ן אונגליקליך געמאכט. זיא האט זיך דיא גאנצע צייט אזוי געערגערט, אזוי געוויינט, אז דיא צרות האבען איהר אין גאנצען געענדערט. עס איז געווען א שרעק אויף איהר א קוק צו טהאן!

— ווארום האב איך אונגליקליכע געהאט אזא לויזע צונג צו רעדען וואס מען דארף ניט? — פלעגט זיא זיך פרעגען אליין איינינע מאל א טאָג. באלד נאכדעם פלעגט זיא זיך אוועקלעגען אויפ׳ן זאפע און זינגען וויינענדיג דאס ליעד פון „דיא לויזע צונג" וואס איהר שוועסטער׳ס טאכטער האט אימער געשפיעלט אויף דיא אלטע צובראָכענע פיאנאָ.

ווען מאַרטאָן און אסתר זיינען געקומען צו מאדאם זינגער׳ס טהיר, האבען זיי איהר דארום געהערט זינגען מיט א שרעקליכען וויינענדיגען ניגון דאס פאָלגענדע ליעד וואס זיי האבען זיך איינגעהערט ביז ענדע:

א לויזע צונג מאכט אין אונזער זעעלע א קעלט,
א לויזע צונג קען פעראונגליקען דיא גאנצע וועלט.
איברינע ווערטער האבען אין זיך א פינסטערע מאכט,
צו מאכען וויינען דעם וואס האט ערשט געלאכט.
איין איבריג ווארט פון א בייזע, לויזע מונד,
קען מאכען אין אייער זעעלע א טיפע וואונד.
א לויזע צונג קען רייסען, בייסען ברענען —
עפעס א קלייניגקייט וואס ווערטער קענען!
איין שמוציגעס ווארט מאכט א מעדכענ־געזיכט בלאס,
איין שטעך־וואָרט מאכט א העלד דיא אויגען נאס.
איין ווארט מאכט ציטערן דעם אלטען יעדען אבר,
איין קרום וואָרט ברייננט אריין דיא יונגענד אין קבר.
אך, וואס ווערטער קענען, ווען אבגעריסען פון קייט!
דיא וועלט זאגט: „א פאמש פערגייט, א ווארט בעשטייט".
איין ווארט רכילות קען אנפילען א הויז מיט שמערץ,
איין איבריג ווארט קען אפרייסען א הערץ פון הערץ!
ווען עס ווילט זיך אייך זאגען עפעס אהן חן,
דאן בייסט איין אייער צונג צווישען דיא ציין!
פערגעסט ניט, א בייז ווארט קענט איהר ניט חאפען צוריק —
און איהר קענט ברייננען דעם אונשולדיגען אויפ׳ן שטריק.

— גוטען טאג מאדאם זינגער, — האט אסתר געזאגט מיט א געצוואונגענעם שמייכעל — וויא איך זעה, ווילט איהר ווערן אן אקטריצע. עס זינגט זיך עפּעס ביי אייך. וואס מאכט איהר?

מאדאם זינגער האט אבגעווישט איהרע אויגען מיט איהר בלויען פארטוך און האט געזאגט:

— אזא אונגליק, אזא בראך וואס עס קען טרעפען! וועה איז מיר, ווער האט דאס געזאלט וויסען! אי, וואס האט פון מיר געוואלט האבען יענער גנב וואס האט מיר איינגעשמועסט, אז ער איז אן אגענט! איך ווייס אז ער איז אונשולדיג וויא א בייבי, און עס איז נאר מיין שולד.

אין דער צייט וואס דיא קוויטשעדיגע ווירטהין האט אויסגעלופטערט איהר צינגעל, האט דערווייל אסתר אריינגעפיהרט מארטאנען אין גרינוואלד'ס שרייב-צימער.

— הערט נאר מאדאם זינגער, — האט איהר דער אדוואקאט געפרעגט — וואס האט איהר אייגענטליך געזאגט דעם דעטעקטיוו?

— א קלאג זאל נאך איהם פערגעהן דעם גנב — האט זיא ערוויעדערט — ער האט מיר געפרעגט ווען הערר גרינוואלד איז געקומען א היים יענע נאכט. ער האט מיר דערצעהלט, אז ער איז אן אגענט צו פערזיכערן הערר גרינוואלד'ס לעבען און איך האב איהם געגלויבט.

— דאס הייסט א געשיקטער דעטעקטיוו — האט מארטאן זיך געטראכט — ער האט ארויסגעקראגען פון דיעזע פרוי אלעס וואס ער האט געוואלט, און נאך מעהר. דאס אליין קען באלד פעראונגליקען דעם יונגען מאן — נאר דאס אלעס איז ניט ווערטה קיין אויסגעבלאזענע איי אין פאל ווען גרינוואלד קען בעווייזען וואו ער איז געוועזן אין דער צייט ווען דער מארד איז געשעהן.

זיי האבען אבגעשאפט דיא פערוויינטע שפּרעך-מאשינקע פון צימער, און האבען זיך גענומען צו דער ארבייט: זוכען דאס בריוועלע וואס גרינוואלד האט ערהאלטען יענע נאכט דורך א פרוי. זייער ערשטער בעזוך איז געוועזן אויפ'ן שרייב-טיש וואו עס האט געהערשט דיא גרעסטע אונארדנונג. בילס, פריוואט-בריפע, טהעאטער-פּראגראמס, איינלאדונגען צו בעלער, אויסגעשניטענע שטיקלאך צייטונג און נאך פערשידענע פּאפּירען זיינען געלעגען אנגעווארפען איינע אויף דיא אנדערע.

אסתר און מארטאן האבעןביידע דורכגעלענט יעדען פּאפּירעלע בעזונדער — אבער אומזיסט! זיי האבען אויפ'ן שרייב-טיש ניט געפונען יענעם בריוועלע. זיי האבען עס געזוכט אין ביכער-שראנק, אין שלאף-צימער, אבער אויך דארט האבען זיי דאס בריוועלע ניט געפונען. אסתר האט שוין געוואלט אויפהערן זוכען, ווען מארטאנ'ס אויג איז פּלוצלונג געפאלען אויף א גרויסען ווערטער-בוך דייטש-ענגליש, וואס איז געלעגען אויף א קליין טישעלע, און פון דיעזען ווערטער-בוך האט עפּעס ארויס-געשטעקט א שטיקעל פּאפּיער. דער אדוואקאט האט עס ארויסגענומען און האט אויסגעשריען —

— עס איז דא!

— דאס איז געוועזן א בריוועלע האלב פערברענט.

— גאט זיי דאנק, — האט אסתר געזאגט — איך האב געוואוסט אז מארקוס האט דאס געמוזט וואו פערווארפען.

מאַרטאַן האט צוגעטראגען דאס בריוועלע צום פענסטער, האט עס דורכגע־לעזען מיט מיה. אבער דיא פּאָר ציילען האבען כמעט גאר ניט געזאגט; מען האט נור געקענט זעהן, אז מען דארף נעטהיג האבען גרינוואלד'ן, ער זאל באלד קומען. אבער וואו, וואס, ווען, ווער? דאס קען מען ניט וויסען. דער אדוואקאט האט זיך געזעצט, האט א רעכטע ווילע אנגעקוקט דאס בריוועלע און האט זיך ענדליך א חאפּ געטהאָן:

— איך האב א גוטע שפור! בעטראכט נור גוט דיעזע שטיקעל פּאפּיר וויא וויס און דיק עס איז. מען זעהט באלד אז דיעזע פּאפּיר שטאמט פון אן אריסטא־קראטישע הויז. איבערהויפּט קענט איהר זעהן, פריילין רובינשטיין, וויא אויפ'ן ווינקעל פון בויגעלע פּאפּיר שטעהט געדרוקט: פלעזיר ווילא, קענסינגטאָן.

מאַרטאַן האט א ווילע געשוויגען און האט פאַרטגעזעצט צו אסתר'ן מיט דיעזע ווערטער:

— יעצט איז דיא פראגע: פון וואנען קומט דיעזער בריעף? פון קעסינגטאָן געוויס ניט, ווייל דיא פרוי וואס האט עס געבראכט אין קלוב זעהט אויס וויא יענע אונגליקליכע פרויען וואס מאכען געשעפטען מיט זייער אייגענעם קערפּער אין דיא שמוציגע שטראסען פון לאָנדאָן. אזוי האט מיר געזאגט דער קעלנער פון קלוב. ביי מיר איז אלזא קיין קלעהר, אז דער בריוועלע איז ניט געשריעבען געווארען אין יענע ווילא פון קעסינגטאָן מען האט עס אויך ניט געבראכט פון דאָרט. דאס שטאמט גיכער פון א קליינע געסיל ארום לאָנדאָן־האָספּיטאל, וואהיט־טשעפּיל, וואו דיעזע אונגליקליכע פרויען טרייבען זיך ארום.

— טאָ וויא קומט דאָרט דיא אריסטאקראטישע פּאפּיר פון קענסינגטאָנער ווילא? — האט אסתר איהם אונטערבראכען.

— דאס וואונדערט מיר גאר ניט — האט דער אדוואקאט געענטפערט — ווייל מיט צוויי מאָנאט צוריק האבען נאכט־רויבערס בע'גנב'עט א רייכע הויז אין קענסינגטאָן. דיעזער בריוועלע איז פון דיא גע'גנב'טע פּאפּיר און דיא גנבים האלטען זיך געוויס אויף אין יענע פערדאָרבענע הייזלאך וואו דער בריעף איז געשריעבען געוואָרען.

אסתר האט געשוויגען.

— איך וועל זעהן הייטע אבענד א דעטעקטיוו — האט מאַרטאַן ווידער גערעדט — אום אויסצוגעפינען פון וואנען דיעזער בריעף קומט און ווער עס האט עס געשריעבען. עס איז דא א שטארקע האָפנונג, אז מיר וועלען נאך פריי מאכען הערר'ען גרינוואלד'ן פון טויט און פון תפיסה.

— דענקט איהר, הערר אדוואקאט, אז איהר וועט קענען געפינען דיא פרוי וואס האט עס געשריעבען?

— דאס וויס איך ניט, פריילין; עס קען זיין אז זיא איז שוין גאר געשטארבען, דען אין בריעף שטעהט אז זיא איז זעהר קראנק און זיא וויל דארום זעהן הערר'ן

גרינוואלד פאר א זעהר וויכטיגע זאך. אפשר איז זיא געשטארבען. נור עס מאכט ניט אויס — מיר דארפען ניט האבען דיא פרוי וואס האט געשיקט נאך אייער חתן, נור דיא יונגע פרוי וואס האט איהם דאס בריוועלע געבראכט אין קלוב און וואס האט געווארט אויף גרינוואלד'ן אויפ'ן ווינקעל פון ראסעל סטריט. דאס איז גאנץ גענוג צו בעווייזען אז העדר גרינוואלד איז ניט געווען אין שפאציר וואגען מיט אסקאר'ן.

אסתר האט זיך אוועקגעזעצט נעבען פענסטער, האט גענומען דאס בריוועלע אין האנד, האט עס גוט בעקוקט און האט אויסגעשריען:

— דיעזע מויטע בוכשטאבען וועלען רעטען פון טויט דעמיעניגען וואס איז דאס לעבען פון מיין לעבען.

11טעם קאפיטעל.

צוויי קעץ אין איין זאק.

עס איז דא א ביבלישער שפריך־ווארט: „כל עוף למינהו“ (יעדער פויגעל צו זיין חברותא) דיעזער פאל איז אבער ניט ביי געהיים־פאליציסטען, אדער „דעטעקטיווס“ וויא מיר רופען עס היער אין אמעריקא. א דעטעקטיוו איז זעלטע א גוטער ברודער מיט אן אנדער דעטעקטיוו און בפרט נאך, ווען מען רייצט זיי אן איינעם אויף דעם אנדערן. סעם גאריק איז געווען אן אויסגעצייכענטער דעטעקטיוו; נור אפגעזונדערט פון זיינע חברים, ווייל ער האט געוואוסט, אז זיי זיינען איהם שטארק מקנא. מעהר פון אלעס, האט ער אימער געזוכט אין גאנצען אויסצומיידען דעם דעטעקטיוו פעליקס אשקען וואס איז שטענדיג געווען זיין שטארקער געגנער. ווען איינער האט געזאגט „שווארץ“ האט דער אנדערער געמוזט זאגען „ווייס“.

פעליקס אשקען איז געווען א געטויפטער איד פון בעסעראביען. ער איז אנגעקומען אין לאנדאן אויסשטודירען משומד. דאס איז א טיטעל וואס איז געווען זעהר ליכט צו קריגען ביי דיא צוויי לאנדאנער מיסיאנערען דר. שטערן און בריהל — צוויי מיטומדים פון דייטשלאנד, וואס האבען א לאנגע צייט געהאט אין לאנדאן א האלסייל ביזנעס פון נשמות. זיי האבען געהאנדעלט מיט זעלען און זייער גרעסטער גריק איז געווען „בעקעהרען אידען צום קריסטענטהום“. זיי האבען דערפון געמאכט א גאנץ שעהנעם לעבען און זיי האבען טאקע איבערגעקעהרט עטליכע הונדערט אידישע באדיונגען און וואגאבונדים צו דער רעליגיאן פון יאסעלע דעם רבונו־של־עולם'ס. פעליקס אשקען האט געהייסען אין דער היים פייוועל אשכנזי. פון „פייוועל“ מאכען פעליקס, איז געווען פאר איהם א קלייניגקייט; דעם נאמען אשכנזי האט ער אפגעקירצט אין אשקען און אזוי איז ער געווארען א גאנצער קנאקער ביי דיא מיסיאנערען ביז ער איז אליין געווארען א שטיקעל אונטער־מיסיאנער, פונקט וויא ער איז אמאל געווען אן אונטער־שמש אין א קעשינעווער חסידישען קלייזעל און אן אויבער־מסור ביי דעם גובערנאטאר, לאנדאן האט פאר איהם געעפענט א נייע פעלד טהעטיגקייט; זיין שמד־שטיק איז געווען זיין גאנצער וויא אויך זיין פראפעסיאן: ער פלעגט ארומפאהרען אין דיא דערפער פרעדיגען

קריסטענטהום פאר קריסטען און זיי דערצעהלען, וויא אזוי נאט האט געעפענט זיינע אויגען צו דערקענען דיא וואהרע רעליגיאָן. דיא נאררישע קריסטען האבען איהם געגלויבט און אשכנזי אדער „אשקען" וויא ער האט זיך דערנאָך גערופען, האט געמאכט שטיקער געלד. ער האט אפילו דאן געקענט ענגליש עפּעס מעהר פאר א טויטען, אבער דאס האט איהם ניט געשטערט אויסצובאטלען איבעראל זיין יאלעווע דרשה, וואס א יונגער מאן האט פאר איהם אנגעשריעבען פאר דריי שילינג.

וויא אשקען האט שפּעטער איינגעזעהן, אז משומדים זיינען שוין אריין אין שוסטער־גאָס, האט ער זיך גענומען צו אנדערע „זויבערע" געשעפטען, וואס פּאַסען צו זיין טאלענט, ביז ער איז ענדליך רעקאָמאַנדירט געווארען צו דער לאָנדאָנער פאליציי אלס דעטעקטיוו. שוין אין רוסלאנד האט ער בעוויעזען זיינע פעהיגקייט אין דיעזע פּראָפעסיאָן, ווייל מען האט איהם געהאלטען פאר דעם בעסטען רעקרוטען־האפער פון בעסאראביען. ער האט זיך אויך מיט דער צייט אויסגעלערנט צימליך א רעכט ביסל ענגליש און עס האט ניט געדויערט קיין פינף יאהר האט דיא פאליציי געהאלטען דעם געוועזענעם מיסיאָנער אשקען פאר אן אויסגעצייכענטען דעטעקטיוו.

אשקען האט אויך דיא ערשטע צייט אפּגענומען א ברודער אין לאָנדאָן, האט איהם אליין געטויפט און האט שטארק געארבייט איהם צו לאָזען שטודירען גלח. דיעזער יונגער משומד האט אבער ניט געהאט דעם טאלענט פון זיין ברודער פעליקס אשקען און ער האט זיך געמוזט נעהמען צו אנדערע פּארעווע געשעפטען. ער האט ניט אפּגעקירצט זיין נאמען „אשכנזי" אין „אשקען" זאנדערן ער האט זיך אליין גענומען א שפּאָגעל־נייעם נאמען ער זאל מיט זיין ברודער קיין מחותן ניט זיין.

גאריק און אשקען האבעןביידע געהאט א גאנץ גוטען בערוף. זיי האבען ביידע געהאט בעוואונדערער אין לאָנדאָן. זיי האבען זיך ביידע ניט געקענט ליידען און אויף אלע פּוסטע וועלדער געזאגט געוואָרען, וואס זיי האבען זיך איינער דעם אנדערן געוואונשען שטילערהייט. עס איז אלזא זעלבספערשטענדליך, אז אשקען האט ניט געקענט שלאפען זייט גאריק'ן האט זיך געמאכט אזא גליק אויסצוגעפינען דעם מערדער פון „רוסישען ניהיליסט" אין שפּאציר־וואגען. אשקען וואָלט אומגעגאנגען מיט פערגניגען אויספּויקען גאנץ לאנדאָן, אז גאריק האט שוין ווידער ארעטירט אן אונשולדיגען מאן; אשקען האט אבער געמוזט האלטען דיא צונג צווישען דיא צייהן, נאכדעם וויא גאריק האט אויפגעוויעזען אזעלכע לעבעדיגע בעוויזע, וואס בעשולדיגען גרינוואלד'ן פאר אסקאר'ס מאָרד. דער משומד־דעטעקטיוו האט אזוי לאנג געשוויעגען ביז ער האט ערהאלטען א בריוועלע פון אדוואקאט מאָרטאָן, אז ער וויל איהם זעהן. מאָרטאָן האט איהם געשריעבען, ער וויל מיט איהם שמועסן דעם זעלבען טאג אום אכט אוהר אבענדס וועגען דעם מארד אין שפּאציר־וואגען. אזוי וויא אשקען האט גוט געוואוסט, אז דיעזער אדוואקאט איז אנגעשטעלט צו פערטהיידיגען גרינוואלד'ן, האט ער באלד פערשטאנען, אז דא האט מען געפונען מן־הסתם א שפּיצעל צו בעפרייען אסתר'ס חתן און דארום דארף איהם דער אדוואקאט.

פעליקס אשקען האט זיך גוט איבערלעגט אז נאר דאס מוז זיין מאַרטאַנס מחשבה, און ער האט דארום בעשלאסען זיך ארייגצוטהאן מיט לייב און לעבען צו העלפען גרינוואלד׳ן. ער האט ניט אזוי געמיינט צו בעפרייען דעם געפאנגענעם וויא צו מאכען צרות גאריק׳ן!

אשקען האט געווארט א גאנצען טאג עס זאל שוין ווערן 8 אוהר אבענדס. נאכמיטאג האט ער געטראפען גאריק׳ן אין א וויין-האנדלונג און ער האט איהם עמפפאנגען מיט דיעזע ווערטער:

— איהר זיינט ווירקליך א העלד, הערר גאריק, וואס איהר האט געלעגט דיא האנד אויף דעם מערדער מארקוס גרינוואלד.

— יא, דאס פרייט מיר טאקע — האט גאריק איהם געענטפערט מיט שטאלץ טרינקענדיג צו איהם לחיים א גרויסע גלאז וויסקי — עס פרייט מיר ווירקליך פריינד אשקען, וואס עס איז מיר אריינגעפאלען אזא „פודינג“ אין האנד. נאר, וואס אמת איז אמת, איך האב גענוג געשוויצט ביז איך האב זיך בעשלאסען צו מאכען מיין ערשטען טריט.

— מן הסתם זיינט איהר דאָך זיכער אז איהר האט דיעזעס מאל קיין פעהלער געמאכט — האט איהם אשקען ערווידערט מיט א צווייפעלהאפטען טאן.

אבער גאריק האט באלד צו איהם געזאגט:

— איהר קלערט נאך אויב איך בין זיכער? אפילו א בלינדער קען דאך זעהן, אז איך געה דאָ אויף אן אייזערנעם בריק. איך האב עפּעס וועניג בעווייזע? דאכצעך גרינוואלד און אָסקאַר האבען זיך ביידע ניט געקענט ליידען; איך האב אויך עדות וויא גרינוואלד האט געזאגט צו אָסקאַרן, אז „ער וועט פון איהם ראכע נעהמען אין מיטען שטראסע“. אז ער האט געטראפען אָסקאַר׳ן שכור יענע נאכט — דאס איז דאך גרינוואלד אליין זיך מודה. דער פוהרמאן רוסטאן שווערט אויך אז ער האט זיך מיט׳ן בעזאפענעם אריינגעזעצט אין וואגען. ווען ער איז ארויס פון וואגען האט ער געלאזען אָסקאַרן טויט. וואס ווילט איהר נאך מעהר? דאך האב איך נאך מעהר בעווייזע וועלכע איך וויל פארלויפיג ניט אויסזאגען ביז דער פראצעס וועט פארקומען.

— און וואס דענקט איהר, פריינד גאריק, וועט זיין גרינוואלד׳ס פערטהיידיגונג?

— דאס ווייסט נור דער אדוואָקאט מאַרטאַן, — אבער איך הייב ניט אן צו גלויבען אויב דיא שפּיצלאך פון הונדערט אדוואָקאטען קענען רעטען גרינוואלדס קאפּ.

— געהט נאר ניט צופיעל אויף אייער אייזערנעם בריק, — האט איהם אשקען בעמערקט מיט אן איראָנישען שמייכעל — זייט נאר ניט אזוי זיכער. מען קען גאר ניט וויסען וואס עס קען זיך מאכען.

— איהר רעדט אזוי מיסטער אשקען, ווייל עס פערדריסט אייך ווארום איהר האט ניט קיין טהייל אין דיעזער מציאה.

— איך קען נאך האבען א חלק אין דיעזע טראגעדיע, הערר גאריק, און איהר דארפט אייך נאר ניט בלאזען צופיעל. עס איז נאך ניט בעוויזען געווארען, אז איהר האט געלעגט דיא האנד אויף דעם ריכטיגען חברה-מאן. אפשר איז דאס טאקע מיר בעשערט!

— וואס צווינגט אייך דען צו זאגען אזא משוגעת?

— דאס וועט איהר שפּעטער זעהן, הערר גאריק, און איך ראטה אייך אלס גוטער פריינד אז פארלויפיג דארפט איהר זיך נאך ניט פּאטשען אין בייבעלע.

גאריק איז בייז געווארען און האט איהם איבערגעלאזען אליין. אין גרונד גענומען איז אשקען געווען גאנץ גוט איבערציינגט פון דיא פאקטען, אז גרינוואלד איז ווירקליך דער מערדער; ער האט נאר אזוי גלאט געזוכט צו ערגערן זיין קאָלעגיע זינט ער האט ערהאלטען מאַרטאָן'ס בריוועלע.

— אויב איהר זיינט ווירקליך אזא הילצערנער דעטעקטיוו וויא איהר ווילט מיר איינרעדען — האט גאריס געזאגט מיט כעס ארויסגעהענדיג — דאן מעגט איהר צוריק ווערן א מיסיאָנער.

— און אויב איהר זיינט ווירקליך אזא געוועזענער גבור וויא איהר ווילט מיר איינשמועסן — האט איהם אשקען נאכגעשריען -- מעגט איהר זיך בעסער אין גאנצען אבגעבען מיט דיא נקיבות פון דיא בורא-נפשות-קלייזלעך וואס שטעהן אונטער אייער שוץ.

אזוי האבען זיךביידע דעטעקטיווס געגעבען פייער-און-פלאם איינע אויף דיא אנדערע. דאס איז ניט געווען דאס ערשטע מאל וואס דיעזע צוויי „חברה“ האבען געהאט אזא בייזע באגעגנעס. זיי האבען געמעגט שמועסן אין אנפאנג זעהר פריינד-ליך, זייגען זיי זיך דאך פארנאנדערגעגאנגען אויף מעסערס.

וויא עס איז געקומען 8 אוהר אבענדס, האט אשקען זיך פארגעשטעלט אין מאַרטאָן'ס פּריוואט קאבינעט. דער אדוואָקאט האט איהם ערווארטעט מיט דיא גרעסטע אונגעדולד, און נאָכדעם וויא ער האט איהם ווארים עמפפאנגען, האט ער זיך געווענדעט צו איהם מיט דיעזע ווערטער:

— איך גלויב, הערר אשקען, אז איהר זייט שוין בעקאנט מיט אלע איינצעל-הייטען פון דעם מארד וואס האט געטראפען אין שפּאציר-וואגען.

— אויב איך בין בעקאנט מיט דיעזע דראמא! — האט דער דעטעקטיוו איהם געענטפערט — געוויס וויים איך פון אלעס. וואס מיר ערגערט איז דיעזע געשיכטע, איז דיא חוצפה פון גאריק'ן וואס געהט אום אין שטאדט דערצעהלענדיג זיינע גבורות, וויא אזוי ער האט כלומערשט געחאפּט דעם מערדער.

— וואס מיינט איהר אייגענטליך, הערר אשקען, מיט דיא ווערטער „כלומערשט דעם מערדער“? מיינט איהר דען, אז גרינוואלד איז אונשולדיג?

— איך וועל אייך זאגען דיא וואהרהייט, הערר אדוואָקאט, איך האב איהם געהאלטען פאר שולדיג ביז היינטע פריה. נאָר, וויא איך האב ערהאלטען אייער בריוועלע היינטע מאָרגען, אז איהר ווילט מיר זעהן און איהר זייט גרינוואלדס אדוואָ-קאט, האב איך באלד געענדערט מיין מיינונג. איך פערשטעה אז איהר האט געוויס ערפאהרען עפּעס גוטעס פארן געפאנגענעם און איהר ווילט דארום, אז איך זאל אייך העלפען זוכען דאס וואס איהר ווילט געפינען.

— בראווא, הערר אשקען! איהר האט געטראָפען. הערר גרינוואלד האט

טאקע בענעגענט אַסקאַרן שכור יענע נאַכט, האָט ווירקליך פאַר איהם צוגערופען א וואַגען, ער איז אָבער אינוועניג ניט אריינגעקראָכען.

— גלויבט איהר אַלזאָ אז דער יונגער מאַן קען בעווייזען וואו ער איז געוועז אין דער צייט ווען דער מאָרד איז געשעהען?

— געוויס קען ער דאָס בעווייזען. — קענען קען ער, ער ווי ל אָבער ניט!

— וואָס הייסט ער וויל ניט? וויל ער דען ניט רעטען זיין גניק?

— ניין, הערר אַשקען, — דאָס איז דיא צרה וואָס ער וויל ניט רעטען זיין גניק

— איהר שפּאַסט געוויס, הערר אַדוואָקאַט.

— איך שפּאַס גאָר ניט, דאָס איז דיא טרויעריגע וואהרהייט. ער האָט זיך אריינגענומען אין קאָפּ א משוגעת, אז ער קען ניט זאָגען, וואו ער איז געוועזן יענע צייט

— אַהאַ, איך פערשטעה שוין — דאָ האַנדעלט זיך געוויס פון א פרוי.

— ניין, מיין פריינד, דאָ האַנדעלט זיך גאָר ניט פון ליעבע־געשעפטען. איך האָב אויך אזוי געמיינט אין אנפאַנג, עס איז אָבער ניט דאָס: גרינוואַלד איז געגאַנגען זעהן א קראַנקע פרוי אויפ'ן שטערבע־בעט זיא זאָל איהם אויסזאָגען א גרויסע געהיימניס.

— וועגען וועמען, וועגען וואָס?

— דאָס וויים איך ניט מעהר פאַר אייך. געוויס איז דאָ געוועזן צוליעב א זעהר וויכטיגע זאַך. דען דיא פרוי האָט נאָך איהם געשיקט אין האַסט און ער איז געוועזן נעבען איהר בעט צווישען איינס און צוויי אוהר באַנינעט. זאָגען וואו דאָס איז געוועזן וויל ער ניט. איך האָב איהם גענוג געפרעגט.

— האָט איהר ניט א שטיקעל שפּור, הערר אַדוואָקאַט?

— יאָ, הערר אַשקען. איך האָב געפונען אין גרינוואַלד'ס צימער א האַלב פערברענטען בריוועלע געשריעבען פון א פרוי יענעם דאָנערשטאָג נאַכט, אז גרינוואַלד זאָל איהר קומען זעהן.

מאַרטאַן האָט דערלאַנגט דעם דעטעקטיוו דאָס בריוועלע און ער האָט עס גוט בעקוקט.

— וויא איך זעה — האָט אַשקען געזאָגט — האָט מען דאָס אָפּגעשריעבען אין פּלעזיר־ווילאַ קענסינגטאָן.

— אָה, ניין, — האָט איהם דער אַדוואָקאַט אונטערבראָכען — גרינוואַלד האָט קיין צייט ניט געהאַט צו זיין דאָרט הין־און־צוריק אין א שטונדע. דער פוהרמאַן קען בעווייזען אז ער איז געוועזן אום איינס אוהר אין ראַסעל סטריט און מאַדאַם זינגער קען ווידער בעווייזען אז אום צוויי אוהר נאָך האַלבע נאַכט איז שוין גרינוואַלד געוועזן אין דער־היים. דאָס בריוועלע האָט איהם געבראַכט אין קלוב א מיידעל וואָס האָט אויסגעזעהן צו זיין פון א גאַנץ נידריגע קלאַסע. זיא האָט אויף איהם געוואַרט אויפ'ן ווינקעל פון ראַסעל סטריט אום איהם הינצופיהרען צו דיא קראַנקע פרוי וואָס האָט איהם בעדאַרפט פערטרויען א סוד. יעצט, אַט דאָ האָט איהר דיעזע ציילען פאַר אייערע אויגען; איך וויל פון אייך פאַרלאַנגען איין זאַך: איהר

זאלט אויסגעפינען ווער און וואו איז דיא נקיבה וואס האט גרינוואלד'ן דאס בריוועלע געבראכט.

— אבער וויא אזוי? — האט אשקען געפרעגט.

— וואס הייסט „וויא אזוי?“ זעהט איהר דען ניט, אז דאס קומט פון א זעהר געמיינעם פּלאץ, פון יענע נידריגע געסלאך, וואו דיא נאכט-וואנדלערקעס טרייבען זיך ארום?

אשקען האט א ווילע געשוויגען, האט ווידער א חאפּ געטהאן דאס שטיקעל פּאפּיר און האט אויסגעשריען:

— פלעזיר-ווילא קענסינגטאן איז דאך דער פּלאץ וואס מען האט ניט לאנג בעזוכט.

— יא, עס שטימט; יעצט וויל איך איהר זאלט מיר נעהמען אין יענעם געמיינעם פּלאץ וואו מען האט בעהאלטען דיא געשטאהלענע זאכען. דאָרט האט מען עס געווים געשריעבען און דאָרט האט מען גרינוואלד'ן גערופען.

— אויב ניט מעהר וויא דאס, איז פאר מיר זעהר לייכט אלעס אויסצוגעפינען — האט אשקען ערוויעדערט מיט צופריעדענהייט — דיא רויבעריי אין פּלעזיר-ווילא האבען געטהאן פיער גנבים; דיא נקיבה האבען זיי בעהאלטען ביי דיא מוטער דיקסאָן וואס וואוינט ענדע גלאָסעסטער סטריט. אבער איך הייב ניט אָן צו פערשטעהן, וויא קומט אין אזא געמיינעם פּלאץ אזא פראנט וויא גרינוואלד און נאך אין פראק דערצו! סיידען איך זאָל אָננעהמען אז —

— לאָמיר פאָרלויפיג לאזען דיא „וויא'ס“ און „וויא-אזוי'ס“ אָן דער זייט, וויל דיא גאנצע זאך איז שוין צופיעל פערפּלאָנטערט אז מיר זאלען עס נאך מעהר פערפּלאָנטערן — האט מאָרטאָן זיך אפּגערופען מיט אונגעדולד.

אשקען האט ווידער אנגעקוקט דאס בריוועלע, האט צוגעלעגט זיין פינגער צום שטערן און האט געזאגט:

— שאַ! דיעזע צייל'ען זאגען מיר אז א קראנקע פרוי וויל זיך מיט איהם זעהן. מיט פיער וואָכען צוריק איז טאקע געשטארבען א פרוי ביי דיא אלטע מאדאם דיקסאָן.

— ווער איז זיא געווען? — האט מאָרטאָן געפרעגט.

— איך גלויב, א קרובה פון דיא אלטע דיקסאָן. מען האט איהר דאָרט גערופען דיא „קעניגין“ וויל זיא איז געווען דיא שעהנסטע פון דיקסאָן'ס „באָרדער-קעס“. איך האב איהר גוט געקענט און עס איז ביי מיר קיין צווייפעל, אז אין דער יוגענד איז זיא ווירקליך שעהן געווען. זיא קומט פון ניו-יאָרק. זיא האט געננב בע-רייזט דיא וועלט. איך גלויב, אז זיא איז געשטארבען פון שווינדזוכט.

— אין דיעזען פאל — האט דער אדוואקאט געזאגט ארויפשארענדיג זיינע לאנגע האאר פון זיין הויכען שטערן — אין דיעזען פאל האט זיא אליין דאס בריוועלע געשריעבען.

— איך גלויב אויך אזוי. — האט דער דעטעקטיוו ערוויעדערט מיט א טאָן פון איבערציינונג — און וויא באלד גרינוואלד איז דאָרט געווען יענע נאכט פון

מאָרד, דאן וועט ער דאס געוויס קענען איבערציינגען, וועניגסטענס דורך צוויי פּער־זאָנען: דיא אלטע דיקסאָן און דיא יונגע אָלגא.

עס איז שוין געווען 9 אוהר ווען דער אדוואקאט מיט'ן דעטעקטיוו האבען זיך אויפגעהויבען צו געהן; מארטאן האט געקלערט מיט זיך אליין:

— אבער וואס, צום טייפעל, האט אזא יונגער מאן וויא מארקוס גרינוואלד געקענט מאכען אין אזא פּלאץ? וויעדער, וואס פאר סודות האט מען איהם דאָרט געקענט זאגען? לאָמיך זעהן וואס ווייטער וועט זיין; פאָרלויפיג מעג איך צופריעדען זיין וואס איך האב אשקענען, — ער און גאריק זיינען ווירקליך צוויי קעץ אין איין זאַק.

12טעס קאפּיטעל.

„קעניגין“ און „מכשפה“.

אָקספאָרד סטריט איז אימער מעהר געפּאקט פאר פיקאדילי, איבערהויפּט אין דער נאכט. דאָרט זיינען דיא טהעאטערע און דארום איז יענער געגענד אימער בעלאַגערט מיט מחנות מענשען. דאס זעלבע איז אין דיא „סטרענד“, וואו דיא גרויסע באנק־הייזער געפינען זיך, וויא אויך אין רידשענט סטריט, וואס איז דיא לאָנדאָנער „בראָדוויי“. בפרט נאך צווישען ניין און צוועלף אוהר אין דער נאכט, ווען עס דרעמילט דיא טהעטיגקייט פון ארבייט און גע'שעפט, וואו יעדער זוכט עפּעס פערגניגען, בעקאנטשאפט אדער אזוי גלאט דאס פרישע לופט וואס איז א זעלטענ־הייט אין לאָנדאָן. אין דיעזע שטראסען טרייבען זיך ארום דיא נאכט-וואנדלערקעס, וואס גיבען א טשעק אויף א קוס און נעהמען דערפאר באארעם געלד. א ביסעלע ווייטער שטעהן פראנטען עלעגאנט געקליידעט, מאנכע פון זיי מיט א מאָנאָקל אויף איין אויג און זיי ווארפען אייגעלאך אויף דיא בלאָנדע מיידלאך מיט לאנגע העלזלאך וואס שטעלען זיך אַפּ קוקען אין דיא שוי־פענסטערס. נאך אביסעל ארונטער נעהנטער צו וואהאיט־טשעפּיל אונטער דיא עלעקטרישע בעלייכטונג פון א „פּאָבליק־הויז“ (שענק) שטעהן וויעדער באנדעס „יאַקילס“ אדער „לויפערס“ וואס לאבען־אַפּ פון דיא פאָרבייגעהערס און ווארטען מיט אונגעדולד א פריינד זאָל ארויסקומען זיי איינלאדען צו נעהמען א „דרינק“ — אן איינלאדונג וואס זיי נעהמען געוועהנליך אָן מיט דעם גרעסטען פערגניגען! — דא לויפט א קליינער ציימונגס־פּעדלער מיט א פּעני אין מויל און מיט א פּאַק צייטונגען אין האנד, דאָרט שטעהט א פּעדלער בעהאנגען פון קאָפּ ביז דיא פיס מיט זיין „סטאָק“ וואארע, וויא: מאַשען־טיכלאך, שוה־שנירלאך, בענדלאך, לעפלען, שפּיעל־צאַצקעס און שאר־ירקות. ער טראגט זיין סטאָר אויף זיך, א באסקעט פון פאָרנט, א פּעקיל פון הינטען — ער זעהט אויס וויא ער געהט זינגען א סאָלאַ, „אָחור וקדם צרתני“.... דיא שפּאציר־וואגענס גליטשען זיך לאנגזאם דורך דיא שטראסען און מאנכע פערד זעהען אויס אזוי אפּגעמאטערט, אזוי מאגער, פונקט וויא קעץ וואס האבען זיך טובל געווען אין א מקוה פון וויער־מילך. אבער דיא פוהר־לייט זעהן במעט אלע אויס דיק, אפּגע־קאָרמעט, מיט רויטע געזיכטען. צווישען דיעזע פּאַרעווע וואגענס מיט אויסגעדיענטע

פערד, לויפט ווילע=ווייס פארביי א שעהנער וואגען מיט צוויי גרויסארטיגע פערד זעהר שעהן איינגעשפאנט און אין וואגען זעהט זיך א פאר שווארצע אויגען, א ווייסע קלייד און א ברוסט בעהאנגען מיט בריליאנטען. ווען מען קומט שוין אריין אין וואריעטע=טשעפיל זעהט מען גאנץ אנדערע געזיכטען, פונקט וויא א וועלט וואלט זיך איבערגעביטען! דא שטעהט א וואגאבונד=ארקעסטער פון פינף דייטשען מיט בריהלען אויף דיא אויגען, מיט טרומפייטערס אין מויל און שפיעלען Ah, my little darling, I love you ! אדער „טא=רא=רא בום=דע=רע". א ביסעלע ווייטער זיצט א בעטלער אויפ'ן ברוק און מאלט א בילד אויף דיא שטיינער, מען זאל איהם שענקען א פעני; נעבען איהם זיצט א קינד און פייפט עפעס אויף נאטען, וועהרענד אויף זיי בײדען פייפט דער דלות גאר אהן נאטען!

— אך, וואס פאר טראגישע און קאמישע בילדער עס שפיגלען זיך אפ אין דיעזען לאנדאן. עס איז וואהר, זיא איז ניט דיא שעהנסטע שטאדט פון דער וועלט וויא פאריז וואס איז דער בולוואר פון ציוויליזאציאן — לאנדאן איז אבער אלענפאלס דיא גרעסטע שטאדט פון דער וועלט.

דיעזע בעמערקונג האט געמאכט מארטאן וואס איז נאכגעגאנגען זיין בעגלייטער אשקען דורך דיעזע אלע שטראסען ביז זיי זיינען ענדליך אנגעקומען אין גלאסעסטער סטריט. דער דעטעקטיוו האט איהם דורכגעפיהרט דיעזע דונקעלע שטראסע ביז זיי זיינען אריין אין א שמאלע פינסטערע „ליין".

— נעהמט מיר אן פאר'ן האנד, הערר מארטאן, — האט איהם אשקען געזאגט — מיר קענען דא בעגעגנען זעהר אונאנגענעהמע אורחים וואס קענען זיך פערליעבען אין אייער אוהר.

מארטאן האט אבער ניט בעדארפט דיעזע ווארנונג, וויל ער האט אליין צו גוט געקענט דיעזע נאכבארשאפט. זיי זיינען ביידע געגאנגען איינע נעבען דיא אנדערע און נאכדעם וויא זיי האבען דורכגעשפאלטען דיא פינסטערע „ליין" האט דער דעטעקטיוו זיך אפגעשטעלט פאר א טהיר וואס ער האט געעפענט גאר אהן צערעמאניע און איז אריין אין הייזעל. מארטאן איז איהם נאכגעגאנגען דעם ענגען דונקעלן קארידאר וואס האט אויסגעזעהן וויא א קליינער טונעל. זיי האבען געזעהן פון דערוויטענס א לעמפיל. אבער וויא זיי זיינען געקומען צום ענדע פון דיעזען „טונעל", האט זיך דאס לעמפיל פערלאשען און זיי זיינען ביידע געבליעבען אין דער פינסטער.

— צינד אן גיך דיין לאמפ — האט דער דעטעקטיוו אויסגעשריען — א חוצפה דאס איז, צו פערלעשען ווען מענשען געהן!

— א קליינעס מעדכען האט וויעדער אנגעצונדען דאס לעמפעל און דער דעטעקטיוו האט איהר געפרעגט:

— וואו איז דיא מיסעס דיקסאן?

— אויבען, — האט דאס אפגעריסענע קינד געענטפערט — אבער איהר וועט היינט ניט קענען רעדען מיט איהר, זיא איז....

— עס איז ניט דיין זאך וואס זיא איז, — האט אשקען אויסגעשריען מיט א

בייזער — זאג מיר נור, אויב זיא איז ריכטיג אויבען און פיהר אונז ארויף צו איהר.

איך וויים אליין אז דיא אלטע דיקסאָן איז יעצט שכור — האט דער דעטעקטיוו געזאגט צום אדוואקאט — איך האב איהר נאך קיין מאל ניט געטראפען ניכטער.

ווען דאס קליינע מיידעל האט זיי ארויפגעפיהרט דיא טרעפ, האט זיא גענעבען א פייף, דיא טהיר האט זיך געעפענט און דיא צוויי בעזוכער זיינען אריין אין א גרויסען צימער.

זיי האבען געזעהן א מערקווירדיגע סצענע: דיא פאפיר פון דיא וועגט איז געוועזען מעהר צוריסען וויא גאנץ. א צובראכענער טיש מיט אנגעשטעלטע לעדיגע פלעשער איז געשטאנען אין מיטען. אביסעלע ווייטער איז געלעגען א גרויסער מאטראץ אויף דער ערד און אויף דיזען מאטראץ האט זיך געקייקעלט א האלב-נאקעטע פרוי, דיא האאר צולאזען. דערביי איז געלעגען א צובראכענע גלאז. נעבען טיש איז געזעסען אן אלטע פרוי מיט א טאליע קארטען אין האנד און ענטגעגען איהר איז געשטאנען א יונגער מאן מיט א שרעקליכעם געזיכט. דיא אלטע האט וואהרשיינליך אויסגעוואָרפען קארטען פאר איהם און האט איהם דערצעהלט „וואס עס וועט מיט איהם טרעפען“.

וויא דיא קארטענוואַרפערקע האט געזעהן אריינקומען דיא צוויי פרעמדע, האט זיא זיך שנעל היינגעשטעלט און האט זיי אנגעקוקט שארף אין דיא אויגען. איהר צוקאָרצעטעס געזיכט איז געוועזען אויסגעאַקערט מיט א סך קנייצען. איהר נאז אביסעל אויסגעבויגען און איהר מאָרדע וויא אויך איהרע ליפען — בעוואקסען מיט האאר, וויא אן אלטע מכשפה.

— וואס ווילען זיי? — האט דיא בעוואקסענע מכשפה געפרעגט דיא קליינע מיידעל וואס האט זיי ארויפגעפיהרט.

— זיי קומען זיך זעהן מיט דיר — האט דיא קליינע אויסגעשאָסען מיט א געלעכטער.

— ארויס דוא שטיקל הייזריגע פראַש — האט דיא אלטע אויסגעשריען מאַכענדיג מיט איהר פויסט צו דיא קליינע אפשפעטערין — ארויס פון דאַנען! אוועק פון מיינע אויגען, ווארים איך צוברעך דיר דיא ביינער.

— נעה נור פון דאַנען — האט אשקען געזאגט צו דיא קליינע — דוא קענסט טאקע געהן און טראג זיך!

ער האט זיך נאכהער געווענדעט צום יונגען מאן:

— אויך דוא האסט דא יעצט ניט וואס צו מאכען; ווען איך וועל דיר דארפען, וועל איך שיקען נאך דיר.

דער מאכער האט זיך באלד ארויסגערוקט און האט עפעס געמורמעלט אונטער דיא צייהן וועגען „פערדאמטע חוצפה“. דיא צוויי פרעמדע זיינען אליין געבליעבען מיט דיא אלטע דיקסאָן. זיא האט געמאכט א „לחיים“ פון פלעשיל פאר אלעמען, האט צוזאמענגענומען איהרע אלע קארטען און האט געפרעגט דיא פרעמדע:

— אויסוואַרפען קארטען פאר אייך?

— מען איז אייך מוחל — האט דער דעטעקטיוו איהר אפגעהאקט קורץ און שארף — מיר זיינען ניט געקומען וועגען דעם, נור וועגען עפּעס אנדערש.

די אלטע האט איהם אנגעקוקט א ווײלע מיט פעראכטונג און האט א ברום געגעבען:

— וואס איז שוין ווייטער? איך האב יעצט ביי מיר קיין „חברה”, איך האב זיי געוויעזען די טהיר מיט אלע קלאָגענעס צוזאמען און לאָזט מיר צו־רוה.

אין דיעזע ווײלע וואס די אלטע האט גערעדט, האט די קראנקע פרוי אויף׳ן געלעגער אנגעפאנגען צו זינגען פון א מיטען לידעל, אזוי:

דזשאָהן איז געקומען פון דער מלחמה,
מיט צוויי פלאשען ראָם און ליקער;
ער ליגט יעצט טיעף אין דער אדמה —
טרא־לא־לא! ער איז געשטארבען שכור.

— שטיל, דו צובראכענער שארבען! — האט די אלטע דיקסאָן אויסגע־שריען צו די קראנקע — ווען דו וועסט ניט שווייגען, וועסטו באלד חאפּען א „בענטש” אונטער דיין פּערוק, דו געפיינערטע חאלאווע!

ביי דיעזע ווערטער האט דיקסאן געחאפּט די פלאש איהר צו ווארפען. זיא האט אבער געוועקסעלט איהר געדאנק, האט צוגעטראגען די פלאש צום מונד און זיא האט אזוי געטרונקען איינינע מינוטען.

— די פרוי איז דאך קראנק — האט מארטאן געזאגט.

— מען דארף איהר פערריכטען מיט א פּאאר רויפען און א קלעקפּקע — האט די אלטע דיקסאָן געענטפערט מיט א שלוקעריץ — אנשטאט דא צו ליגען און זיך קייקלען וויא א חזיר, האט זיא שוין בעדארפט טראגען א הילצערנעם קאסטיום „טיעף אין דער אדמה” מיט דזשאָהן צוגלייך.

— ווער איז די פרוי וואס איז היער געשטארבען מיט פיער וואָכען צוריק? — האט אשקען איהר געפרעגט.

— זיא האט זיך אריבערגעפעקילט, ווייסט איהר דער טייפעל וויא אזוי! זיא האט געטרונקען צופיעל ראָם ביז איהר קעלבערנע נשמה איז ארויפגעשוואומען. זיא גענעצט שוין מעהר ניט, די „קעניגין”.

— געדענקט איהר אפשר די נאכט ווען די „קעניגין” איז געשטאָרבען? — האט אשקען איהר געפרעגט.

— איך געדענק ניט, איך בין דאן געווען טוידט שכור, ס׳איז העלפט מי גאָדו

— ווען ביסטו ניט שכור? — האט דער דעטעקטיוו געזאגט.

— עס איז ניט פאר אייערע געלד, א יאָ, עס איז ניט? — האט די אלטע דיקסאָן זיך ארויסגעהאפּט וויא א הונד וואס רייסט זיך אפּ פון קייט — איך בין טאקע אלע מאל פול און טהוט מיר וואס! איך בין געווען פול נעכטען, אייער־נעכטען און אייער־אייער־נעכטען, און איך וועל אזוי זיין היינט א גאנצע נאכט און מאָרגען א גאנצע נאכט. אויב אייך געפעלט דאס ניט, פערשטעהט איהר מיך, האב איך אייך וואו די „קעניגין” ליגט.

מאַרטאַן האט זיך גענעבען א טרייסיל, ווייל ער האט נאך אין זיין לעבען ניט געזעהן אזא געמיינע באשעפענעס און ער האט נאך ניט געהערט אזא עקעלהאפטע מויל וואס שיסט מיט אזוי פיעל בלאָטע.

— האלט דאס מויל! — האט דער דעטעקטיוו צו איהר א געשריי געטהאן — זאג מיר שוין, אויב דא איז ניט געווען א יונגער מאן שעהן אנגעצויגען יענע נאכט ווען דא איז געשטאָרבען דיא פרוי וואָס דוא רופסט „קעניגין"?

— איך האב איהם דאן ניט געזעהן, נאַר זיא האט מיר געזאגט אז א צעטעל פון דיא הויכע פענסטער האט בעזוכט דיא „קעניגין".

— ווער איז דיא „זיא"?

— מיין אַלגא.

— האט איהר דען א טאָכטער אַלגא?

— זיא איז ניט מיין ריכטיגע טאָכטער, נאָר זיא איז ביי מיר וויא א טאָכטער; דיא האט ניט געהאט וואָס צו עסען און מען האט איהר אהער געבראַכט, דיא קוה. זיא איז א גוטע קוה, נאָר זיא דאַרף א סך פרעסען אויסצופילען איהרע 210 פונט.

— פון וואנען ווייסט איהר אז אַלגא האט דעם יונגען מאַן געזעהן?

— געוויס ווייס איך, ווייל דיא „קעניגין" האט דורך איהר געשיקט רופען דעם מאַן. אַלגא האט ארויסגענומען א שטיק פאַפּיער וואס איך האב געוואָלט פון איהר ארויסרייסען מיט דיא פינגער מיט אלעמען, איך בין אָבער געווען צופיעל בעזאָפען

דער דעטעקטיוו האט אָנגעקוקט דעם אדוואָקאַט וואס האט צו איהם געגעבע, א וואונק פון צופרידענהייט. זיי זיינען גערעכט געווען וואָס זיי האבען געמיינט אז דאס פאַפּיער איז געווען געגנב'עט פון „פלעזיר-ווילל א".

— אלזאָ איהר האט ניט געזעהן דעם יונגען מאַן? — האט אשקען נאך אמאַל געפרעגט דיא אלטע דיקסאָן.

— וויפיעל מאָל זאָל איך רעדען צו אייער קאפּעליש? איך האב דאך אייך שוין געזאגט „ניין". ער איז געקומען האלב נאך 1 נאך האלבע נאכט, און איהר קענט דאך ניט פערלאַנגען איך זאל אויף זיין א גאנצע נאכט ניכטער צו מאכען הו־דעלאך א יונגען פלאָקען מיט וואָנצעס וואס קומט זעהן דיא „קעניגין" א ווײלע פאר דער פנירה.

האלב נאך 1 אוהר — האט מאַרטאָן וויעדערהאָלט אין זיך אליין — דאָס שטימט אקוראַד.

— און וואו איז אלגא? קענען מיר איהר יעצט זעהן? — האט דער דעטעק־טיוו ווייטער געפרעגט.

— זיא איז וויא אין דער ערד אריין! פאר מיין גוטס וואס איך האב איהר געטהאן, האט זיא זיך גאַר אבגעטראָגען פון דאנען.

— וואו איז זיא?

— זיא איז אריין אין דיא „סאלוויישען ארמעע" און זינגט גאַנצענע טעג יא האט מיר אוועקגעוואָרפען און זיא איז געוואָרען א הללויה-שוו

דא האט דיא גוסס'ע פרוי פון געלעגער ווידער אנגעפאנגען צו זינגען:

איהר לעבען איז איהר געוועזען נמאס,
זיא האט ניט געהאט קיין רוה;
זיא, אזא מאד וויא א צימעס —
האט זיך פערליעבט מעלקענדיג דיא קוה.

— שטום זאלסטו ווערן, פגירה! — האט דיקסאן א געשריי געגעבען און האט א שפרונג געטהאן צום געלעגער זיך אברעכענען מיט דיא קראנקע זינגערקע.

אין דיזעלבע ווילע האט דער דעטעקטיוו גערעדט מיט'ן אדוואקאט.

— דיא איינציגע פערזאן וואס קען בעווייזען אז גרינוואלד איז דא געווען יענע נאכט, — האט אשקען בעמערקט — איז נאר אלגא. איך קען איהר גאנץ גוט אויפ'ן געזיכט. זיא האט מיר ניט לאנג דערצעהלט אביסעל איהר ביאגראפיע. ווערליג וויא זיא זאגט, האט זיא שוין אויסגעמאסטען א האלבע וועלט, און דאס מוז אמת זיין, דען זיא רעדט זיך צוזאמען אין איינע שפראך פון הוילע פראקטיקע. זיא רעדט אויך זעהר געלויפיג פאלניש, ציעמליך רוסיש און דייטש. זיא קען זיך אויך פערשטענדיג מאכען אין ענגליש. וויא אזוי זיא קומט היער אין אזא שמוציגען פלאץ, האב איך ניעמאלס געקענט בעגרייפען, דען ווען מען קוקט זיך גוט צו, זעהט מען אויף איהר געזיכט, אז זיא שטאמט ניט פון קיין ארימע קלאסע.

— ווערט איהר נאר קענען געפינען דיזע „בחור'טע“? — האט דער אדוואקאט געפרעגט.

— דאס איז ביי מיר גאר קיין שום צווייפעל — האט אשקען ערווידערט — איך וועל איהר געהן זוכען מארגען אין דיא „סעלוויישען ארמעע“.

— און איך האף, אז איהר וועט איהר אויך געפינען — האט מארטאן געזאגט מיט א זיפץ — וויל אויף איהרע עדות הייננגט דאס לעבען פון אן אונשולדיגען מאן.

דיא צוויי בעזוכער האבען זיך אויפגעהויבען צו געהן, און איידער זיי האבען דיא טהיר געעפענט, האט דער אדוואקאט אריינגעווארפען דיא אלטע מכשפה אין האנד איינינע זילבערנע מטבעות. דאס האט געהאט אן אויסגעצייכנטען עפעקט, ווארום דיא אלטע דיקסאן האט באלד גענומען דיא לאמפע און האט זיי אראפגעלייכט דיא טרעפ „זיי זאלען ניט ברעכען האלז און נאקען“, וויא זיא האט געזאגט. דיא טהיר האט זיך געעפענט, און נאכדעם וויא זיי האבען ווידער דורכגעשפאלטען דעם ענגען טונעל, זיינען זיי ארויס אין גלאסעסטער סטרים. ווען זיי זיינען אריין אין קאמערשעל־ראד, האט מארטאן געזאגט:

— דאנק גאט וואס מיר זיינען ארויס פון דיא חורבה!

— פארלויפיג האבען מיר אויסגעפונען וואו הערר גרינוואלד איז געווען יענע נאכט פון מארד, — האט דער דעטעקטיוו בעמערקט מיט צופרידענהייט — און מיר האבען א שטארקע האפנונג אז אסתר'ס חתן וועט אין גאנצען פריי ארויסקומען.

— יא, אבער מיר מוזען פריהער געפינען אלגא'ן — האט דער אדוואקאט איהם ערווידערט.

14טעם קאפיטעל.

דיא פערשוואונדענע עדות.

אויף מארגען נאכמיטאג איז אשקען געקומען ביי דעם אדוואקאט מארטאן.

— וואס הערט זיך הערר אשקען? — האט דער אדוואקאט געפרעגט — וואו איז זיא? האט איהר ניט א שפור פון אלגאן?

— דאס וואס איך וויל אליין וויסען, — האט דער דעטעקטיוו געענטפערט — איך בין געווען אין הויפט־קווארטיר פון דיא „סעלוויישען ארמעע“ און האב נאכגע־פרעגט וועגען איהר; איך קען אבער פארלויפיג קיין שפור ניט געפינען. איך האב אויסגעפונען אז זיא איז דארט געווען א „הללויה־שוועסטער“, און פון דארט איז זיא אוועק מיט א פריינד, איך ווייס אליין ניט וואו.

— ווען איז זיא אריין אין דיא „סעלוויישען ארמעע“? — האט מארטאן געפרעגט.

— דעם טאג אויף מארגען נאכ׳ן מארד אין שפאציר־וואגען. זיא האט געזאגט, אז דער טוידט פון דיא פרוי דיא „קעניגין“ יענע נאכט, האט אויף איהר אזא איינ־דרוק געמאכט, אז זיא האט בעשלאָסען צו ענדערן איהר שלעכטעס לעבען און זיא איז אזוי גיך פרום געוואָרען. זיא איז באלד געלאפען צו דיא שוועסטערן פון „סעל־וויישען ארמעע“ אויסגיעסען איהר ביטערעס הערץ און זיא איז געווארען נאט׳ס א סאָלדאטקע.

— איך גלויב קוים, אז דיא אלטע דיקסאָן זאָל קענען אויפהאָדעווען סאָלדא־טען פאר גאט׳ס ארמעע, — האט מאָרטאָן בעמערקט לאַבענדיג — דער בעסטער בעווייז איז, וואס זיא איז טאקע דארט ניט געבליעבען אויף לאנג. זיא פיהרט יעצט נעווים צוריק איהר פערדאָרבענעס לעבען וויא געווען. איז זיא שעהן?

— ניט איבריג שעהן, אבער אויך ניט מיאוס, איך האב קיין מאָל ניט געקענט ארויסקריעגען פון איהר וואנען זיא שטאמט. איך גלויב, אז זיא ווייס אליין ניט ווער איהרע עלטערן זיינען געווען און וואו זיא איז געבאָרען.

— איך רעכען — האט מארטאן געזאגט, — אז אין פאַל, ווען מיר געפינען איהר ניט דורך דיא פּאָליציי ביז ענדע וואך, וועלען מיר אריינשטעלען אן אדוואר־טייזמענט (אנאָנסע) אין דיא צייטונגען און מיר וועלען אויך ארויסגעבען א סך ציר־קולארס, אז מיר גיבען א געוויסע בעלאָהנונג צו דיא יעניגע פּערזאָן, וואס וועט געפינען אָלגאַ׳ן. מיר מוזען איהר געפינען, וויל א מענשענ׳ס לעבען הייננט דא אויף א האָר — און דיעזער האר איז אלגא!

— יא, האט אשקען געענטפערט — ווען גרינוואלד זאל אונז שוין אפילו יא וועלען אויסזאגען, אז ער איז געווען יענע נאכט ביי דיקסאן, אויך דאן וועט ער מוזען האבען צייגער, אז ער איז דארט ווירקליך געווען אין דיא צייט פון מארד. דיא אלטע דיקסאן קען קיין עדות זיין ווייל זיא איז דאך דאן געווען שכור וויא זיא האט אונז ביידען געזאגט. הייטע פריה בין איך נאך אמאל געווען ביי איהר אום איהר צו געפינען ניכטער, און זיא האט מיר ווידערהאלט דיעזעלבע זאך. זיא האט מיר נאך

געזאגט, אז א יונגער מאן איז געווען אין דער צייט ווען די „קעניגין" איז געשטאר־בען און זיא רעכענט, אז דאס איז אפשר ניט געווען דער מאן וואס מיר מיינען, נאר דער אנדערער.

— דער אנדערער! — האט מארטאן געמורמילט ווער איז דאס דיעזער אנדערער.

— אסקאר וולאדימיראוויטש — האט דער דעטעקטיוו געענטפערט.

מארטאן האט געגעבען א שפרונג פון שטוהל וויא אויף שפרונזשינעס (ספרינגס) און האט אויסגעשריען מיט איבערראשונג:

— וואס הער איך? אסקאר פלעגט קומען ביי דיא אלטע דיקסאן? וואס טהוט זיך דא? איך פאנג ניט אן צו בעגרייפען דיא גאנצע זאך.

אשקען האט א ווילע געדרעהט זיין וואנצע און האט געזאגט צום אדוואקאט מיט א נידריגע שטימע:

— איך מוז אייך זאגען דיא וואהרהייט, דיא גאנצע געשיכטע ווערט אלע ווילע פאר מיר מעהר רעטענים. דיקסאן האט מיר געזאגט היינט פריה, אז אסקאר וולאדימיראוויטש האט בעזוכט ביי איהר אין הויז איינינע מאל דיא „קעניגין" אין דער צייט וואס זיא איז געלעגען קראנק, און ער איז געווען מיט איהר זעהר גוט בעקאנט.

— אבער צום טייפעל — האט מארטאן א געשריי געטהאן מיט צארן — ווער איז געווען דיעזע „קעניגין"? וויא איך זעה איז זיא דער קנופ פון דיעזען רעטענעס. קענען מיר דען גארניט אויסגעפינען ווער דיעזע „קעניגין" איז געווען?

— דאס איז א שווערע זאך צו דערגעהן, הערר אדוואקאט, איך קען אייך נאר אזוי פיעל זאגען, אז זיא איז געווען א גאנץ שעהנע פרוי אונגעפעהר 48 אדער 49 יאהר אלט. זיא איז אהער געקומען פון ניו־יארק זייט איינינע מאנאט. וויא אזוי זיא איז אריינגעפאלען ביי דיא אלטע דיקסאן, דאס קען איך ניט אויסגעפינען. גלויבט מיר, אז איך האב זיך היינט גענוג מיהע געגעבען צו ציהען דיא אלטע פאר'ן צונג; אבער איהרע ליפען זיינען פערזיעגעלט. עס איז ביי מיר קיין צווייפעל, אז זיא ווייס א סך זאכען וועגען דיעזע טוידטע פרוי; נאר זיא וויל עס ניט זאגען.

— איך וויל הערען אייער מיינונג, הערר אשקען, וואס האט דיעזע פרוי געקענט זאגען גרינוואלד'ן פאר'ן טוידט? וואס קען אזא נידריגע, געפאלענע פרוי וויסען סודות וועגען פריילין אסתר רובינשטיין?

— פיעללייכט, אז רובינשטיינ'ס טאכטער איז געווען פערהייראטעט אין געהיים צו אסקאר'ן?

— אך נארישקייט — האט מארטאן ערוויעדערט — זיא האט דאך געהאסט אסקאר'ן וויא דעם טוידט, און פונקט וויא זיא האט איהם געהאסט, אזוי האט זיא געליעבט גרינוואלד'ן, טא ווארום זאל זיא הייראטהען אין געהיים דעם יעניגען, וואס זיא קען פאר דיא אויגען ניט לײדען? וויעדער, אנגענומען אז אין דעם זאל זיין א טראפען וואהרהייט, טא וויא קומט עס וואס אסתר האט פערטרויט דיעזען סוד צו אזא נידריגע פרוי וואס איז דיקסאנ'ס א „באָרדערקע"? היתכן, קען דאס זיין,

אז דעם רייכען רובינשטיינ׳ס מאכטער האט קיין שעהנערע חבר׳טעס געפונען וועמען צו פערטרויען איהרע געהיימנים?

— אלזא, וואס איז אייער מיינונג, הערר מארטאן?

— איך ווייס ווירקליך נים וואס צו מיינען. איך ווייס נאר אזוי פיעל, אז אסתר׳ס פאטער האט איין מאל געוואלט, אז זיא זאל הייראטהען אסקאר׳ן. אבער, אסתר האט זיך געשטעלט אזוי שטארק ענטקעגען, אז איהר פאטער האט ענדליך געמוזט איינוויליגען איהר פערלאבונג צו הערדן גרינוואלד.

— און אסקאר?

— אסקאר? ער האט אנגעזידעלט הערדן רובינשטיין און האט פערלאסען זיין הויז פאל צארן. דיזעלבע נאכט האט מען איהם ערמארדעט צוליעב פאפירען וואס מען האט געוואלט אוועקנעהמען פון איהם, דיזע פאפירען האט מען טאקע אויך אוועקגענומען.

אשקען האט געגעבען א שאקיל מיט׳ן קאפ און האט געזאגט:

— איך בין שוין דאבצעך א דעטעקטיוו זייט שעהנע עטליכע יאהר, און וויא איהר ווייסט, האב איך שוין געגונג דורכגעמאכט אין מיין לעבען: איך בין דורכאויס קיין „שלומיאל״. דאך מוז איך אפען צוגעבען, אז איך האב נאך פאר מיינע אויגען נים געהאט אזא פערפלאנטערטען רעטענים! איך גלויב, אז מיד וועלען גאר נים מאכען, כל-זמן הערר גרינוואלד וועט האלטען זיינע ליפען פערשלאסען. לאז נאר גרינוואלד רעדען, וועלען מיר שוין אלעס אויסגעפינען, לייכט וויא א האר פון מילך.

— אויסגעפינען וואס? ווער עס האט ערמארדעט אסקאר׳ן? — האט מארטאן איהם געפרעגט.

— ניין, נים אזוי פיעל; מיר וועלען קענען דערגעהן דיא אורזאכע ווארום מען האט איהם ערמארדעט.

— איך גלויב, אז איהר האט פאלקאמען רעכט, — האט דער אדוואקאט צו געשאקעלט מיט׳ן קאפ — נאר עס ווייזט אויס, אז דער יונגער מאן וועט בלייבען שטום און עס איז אומזיסט אונזער מיהע איהם צו ציהען פארן צונג. מיר האבען דא נאר איין איינציגען וועג צו רעטען גרינוואלד׳ן, און דיעזער וועג איז — געפינען אלגא׳ן.

— ניש-קשה — האט אשקען ערוויעדערט זיך אויפהייבענדיג פון שטוהל — אויב זיא איז נאר אין ענגלאנד, וועל איך איהר שוין געפינען. דא איז נאר דיא פראגע אויב זיא לעבט, ווארום איהר פערשווינדונג געפעלט מיר עפעס נים.

דער דעטעקטיוו האט גענומען אבשיעד פון אדוואקאט און דיעזער איז באלד געגאנגען בעזוכען דעם געפאנגענעם. מארטאן האט איהם געבעטען כמעט מיט טרערין אין דיא אויגען ער זאל עפעס רעדען, אבער רעד צו דער וואנד! אויף אלעס האט גרינוואלד געענטפערט:

— איך קען נים אויסזאגען דעם סוד, ווייל אסתר וועט דיעזע שמערצען נים איבערלעבען.

דאך האט מארטאן פון איהם ארויסגעקראגען מיט פיעל מיה, אז ער איז גע־וועזען יענע נאכט ביי דיא אלטע דיקסאן אין גלאָסעסטער „לייץ״.

— און וואס מאכט אסתר? — האט דער געפאנגענער געפרעגט זעהענדיג, אז דער אדוואָקאט וויל שוין געהן.

— וואס רעבינט איהר קען זיא מאכען, דיא אונגליקליכע? — האט איהם דער אדוואקאט ערוויעדערט — זיא איז געבאך קראנק און האט קיין כח ניט ארי־בערצוטראגען דיעזען בארג צרות.

— אך מיין אָרימעס קינד, — האט גרינוואלד אויסגעשריען זיך געבענדיג מיט דיא הענד א חאפ ביים קאפ; איין גאט וויים, אז איך מוז שוויינען צוליעב דיר אליין.

דער אדוואקאט האט ארויפגעלעגט זיין האנד אויף גרינוואלד׳ס שולטער און האט איהם געבעטען מיט א טיפען ערנסט:

— הערט, יונגער מאן! איהר דארפט וויסען אז פאר אייער אדוואָקאט דארפט איהר קיין סודות ניט האבען. מיר מעגט איהר אלעס זאגען נאר אהן פחד. איך בעשוואר אייך אלזא אין נאמען פון אלעם וואס איז אייך ליעב, איהר זאלט מיר זאגען דעם סוד וואס איהר ווייסט וועגען פריילין רובינשטיין. איהר מוזט דאס מיר זאגען, אויב דער לעצטער פונק מענשליכקייט האט זיך נאך ביי אייך ניט אויסגעלאָשען.

— לאזט מיר צורוה — האט דער געפאנגענער געענטפערט מיט טרעהרין אין דיא אויגען — איהר פערלאנגט פון מיר יעצט, איך זאל ארומנעהמען דעם ערד־קוגעל מיט מיינע אָרימס! איך קען אייך בשום אופ׳ן ניט אויסזאגען דיא געהיימנים וואס דיא קראנקע פרוי האט מיר געזאגט, ווייל איך האב גאר ניט צו געווינען ווען איהר וועט שוין דאס אפילו וויסען! זעהט לאזט מיר צורוה און מאטערט מיר ניט.

— איך וועל אייך מעהר ניט פלאגען — האט מאָרטאָן געזיפצט מיט פער־צווייפלונג ארויסגעהענדיג — און וואס אנבעטרעפט אייער בעשולדיגונג פון מאָרד, וויים איך ניט וואס עס קען זיך אויסלאזען אין פאל, ווען איך געפין חס-ושלום ניט דיא יונגע אלגא, דיקסאנ׳ס באָרדערקע.

דער אדוואקאט האט פערלאסען דאס געפענגנים זעהר טרויעריג.

— עס איז זעהר שווער מלחמה צו האלטען געגען שטורם-ווינד — האט ער געזאגט צו זיך אליין.

גרינוואלד׳ס פראָצעס האט בעדארפט פאָרקומען אין סעפטעמבער און גאנץ לאָנדאָן האט שוין געוואָרט מיט דיא גרעסטע אונגעדולד; אבער דער אדוואָקאט האט פערלאנגט מען זאל פערציהען דעם פראָצעס אויף נאך צוויי מאָנאט ביז נאָוועמבער, אום דערווייל אויסצוגעפינען דיא פערשוואונדענע אָלגא — דיא איינציגע באשעפענעס וואס קען רעטען דעם אונשולדיגען גרינוואלד פון דיא שענדליכע תליה וואס וואַרט אויף איהם!

15טעס קאפיטעל.

אַ רייזע אין עולם התוהו.

אַלגאַ! אַלגאַ! אַלגאַ! דיעזער נאָמען האט פערקלונגען **גאנץ ענגלאנד. דיא** צייטונגען זיינען געווען פאל מיט פערשפּראָכענע בעלאהנונגען צו דיא יעניגע וואס וועלען געפינען דיא פערלאָרענע עדות. אויף דיא ווענט פון דיא וואַגזאלען איז געווען אָנגעשלאָגען גרויסע אפישען מיט רויטע ווערטער וועגען דיא בעלאהנונג. אַלגאַ איז פּאָפּולער געוואָרען גאר ניט וויסענדיג. זיא איז געלעגען אין אלע מיילער, עס איז ניט געווען א ווינקעלע וואו מען האט פון איהר ניט גערעדט. אָבער, דאס אלעס האט ניט געהאלפען. אַלגאַ איז וויא אין דער ערד אריין.

— געוואלד! וואו איז זיא דען? — האט דיא וועלט געפרעגט, לעזט זיא דען קיין צייטונג ניט? איז דען מעגליך, אז זיא האט ניט געזעהן קיינע אפישען און קיינע צירקולארס? מאַרטאָן איז געווען זעהר ניעדערגעשלאָגען און עס איז ביי איהם ניט אנדערס געבליעבען, אז זיא איז געוויס טוידט. אָבער אסתר רובינשטיין האט איהר האפנונג ניט פערלאָרען; זיא פלעגט אלין זאגען:

— ניין, עס קען ניט זיין, אז גאט וועט דערלאזען ערמאָרדען אן אונשולדיגען מאן! מיין הערץ זאגט מיר, אז דער לעצטער שטראהל האט זיך נאך ניט פערלאָשען.

אסתר׳ס פאָטער, אהרן רובינשטיין, האט זיך געציינט זעהר פריינדליך צום געפאנגענעם; ער האט געשאָטען מיט געלד פון אלע זייטען. ער האט דיא גאנצע צייט ניט געוואלט גלויבען, אז גרינוואלד ... שולדיג; אָבער וויא מאַרטאָן האט איהם דערציילט, אז מען קען איבערצייגען אין געריכט דורך אַ געוויסע אַלגאַ וואו דער געפאנגענער איז געווען יענע נאכט אין דער צייט פון מאָרד, האט ער אויך באלד פערשפּראכען א גרויסע בעלאהנונג צו דער פּערזאן וואס וועט צושטעלען פאר׳ן געריכט דיא פערשוואונדענע עדות.

פינף טעג זיינען פאַראיבער און מען האט נאך אלץ ניט געפונען קיין שפּור פון דיא פערלאָרענע אַלגאַ. אבער אויפ׳ן זעקסטען טאָג איז אשקען געקומען ביי מאַרטאָנען העכסט איבערראַשט:

— איך האב אויסגעפונען אַ שטיקעלע שפּור — האט דער דעטעקטיוו געזאגט צום אדוואָקאט — און איך גלויב, אז מיט אַ רעכט ביסעל געדולד, קענען מיר קומען צו אַ מזל׳דיגע ענדע.

— וואס איז דען? רעדט ווערטער.

— איך האב אויסגעפונען, אז אַלגאַ איז ניט מעהר אין ענגלאנד. זיא האט ערפאהרען פון דיא „קעניגין" פאר׳ן טוידט, אז זיא האט רייכע אָנקעלס אין דער ליטא. וויא עס ווייזט אויס איז דיא „קעניגין" געווען אלגא׳ס מוטער און איהר ריכטיגער נאמען איז געווען ווי ק ט אָ ר י אַ אָ ג י נ ס ק י. זיא איז געווען דיא אונגע־זעצליכע טאָכטער פון דעם בעקאנטען פירשט יעראָנים אָגינסקי, וואס האט זיך פער־ניפטעט אין יאהר 1863 אין דאס קליין ליטווישע שטעטעלע ר י ט ע וו ע.

— וואו איז דאס דיא ריטעווע? — האט מאַרטאָן איהם איבערגעשלאגען **נעהמענדיג דיא לאנד־קארטע.**

— ריטעווע איז א שטעטעלע פון 200 איינוואוינער, ניט מעהר; זיא געהערט צו קאָוונער גובערניע, ראָסיינער אויעזד. אין ריטעווע איז געווען דער רעזידענץ־פּלאַץ פון דעם אלטען יעראָנים אָגינסקי, און אין דיעזע שטעטיל וואוינען יעצט זיינע צוויי זין, באָגדאַן און מיכאיל.

— אבער אין וועלבען ווינקעל ליעגט דיעזער כרך? — האט מאָרטאָן געפרעגט מיט אונגעדולד.

— דאס איז בלויז פינף מייל ווייט פון פּרייסישען גרענעץ, זיעבען מייל פון דאס דייטשע האפען־שטאדט מעמעל.

— וויא אזוי ווייסט איהר דאס הערר אשקען?

— איך בין דאָרט אליין געווען מיט אכטצעהן יאהר צוריק. איך האב געהאט בעשלאָסען צו פאהרען פון קעשענעוו נאך קורלאנד; אָבער, וויא איך בין געקומען אין קאָוונא, האב איך געענדערט מיין מיינונג. איך בין צוגעפאהרען ביז ריטעווע און פון דאָרט בין איך אריין אין מעמעל. איך האב זיך אליין רעקאָמאַנדירט צו דר. רילף, א אידישער ראַבינער, וואס האט מיר אָבגעשיקט נאך לאנדאָן.

— געהערט איהר דען צו דער זעלבען רעליגיאָן וויא דיא הערען רובינשטיין און גרינוואלד?

— יא, הערר אדוואָקאַט: איך האב זיך בעקעהרט צום קריסטענטהום אין לאנדאָן; הערט מיר אוים וואס איך האב אויסגעפונען וועגען דיעזע אָלגא. איך האב געמאכט א שטרענגע אונטערזוכונג ביי דיא אלטע דיקסאָן און וויא איבערראשט בין איך געווארען, ווען איך האב געפונען צווישען איהרע פערגעסענע זאכען א בריף פון ריטעווע. אויפ'ן קאָנווערט איז דא א טריוואַקס־זיגעל מיט דיא וואפען פון סוויאַטי־סטאניסלאס אין מיטען, און ארום קען מען לעזען אין רוסיש Предводитель дворянства Россіенскаго уѣзда (דער אנפיהרער פון רוסישען אַדעל און ראָסיינער אויעזד). דיעזער בריעף וואס טראגט דעם פּאָסט־זיגעל פון ריטעווע, איז אדרעסירט צו מאדאם וויקטאָריא אָ.... דורך מאדאם דיקסאָן.

אשקען האט ארויסגענומען דעם בריעף, געשריעבען אין פּאָלניש, און האט עס איבערזעצט פאר מאָרטאָנען אין ענגליש אזוי:

„אן מאדאם וויקטאָריא.

„מיר קענען אייך מעהר ניט העלפען. איהר זאגט אז איהר האט גוטע בע־
„ווייזע דאס איהר זיינט אונזערע א שוועסטער, און איהר פערזיכערט אונז, זאגט
„איהר, צו איבערצייגען דער וועלט אז אונזער זעליגער פאטער יעראָנים איז אייער
„פאטער. טהוט וואס איהר ווילט, מיר קענען ניט אוועקשענקען אונזערע הויפען,
„אונזער פערמעגען און אונזערע דערפער צו אלע אונגאטירליכע אונגעזעצליכע קינדער
„וואס אונזער פאטער האט איבערגעלאזען אין קאָוונער גובערניע. מיר שיקען אייך
„יעצט צום לעצטען מאל 100 רובעל, און מיר האפען, אז איהר וועט צו אונז מעהר
„קיינע טענות האבען. איהר זייט שוין אויסגעוועזען א האלבע וועלט און יעדעס מאָל
„זייט איהר געלעגען אויף אונזער קארק. מיר האבען אייך געשיקט צוויי מאל געלד

„אין ניו־יאָרק, איין מאל אין פּאריז, איין מאל אין דער שווייץ, און יעצט שיקען מיר
„אייך צום לעצטען מאל אין לאנדאן.

„וואס אנבעטרעפט אייער טאָכטער אָלגא, קענען מיר פּאר איהר נור דאן
„עטוואס טהאן, ווען זיא וועט קומען אוהער אין ריטעווע. מיר קענען איהר דא געבען
„באשעפטיגונג אין אונזערע הויפען, ברייזער און פּאכטען. אויב זיא וויל קומען צו א
„תכלית און זיך ניט ארומטרייבען וויא איהר מוטער, דאן זאל זיא קומען באלד.
„מיט גרוס, באָגדאן אנינסקי".

— עס איז ביי מיר קיין קלעהר, — האט זיך מארטאן א חאפּ געטהאן — אז אלגא האט אבגערייזט צו איהרע אנקעלס דיא אנינסקי'ס, און דאס איז דיא אורזאכע ווארום זיא וויים ניט, אז גאנץ ענגלאנד זוכט איהר יעצט מיט ליכט. אלזא, וואס איז אייער פּלאן?

— איך גלויב, — האט דער דעטעקטיוו געזאגט מיט איבערציינונג — אז מיר האבען דא קיין אנדער וועג, וויא צו פאהרען ברייגגען דיא פערשוואונדענע עדות. עס איז נאך צעהן וואכען צייט ביז דער פּראצעס וועט פארקומען, און אין דיזע צעהן וואכען קענען מיר זיין צעהן מאל אין ריטעווע, ווען נעטהיג.

— אבער ווער וועט דארט פאהרען?

— איך דער ערשטער, — האט אשקען ערוויעדערט — וויל איך קען דיא געגענד און איך וויים אויך וויא אומצוגעהן מיט דיא דארטיגע אידען.

— אבער, וואס קען אייך דאס העלפען אין פאל ווען זיא וויל ניט מיטפאהרען מיט אייך צוריק אין לאנדאן?

— זיא וועט שוין מיטקומען. איך וויים וואס איך האב צו טהאן.

— וואס?

— איהר וועט שוין זעהן.

— און ווער, רעכענט איהר, זאל מיט אייך מיטפאהרען?

— פריילין רובינשטיין.

— איך וויים ניט, הערר אשקען, אויב דאס איז מעגליך

— ווארום דען ניט? זיא וועט ניט וועלען?

— אה ניט דאס; אסתר וועט אלעס טהאן צו ליעב איהר מארקוס'ען, זיא וואלט אפילו אראבשפּרינגען פון דאך פאר איהם אבי צו וויסען, אז דורך דאס וועט זיא איהר חתן בעפרייען. נאר, וואס וועט דער פאטער זאגען? איך גלויב ניט, אז הערר רובינשטיין וועט ערלויבען זיין איינציגע טאכטער זיא זאל בעגלייטען א דעטעקטיוו אזא וויימע וועג.

— און איך גלויב, אז הערר רובינשטיין וועט זיין טאכטער ניט שטערן. איבערינענס הערר מארטאן, געהט איהר יעצט צו העררן רובינשטיין און טהיילט איהם מיט דיא גאנצע זאך. ערקלערט אויך אסתר'ן וויא נויטווענדיג עס איז, אז זיא זאל מיטפאהרען מיט מיר נאך דער ליטא. עס וואלט ניט געווען קרום איהר זאלט דאס צוערשט מיטטהיילען פריילין רובינשטיין.

דער דעטעקטיוו האט פערלאסען מארטאנ'ס אפיס און אין א פערטיל שטונדע ארום האט דער אדוואקאט געדריקט אסתר'ס האנד.

— פריילין — האט ער צו איהר געזאגט — מיר האבען זיך דיא גרעסטע מיהע גענעבען צו געפינען אלגא'ן, אבער לײדער אומזיסט! ווען מיר זאלען דא ווארטען אויף איהר, איז הערר גרינוואלד אין גרעסטען געפאהר, ווייל זיא ווייס צום מאל ניט אז מען זוכט איהר. נור דורך א צופאל איז געלונגען אונזער דעטעקטיוו אויס־צוגעפינען א גוטען שפור וואו אלגא איז פערשטעקט. איך האב אלזא בעשלאסען, אז איהר מיט'ן דעטעקטיוו זאלט איהר אהער ברייננען. איהר אלס פרוי וועט קענען פיעל ווירקען אויף א פרוי — אבוואהל א גרויסער תהום איז מפסיק צווישען אייערע כאראקטערע. אין פאל ווען זיא וועט ניט וועלען מיטקומען, האט דער דעטעקטיוו א פלאן וויא אזוי איהר צו בריינגען געגען איהר ווילען.

אסתר איז געפאלען אויף דיא קניע מיט א דערשטיקטען געשריי:

— אך גאט! איך וועל אלעס טהאן צו רעטען מיין זיסען מארקוס. איך וועל פאהרען אפילו עק וועלט. אבי עס זאל נאר אנגעלעגט זיין.

ביי דיעזע ווערטער האט זיא בעהאלטען איהר געזיכט אין איהרע הענד און האט געוויינט יאמערליך.

— שטעלט זיך אויף, פריילין — האט דער אדוואקאט געזאגט איהר אויפ־הויבענדיג פאר'ן האנד — יעצט איז ניט דיא צייט צו וויינען נאר צו טהאן. איך וועל געהן בעזארגען פאר אייך מיט'ן דעטעקטיוו פאספארטען און אנדערע נעטהיגע פאפיערען, איהר זאלט קענען אבריוזען מארגען. דער וועג איז זעהר אן אנגענעהמער: איהר וועט פאהרען דירעקט נאך פאריז פון דארט נאך בערלין, קעניגסבערג, מעמעל אין ריטעווע!

— דיא רייזע איז שוין א קלייניגקייט, — האט אסתר געזאגט זיך אויסווישענ־דיג איהרע פערוויינטע אויגען — אבי איך זאל נאר אלעס דורכזעצען.

— געווים איז דיעזע רייזע א קלייניגקייט ווען מען האט דיא מיטעל. פערגעסט ניט, אז פיעלע **קלייניגקייטען** האבען שוין גערעטעט מענשען פון **גרויסע** אונגליקען; איך וועל אייך דערמאנען דאס שעהנע ליעדעל וואס איהר האט פאר מיר געשפיעלט אויפ'ן פיאנא מיט א יאהר צוריק אויף אייער געבורטס־טאג; איך האב עס יאן פערצייכענט אין מיין נאטיץ־בוך. אט איז עס:

געבענטשטע קלייניגקייטען!

איין ברעקיל ברויט, גרויס וויא א היהנערשע אייגעלע,
קען אנפיטערן ביז זאט א הונגעריגע פייגעלע.
פון איין קליינעם קערנדיל צווישען גראזען,
קען ארויסקומען א גאנצער בערגעלע ראזען.
מיט איין שמייכעל קענט איהר א וועלט געפעלען,
איין קליין וואלקענדיל קען דיא זון פערשטעלען.
א קליין צוועקיל אויף א שטעקען מאכט א גרויסען שפיז —
א קארליקיל קען זיין דער וועג־ווייזער פון א ריז!

א קליינעס בייבי, ווען עס שטעהט אויף פון שלאף,
קען אפטמאל איבערראשען דעם גרעסטען פילאזאף!
איין גוטווארט פערשאפט אייך א פרוי א זיסע —
א קלייניגקייט בעפרייט דעם געפאנגענעם פון תפיסה!
זעהט אלזא וואס קליינע זאכען
קענען אויף דער וועלט מאכען!

מארטאן האט גענומען אבשיעד פון פריילין רובינשטיין און האט איהר געהייסען זיך מאכען רייזע פערטיג!

— חא, חא, חא! — האט דער אדוואקאט געלאכט צו זיך אליין ארויסגעהענדיג — איך רוף דאס אן קלייניגקייט; אבער אין דער אמת גערעדט איז דאך דאס פאר א לאנדאנער מיידעל א וואהרע רייזע אין עולם התוהו! פון לאנדאן אין רוסלאנד — א שעהנער שפרונג! און דערביי נאך אין דער ליטא, וואס איז גרויס אויף דער לאנדקארטע ווי א קעפיל פון א שפילקע!

16טעס קאפיטעל.

שבת נאכ'ן קוגעל.

עס זיינען דא מענשען אויף דער וועלט וואס זיינען רייך נאר אהן געלד. איהר וועט געפינען טויזענדע מענשען, וואס זיינען באמת רייך, אבוואהל זיי האבען קיין פעניג אין דער טאשע — און האבען אפשר קיין טאשע אויך ניט! ווען דער מענש איז געבארען מיט א געזונדען שטארקען קערפער, מיט א גוטען מאגען, א גוטעס הערץ און טראגט נאך דערצו א גוטען קאפ אויף די פלייצעס, דאן מוז ער רייך זיין. געזונטע ביינער איז בעסער ווי גאלד, שטארקע מוסקעלן זיינען בעסער ווי זילבער. אמת רייך איז נאר דער יעניגער וואס האט גוטע מעלות, עדעלע געפיהלען, געדולד, האפנונג און איז דורכגעקנעטען מיט א ביסעל וויטץ. דער ערנסט אליין איז סם-המות פאר'ן מענשען; אהן לוסטיגקייט קענען מיר זעלטען צופריעדען זיין מיט אונזער חלק אויף דער וועלט, ווי גוט אונז זאל זיין. ווען איינער איז געבארען צו ערנסט, צו שעהמעדיג, אדער צופיעל פערזארגט, — דאן איז ער געבאך א קאליקע וואס קיין דאקטאר קען ניט העלפען. ער איז א קאליקע פון א י נ ו ו ע נ י ג, דאס הייסט: ער הינקט ניט, נאר זיינע ג ע ד א נ ק ע ן הינקען.

דאס קליין שטעטעלע ר י ט ע ו ו ע איז דארום א וואהרער רעטענעס פאר'ן דענקער. די 200 יודישע פאמיליען פון פירשט אגינסקי'ס רעזידענץ-שטאדט זיינען במעט אלע ארים אין טאשע; אבער מיט געזונדע קערפערס, מיט גוטע מאגענס, גוטע הערצער און אפטמאל אויך גוטע קעפ. די פרויען זיינען דארט שעהן, חן'עוודיג און פעסט געבויט. זיי ווייסען פון קיין „באס'ל" פון קיין קארסעט, און הלואי ווייטער — ווי זיי זעהן אויס, אזוי זיינען זיי טאקע באמת! טא ווי קומט עס וואס די ריטעווער זיינען פערטרויערט? ווארום זיינען זיי אלע אזוי שעהמעדיג, מרה-שחורה'דיג און פערזארגט? מיט איין ווארט: ווארום הינקען זייערע געדאנקען?

דער תירוץ איז, א ג י נ ס ק י! דיעזער נאמען אליין איז גענוג צו ווארפען

א מרה=שחורה אויף גאנץ ריטעווע, נים אזוי אויף דיא 200 יודישע פאמיליען, נאר אויך אויף דיא פויערים וואס וואוינען אין דיא דערפלעך ארום שטעטעל. דער אלטער יעראַנים אַגינסקי איז געווען א וואהרער צורר היהודים, און ריטעווע וועט ניעמאלס פערגעסען דיא זיסע בשורה פון דאס יאהר 1863 ווען דיא גלאָקען פון „תיפלה“ האבען דערצעהלט, אז עס איז מעהר ניטאָ קיין אַגינסקי! ער האט זיך אליין פער=ניפטעט אום אסתר=תענית און אויף מארגען האבען דיא יודען פון שטעטעל געהאט א דאָפּעלטען פורים; דיא מפלה פון המן בן=המדתא איז זיי ניט אזוי ליעב געווען ווי דיא מפלה פון דיעזען פּאָלנישען פירשט וואס האט אונטערדריקט דיא אידען יאהרען=לאנג, א סך מעהר וויא דער קעניג פרעה אין מצרים.

נור, וויא דיא וועלט זאגט, צו יעדער מכה שיקט צו גאט א רפואה. אויך ריטעווע האט געהאט א שטיקעל „יוסף“ וואס האט געפונען חן ביי דעם פּאָלנישען „פרעה“; דיעזער „יוסף“ איז געווען, בער־טציק דער קנייפער, א העכסט ערענטליכער מאן, א גרויסער „הדרת־פנים“ און מיט א קלוגען קאָפּ אויף דיא פלייצעס. מען האט איהם גערופען אין שטאדט „דער קנייפער“ ווייל ער האט ליעב געהאט צו קנייפען קליינע קינדער. זיין ליעבע צו קליינע קינדער האט קיין גרענעץ געהאט.

דיעזער פיינער מאן מיט עדעלע געפיהלען איז דאן געווען דיא בלום פון שטעדטיל. ערשטענס, ווייל ער האט געהאט א גרויסען אייזען-לאדען און צווייטענס, ווייל ער איז געווען א גרויסער „תקיף“ ביי אַגינסקי'ן. ער פלעגט זיך ביי איהם אָפט עצות האלטען און מעהר וויא איין מאל האט דער אלטער אַגינסקי געשיקט ר' בערטשיק דעם קנייפער אין בערלין, וויען און פעטערבורג, ער זאל איהם איינ=קויפען פערשיעדענע זאכען. בערטשיק האט געוואוסט פון אַגינסקי'ס סודות און זיי האבען זיך כמעט אימער גוט פערטראגען.

עס איז געווען שבת נאכמיטאג; דער עולם איז צוזאמענגעקומען אין שול, וויא געוועהנליך אלע שבת. מאנכע האבען תהלים געזאגט; א טהייל האבען צוגע=הערט וויא דוד איטשע מאיר'ס זאגט דעם מנורת=המאור; אנדערע האבען אזוי גלאט געדובענט איבער א גמרא און האבען אלע ווילע געחאפּט א דרעמיל ביי דעם גרויסען טיש וואס איז געווען האלב פערשמאלצען מיט חלב און האלב פער־ברענט. דער אלטער ר' מישעל איז געזעסען אין א ווינקעלע מיט אן אלפס; אורע פון טראקטיר האט „געקוקט“ אין א ספר השכלה און ר' דוד בערציג'ס האט גע=לערנט מיט זיין זיעבען=יעהריגען זון דיא שיטה פון „מוכת עץ מצאתי“ אין „כתובות“. פּלוצלונג איז שטיל געווארען אין בית=המדרש וויא אויף א בית=עולם און אלע האבען אויפגעהויבען דיא אויגען אויף א פרעמדען מאן וואס איז אריינגעקומען מיט א הויכען צילינדער=הוט, מיט א שווארצען „פרינץ=אלבערט“ זעהר עלעגאנט אויפגע=נעהט מיט העלע הויזען און מיט א לייכטען איבערציהער אויף'ן ארעם.

— ווער קען דיעזער פוינעל זיין? — האט געפרעגט ר' משה=אהרון דער בעל=קורא שטילערהייט מענדעל דעם שוחט.

— דאס מוז זיין דער רעוויזאר — האט איטשע איטע דיא שמש׳טעס געענט־פערט — ער קומט דא געוויס מאכען א „פּאַיאימקע״ אין בית־המדרש.

— וואס רעדט איהר? — האט זיך אפּגערופען שאפסע גיטע׳ס — הערט איהר ניט וויא ער רעדט אידעש מיט ר׳ איצלען? ער איז א איד און גאַרניט.

— טו פארוואס איז ער ניט געקומען דאוונען היינט פריה אין שול? וויעדער, פארוואס טראגט ער אום שבת? היינט, ווען איז ער אנגעקומען? — האט געזאגט וועלוועל בענטשע׳ס מאכענדיג מיט דיא הענד.

וועהרענד יעדער איינער האט געזאגט זיין מיינונג וועגען פרעמדען, האט זיך דיעזער אורח אוועקגעזעצט נעבען טיש, האט א ווײלע געבלעטערט אן „עין־יעקב״ און האט ענדליך געפרעגט ר׳ איצעלען:

— איז נאך א צייט צו מנחה?

— פיער דעם זייגער, — האט זיך ארויסגעכאפּט וואַלפע דער שמש און זיינע צייהן האבען זיך אפּגעשלאגען אײנע אָן דיא אנדערע פון שרעק אָדער פון פרייד.

— עס גלויבט זיך מיר גאר ניט, אז דאס זאל זיין א איד, — האט וואַלפע געזאגט צו זיך אליין און ער האט געגעבען א שאָקעל מיט זיין קורצע בערדיל, וויא איינער רעדט: נישקשה, וואַלפע ווייס שוין וואס ער רעדט.

דיא שוהל האט אויסגעזעהן מעהר און מעהר וויא א קליינער ירידל; יעדער האט געזאגט זיין מיינונג ווער דיעזער פרעמדער איז, פון וואנען ער קומט און צו וועלכען צוועק ער בעזוכט יעצט ריטעווע. א טהייל האבען געזאגט, אז ער איז גע־קומען טהאן א שדוך פון דייטשלאנד וויל ער האט געהערט פון יענטע פריידעס, דיא פארשוין וואס „מען קען זיך אין איהר פּנים ניט איינקוקען״, דער עולם האט זיך אזוי געהאלטען אין קאָבען און פון „אויבען־אן״ ביזן „אונטערן־אויווען״ האט יעדער געזאגט ווער דיעזער מאן קען זיין. פּלוצלונג איז ארייננעלאָפען פערסאָפּעט „גבריאל׳קע קאָבלעפּעל״ און האט איינגעראמט א סוד אין אויער „טאָדרעסקע מזיק״. עס האט ניט געדויערט קיין פינף מינוטען האט דיעזער סוד געמאכט א שפּאציער איבערן גאנצען שול. וויא גבריאל׳קע האט געזעהן אז עס האבען זיך ארומגעשטעלט ארום איהם א רעדיל, האט ער מעהר ניט געקענט איינהאלטען דיא גרויסע געהיימנים. ער האט זיי צוגערופען אונטער׳ן בימה און האט זיי געזאגט:

— אז איך האב געזעהן, האב אליין געזעהן וויא, אָט ער מיט׳ן קאפּעלוש און א פּריצטע זיינען איצטער צוגעפאהרען פון מעמלער גאס און זיי זיינען ארייגעפאהרען ביי חעמיע׳ן אין סטאַדאָלע, זיינען זיי ארייננעפאהרען. איך האב באלד געזאגט צו זיך אליין: גבריאל׳קע! מיר האבען נייעס אין שטעדטעל, האבען מיר. ער איז פון דיא „קאָמיסיע״.

— וואס! געפאהרען אום שבת! טאָ פארוואָס קומט ער אין שול? — האט וואַלפע שמש געגעבען א מאך מיט זיין גראָבען פינגער און זיין בערדעל האט זיך געגעבען א טרייסעל.

דער ווערטהער לעזער האט שוין געוויס אליין געטראָפען, אז דיעזער פרעמדער איז קיין אנדערער וויא דער לאָנדאָנער דעטעקטיוו פעליקס אשקען. ער איז גע־

קומען שבת נאכ'ן קוגעל פון מעמעל, און זיין בעגלייטערין איז קיין אנדערע וויא פריילין אסתר רובינשטיין וואס קומט זוכען דיא פערלארענע אלגא, אום צו רעטען מארקוס גרינוואלד פון א שענדליכען טויט.

דער דעטעקטיוו=משומד אשקען מיט גרינוואלד'ס כלה זיינען אריינגעפאהרען צו חעמיע'ן אין קרעטשמע, א גרויסער מויער וואס שטעהט אין מיטען שטאדט נעגענאיבער דיא אלטע „תיפלה". זיי האבען זיך ניט געקענט אפוואונדערן אויף דיעזע שטעדטעל וואס איז ארומגעוויקעלט מיט אזא מאגנעטישען חן. ערשטענס, האבען זיי זיך געוואונדערט וויא אזא דערפיל אין דער ליטא זאל האבען אזא הויכע קירכע. ווען זיי זיינען נאך געווען דריי רוסישע מייל וויט פון ריטעווע, האבען זיי שוין געזעהן דיא צוויי שפיצען פון קירכע וואס זעהן אויס פונקט וויא זיי פערלירען זיך צווישען דיא וואלקענס! זיי האבען נעקוקט מיט איבערראשונג אויף דיא בלומען וואס וואקסען אין מיטען שטאדט פוןביידע זייטען ברוק; זיי זיינען ענטציקט געווארען פון דעם ברוק וואס איז אויסגעפלאסטערט מיט גרויסע גלאטע שטיינער, וויא אויך פון „שאסיי" וואס איז צוזאמענגעשטעלט פון קליינע שטיינדעלאך. זיי האבען זיך גאר ניט געקענט אבקוקען פון דעם פיער=קאנטיגען טייך וואס מאכט א מחיצה צווישען שטעדטעל און אגינסקי'ס הויף! דער נעגראבענער טייך איז „בעלאמעוועט" פון אלע פיער זייטען ארום מיט הויכע גראז, בלומען און ראזען. פון יענער זייט טייך זעהט זיך א וואונדער=שעהנער פאלאסט וואס קען שטעהן אין ש א ן=ז'=ע ל י ז ע פון פאריז, און פ י ק א ד י ל י פון לאנדאן אדער אין דיא פינפטע עוועניו פון ניו יארק. דיא הייזער אין גאנצען שטעדטעל זיינען צוזאמענגעשטעלט מיט געשמאק; נעבען יעדע הויז איז א גערטעלע מיט פרוכט=ביימער פון פארענט, און א גארטען פון הינטען. גאנץ ריטעווע זעהט אויס וויא א סוכה וואס איז צ ל ת א מ ר ו ב ה מ ח מ ת א (מעהר שאטען אלס זון), פון דיא פיעלע בוימער וואס שטעהן אויסגעשטעלט אין דער רייהע פון יעדע גאס; דיעזע בוימער זיינען בעלאנערט מיט נעסטען אין וויא עס קומט דער אבענד הערט מען וויא הונדערטע פייגעלאך ניבען אפ קאנצערט און פערפלייצען דיא לופט מיט א רעגען נאטען!

דער אלטער אגינסקי און זיינע זיהן האבען גענוג געלד אויסגעגעבען ביז זיי האבען פערוואנדעלט זייער רעזידענץ=שטאדט ריטעווע אין א „קליין פאריז".

— דאס זעהט דאך אויס וויא א בעצויבערטער אינזעלע פון אייביגע יוגענד. א געגענד פון טויזענד=און=איין=נאכט, — האט אסתר בעמערקט נאכדעם וויא זיא האט עפעס בעקוקט דיא שטעדטעל רעכטס און לינקס.

17טעס קאפיטעל.

„קינדער! דער שררה פאהרט".

פריילין רובינשטיין האט ניט געוואוסט אז דער דעטעקטיוו אשקען איז א געטויפטער איד און ער קען זיך פערשטעלען פאר א אידען ווען ער דארף. ווען אשקען האט איהר געזאגט, אז ער „שפרינגט א ווייל̈ע אריין אין ישול בעקאנטשאפט מאכען", האט זיא זיך שטארק געוואונדערט, וואס ער קען דארט אויסגעפינען ווענען

אלנאַ'ן; אבער אין דער אמת, האט אשקען קיין חרטה געהאט וואס ער איז געגאַנגען אין שול. ער האט גוט געוואוסט, אז שבת נאכמיטאג איז דיא בעסטע צייט וואו מען טרעפט אלע בעלי־בתים אין שול און ער וועט דארט פיעל־ווענינ ערפאהרען וועגען דאס וואס ער איז אהער געקומען.

אשקען האט זעהר גוט געקענט דיא קליין־שטעדטיל'דיגע אידען פון דער ליטא, ער האט ניט בעדארפט לערנען וויא זיך צו בעגעהן מיט זיי. ער איז אמאָל געוועזן פיער יאהר א ישיבה־בחור אין ווילנא פון וואַנען מען האט איהם ארויסגע־טריעבען נאכדעם וויא מען האט איהם געחאַפט הושענא־רבא ביי נאכט שפּיעלען אין קארטען אין דיא ווייבערשע שול. ער האט אויך אמאָל פערזוכט דעם זעלבען פסק אין „חיה־לע'ס קלויז" אין קארלין, וואו מען האט איהם געזעהן אין אפּטייק טרינקענדיג טהעע אָהן א היטעל. אין מינסק האט ער עפּעס נאך ערגער געטהאן: אום תשעה־באָב האט מען איהם געחאַפּט עסענדיג גריבענעס פון א העגדשקע.

דיא טבע ביי אונז אידען איז, ווען איינער טרינקט טהעע אָהן א היטעל, אדער ער „חאַפּט וואס איבער" שבת פאר'ן דאַווענען, אדער ער פוילט זיך דיא לבנה מחדש צו זיין, דאן האלט איהם דיא שטעדטיל פאר אן אפּיקורס, פאר א „שיינינ'" א סך ערגער וויא א משומד; אבער ווען דיעזער „שיינעץ" קומט גאָר ניט אין שול א גאנץ יאהר, פון יום־כפּור צו יום־כפּור; ווען ער פאהרט אום שבת בפרהסיא און עסט עפענטליך א גאנצע וואָך „וואס עס מאכט זיך" דאַן האט מען פאר איהם אין שטעדטיל דעם גרעסטען דרך־ארץ און יעדער ענטשולדיגט איהם מיט דיעזע ווערטער:

— פון דעסטוועגען האט ער דאָך א אידישע הארץ; ער קומט יום־כפּור אין שול, קיין חזיר קומט אין זיין מויל ניט אריין און ער פערהעלפט אָפּט־מאָל אן ארימאַן.

פעליקס אשקען האט דאס גאנץ גוט געוואוסט און דארום איז ער אריינגע־פאהרען אין ריטעווע שבת נאכ'ן קוגעל כדי דיא איינוואוינער זאלען האבען מעהר דרך־ארץ פאר איהם און מען זאל איהם ניט פערשטיינגען מיט שלום־עליכם'ס. ער האט זיך דערמאנט מיט צוואנציג יאהר צוריק, ווען ער איז געוועזן א גאנצער קנאַקער אין קישינעוו וואו ער האט געהייסען פייוויל אשכנזי. מען האט איהם אפילו דאן גערופען אונטער דיא אויגען „פייפקע מסור" — אבער איהם אין דיא אויגען האט זיך קיינער ניט געוואגט איהם צו רופען אנדערש וויא „ר' פייווע" אדער „גאָספּאָדין אשכנזי".

ווען דער דעטעקטיוו איז געקומען פון שול האט איהם אסתר ערוואַרטעט מיט אונגעדולד.

— איהר האט זיך גיעמוזט גוט לאַנגווײלען, פריילין, — האט ער איהר גע־זאגט — איך האב אבער פיעל פעררינבט מיט מיין געהן אין שול. איך בין בעקאַנט געוואָרען מיט איינינע וויכטינע „בעלי־בתים" און עס וועט אונז זעהר לייכט זיין צו מאַכען דעם ערשטען טריט.

— אלס וואס פאר א פערזאן האט איהר זיך ביי זיי אנגעגעבען? — האט איהם אסתר געפרעגט.

— אלס א וואלד־הענדלער, פריילין. איך האב ערקלערט, אז איך בין אהער געקומען פון דייטשלאנד קויפען וואלד ביי דעם פירשט אָגינסקי.

מען האט מיר געזאגט, — האט אשקען ווייטער פארטגעזעצט — אז דיא איינציגע פערזאָן וואס קען מיר פאָרשטעלען פאר דיא ברידער אָגינסקי, איז א געוויסער ר' בערציק דער קנייפער וואס איז א גאנצער יחסן אין הויף און א העכסט ארענטליבער מאָן.

— דענקט איהר דען, הערר אשקען, אז מיר וועלען דיעזען מאן קענען פערטרויען צו וואס מיר זיינען אהער געקומען?

— ניט נעטהיג, פריילין. — מיר וועלען קענען אלעס דורכזעצען דורך דיא מאסקעס פון דיא וואלד־הענדלערס. מיר וועלען הייטע אבענד בעזוכען ר' בערציגען אין זיין אייזען־געשעפט און איך וועל מיט איהם רעדען אין אייער געגענוואָרט.

— איך וואלט אויך וועלען הייטע אבענד שיקען א טעלעגראמע צו מיין פאטער אין לאָנדאָן אז מיר זיינען אנגעקומען היער און אלעס איז פארלויפיג „אָל־ראיט".

— דא אין ריטעווע איז ניטאָ קיין טעלעגראף־ביוראָ — האט דער דעטעקטיוו איהר ערוויעדערט — מיר וועלען מוזען שיקען דיא טעלעגראמע דורך א שליח ביז מעמעל, זיעבען מייל פון דאנען און דאָרט וועלען מיר לעגען דיא טעלעגראמע. דאס אלעס וועלען מיר בעזארגען מארגען. לאָמיר יעצט געהן אביסעל שפאצירען און בעקוקען דיא שטאדט.

אסתר האט גענומען איהר ענגלישען הוט, איהר גרויסען זיידענעם פאלערינע־מאנטעל, איהר זאָמעט־שירם און מיט פינף מינוטען שפעטער האט זיא שפאצירט מיט אשקען ביי זייט אין דעם שעהנעם שפאציר־גאנג וואס ציהט זיך דורכ'ן שטאדט ביז דיא שעהנע ברוקירטע געסיל וואס פיהרט צום הויף פון דיא אָגינסקי'ס.

— ווען זיי זיינען אריין אין דיעזע „הויפישע געסיל" האבען זיי בעמערקט פיעלע שפאצירער: מיידלאך האבען שפאצירט מיט מיידלאך, מענער מיט בחורים — אבער מענער מיט פרויען האט מען ניט געזעהן. דיא שפאצירער האבען זיך אפגעשטעלט קוקען פון אלע זייטען אויף דיעזע פאָר פרעמדע וואס זיינען געגאנגען זעהר לאנגזאם און העכסט עלעגאנט געקליידעט. יעדער האט אויף זיי געקוקט וויא אויף א בער און מאנכע מענער האבען אויך אראפגענומען פאר זיי דיא היטעל. זיי האבען געמיינט, אז דאס זיינען אָגינססקי'ס קרובים אדער אזוי גלאט „נאטשאלסטוואָ" — א מין „איספראווניק" מיט זיין וויב וואס זיינען אראפגעשיקט געוואָרען פון סאמע פעטערבורג צו מאכען אן איספראווקא. זיי האבען אבער באלד ערפאהרען אז דאס זיינען אידען און האבען מעהר דיא היטעל ניט אראפגענומען.

צווישען דיא מיידלאך וואס האבען שפאצירט דורך דיא „הויפישע גאס" אין שבת'דיגע קליידער האבען זיך אויך געפונען מאנכע וואס זיינען געווען ווירקליך זעהר שעהן: ראָזע בעקעלאך, ברייטע שולטערן, שווארצע אויגען, שווארצע האאר, פראכטפאלל אבגעוואקסען, מאגנעטיש און זייערע הויכע בוזימער האבען אויסגעפילט דיא רויטע

יאקלעך וואס זיינען געווען איינפאך גענעהם נאָר אָהן „חכמות“.

— בעטראכט נור א ווילע וויא שעהן דיעזע פרויען זיינען — האט אסתר בעמערקט צו איהר בעגלייטער — וויא פעסט זיי זיינען געבויט, וואס פאר א ליעב־ליכקייט עס שוועבט אויף זייער געזיכט!

וויא זיי זיינען אזוי געגאנגען, האט זיך פלוצלונג געהערט א גערויש פון א וואגען אויפ׳ן ברוק און דיא שבת׳דיגע שפּאצירער האבען זיך אפגעקעהרט פון מיטען גאס פּאזע דיא הייזער. אשקען האט ניט געוואוסט וואס דאס מיינט און ער האט שוין געוואלט פרעגען וואס דיעזער גערודער בעטייט. ער האט אבער געהערט וויא דיא קליינע אינגלאך זאגען:

— קינדער, דער „שררה“ פאהרט!

עס האט זיך באלד געהערט א טרומפייטער און עס האט ניט געדויערט קיין צוויי מינוטען איז אנגעפאהרען א וואגען מיט צוויי קליינע גרויע פערד קעניגליך איינגעשפאנט. אינווענייג זיינען געזעסען צוויי יונגע לייט: איינער א בלאָנדער הויך אפגעוואקסען מיט א פולער געזיכט און דער אנדערער א ברוינעטער, קליין געוואק־סען אבער מיט אן אינטעליגענטעם געזיכט. דאס זיינען געווען דיא ברידער באָגדאַן און מיכאַאיל אָנינסקי.

דיא אנינסקי׳ס האבען געקענט יעדען איינעם אין שטעדטיל און דארום ווען זיי האבען אמאל געזעהן א פרעמדען, א מאן אדער א פרוי, האבען זיי זיך געקי־מערט צו וויסען ווער דאס איז. פריילין רובינשטיין און דער דעטעקטיוו האבען זיך אפגערוקט אָן א זייט, דיא אנינסקי׳ס האבען זיי אריינגעקוקט אין געזיכט מיט פיעל נייגיערדע.

דיא צוויי יונגע פירסטען זיינען דורכגעלאָפירט דיא „הויפּישע גאס“ און פון הינטען זיינען נאכגעריטען א צעהן דיענער אין יוניפאָרמס מיט גרינע פאסען. נאכדעם איז נאכגעפאהרען אן אָפענע קארעטע מיט א מאן און צוויי פרויען.

— אלגא! — האט אשקען אויסגעשריען מיט איבערראשונג צו אסתר׳ן — אָט איז אָלגא. יא, דיעזעלבע אָלגא וואס איך האב איינינע מאל געזעהן ביי דיא אלטע דיקסאָן!

דער דעטעקטיוו האט זיך א ווילע פערטראכט, און נאך א ווילע שטיל שווייגען האט ער זיך געווענדעט צו דריי אינגלאך וואס זיינען איהם געקומען ענטקעגען.

— קענט איהר מיר ניט זאגען ווער דא איז פאַרבייגעפאהרען?

— אָי כלעבען, מאטקע, ער רעדט אידעש האט זיך איין אינגעל אבגערופען צו זיין חבר אין אויער.

— דאס איז דער „שררה“ — האט דער זעלבער געענטפערט דעם פרעמדען און ער איז בלאָס געוואָרען.

— דוא ביסט א וואוילער אינגעל — האט אשקען איהם געענטפערט — זאג מיר יעצט ווער זיינען דיא וואס זיינען ערשט יעצט פאַרביי אין קארעטע?

— איך וויים ניט, אפשר וויים געצקע.

— דזא ביסט נעצקע? — האט דער דעטעקטיוו נעפרעגט דעם דרייצעהנ־יעהריגען אינגעל מיט בלאָנדע האר וואָס האט איהם נעקוקט שארף אין דיא אויגען.

— יא, איך בין עס; ענטקעגען וואס פרעגט איהר?

— זאג מיר מיין קינד, ווער זיינען דיא לייטע וואָס זיינען געזעסען אין דיא לעצטע קארעטע?

— איינער איז דער הינקעדיגער דאָקטאָר, ער האט א הילצערנע פוס. אין קארעטע זעהט מען ניט.

— און ווער זיינען דיא צוויי פרויען?

— איינע איז דעם דאָקטאָר׳ס וויב און דיא אנדערע איז דא געקומען פאר דריי וואָכען זיך פערהעלפען ביי דעם שרה וואס איז איהרער א קרוב.

— פון וואנען ווייסט דוא דאס?

— איך האב געהערט וויא מיין זיידע האט דאס פאָרצעהלט.

— ווער איז דיין זיידע?

— בערצינ דער אייזענקרעמער.

— דער וואס קנייפט קליינע קינדער?

— נעצקע האט זיך צולאכט און האט געפרעגט דעם פרעמדען:

— פון וואנען ווייסט איהר דאס? האט ער אייך דען שוין געקניפען?

— דוא ביסט א גאנץ קלוגער אינגעל — האט איהם דער דעטעקטיוו געזאגט מיט א קניפ אין בעקעל — קענסט דוא מיר ניט זאגען פון וואנען זיא קומט? דיא קרובה פון שרה?

— איך ווייס ניט; נור, בענצע דער שניידער וואס איז געוועזען אין אמעריקא זאָגט אז ער האט מיט איהר גערעדט ענגליש.

— און דוא קענסט ניט קיין ענגליש?

— פון וואנען זאל איך קענען ענגליש?

— וואס דען קענסט דוא?

— איך קען דרייהונדערט בלאט גמרא אויף אויסוועניג, איך לערן זיך שרייבען „מליצה" אויף לשון־הקודש ביי בערל דעם רב׳ס און קריסטליכע דייטש ביי יאָסע דעם לעהרער.

— פון וואנען קען דיין זיידע דיעזע יונגע פרוי ארום וועלכע מיר ריידען?

— פון וואנען ער קען איהר! — זיא איז שוין אפשר געוועזען צעהן מאל ביים זיידען אין הויז, און פאר אכטאגען מאנטאג האט זיא אזוי געוויינט, אז מיין זיידע האט איהר נעמוזט צוזאגען, אז ער וועט רעדען מיט אָגינסקי׳ן וועגען איהר. וואס, ווייס איך ניט.

— קען איך ניט זעהן הייטע אבענד דיין זיידען?

— אך, פאר וואס ניט? דער זיידע וואוינט מיט אונז צוזאמען אָט דאָרטען אין יענעם מויער.

— זיי אזוי גוט, נעצעלע, און זאג דיין זיידען אז איך וועל קומען היינט ביי נאכט איהם זעהן.

— גוט, איך וועל איהם דאס זאגען — אבער איהר זאלט איהם ניט רופען „בערציג דער קנייפער" אין דיא אויגען; ער האט פאריבל.

אשקען האט זיך שטארק צולאכט, און אסתר וואס האט זעהר ווייניג פער־שטאנען פון דיעזען גאנצען געשפרעך, האט געפרעגט איהר בעגלייטער אויף ענגליש וואס ער טענה'ט דא מיט'ן איינגעל. נאכדעם וויא דער דעטעקטיוו האט איהר פער־זיכערט אז דיעזער געשפרעך האט א גרויסען אינטערעס פאר זיי, האט ער גענעבען געצקען דיא האנד און האט איהם בעדאנקט.

— הייטע אבענד וועל איך זיין אין אייער הויז — האט איהם אשקען נאכ־געשריען.

דיא צוויי לאָנדאָנער האבען זיך צוריק אומגעקעהרט אין זייער אכסניא ביי „חעמיעי'ן", און מיט א פאר מינוטען שפעטער איז געשטאנען ארום געצקע דעם עלוי א גאנצער רעדעל מענשען. יעדער האט געוואָלט וויסען וואס ער האט גערעדט מיט דעם אידעשען פריץ אזא צייט; אלע איינגלאך האבען איהם שטארק מקנא געווען פאַרוואָס ער האט געהאט א זכיה צו רעדען מיט אזעלכע גרויסע לייט.

ווען אסתר און אשקען האבען לאנג נאכגעדאכט וועגען דיעזע שעהנע אונגליק־ליכע ריטעווע, וואו א יאלעווער פאַריץ'ל מיט דעם נאמען „פירשט" פיהרט דיא גאנצע שטעדטיל פאַר'ן נאָז. פאר דעם גרעסטען לאָרד אין ענגלאנד מאכט מען ניט אזא פאראד וויא דיא ריטעווער מאכען פאר זייער „שררה"! ווען זיי האבען א ווילע פריהער געהערט דיא קינדער אויסשרייען מיט פורכט און ענציקונג דיא דריי ווערטער „דער שררה פאָהרט!", האבען זיי זיך דערמאנט דעם געשריי פון דיא לאָנדאָנער קינדער Here comes Her Gracious Majesty the Queen (דא קומט איהר מאיעסטעט דיא קעניגין).

דיא צוויי לאנדאנער האבען געוואַרט מיט אונגעדולד עס זאל שוין נאכט ווערן, זיי זאלען קענען באלד נאך הבדלה אפשטאטען א בעזוך בערציג דעם קניי־פער אום עפעס צו ערפאהרען וועגען אלגא. דיא איינציגע וואס קען בעפרייען גרינ־וואלד'ן פון דער תליה!

18טעס קאפיטעל.

דיא אונערוואַרטעטע דראַמאַ נאָך הבדלה.

ווער געדענקט דאס ניט זיינע ערשטע יאהרען, דאן ווען ער האט בעטראכט דיא נאַטור צום ערשטען מאל? ווער דערמאנט זיך ניט יענע צייטען פון דער יוגענד, ווען מיר האבען געפיהלט צום ערשטען מאל דיא ליעבשאפט פון נאטור'ס זאַגען־שיין און דעם צאָרן פון איהר שטורם?

מיר דערמאנען זיך מיט א זיפץ יענע גאלדענע צייטען פון אונזער יוגענד ווען מיר האבען נאך פון קיין זאָרג ניט געוואוסט. מיר דערמאָנען זיך יענעם „נאך־פסח" ווען דיא נאטור האט אנגעצויגען צום ערשטען מאל איהר גרינעם קאָר־סעט, ווען דער זיסער רעגענדיל האט אפגעפרישט צום ערשטען מאל דיא ערד, ווען דער גרינער וואלד האט זיך פערוואנדעלט אין אן אָרקעסטער פון געפלינגעלטע באַריסטע, ווען דיא לופט איז געווען אן אוצר פון טהוי און פארפומע.

מיר געדענקען דאס אלעס.

מיר געדענקען אויך, וואס פאר אַן איינדרוק עס האט אויף אונז געמאכט צום ערשטען מאל דער שטורם־ווינד צווישען דיא צווייגען, דיא שטיפעריי פון דיא בליצען, דער ברוגז פון דונער און דער בלויער געוועלב פון א זומער־הימעל וואס שיינט אָפּ אין א קלאָרען טייבעל פונקט וויא דער אפּגרונד וואלט געווען אונטערגעשלאגען מיט נאך א הימעל.

דיעזע פּראכטפאָלע סצענעס פון דער נאטור האבען זיך אפּגעשפּיגעלט אין ריטעווע יענעם שבת־צו־נאכט. עס איז געווען א שטילער זאנפטער זומער־אבענד. ביי בערציגן אין הויז איז שוין געווען פון א רעכטע ווילע ליכטיג. זיין איידים ר׳ דוד „דער פרוש“, וויא מען פלעגט איהם רופען, האט שוין לאנג געמאכט הבדלה אויף א גלאז ראָזינקעס־וואסער וואס מען רופט אין ריטעווע „וויין“. אויף׳ן טיש איז שוין געשטאנען א סאמאָוואר און פון בלאנקען מעשענעם קוימען האבען זיך געיאגט קייקעלאך רויך וואס האבען זיך פערלאָרען אין דער לופט פאזע באלקען. דיא פענ־סטערס זיינען געווען אָפען און האבען ארויסגעקוקט אויף׳ן גערטיל וואו דיא גריך־געקרוינטע צווייגען פון דיא בוימער האבען זיך געבאדען אין דיא גאלדענע שטראהלען פון דיא לבנה. בערציג איז געזעסען ביי׳ם טיש, צוזאמען מיט זיין פערהייראטעטע טאכטער רחל, זיין איידים ר׳ דוד און זיינע אייניקלאך.

— וואס איז דיין מיינונג, טאטע? צרוואס קענען זיי דיר דארפען אזוי נעטהינ? — האט רחל געפרעגט.

— איך וויים אליין ניט, — האט בערציג געענטפערט — איך האב געהערט, אז דער מאן איז אהער געקומען קויפען וואלד. אזוי האט ער וועניגסטענס געזאגט אין שול.

— ארום וועמען מען רעדט דאָ! — האט ר׳ דוד א מאך געטהאָן מיט דיא פּלייצעס — ער איז דאך ערגער וויא א משומד. וואו איז דאס געהערט געווארען, אז א איד זאל פאהרען אום שבת? איך האב איהם געזעהן אין שול צו „מנחה“, ער האט אפילו דיא מויל ניט געעפענט — טפוי, אזעלכע אפיקורסים!

— צוהיץ זיך נור ניט צופיעל, דוד, — האט דער קלוגער בערציג געענטפערט זיין פאנאטישען איידים — איך קען דיר פערזיכערן אויף מיין עהרען־וואָרט אז דיעזער פרעמדער האט נאך אסור ניט געמאכט נאט א לונגען־פעהלער.

דוד האט זיך גענעבען א גלעט דיא בארד און האט עפּעס וואס געוו..לט זאגען מים כעס; אבער דיא קלוגע רחל, זיין פרוי, האט איהם איבערגעשלאגען מיט דיעזע ווערטער:

— עס קען זיין, אז פון זייער קומען וועט זיך נאר אויסלאזען א טובה פאר דיא שטעדטיל; אפשר וועט באַגדאַן אַגינסקי אפּגעבען דעם בית־המדרש וואס ער האט אוועקגענומען.

— דאס איז א שווערע זאך, מיין טאָכטער, — האט דער אלטער בערציג געזאגט — איך האב גענוג געבעטעןביידע ברידער זיי זאלען עס אפּגעבען. זיי מאַגען אבער „פלאצאָווע“ דאס וואס עס קומט זיי זייט־יאהרען פאר׳ן פלאץ וואו דער

בית־המדרש שטעהט. אגינסקי זאגט, אז ער האט אונז איבערגעלאזען דיא גרויסע שול וואס האט גענוג פלאץ פאר גאנץ ריטעווע.

— א גרויסער אונגליק, — האט זיך נעצקע אריינגעמישט — וואס דיא ישיבה־בחורים האבען נעבאך ניט וואו צו בראַטען זייערע בולוועס.

— שטיל, דוא משומד — האט זיך דוד ווידער צוהיצט — זאל דיר הלואי וואס איך וויים!.

ר׳ דוד וואלט נאך א ווילע גערעדט; אבער רחל האט איהם ווידער איבער־געשלאגען:

— הער נור, טאטע, — האט זיא געזאגט צו בערצינן — איך האב דיר גאָר פערגעסען צו זאגען, אז דיא שיקסע האט דיר דאָ היינט ווידער געזוכט. זיא האט אזוי געוויינט, אז עס איז געווען א רחמנות.

— ביסט אויך וויא דיין זון? — האט ר׳ דוד ווידער געברומט — זאג דאך א „צער־בעל־החיים“; וויא קומט א שיקסע צו „רחמנות“?

— וואס איז דער חילוק, טאטע, — האט נעצקע זיך ווידער ארויסגעחאפט — דאכט זיך דיא ווערטער „רחמנות“ און צער־בעל־החיים“ זיינען דאךביידע לשון־קודש?

— שטום, דוא אפיקורס! דוא ביסט נור אָפגעלעגט אויף שמאדשטיק.

— דיא שיקסע האט געוויינט — האט רחל וויטער פארטגעזעצט — און זיא האט געזאגט זיא דארף דיר האבען. איך האב איהר געהייסען קומען היינט אויף דער נאכט, ווייל דוא האסט ביי טאג געשלאפען.

— וואס וויל זיא דען וויטער? — האט בערציג געפרעגט — וואס קען איך פאר איהר מעהר טהאן? אָגינסקי וויל איהר אין הויז ניט אריינגעהמען, סיידען אלס דיענסט. אגינסקי גלויבט איהר טאקע גאנץ גוט, אז זיא איז א טאָכטער פון זייער אונגעזעצליכע שוועסטער וויקטאָריא — אבער דאס העלפט ניט, ווארים ווערלינג וויא באגדאן זאגט, האט וויקטאריא געלעבט איינינע יאהר מיט א אידען און אלנא איז דריי פערטיל „זשידאָווקא“ (אידין).

— אויב אזוי, טאטע, מעג מען דאך געוויס זאגען א „רחמנות“ אויף איהר — האט נעצקע אויסגעשאסען און האט געמאכט פליטה פון טיש ער זאל ניט חאפען א דרעה פארן אויער פון זיין פאפא.

רחל האט וואס געוואלט פרעגען, אבער פלוצלונג האט מען אנגעקלאפט אין טהיר און א הערר מיט א דאמע זיינען אריינגעקומען. דיעזע צוויי בעזוכער זיינען געווען אשקען מיט פריילין רובינשטיין.

— גוטען אבענד.

— גוט וואָך.

רחל און איהרע צוויי קליינע טעכטער האבען דיא געסט געשטעלט שטולען, און נאכדעם וויא זיי האבען זיך געזעצט, האט בערציג געגעבען „שלום־עליכם“ דעם מאן און וויא א וואהרער קאוואליער, האט ער אויך געדרייכט דיא האנד דיא דאמע.

— איך האב אייך הייטע געלאזט זאגען דורך אייער אייניקעל — האט אשקען

אנגעפּאנגען — אז איך וועל אייך בעזוכען, און עס פרייט מיר ווירקליך אייער בע־
קאנטשאפט צו מאכען.

— וויא איך פערשטעה, — האט דער אלטער בערציג זיך אפּגערופען — זייט
איהר געקומען אין ריטעווע, ווייל איהר דאַרפט עטוואס צום פּירשט אגינסקי?

— יאָ, — האט דער לאָנדאָנער דעטעקטיוו געענטפערט — נור עס קען זיין,
אז מיר וועלען דאס קענען מאכען דורך אייך אליין און מיר וועלען ניט דארפען אָנ־
קומען צום פירשט'ס לאסקע.

— אָך, מיט'ן גרעסטען פערגניגען, אויב נור מעגליך.

אסתר האט דא געזאגט א פּאר ווערטער אויף ענגליש צו אשקען.

— וויא איך הער — האט בערציג ווייטער פאָרטגעזעצט — קומט איהר פון
ענגלאנד.

— יאָ, מיר זיינען לאָנדאָנער אידען.

— ביי אונז אין ריטעווע איז דיא ענגלישע שפּראך פרעמד פונקט וויא
היהנער־שפּראך — האט דער אלטער אייזען־קרעמער בעמערקט לאַכענדיג — נור
יעצט קענט איהר גראדע האבען דיא געלעגענהייט מיט וועמען צו רעדען ענגליש.

— מיט אייך אליין?

— ניין. איך האב אפילו ציעמליך גערייזט אין דער וועלט, אבער אין ענגלאנד
בין איך קיין מאל ניט געוועזן. נור דא איז יעצט דא אין ריטעווע א פרוי, א יונגעס
מעדכען, וואס איז ניט לאנג געקומען פון לאָנדאָן.

— א אידישע פרוי?

— ניין, א קריסטין.

— איז זיא היער געקומען זיך זעהן מיט פאמיליע?

— יא און ניין. דיא פרוי זאגט, אז זיא האט פּאפּירען צו בעווייזען דאס דיא
יעצטיגע ברידער אָגינסקי זיינען איהרע אנקעלס; זיי זיינען דיא ברידער פון איהר
מוטער וואס איז געשטארבען ניט לאנג אין לאנדאן.

— אהאַ! דיא געשטארבענע איז געוועזן דיא „קעניגין" וואס האט פאר'ן
טויט אויסגעזאגט דעם סוד פאר גרינוואלד'ן — האט אשקען געזאגט צו אסתר
אויף ענגליש.

אשקען האט זיך באלד געווענדעט צו אלעמען ארום טיש מיט דיעזע
ווערטער:

— ענטשולדיגט מיר וואס איך נעהם דיא פרייהייט צו רעדען א פרעמדע
שפּראך אויף אייער טיש. איך קען זיך אנדערש ניט העלפען, ווייל דיעזע דאמע
פערשטעהט זעהר ווענינ דייטש.

— וואס איז דיא נפקא־מינה, טייטשעס אדער איינגליש? — האט זיך דוד
ארויסגעחאפּט — זיי זיינען ביידע קיין אידעש ניט.

— און דאס וואס מיר רעדען איז דאך אויך קיין אידע'ש ניט, — האט געצקע
בעמערקט האלטענדיג דיא האנד אויף'ן קליאמקע פון טהיר צו מאכען א „ויברח" —

דאס וואס מיר רעדען איז דאך שלעכטע-דייטש; נור לשון-קודש מעג מען רופען „אידעש" ווארום וויא באלד אז....

געצקע האט קיין צייט געהאט צו ענדיגען זיין „פילאזאפישע" דרשה, האט מען געקלאפט אין טהיר און א יונגע פרוי איז אריינגעקומען מיט א פרעהליכען „דאברי וועטשער פאניע".

— דיעזע בעזוכערין איז געוועזען אלגא. זיא איז געבליעבען שטעהן וויא א פער־גליווערטע און האט קיין אויג ניט אראפגעלאזען פון אשקען, וואס זיא האט דער־קענט וויא דורך א חלום. זיא האט איהם ערגעץ געזעהן אין לאנדאן, אבער זיא האט ניט געקענט נעדענקען וואו און ווען. אלגא האט אבער ניט לאנג געווארט און האט געזאגט צום דעטעקטיוו אויף ענגליש:

— איהר זייט מיר בעקאנט, מיין העדר; וואו האב איך אייך געזעהן?

— ביי דיא אלטע דיקסאן — האט אשקען געענטפערט און האט איהר גע־קוקט שארף אין דיא אויגען.

אלגא איז רויט געווארען, האט אראפגעלאזען דיא אויגען און נאך א קורצען שטיל-שווייגען האט זיא דעם דעטעקטיוו ווייטער געפרעגט:

— איז אויך דיעזע דאמע פון לאנדאן?

— יא, פריילין, און זיא איז געקומען אזא ווייטען וועג צו א י י ך!

— צו מיר?

— צו אייך! דער גרעסטער אונגליק וואס קען טרעפען א מענשען, האט מיר פאסירט — האט אסתר אויסגעשריען ארומגעהמענדיג אלגא'ן — און נור איהר אליין קענט מיר רעטען! נור איהר אליין קענט מיר אומקעהרען מיין גליק, מיין האפנונג, מיין לעבען — מיין מארקוס'ן!

אסתר האט ווייטער ניט געקענט ריידען, איהרע אויגען האבען זיך פערוואל־קענט, און אויף איהר קוקענדיג האבען זיך אלגא'ס אויגען אנגעפילט מיט טרערין, ביי בערציגען אין הויז איז געווארען „יום-כפור", יעדער האט זיך אויפגעהייבען פון טיש מיט א ווילדע איבערראשונג. אשקען האט זיי דערוויל דערקלערט קורץ און שארף וויא אזוי אן אונשולדיגער יונגער מאן שמאכט יעצט אין א לאנדאנער געפענ־גניס; אלגא איז דיא איינציגע פרוי אויף דער וועלט וואס קען איהם בעפרייען פון תפיסה און פון א שענדליכען טויט. ער שטעהט אין געפאהר אלע ווילע צו געבען דעם לעצטען זיפץ אויף א תליה.

— פריילין אלגא וועט געוויס טהאן איהר פפליכט — האט בערציג געזאגט צו אשקען.

— איך וועל טהאן אלעס וואס איהר וועט מיר הייסען — האט אלגא אויס־געשריען מיט א פערוויינטע שטימע צו אסתר'ן — איך בין פערטיג אפילו צו געהן צופוס נאך לאנדאן, אבי צו בעפרייען יענעם יונגען מאן, וועמען איך האב אפגע־געבען דאס בריוועלע פון מיין שטערבענדע מיטער.

— זעה, אלגא, שוועסטער'ל, לאמיר יעצט געהן אין אונזער לאזשי, ווייל ניט דא איז דער פלאץ צו רעדען וועגען דעם.

— און איהר, פריינד אשקען, — האט פרייליין רובינשטיין פארטגעזעצט — געהט שוין שיקען א טעלעגראמע צום אדוואקאט מארטאן אז מיר קומען מיט אלגא׳ן בעפרייען מארקוס׳ן.

אין פינף מינוטען ארום זיינען די געסט פארטגעגאנגען צו חעמיע׳ן אין קרעטשמע און בערצ׳ינ האט געזאגט מיט א שאקיל מיט׳ן קאפ צו זיין טאכטער רחל:

— דיעזע קורצע דראמא נאך הבדלה ווערט מיר ליגען אין זינען אזוי לאנג איך וועל לעבען: א גוואלד וואס עס קען נור טרעפען אויף דער וועלט!

20טעס קאפיטעל.

קבלת־פנים ביי אגינסקי.

עס איז געווען זונטאג פאר נאכט. אסתר רובינשטיין, אשקען און אלגא זיינען אלע דריי געזעסען אין גערטעל פון חעמיע׳ס מויער.

עס איז געווען א גאנץ הייסער טאג. די היץ האט אזוי געשטיקט, אז מען האט קוים געפיהלט א טראפען לופט. וואלקענס האבען זיך צוזאמענגעקליבען אויף וואלקענס, און האבען אויסגעזעהן וויא זיי ווילען זיך בעקינדלען מיט א שטורמווינד. נור, וויא עס איז געקומען פאר נאכט זיינען די וואלקענס פערשוואונדען און די זון האט ארויסגעשיינט פון א ריינעם בלויען הימעל. דאך האט מען געקענט הערען פון דערווייטענס וויא דער דונער בייזערט זיך מיט א דערשטיקטע פויקעריי און מען האט אויך געקענט זעהן וויא די בליצען שפילען זיך אין בעהעלטענים אונטער נאטור׳ס גרויסען פרוכת.

די זון האט זיך בישלאכוויים אראפגעלאזען נידריגער און נידריגער, ביז זיא איז געזונקען דארט הינטערן טייך „יורע“ אין א ים גראז, און א קיהלער ווינטעלע האט זיך מיט מזל בעוויעזען. די צווייגען האבען זיך אנגעפאנגען צו שאקלען און די בלעטלאך האבען זיך געסוד׳עט. פון ווייטען איז געלעגען די „פעטע רויזקע“ חעמיע׳ס שעהנע פלעמעניצע, און האט געזונגען מיט איהר זיסע מיידעלשע שטימע דאס פאלגענדע לידעל:

לעבען א בערגעלע בלומען, אויף א צווייגעלע,
וויגט זיך רעבטס און לינקס א קליין שטייגעלע —
זעהט בעטראכט, נור דארט די קליינע נעסט:
א פאמיליע פייגעלאך ליגען אין איין נעסט.

זיי האבען זיך היער אלע פריינדליך געטראפען,
שא!!! וועקט זיי ניט אויף, לאזט זיי שלאפען.
דער נעסט איז זייער הויז און זייער וויגעלע,
די מוטער בעדעקט זיי מיט איהר פליגעלע.

זיי ליגען רוהיג, פערזארגט מיט יעדע זאך;
די פייגעלאך שלאפען, די מוטער איז וואך.
וואס איז זייער שפייז? א קערנדיל, א גראז —
און זייער בעטעלע — א בלעטעלע פון א ראז!

— אלזא, פאהרען מיר ארויס פון היער צוריק נאך לאָנדאָן מארגען אבענד אדער דיענסטאג פריה — האט אסתר געזאגט צו אלגא'ן — ווייל איך ערווארט א וויכטיגע טעלעגראמע.

— פון מיינעטוועגען אפילו באלד,—האט אלגא געענטפערט — ווייל ערשטענס, האב איך דא ניט וואס צו טהאן; מיינע אָנקעלס ווילען מיר קיין פריינדשאפט ציינען; צווייטענס בין איך שוין צופיעל איינגעוואוינט מיט דיא קאָבינע גרויסע שטעדט, און עס איז מיר זעהר שווער צו ווערן א דאָרף-שיקסע.

— ליעבע, טהייערע אלגא, — האט אסתר פאַרטנעזעצט — איהר דאַרפט אייערע רייכע אָנקעלס אפילו אין זינען ניט האבען. איך און מארקוס וועלען אייך האלטען וויא אן איינען קינד. איהר דארפט קיין מורא ניט האבען איהר זייט שוין פערזאָרגט. איין זאך וואלט איך וועלען וויסען, ווארום ווילט איהר מיר ניט זאגען דיא געהיימניס וואס אייער מוטער האט איבערגעגעבען מארקוס'ן איידער זיא איז געשטאָרבען?

— גלויבט מיר פריילייון, אויף מיין עהרענוואָרט, אז איך וויים עס אליין אויך נים. מיין זעליגע מוטער האט עס מיר ניעמאָלס געוואָלט זאגען.

— אבער, מיר וואונדערט שטארק, פריילייון, וויא זייט איהר געקומען מיט אייער מוטער אין אזא פלאץ וויא ביי דיא אלטע דיקסאָן? — האט איהר אשקען פלוצלונג געפרעגט.

— א גרויסע אורזאכע האט אונז דאָרט געבראכט. האט אלגא געענטפערט.

— געווים אויך א געהיימניס?

— יא, אוננעפעהר.

אסתר האט וואס געוואָלט פרעגען אלגא'ן; אבער פלוצלונג איז אריינגעקומען! חעמיעים דיענסט, א ליטווישע שיקסע און זיא האט געזאגט אויף איהר שפראד:

— טאמעשטע מערגעלע טורוי ראשטא.

אבער קיינער האט איהר ניט פערשטאנען.

נור רויזקע וואס האט זיך ניט וויים געקייקעלט אויף דיא גראז, האט זיך באלד אויפגעהויבען, איז צוגעגאנגען צו דיא דיענסט און האט איהר געפרעגט:

— שאקיק מאָנים מאנדאליענא קאָן טו נאָרע? (זאג מיר מאנדאליענא, וואס ווילסט דוא?).

דיא שיקסע האט איהר איבערגעזאגט, אז עס איז דא א טעלעגראמע פאר דיא פרעמדע „פריצטע".

אסתר איז ארויסגעלאָפען פערסאָפּעט פון גערטעל אין הויז אריין און האט געפונען בערציגען ווארטען אויף איהר. ער האט איהר אנגעזאגט דיא בשורה. אז דער פירסט אָנינסקי האט ערהאלטען א טעלעגראמע אפצוגעבען אן פריילייון רובינשטיין און דיא צווייטע טעלעגראמע צו איהם אליין פון א לאָנדאָנער אדוואָקאט מאַרטאָן, וואס בעט אום ענטשולדיגונג, ווארום ער נעהמט זיך דיא פרייהיים איהם צו בעלעסטיגען מיט א טעלעגראמע פאר א פרעמדען. ער האט קיין

אנדער ברירה ניט, ווייל ער ווייס ניט וויא צו אדרעסירען אין ריטעווע צו דיא בע־טרעפענדע דאַמע אליין.

— דאס איז אביסעל א געזונטע שטיק סחורה — האט אשקען בעמערקט צו אלגאַ'ן, קוקענדיג מיט ליידענשאפט אויף רויזקע דיא חןעוודיגע — ווער איז זיא אייגענטליך ?

— איך זעה ניט איין מיט וואס זיא איז אזא פּארשוין, — האט אַלגא ער־ווידערט מיט אייפערזוכט — ערשטענס, האט זיא צופיעל בלוט אין געזיכט, און צווייטענס איז זיא א סך צו פעט פאר איהרע 16 יאהר. זעהט נאר א משוגענע טאַליע דיא האט, זיא קען דאָך אנזוגען א זרעבעציק !

אַלגא'ס בעמערקונג איז אפילו געווען עטוואס ריכטיג ; אָבער דאס האט אויף אשקען קיין איינדרוק געמאכט. דען דיזער דעטעקטיוו, וואס איז געווען בטבע א גרויסער נ...., האט זיך ווייניג געקימערט ווענען וואהרע שעהנקייט. ער האט נור געהאט א הונגער צו פלייש און ווייטער גארניט ! פון דעם טאג אן וואָס ער איז אָנגעקומען אין ריטעווע, האט ער באלד אָנגעפאנגען ווארפען זיינע דעטעקטיוושע אייגעלאך אויף רויזקען און ער האט געזוכט א שטיקעלע געלעגענהייט וויא צו מאַ־בען מיט איהר אן ערנסטע בעקאנטשאַפט. — אין דיא ווילע וואס אסתר איז ארויס־געגאנגען, האט אשקען אנגעפאנגען צום ערשטען מאָל אביסעל איינצוטענה'ן מיט דיא פעטע רויזקע אויף יודיש, כדי אַלגא זאל ניט פערשטעהן.

רויזקע איז געווען א יתומה, אָהן א פאטער און אהן א מוטער, זיא האט נאר געהאט איהר פעטער חעמיע. זיא האט זיך געהאָדעוועט אין טעלז, פיתף מייל ווייט פון ריטעווע, און אזוי וויא זיא האט ניט געהאט ביי וועמען צו פערבלייבען אין טעלז נאך דעם וויא איהרע עלטערן זיינען געשטאָרבען, איז זיא געקומען אין ריטעווע צו איהר אָנקעל.

— איז דיר ניט לאנגווייליג אין אזא קליינע שטעטעלע, מיין קינד ? — האט איהר אשקען געפרעגט מיט זיין געוועהנליכע חוצפה.

— איך וועל אייך זאָגען דיא וואהרהייט, מיין הערר, איך האב נאך קיין גרע־סערע שטאדט ניט געזעהן. טעלז איז אויך ניט קיין גרויסע שטאדט ; מעהר וויא טעלז, פלונגיאן און ריטעווע האב איך נאך ניט געזעהן.

— פאר אזא שעהן קינד וויא דוא ביסט, בלוט און מילך, — האט אשקען פאַרטגעזעצט איהר קוקענדיג אין דיא אויגען — פאסט זיך צו וואוינען אין א גרויסע שטאדט וואו, מען ווייס צו בעוואונדערן שעהנע מיידלאך.

— איך דאנק אייך, מיין הערר, פאר אייער קאָמפּלימענט — איך ווייס גאנץ גוט אז א גרויסע שטאדט האט איהרע בלומען, זיא האט אבער אויך איהרע דערנער וועלכע דיא קליינע שטעטלאך האבען ניט. מיר לעבען א סך רוהיגער וויא דיא לאָנ־דאָנער, פאריזער און בערלינער.

אשקען האט איהר אנגענומען פאר'ן האנד און האט צו איהר געזאגט :

— גלויב מיר רויזעלע, דוא וואלסט אין לאנדאן געווען דיא גליקליכסטע.

דער דעטעקטיוו האט איהר געוואלט קושען, אבער אסתר איז אריין פּלוצלונג

מיט א הוט אויפן קאפּ מיט איהר שעהנעם מאנטעל אויף איהרע ברייטע שולטערן, מיט עבט ווייסע זיידענע האנדשוה און האט געזאגט מיט א טאָן פון אונגעדולד:

— איך מוז געהן אין הויף מיט דיעזען אלטען גוטען מאן, ווייל דער פירסט אַגינסקי האט געלאָזט זאגען, אז ער וויל איבערגעבען דיא טעלעגראמע פערזענליך צו וועמען מען האט עס געשיקט.

— געהט איהר דען אליין, פריילין? — האט אשקען געפרעגט.

— הערר בערציג וועט מיר דארט אָבפיהרען.

— קענט איהר רעדען פראנצויזיש, פריילין? — האט בערציג געפרעגט.

— ציעמליך גוט — האט זיא געענטפערט.

— אויב אזוי זאָלט איהר רעדען מיט'ן פירסט פראנצויזיש, ווייל ער שטאָלצירט שטארק מיט דיעזער שפראך.ביידע ברידער קענען עס. נור מיכעל איז יעצט פער־רייזט.

אסתר און בערציג זיינען ארויס פון הויז העכסט צופריעדען. עס האט ניט געדויערט קיין צעהן מינוטען, זיינען זיי אנגעקומען דורך „פלונגיאנער גאס" אין הויף. דער עלטערער ברודער פירסט באָגדאַן אָגינסקי האט זיי עמפּפאנגען אין קאנצעלאריע, און נאכדעם וויא פריילין רובינשטיין האט איהם בעגריסט מיט א חן'עוודיגען Bon jour Exellence (גוטען טאג, פירסט דורכלויכטען) האט זיי באָגדאַן געהייסען זיך זעצען.

— איז אייער נאמען פריילין רובינשטיין? — האט דער פירסט איהר געפרעגט.

— יא, עקסעלענץ.

— זייט איהר פון ענגלאנד?

— געבאָרען אין לאָנדאָן.

— היער איז אלזא א טעלעגראמע וואס איז אנגעקומען פאר אייך אויף מיין אדרעס. איין טעלעגראמע האב איך ערהאלטען פון דיעזעלבע פערזאָן וואס בעט מיר איך זאל עס אייך אייגענהענדיג איבערגעבען.

אסתר האט זיך גענעבען א נייג, האט צוגענומען דיא טעלעגראמע, וואס האט געלויטעט אזוי:

„לאָנדאָן 12טען אגוסט.

„פריילין רובינשטיין, ביי פירסט אָגינסקי, רעטאָווא (ריטעווע) גו־ווערנמענט קאָוונא.

„פּראָצעס פאננט אן נעכסטע וואך בעשטימט.

„קומט מיט צייגע זאָ שנעל וויא מעגליך. אין פאל צייגע ניטא, קומט אליין. „טעלעגראפירט באלד. גרינוואלד האט גוטע האפנונג. אייער פאטער אונרוהיג.

מ אַ ר ט אַ ן".

נאכדעם וויא פריילין רובינשטיין האט דורכגעלעזען צוויי מאל דיעזע טע־לעגראמע, האט זיא וויעדער בעדאנקט דעם פירסט מיט א פראנצויזישען Je vous remercie profondement און זיא האט זיך געשטעלט צו געהן.

— פערבלייבט איהר נאך לאנג אין ריטעווע ? — האט איהר באנדאן געפרעגט.

— וואחרשיינליך ביז מאָרגען אם שפּעטסטען.

— איך בעדויערע פון הערצען וואס איהר רייזט אָפּ זאָ שנעל פון היער.

— און איך בעדויערע עס פיעל מעהר, — האט פריילין רובינשטיין געזאגט מיט א שמייכעל — דען אייער שטאדט איז א וואהרער פאראדיז.

— ווארום קענט א י ה ר ניט אויסווירקען אויף דער פריילין זיא זאל אין ריטאווא עטוואס לענגער בלייבען ? — האט אגינסקי געזאגט לאכענדיג צו בערציג'ן.

— יא, פירסט, עס איז זעהר שווער מיט א ווייסען קאָפּ צו האבען איין איינפלוס אויף יונגע מיידלאך — האט דער אלטער אייזענקרעמער ערווידערט באלד, גאר ניט געטראכט.

— אָגינסקי האט בעגלייטעט זיינע געסט ביז'ן טהיר, און ווען זיי זיינען ארויס, איז שוין געוועז אבענדס, א קלארע זומער־נאכט האט געשמייכעלט. ארום פּאלאץ אין געוועז שטיל. מען האט נור פון צייט צו צייט געהערט דיא ה ו ז ש ע ר י י פון א באבעלע שווארץ וויא קויל; דיא ה י ר ז ש ע ר י י פון אָגינסקי'ס פערד, וואס האבען זיך געלאנגווילט אין שטאל און דעם כאָר פון דיא פרעש וואס האבען געפלוידערט אין דעם פיער עקיגען טייך, וואס ליעגט וויא א שפּיעגעל פארן הויף. דיא לבנה האט געשיינט מיט איהר פולען גלאנץ. איהרע זילבערנע שטראהלען האבען פערפלייצט דעם גאנצען הויף מיט א זיסע ליכטיגקייט, און צווישען דיעזע שטראהלען, זילבער־קאליר, האט זיך אפּגעשפּיגעלט דורך א גאָלדענענעם רויך דיא שעהנע פיגור פון מארקוס גרינוואלד וויא ער קוקט דורך א פענסטערל מיט אייזערנע גראטעס און זיפצט —

— פרייהייט ! אסתר ! לעבען ! ליעבען !

20טעם קאפּיטעל.

אַ רינג מיט צעהן מינוטען.

לאָנדאָן האט געקאָכט. עס איז ניט געוועז א קלוב אדער א פּריוואט הויז וואו מען האט ניט גערעדט פון דעם גרויסען פּראָצעס וואס פאנגט זיך אן מאָרגען. צעהן געגען איינס האבען ערווארטעט, אז גרינוואלד וועט ארויס שולדיג. באלד אין דער פריה אויף מאָרגען איז דער געריכט־זאל געוועזן פול געפּאקט מיט מענער, פרויען, פּוסטע פּראנטען און אדוואָקאטען. ווען דער ריכטער איז אריין האבען זיך אלע געשטעלט. מען האט אריינגעפיהרט דעם געפאנגענעם און עס איז באלדגעוואָרען א „שו שו שו" צווישען דיא פרויען. ער איז געוועזן אנגעצויגען אין שווארצען. דאס געזיכט בלאס וויא א טוד און דיא אויגען עטוואס פערוואָלקענט. אבער דאך האבען אלע פּרויען געזאגט מיט איין קול, אז ער איז א גרויסער פּארשוין און דארום גלויבען זיי שטארק אין זיין אונשולד. — ווייבערשע לאָגיק !

נאכדעם וויא מען האט בעשוואָרען דיא דזשורי־לייט, האט דער דיסטריקט אטטאָרני (דער פּראָקוראָר) זיך געשטעלט רעדען. קיין גרויסער רעדנער איז ער ניט געוועזן, נאָר זיינע אלע ווערטער זיינען געוועזן קורץ, גלאט, שארף, קלאָהר און אהן

איבערגעשפיצטע „חכמות". ער האט דערצעהלט וואס דיא בעשולדיגונג איז און ווארום דער חשד איז אויף דעם געפאנגענעם. ערשטענס, וועט מאדאם ניקעלסאן עדות זאגען, אז איהר לאזשירער אסקאר וולאדימיראוויטש האט ניט גוט געלעבט מיט דעם פערקלאגטען גרינוואלד און דיעזער האט איהם א וואך פריהער מתרה געווען, אז ער וועט פון איהם ראבע נעהמען אפילו אין מיטען שטראסע; נאך א פערזאן וועט וויעדער עדות זאגען אז אסקאר איז געווען בעזויפען יענע נאכט. דער פוהרמאן רוסטאן וועט שווערן, אז דער געפאנגענער האט צוגערופען דעם וואגען, און נאכדעם וויא ער איז א ווייל אוועקגענאנגען, איז ער צוריק געקומען אין וואגען. און אנדערער פוהרמאן, ראנדאלף, וועט בעשטעטיגען אז ער האט אפגעפיהרט דערנאך דעם אנגעקלאגטען נאך איסט-לאנדאן. וויעדער, דיא ווירטהין פון געפאנ־גענעם, מאדאם זינגער, וועט זאגען, אז איהר לאשזירער איז געקומען יענע נאכט איינינע מינוטען נאך צוויי אוהר אין דער נאכט. מיר האבען אויך דעם דעטעקטיוו נאריק וואס וועט איבערצייגען, אז ער האט געפונען דיא האנדשוה פון ערמארדעטען אין טאשע פון געפאנגענעם. דער דאקטאר וועט שווערן, אז דער יונגער מאן איז ערמארדעט געווארען דורך כלאראפארם.

מען האט צוערשט גערופען דעם פוהרמאן העגרי רוסטאן וואס האט איבערגעזאגט דאס זעלבע וויא דאן צו דיא ערשטע אונטערזוכונג.

דער אדוואקאט מארטאן האט איהם איבערגעפרעגט אויב ער איז זיכער, אז דער געפאנגענער איז דיעזעלבע פערזאן וואס איז אריין אין וואגען איידער דער מארד איז געשעהן?

דער עדות: — יא, דאס איז דער זעלבער.

מארטאן: — זייט איהר זיכער?

דער עדות: — יא.

מארטאן: — דערקענט איהר אין דעם געפאנגענעם דעם מאן וואס איז אריין אין וואגען?

דער עדות: — דארויף קען איך ניט שווערן, ווייל דער מאן וואס האט מיר צוגערופען האט געהאט זיין הוט אריבערגעצויגען איבער דיא אויגען און איך האב ניט געקענט גוט בעמערקען זיין געזיכט. איך ווייס אבער אז ער האט געהאט דיעזעלבע הויך וויא דער געפאנגענער און האט אויסגעזעהן וויא ער פון „דרויסען־זיים".

מארטאן: — איהר מיינט אלזא אז דאס איז דאן געווען דער געפאנגענער, דארום, ווייל דיא פערזאן וואס איז אריין אין וואגען האט געטראגען דיעזעלבע קליי־דער וויא דער געפאנגענער?

דער עדות: — יא, איך מיין דאס.

מארטאן: — האט איהר בעמערקט אויף אן ענדערונג אין זיין שטימע?

דער עדות: — ניין. נור צוערשט, ווען ער האט מיר צוגערופען נעהמען דעם שכור, האט ער גערעדט הויך, און צום צווייטען מאל, ווען ער איז צוריקגע־

מען און איז אריין אין מיין וואגען מיט'ן בעזאָפענעם, האט ער גערעדט זעהר נידריג.

מארטאן: — איהר האט אבער ניט גוט אריינגעקוקט אין געזיכט דעם צווייטען מאן, איהר זאלט קענען זאגען, אז איהר זייט איבערצייגט וואס איהר מיינט?

דער עדות: — געוויס האב איך איהם ניט אריינגעקוקט אין געזיכט! בין איך דען א נביא צו וויסען פאראויס, אז אין מיין וואגען וועט געשעהן א מארד?

מארטאן: — איז אייך גאר ניט אריין אין געדאנק, טאמער איז דער צווייטער מאן וואס איז אריין אין וואגען גאר געוועזן אן אנדערער, און ניט דער זעלבער?

דער עדות: — עס זיינען מיר ניט אריינגעפאלען אזעלבע געדאנקען וואס איהר ווילט.

דערמיט האט זיך געענדיגט רוסטאָן'ס צייגניס און מארטאן איז געווען אביסל אונצופריעדען ווארום ער האט ניט ארויסגעקראָגען עפעס מעהר פון פוהרמאן וואס זאל זיין א שטיקעל זכות פאר'ן געפאנגענעם.

דער נעכסטער עדות איז געווען דער צווייטער פוהרמאן ראנדאָלף וואס האט בעשטעטיגט, אז ער האט אפגעפיהרט דעם געפאנגענעם נאך איסט-לאנדאן באלד נאכ'ן מארד.

מארטאן: — פון וואנען ווייסט איהר אז עס איז געווען נאכ'ן מארד?

דער עדות: — וועדליג וויא איך האב אויסגעפונען דערנאך דורך דיא צייטונגען.

מארטאָן: — איז דער געפאנגענער דערזעלבער מאן וועמען איהר האט אפגעפיהרט נאך פוילעט סטריט?

דער עדות: — אָ, יא.

מארטאן: — פון וואנען ווייסט איהר דאס? — האט איהר איהם דען אנגעקוקט אין געזיכט?

דער עדות: — ניין, ער האט געהאט דעם הוט איבער דיא אויגען; איך האב נור געקענט זעהן זיינע וואָנצעס וואס האבען געהאט דעם זעלבען קאָליר וויא דעם געפאנגענעם'ס.

מארטאן: — האט ער געטראגען האנדשוה אויף דיא הענד?

דער עדות: — יא, איין האנדשוה אויף דיא לינקע האנד. דיא אנדער האנד איז געוועזן נאקעט.

מארטאן: — האט ער געטראגען רינגען אויף דיא רעכטע האנד?

דער עדות: — יא. א גרויסען דיאמאנט-רינג אויף דעם מיטעלסטען פינגער.

מארטאן: — זייט איהר זיכער?

דער עדות: — יא. איך האב דארויף געקוקט מיט דיא גרעסטע נייגירדע

ווייל ביז דאן האב איך נאך ניט געזעהן א דשענטעלמען זאל טראגען א רינג אויף דעם מיטעלסטען פינגער.

מארטאן: — דאס איז גענוג; זעצט אייך.

מארטאן איז געווען העכסט צופריעדען פון דיעזע עדות, ווייל גרינוואלד האט ניט געקענט ליידען קיין רינגען און ער האט עס ניעמאלס געטראגען. הונדערטע מענשען פון גרינוואלד'ס בעקאנטע קענען עס געהן שווערן. דער אדוואקאט האט דאס איינגעצייכענט אין זיין נאטיץ־בוך.

נאכדעם האט מען פארגערופען מאדאם ניקעלסאן ביי וועמען אסקאר האט געוואוינט.

זיא האט דערצעהלט, אז ער האט ביי איהר געוואוינט אונגעפעהר צוויי מאנאט. זיא האט אויך געזאגט, אז דער ערמארדעטער איז געווען א רוהיגער מאן און ער האט נור געהאט איין חסרון: ער פלעגט אפט־מאל קומען אהיים שיכור. זיא האט פערזיכערט, אז דער ערמארדעטער האט געהאט א גוטען פריינד, א געוויסער יעררר הארן וואס פלעגט קומען צו איהם זעהר אפט.

— דעם 14טען יולי, — האט מאדאם ניקעלסאן ווייטער געזאגט, איז דער געפאנגענער געקומען צו אסקאר'ן און זיי האבען געהאט א גרויסע מחלוקה. זיא האט געהערט, וויא אסקאר האט געזאגט: „זיא איז מיינע און איהר קענט מיר גאר ניט טהאן“. דער געפאנגענער האט דארויף געענטפערט: „ווען איהר וועט זיא ניט אפלאזען, וועט אייך דאס טהייער קאסטען, איך וועל פון אייך ראכע נעהמען אפילו אין מיטען שטראסע“.

ווען מאדאם רובינא ניקעלסאן האט געענדיגט איהרע עדות, איז געווארען אין געריכט א גרויסער קאך צווישען פובליקום. מעהר וויא העלפט מענשען האבען געדענקט, אז דיעזע עדות אליין איז גענוג צו בעווייזען, אז דער געפאנגענער איז ווירקליך דער מערדער.

מארטאן האט פרובירט איהר איבערפרעגען, אפשר וועט זיא זיך ווידערשפרעכען; אבער זיין מיה איז געווען אומזיסט. ניקעלסאן האט זיך געהאלטען ביי דאס איהריגע פעסט וויא אייזען.

דיא נעכסטע עדות איז געווען מאדאם זינגער, ביי וועמען גרינוואלד האט געוואוינט. זיא האט זיך אוועקגעשטעלט מיט טרערין אין דיא אויגען און האט דערצעהלט אויפ'ן קוויטש, אז דער געפאנגענער פלעגט קומען אהיים זעהר צייטליך, נור יענע נאכט פון מארד, איז ער געקומען איינינע מינוטען פאר צוויי אוהר פאר טאג.

דער פראקוראר: — איהר מיינט נאך צוויי אוהר.

דיא עדות: — ניין, איך מיין ניט וויא איהר מיינט. דער פאליסמאן וואס האט זיך אנגעגעבען פאר אן אגענט, האט מיר אויך געוואלט איינרעדען אז דאס איז געווען פינף מינוטען נאך צוויי. אבער איך קען שווערן, אז הערר גרינוואלד איז געקומען אהיים פינף מינוטען פאר צוויי. איך קען שווערן —

ד ע ר פ ר א ק ו ר א ר: — זייט איהר זיכער, אז אייער וואנד־אוהר איז יענע נאכט ריכטיג געגאנגען?

ד י א ע ד ו ת: — מיין שוועסטער'ס זאהן, וואס איז אן אוהר־מאכער האט מיין אוהר געפיקסט דאנערשטאג אבענד. דעם זעלבען אבענד ווען הערר גרינוואלד איז געקומען אהיים שפעט.

מען האט צוריק גערופען דעם צווייטען פוהרמאן ראנדאלף און ער האט ווידערהאלט זיין ערשטע עדות אז עס איז געווען פונקט צוויי אוהר ווען דער געפאנגענער איז אראפ פון זיין וואגען אין פולעט סטריט.

ד ע ר פ ר א ק ו ר א ר: — פון וואנען ווייסט איהר דאס אזוי אויף'ן האר?

ד ע ר ע ד ו ת: — ווייל איך האב געהערט שלאגען צוויי אוהר דעם גרויסען זייגער פון סענט־פויל'ס קאטהעדראל.

דיא פעסטע בעשטעטיגונג פון מאדאם זינגער איז געווען א גרויסער וויכטיגער פונקט פאר דיא פערטהיידיגונג, ווייל וויא באלד גרינוואלד איז אהיים געקומען פינף מינוטען פאר צוויי, איז ער דאך ניט דער מאן, וואס האט פערלאסען ראנדאלף'ס וואגען אום צוויי אוהר אין פולעט סטריט.

דר. קיננסטאן האט דערנאך בעשטעטיגט, אז אסקאר איז ערמארדעט געווארען דורך כלאראפארם.

מען האט ענדליך גערופען הערען הארן, אסקאר'ס א פריינד און ער האט דערצעהלט אז דיא נאכט פון מארד איז ער געווען מיט אסקאר'ן צוזאמען. זיי האבען געטרונקען צוזאמען און זיי האבען זיך געשיידעט אין בורק סטריט.

הארן האט אויך דערצעהלט, אז ער האט אסקאר'ס בעקאנטשאפט געמאכט אין ניו־יארק, וואו זיי האבען זיך געטראפען. דערמיט האט זיך געענדיגט דער ערשטער טהייל פראצעס — דיא בעשולדיגונג. מארטאן האט געבעטען דאס געריכט אפליינען אויף מארגען ווייל ער האט ערהאלטען א טעלעגראמע פון פאריז אז הייטע אבענד קומט א וויכטיגע עדות: אלגא!

דאס געריכט־הויז האט זיך באלד אויסגעלעדיגט און מארטאן האט דורכגעקוקט דיא נאטיצען וואס ער האט גענומען אין זיין ביכעל. ער איז געווען העכסט צופריעדען פון ראנדאלף'ס עדות וועגען דעם רינג אויף'ן מיטעלסטען פינגער און פון מאדאם זינגער וואס האט בעשטעטיגט, אז עס איז געווען פינף מינוטען פ א ר צוויי.

הויפענס מענשען זיינען געשטאנען אין דיא שטראסען און האבען געשטריטען. א טהייל האבען געזאגט, אז גרינוואלד האלט שמאל; אנדערע האבען ווידער געזאגט, אז עס איז דא א האפנונג. פלוצלונג איז געווארען א ליארם ארום געריכט־הויז און אין גאנץ לאנדאן האט זיך פערשפרייט א קלאנג, אז דיא פערשוואונדענע אלגא האט זיך בעוויזען. מיט צוויי שטונדען שפעטער האבען דיא צייטונגען ארויסגעשטעלט א גרויסע „עקסטרא“:

דיא פערלארענע אלגא
איז ווידער דא!

22סטעס קאפיטעל.

ווען טרייהייט שפּאַלט דעם הימעל און לעכערט דעם תהום.

אסתר רובינשטיין און דער דעטעקטיוו פעליקס אשקען האבען פערלאַסען ריטעווע צוזאמען מיט אלנא'ן נאכדעם וויא זיי האבען גענומען אבשיעד פון אלעמען וואס האבען זיך צו זיי מקרב געווען אין דיא איינינע טעג וואס זיי זיינען געזעסען אין אנינטקי'ס הויפּט־שטאדט. ווען זיי זיינען ארויסגעפאהרען פון ריטעווע האט זיי כמעט דיא גאנצע שטעדטיל בעגלייט אויף „מעמלער וועג" ביז'ן „שראגבוים" אדער „ראגאטקע". גאנץ ריטעווע האט געוואוסט צו וועלכען צוועק דיא לאנדאנער זיינען אהין געקומען; נור אזוי וויא אין דיזע קליינע שטעדטלאך פון דער ליטא האט דער עולם ליעב צו מאכען פון יעדען וואָרט א קוואָרט, האט מען נאטירליך צוגעלעגט א שעהן ביסעל ליגען. מען האט דערצעהלט צום ביישפּיעל, אז דיא יונגע דאמע איז א טאכטער פון סיר מאָזעס מאנטעפיאָרע, חאטש זיא רייזט אונטער דעם נאמען רובינשטיין און, אז איהר חתן, אן אייניקעל פון דיא ראטהשילד'ס, איז בעשולדיגט, אז ער האט געוואלטעוועט דיא איינגסטע טאכטער פון קעניגין וויקטאריא. שלמה יאנקעלי'ס האט דערצעהלט אין שול, אז אין פאל ווען דיא שיקסע וואלט חס־ושלום ניט געפאהרען עדות זאגען צו בעפרייען דעם אידישען יונגען מאן, וואס איז א גרויסער ראבינער, דאן וואלט איהם חלילה דיא קעניגין פערשיקט אויף פינף און זיעבציג יאהר סיביר. זלמן'קע ציביה'ס האט זיך געשוואָרען, אז ער האט אליין געהערט פון נעצקען, אז דיא גאנצע זאך איז ניט מעהר וויא אן „אנשטעל" און דיא לאנדאנער זיינען נאר דייטשע שפּיאנען וואס זיינען געקומען אויסזעהן ריטעווע פאר'ן קייסער ווילהעלם.

אין דער צייט וואס דיא ריטעווער האבען אויסגעקלעהרט אלערליי בויך־סברות ווענען דיא לאנדאנער, זיינען אונזערע געסט געווען אויף דער רייזע, און אין זעקס טעג ארום זיינען זיי אנגעקומען אין לאנדאן, פונקט דעם טאג ווען דער פּראָצעס האט זיך אנגעפאנגען. מארטאן האט זיי באלד אלעמען בעגריסט און האט געזאגט צו אלנא'ן:

— פריילין! איך זעה אין אייך א מלאך וואס איז אראפּגעשיקט געווארען פון הימעל צו בעפרייען אן אונשולדיגען מאן.

מארטאן האט דערצעהלט אסתר'ן וויא עס איז צוגעגאנגען היינטיגער טאג אין געריכט, ווער עס האט עדות געזאגט און דעם רעזולטאט פון יעדע עדות.

— אבער וואס מאכט מארקוס? — האט אסתר געפרעגט מיט אונגעדולד־ האט ער נאך כח צו ערטראגען זיינע צרות?

— ער זעהט אויס וויא דאן, ווען איהר האט איהם איבערגעלאזען — האט אדוואקאט איהר געענטפערט.

— דאנק גאט! — האט רובינשטיין'ס טאכטער אויסגערופען — וויא באלד מ'ן כח געהאט אריבערצוטראגען זיין פעקיל ביז יעצט, האב איך מעהר זיין לעבען.

מארטאן האט אויסגעפרעגט אלגא'ן אלעס וואס ער האט געקענט וועגען גרינוואלד'ס בעזוך ביי דיא אלטע דיקסאן און האט פערצייכענט דיא הויפט=פונקטען אין זיין נאָטיץ=ביכעל. ער האט איהר אנגעזאגט, אז מארגען זאל זיא דיזעלבע ווערטער איבערזאגען אין געריכט. דער אדוואקאט האט אויך געהייסען שטילערהייט אשקען ער זאל אלגא'ן ניט אפלאזען ביז מארגען; ער זאל איהר צושטעלען אין געריכט.

דאס געריכט=הויז איז אויף מארגען געווען נאך מעהר געפאקט וויא דעם ערשטען טאג. פיעלע האבען זיך גענעבען דיא גרעסטע מיהע אריינצוקומען אבער זיי האבען ניט געקענט דורכשפאלטען דעם גרויסען שטראָם מענשען. אלע האבען געוואָלט זעהן דיעזע אלגא, וואס קומט איבערצייגען אין געריכט, אז גרינוואלד איז אן אונשולדיגער מאָן.

ראָלערמאָן איז געווארען אויסער זיך פון פרייד וואס ער איז דערוויל בעריהמט געווארען אויף אן אונערווארטעטען אופן: ער האט זיך געשפארט פון אנפאנג=אָן אז גרינוואלד איז געוויס אונשולדיג, ווייל ראלערמאן איז אימער געווען א מין „טאָמער פערקעהרט“, וואס האט געמוזט זאגען קאפויר וואס יענער זאגט. אזוי וויא גאנץ לאנדאן האט געהאלטען גרינוואלד'ן פאר א מערדער, האט ראָלערמאן נאטירליך „בעוויעזען“ אז עס הייבט זיך גאר ניט אָן, און גרינוואלד איז אונשולדיג וויא אן ערשט געבארענע בייבי. ראלערמאן האט דאן קיין „חכמות“ געמיינט, און צום סוף לאָזט זיך אויס, אז ער איז טאקע גערעכט געווען וואס ער האט געגלויבט אין גרינוואלד'ס אונשולד. ראלערמאן האט אנגעהויבען צו גלויבען, אז „מן=הסתם איז ער דאָך טאקע א חכם“ וויא ער האט ביז אהער געמיינט. אין דיעזער צייט וואס דיעזער פוסטער פראַנט איז „בעריהמט געוואָרען“ האט ער זיך אונטערגעאיילט צו פערלאנגען דיא האנד פון פרייליין עמא ספינוועב אלס פרוי. זיא האט איהם אנגענומען מיט פרייד. זיא האט ניט געוואלט לאזען אויסחאפען אן אנדער מיידעל אזא גרויסען מאָן, וואס איז קלינער פאר דיא גאנצע וועלט. זיא האט געזאגט צו זיך אליין:

— יעצט זעה איך, אז גאנץ לאנדאן פאנגט אָן אויסצוגעפינען דאס וואס איך האב דיא ערשטע געוואוסט: מיין הערץ האט מיר געזאגט, אז ראלערמאן איז א גרויסער מאָן, א פערל אין זיין דור. ער וועט נאך געוויס אריין אין פארלאמענט, און ווער וועט דאן זיין מיין גלייכען? ער האט דעם גרויסען קאָפּ און איך האב דיא שווערע „אפותיקי“. חלעבען א גאלדענער שידוך פאר מיר.

ראלערמאן האט ניט געוואוסט, אז זיין רייכע כלה פרייליין ספינוועב האט שוין פאר איהם געעפענט דיא טהירען פון פארלאמענט, און דארום ווען איינער האט איהם געפרעגט אין געריכט זיין מיינונג וועגען דיעזען מארד, האט ער געגעבען דיעזען ענטפער:

— איך האב אבער פריהער געוואוסט, אז מיין פריינד איז אונשולדיג. ער איז צו שעהן, צו עלעגאנט ער זאל אפטהאָן אזא פערברעכען.

וויא דיא פאליציי האט אריינגעפיהרט דורך דיא הינטער=טהיר דעם געפאנ=

(Oginsky, 7).

געגעם, האט ער אזוי שלעכט אויסגעזעהן, אזוי בלאס, אזוי שוואך, אז דאס גאנצע פובליקום האט מיט איהם געהאט מיטלייד.

באלד נאכדעם איז אריינגעקומען דער ריכטער און דאס געריכט האט זיך אנגעפאנגען. מאַיטאַן האט זיך געשטעלט און האט געהייסען פאַר־רופען די עדות וועלכע ער האט אויסגערופען מיט די נעמען. דער פראקוראר האט געפאָדערט פון ריכטער ער זאל איהם ערלויבען פאַר־רופען נאך א מאל מאדאם זינגער. ער האט איהר נאך א וויכטיגען פונקט צו פרעגען. דער ריכטער האט צוגעשטימט צום פראָקוראר'ס פאָדערונג און מאדאם זינגער האט ווידער בעטראָטען דעם צייגען־סטענד.

דער פראקוראר האט איהר געפרעגט:

— מאדאם זינגער, האט איהר ניט געזאגט דעם פאליציי־אגענט זערר נאריק, אז עס קען זיין, דאס אייער זייגער האט זיך דאמאלס פערשפעטיגט, ווען דער פערקויפער איז געקומען אהיים, ווייל מען האט אייער זייגער שוין פון עטליכע חדשים צייט ניט גערייניגט?

— ניין! — האט מאדאם זינגער געקווייטשעט — איך האב קיין מאל ניט געזאגט אייער דעטעקטיוו, אז דער זייגער האט זיך דאמאלס געשפעטיגט. איך האב איהם נור אזוי גלאט אנגעפאנגען צו דערצעהלען, אז מיין זייגער איז שוין ניט געווען גערייניגט זייט דריי חדשים, און איידער איך האב געענדיגט דערצעהלען אז גראדע יענעם דאנערשטאג האט מיין שוועסטער'ס זוהן דעם זייגער מיינעם גערייניגט און ריכטיג אנגעשטעלט, האט זיך דער דעטעקטיוו ארויסגעחאפט, „אזוי שטימט". — איך האב דאן ניט געקענט וויסען, אז עס איז אזא וויכטיגע פראגע צו מיין זייגער געהט ריכטיג צו ניט, און איך האב זיך שוין גאר ניט וויסענדיג געמאכט, וואס דער דעטעקטיוו פלוידערט „עס שטימט"! איך האב די מעשה פון רייניגען דעם זייגער ניט געענדיגט.

נאכדעם ווי מאדאם זינגער איז אראפ פון צייגע־סטענד איז פאָרגעקומען דער אוהר־מאכער אלבערט דעגדי וואס האט געשווארען, אז דאנערשטאג אבענד אום זיעבען אוהר האט איהם מאדאם זינגער גערופען צורעכט מאכען די וואנד־אוהר פון קיך און ער האט געשטעלט די אוהר פון גרינוואלד'ס ווירטהין זעהר פינקטליך. דערנאך איז פאָרגעקומען ראלערמאן, וואס האט געשווארען, אז דער געפאנגענער האט ניעמאלס געטראגען רינגען אויף זיינע פינגער אדער אפילו אין זיין טאשע ווייל ער האט דאס זעהר געהאסט. ער פלעגט אָפט־מאל טראגען עדעל־שטיינער אין א פאפיר'ל אין זיין טאשע; אבער קיינע רינגען. דער קעלנער ברוין פון „קויפמאנישען קלוב" האט ווידער עדות געזאגט, אז אלגא האט דעם געפאנגענעם געבראכט דאנערשטאג נאכט'ס א בריעף אין קלוב און ער איז ארויסגעגאנגען א פאר מינוטען פאר איינס אוהר אין דער נאכט. נאר צו־לעצט איז פארגעקומען אלגא אליין. אין געריכט איז באלד געווארען א „הוש־בוש", יעדער האט זיך געסוד'עט מיט זיין חבר. נאכדעם ווי אלגא האט געשווארען, אז זיא וועט נור זאגען די ריינע וואהרהייט, האט זיא אנגעפאנגען אזוי:

— איך קען דעם געפאנגענעם. ער איז דערזעלבער צו וועמען איך האב געבראכט א בריעף אין „קויפמאנישען קלוב‟ א פערטיל צו איינס אוהר אין דער נאכט דאנערשטאג, 26טען יולי. וויא ער הייסט האב איך ניט געוואוסט, ווייל אויף דעם קאנווערט איז גאר ניט געשטאנען. מען האט מיר נור געהייסען אפגעבען דעם הויכען בלאנדען יונגען מאן, פרייליין רובינשטיין'ס חתן. אויך דיעזער נאמען איז מיר געווען אונבעקאנט. איינינע מינוטען נאך איינס אוהר אין דער נאכט האב איך דעם יונגען מאן ערוואַרטעט אויף'ן ווינקעל פון ראסעל און בורק סטריט. דאָרט איז געלעגען א פרוי צום שטארבען וואס האט נאך איהם געשיקט. דער געפאנגענער איז דאָרט הינגעגאנגען, האט זיך מיט איהר געזעהן אונגעפעהר פינף און צוואנציג מינוטען און איך האב איהם צוריק אפגעפיהרט צום ווינקעל בורק און ראסעל סטריט, וואו איך האב איהם פריהער ערווארטעט. באלד וויא איך האב איהם פערלאסען, האב איך געהערט דיא אוהר שלאגען דריי פערטיל.

— דער פראָקוראָר: — זיינט איהר זיכער, אז דער געפאנגענער איז דערזעלבער מאן וועמען איהר האט יענע נאכט אָבגעגעבען דאס בריוועלע?

— אָלגא: — איך בין זיכער, וויא עס איז דא א גאט אין הימעל!

— דער פראָקוראָר: — און איהר האט זיך מיט איהם געטראפען איינינע מינוטען נאך 1 אוהר?

— אָלגא: — יא, אונגעפעהר 5 מינוטען נאך 1. איך האב געהערט שלאגען דיא אוהר פון קאטהעדראל 1 איידער ער איז צוגעקומען צו מיר. ווען איך האב איהם פערלאסען איז געווען אונגעפעהר 25 מינוטען פאר 2, ווייל עס האט מיר געדויערט 10 מינוטען ביז איך בין געקומען אהיים.

דערמיט האט זיך געענדיגט דיא ציינען, און דער פראקוראָר האט אנגעפאנגען זיין רעדע צו בעשולדיגען דעם געפאנגענעם. דיעזע רעדע האט געדויערט א גוטע האלבע שעה. נאך איהם האט זיך געשמועלט מאָרטאָן האלטען א רעדע צו פערטהיידיגען דעם געפאנגענעם פאר דיא דזשורי. מאָרטאָן איז געווען א גרויסארטיגער רעדנער, און זיין פראכטפאָלע פערטהיידיגונגס רעדע איז נאך עד היום איינגעקריצט אין דיא זעלען פון דיא יעניגע, וואס האבען עס דאן געהערט. צוערשט האט ער געשילדערט מיט לעבעדיגע פארבען וויא אזוי דיעזער מאָרד איז צוגעגאנגען, נאכדעם האט ער ערקלערט דיא דזשורי, וויא אזוי דיא עדות געגען געפאנגענעם איז זעהר שוואך, ווייל דאס געריכט האט זיך ניט איבערציינט אויב דיעזער געפאנגענער איז ווירקליך דערזעלבער, וואס איז דאן אריין אין וואגען מיט דעם בעזאָפענעם אָסקאָר, דער ערמאָרדעטער. אפילו דער פוהרמאן קען דאך ניט זאגען „אויף געוויס‟ אויב דאס איז דערזעלבער! — ווייטער, דער מאָרד אין דאך אבגעטהאן; געווארען דורך כלאָראָפאָרם, און אין פאל ווען גרינוואלד האט דאס געטהאן, האט ער דאך געוויס וואו געקויפט דיא כלאָראָפאָרם אדער ער האט דאס ערהאלטען פון א פריינד. דיא דעטעקטיווס האבען אבער קיין שפור געפונען דערפון. אויך, וואס אנבעטרעפט דיא האנדשוה פון ערמאָרדעטען וואס מען האט געפונען אין טאשע פון געפאנגענעם, איז דאס קיין ברעקעל בעוויז, ווייל גרינוואלד האט דאס אויפגעהויבען פון דער ערד

ווען ער האט געזעהן אָסקארן ליגענדיג טויט=שיכור נעבען דיא קירכע, פארן מאָרד. איז דען דאָ בעוויזע, אז דער געפאנגענער האט דיזע האנדשוה אויפגעהויבען נאכ'ן מאָרד? ווידער, דער פוהרמאן רוסטאן האט געשוואָרען, אז דער מאן, וואס איז ארויס פון וואגען האט געטראגען א ברילליאנטענעם רינג, און דאָס זעלבע האט געשווארען דער צווייטער פוהרמאן ראנדאָלף. דארויף האבען ווידער עדות געזאגט, דעם געפאנגענעמס בעסטע פריינד, וואס קענען איהם זייט דיא לעצטע פינף יאהר, אז ער האט ניעמאלס געטראגען א רינג אויף זיין פינגער.

דא האט מאַרטאָן זיך אבגעשטעלט א ווילע, האט גענומען א טרונק וואסער פון א גלאָז און האט ווייטער פארטגעזעצט. ער האט בעוויזען וויא אזוי דער געפאנגענער איז געקומען אהיים יענע נאכט 5 מינוטען פאר 2 און האט אויסגערעכענט, וויא אונמעגליך עס איז צו מאכען דעם וועג אין דיזע קורצע צייט. ער האט ווידערהאלט, אז דיא אוהר איז געגאנגען זעהר ריכטיג ווייל מען האט איהר דעמזעלבען אבענד אין אָרדנונג געשטעלט.

ביי דיזע ווערטער האט זיך דער אדוואָקאט אין גאנצען בעגייסטערט און האט אויסגעשריען:

— אלזאָ מיינע העררען! דיזע אַלע פאקטען אליין זיינען דאך גענוג צו בע=פרייען דיזען אונשולדיגען יונגען מאַן וואס האט אזא גאָלדענע פערגאנגענהייט און וואס איז דער שטאָלץ פון לאנדאָנער יוגענד. אבער, מיר האבען נאך א ש ט א ר=ק ע ר ן ב ע ו ו י י ז — דיא פרוי אָלגא וואס האט אונז ערשט יעצט בעוויזען קלאָהר וויא דער טאָג, אז ניט גרינוואַלד'ס הענד האבען דיזען פערברעכען בעגאנגען! דער קעלנער ברוין האט אויך געשווארען, אז ער דערקענט דיזע פרוי וואס האט דעם געפאנגענעם געבראכט א בריעף אין קלוב יענע נאכט, און ער האט באַלד דעם קלוב פערלאסען. דיא פרוי האט אויך געשווארען, אז אין דער צייט פון מאָרד איז נאָך דער געפאנגענער געזעסען נעבען דיא קראנקע פרוי אין גלאָסעסטער ליין. פון דיזע אַלע צייגע קען מען ארויסזעהן, אז דער מערדער איז ניט דיזער יונגער מאַן, וואס שטעהט דארט אין שטייג פון דיא פערברעכערס. עס איז וואהר, ער האט געזאגט צו אָסקאר'ן ביי איהם אין צימער, אז ער וועט פון איהם ראכע נעהמען אין מיטען שטראסע, — אָבער „ראכע נעהמען" און „ערמאָרדען" זיינען צוויי בעזונדערע זאכען. אידען זיינען קיינע מערדער! האט איהר שוין א סך געהערט אין לאָנדאָן פון אידישע גזלנים? עס איז אלזאָ ביי מיר קיין צווייפעל, אז נאך דיזע אלע פאקטען וואס זיינען דייטליך וויא 2 מאל 2 איז 4 — נאך דיזע בעווייזע וועט איהר ניט לאנג טראכטען ארויסצוגעבען אייער אורטהייל „א ו נ ש ו ל ד י ג"!

ווען דער אדוואָקאט מאַרטאָן האט זיך היינגעזעצט, האט דאָס פובליקום אפלאָדירט, גענען דיא געזעצע פון געריכטס הויז. דיא דשורי האבען זיך צוריקגעצויגען און אין געריכטס הויז האט געהערשט א טויטע שטילקייט. עס איז דערווייל געווארען שפעט, מען האט אנגעצונדען דיא גאז וואס האבען פערשפרייט א טרויעריגע ליכ=טינקייט אין גאנצען הויז. דאס פובליקום האט געהאלטען אין איין „שו=שו=שו". יעדער האט זיך געסוד'עט מיט זיין חבר. פלוצלונג האט א פרוי געגעבען אזא געשריי,

אז אלע האבען זיך דערשראקען. דאס איז געווען אן עלטערע דאמע וואס איז גע־ בליבען אין אונמאכט. מען האט איהר ארויסגעטראגען פון געריכט, און דיא שטילקייט האט ווידער געהערשט. אלע אויגען זיינען געווען אויף דיא טהירל דורך וואַ־ען דיא דשורי דארפען צוריק אריינקומען מיט זייער אורטהייל, לעבען אדער טויט! דיא ווייזערס פון דיא גרויסע וואנד־אוהר האבען זיך גערוקט לאנגזאם — א פערטעל שטונד — א האלב שטודע — דריי פערטעל — און דערנאך האט זיא געשלאגען דיא גאנצע שטונדע מיט א מין זילבערנעם קלאנג, וואס יעדער קלאפּ האט געגעבען א קריץ אין זעלע. אסתר רובינשטיין איז געזעסען דיא הענד פערבראכען און האט געווארט מיט אונבעשרייבליכע אונגעדולד. זיא האט מורא געהאט, אט, אט, אט בלייבט זיא אין חלשות.

— אך, גאָט! — האט זיא געמורמעלט ברעכענדיג דיא הענד — וועל איך דערלעבען צו זעהן וויא דשורי קומען ארויס?

דיא טהירל האט זיך ענדליך געעפענט און דיא דשורי־לייט זיינען ווידער אריין. דער געפאנגענער איז גאר צוערשט געווארען רויט און דערנאך איז ער גע־ ווארען וויים וויא טויט. ער האט געווארפען א ציטערנדען בליק אויף דיא שעהנע פרוי געקליידעט אין שווארצען וואס האט פון איהם דיא אויגען ניט אראפּגעלאזען און אין דיעזעלבע מינוט איז ארויס דער אורטהייל שארף און קלינגענד:

— ער איז ניט שולדיג!

וויפיעל הענד עס זיינען אין געריכטס זאאל געווען, האבען אלע אפּלאדירט. דער ריכטער האט זיך געשטעלט און האט געזאגט:

— אין נאמען דער קעניגין, דער געפאנגענער איז פריינעשפּראכען.

מארטאן האט שוין געוואונען פיעלע קרימינאל פּראצעסען; אבער קיין פּראצעס האט איהם ניט פערשאפט אזוי פיעל פערגניגען וויא דיעזער, וואס האט דערקלערט גרינוואלד׳ן פאר אונשולדיג!

מארקוס גרינוואלד איז ארויסגעגאנגען פון שטייגעל א פרייער מענש. ער האט קוים דורכגעשפּאלטען א וועג דורכ׳ן געריכטס זאל, וואו יעדער איינער האט איהם גראטולירט, ביז ער איז אריין אין א זייט צימער׳ל פון געריכטס הויז וואו א פרוי האט אויף איהם געווארט. באלד וויא זיא האט איהם דערזעהן, איז זיא ארויף אויף זיין האלז און האט אויסגעשריען:

— מיין זיסער מארקוס! איך האב געוואוסט, אז גאָט וועט זיך אריינמישען אין דיא לעצטע ווייל ע אונז ביידען צו רעטען.

— מיין געליעבסטע טהייערסטע אסתר — האט גרינוואלד געזאגט מיט טרערן אין דיא אויגען — יעצט זעה איך אז דיין געטרייהייט שפּאלט דעם הימעל און לעכערט דורך דעם תהום.

23טעם קאפּיטעל.

ווער איז דער מערדער.

עס איז געווען אויף מארגען נאכ׳ן פּראצעס, און דיא לאנדאנער צייטונג "Times" איז ארויסגעקומען מיט דיעזען ארטיקעל:

„ענדליך, דאס געריכט האט געסטערן געזאגט דאס לעצטע ווארט וועגען דעם געהיימניספאָלען מאָרד אין שפּאציר־וואגען. הערר מארקוס גרינוואַלד איז ארויסגעקומען פריי. יעצט בלייבט דאך צוריק דיא פראגע: טאָ ווער איז דער מערדער? — הערר גרינוואַלדס אונשולד איז איבערצייגט געווארען דורך־און־דורך: ער האט פערלאַסען דאס געריכט הויז אָהן א שום פלעק אויף זיך. אָבער, ווער איז דער ריכטיגער מערדער? מיר פרעגען ניט וואו איז דער מערדער? מיר זיינען איבערצייגט, אז ער איז געוויס אין לאָנדאָן און ער לעזט יעצט דיעזען ארטיקעל מיט אייך צוגלייך.

„אזא שרעקליכער מערדער זאָל אומגעהן פראנק און פריי אין לאָנדאָן, איז ווירקליך א געפאהר, ווייל עס איז גוט בעקאנט, אז ווען איינער האט אמאל פערזוכט מענשען־בלוט, דאן זוכט ער נאָך!

„עס איז נאר דא איין איינציגער וועג צו לעגען דיא האנד אויפ'ן מערדער, — מען זאָל אויסגעפינען דיא געהיימניסע פון דיא פּאַפּירען וואס מען האט געשטהאלען פון אָסקארס טאַשע באלד נאָכ'ן מאָרד. נור צוויי מענשען האבען געוואוסט דעם אינהאלט פון דיעזע פּאַפּיערן: אָסקאר וולאַדימיראָוויטש און דיא פרוי וואס מען האט גערופען „קעניגין". זיי זיינען אבער ביידע טויט. דער דריטער וואס ווייס יעצט פון דיעזע פּאַפּירען איז דער מאַן, וואס האט אָסקאר'ן ערמאָרדעט. אונזערע ווערטהע לעזער דארפען ניט צווייפלען, אז דיעזע פּאַפּירען זיינען געוועזן דיא איינציגע אורזאכע פון דיעזען מארד, ווען דער מערדער האט ניט געריהרט דאס געלד פון אָסקאר'ס טאַשען. ווידער, דיעזער פאקט, אז דער ערמאָרדעטער האט אימער געטראָגען דיעזע פּאַפּיערען אין א געהיימע טאַשע פון דיא לינקע זייט וועסט, — דאס בעווייזט דאך קלאר און דייטליך, אז דיא פּאַפּיערען האבען געמוזט האבען א גאנץ גרויסען ווערטה.

„מיר האבען אויך ערפאהרען, אז דער ערמאָרדעטער פלעגט זעהר אָפט בעזוכען דיא פרוי וואס מען האט גערופען דיא „קעניגין" ביי א געוויסע פרוי דיקסאָן אין א שמוציגע געסעלע פון לאָנדאָן. עס שיינט צו זיין, אז אָסקאר וולאדימיראָוויטש איז אנגעקומען אין לאָנדאָן מיט דיא „קעניגין" צוזאמען דירעקט פון ניו יאָרק. און זיי האבען ביידע געהאט א גרויסען פריינדליכען פערקעהר. וויא אזוי זיא איז אריינגעפאלען אין אזא נידריגען פּלאַץ וויא ביי דיא אלטע דיקסאָן, דאס איז זעהר שווער צו טרעפען. וואהרשיינליך האט דיא פרוי צופיעל געטרונקען. נור, איין זאך ווייסען מיר געוויס: אָסקאר פלעגט איהר זעהר אָפט בעזוכען ביי דיא אַלטע דיקסאָן. אונזערע רעפּאָרטערס האבען אויך אויסגעפונען, אז דיא „קעניגין" פלעגט רעדען מיט אָסקאר'ן פון געוויסע פּאַפּיערען און איין מאל האט מען געהערט וויא ער האט צו איהר געזאגט: „דיעזע פּאַפּיערען וועלען דיר א מאָל גליקליך מאַכען, ווען דוא וועסט נור גוט דיין ראָליע שפּיעלען". דאס אלעס האט דערצעהלט דער דעטעקטיוו אין נאמען פון דיא פרוי אלגא, וואס האט אין דיא לעצטע מינוט גערעטעט הערן גרינוואַלד.

„פון דאס אלעס קען מען לייכט זעהן, אז דיא פּאַפּיערען האבען געהאט אזא גרויסען ווערטה, אז עס האט געלוינט פאר א פערברעכער צו בעגעהן א מאָרד. אבי צו האבען דיא געהיימניספאָלע פּאַפּיערען. יעצט, אזוי וויא אָסקאר איז ערמאָרדעט

געוואָרען און קיינער ווייס ניט ווער דער מערדער איז. דארף מען פריהער פאר אלעם אויסגעפינען דיא געשיכטע פון דיא זאַגנאַנטע קעניגין וואס איז געשטאָר־בען ביי דיא אלטע דיקסאן. ווען מיר וועלען האבען. דיא פאַפּיערען, וועלען מיר האבען דעם מערדער. קיין אנדער וועג זעהן מיר ניט וויא אזוי דאס גריכט וועט קענען לעגען דיא האנד פון גערעכטיגקייט אויף דעם, וואס האט בעגאנגען דיזען געהיימניספאָלען מאָרד".

דיזער אַרטיקעל פון דיא Times האט אויף מאָרגען געמאכט א גרויסען אויפרוהר אין לאָנדאָן. כמעט אלע אבענד־צייטונגען האבען דאס איבערגעדרוקט וואָרט־פאר־וואָרט.

דער דעטעקטיוו גאריק איז אומגעגאנגען דעם קאָפּ אראָפּגעלאָזען און אשקען האט געגרייזעלט זיינע וואָנצעס מיט דעם גרעסטען שטאָלץ. ער האט אלץ געוואָלט טרעפען גאריק'ן און איהם אויסלאכען; אבער דיזער האט איהם געזוכט אויס־צומיידען. נור געגען אבענד האט איהם אשקען געטראָפען פארן טהיר פון בעקער'ס ביער־הויז. אשקען האט גאר קיין שאלות געמאכט, האט ארויסגענומען פון טאשע א ציגאר און האט געזאגט צום דעם פערטרויערטען דעטעקטיוו.

— וואס מאכט איהר הערר גאריק? איך האב פאר אייך א גוטע ציגאר. איך בין נור א שליח.

— ווער האט דאס מיר געשיקט דורך אייך ציגארען? — האט גאריק געפרעגט מיט א קאלטען שמייכעלע.

— הערר מארקוס גרינוואלד אליין; ער וויל אייך האבען פאר א פריינד.

— איך האב ניט ליעב אזעלכע אידישע „חכמות" — האט גאריק ערוויעדערט געבענדיג א וואָרף דיא ציגאר אן דער ערד — און איך בעט אייך איהר זאָלט מיר ניט געבען קיין איבריגע ארבייט....

— איהר האט מיר שוין געגעבען גענוג איבריגע ארבייט — האט אשקען גע־זאָגט לאכענדיג — נור מיין ארבייט פאנגט זיך יעצט אן; איך מוז געהן זוכען דעם מערדער פון אָסקאר וולאדימיראוויטש.

— אשקען, איך ראטה אייך איהר זאָלט פון מיר אוועקגעהן, ווארום דא וועט קיין גוטס ארויסקומען פון אונזביידען.

— וואס? איך בין אביסעל שוואער־הערינ.

— אוועק דוא לומפּ, דוא געטויפטער יודע! — האט גאריק אויסגעשריען און האט געגעבען דעם משומד־דעטעקטיוו א פאטש אז ער האט דערזעהן ריטעווע אין לאָנדאָן.

אשקען איז אבער ניט געווען קיין מפיל־קינד. ער האט געגעבען א שפּרונג אויף גאריק'ן מיט'ן פויסט, און אין א מינוט ארום האבען פיער הענד גערעגענט מיט קולאקעס. דיא צוויי דעטעקטיוו'ס האבען זיך געשלאָגען א פּאר מינוטען, האבען זיך געמאכט ברוין און בלוי ביז עס זיינען אנגעקומען פּאָליסלייט און מען האט זיי ביידען ארעסטירט פארן שטערן דעם פריעדען אין מיטען שטראסע. דאס שעהנסטע איז, וואס דיזע צוויי מאנגאטען האבען ביידע געמוזט „זיצען" איבער־

נאכט וואו זיי האבען קיינע מערדער געחאפט, נור פליגען און קחלשע וואנצען.

דער געשריי „ווער איז דער מערדער?" האט אנגעפילט יעדען טאג מעהר און מעהר דיא לופט פון לאנדאן, און דיא לאנדאנער פאליציי האט וויעדער ארויסגע־שטעלט א בעלוינונג פון צוויי הונדערט פונט שטערלינג פאר דעם יעניגען, וואס וועט געפינען דעם וואהרען חברה־מאן פון מארד אין שפאציערוואגען. א מאן צו־געריזט פון זיד־אפריקא, וואס האט געלעזען דיעזע בעלוינונג, האט געזאגט מיט דעם גרעסטען ערנסט:

— לאנדאן איז געווים פול מיט לויטער עהרליכע לייט, א בעוויז: ווען דיא פאליציי וויל זיך א מאל זעהן מיט א גנב אדער מיט א מערדער, מוז זיא פער־שפרעכען א בעלוינונג איידער זיא קריגט צו זעהן דיא מציאה....

24טעם קאפיטעל.

אין דריי מאנאט ארום.

עס איז געווען א קאלטער דעצעמבער־טאג. מוטער־נאטור האט שוין לאנג ארויסגעטהאן איהר גרינע טואלעט און האט זיך אנגעצויגען איהרע ווייסע תכריכים. אסתר איז געזעסען אין זאל און איהרעביידע הענד אין דיא רעכטע האנד פון איהר זיסען מארקוס. נאך א קורצע ווײלע שטילשווייגען האט אסתר געזאגט:

— לאמיך צוגעהן צום פיאנא. ווערסט דוא עפעס זינגען, טהייערער מארקוס? איך וועל דיר בעגלייטען.

— איך בין אבער ניט אויפגעלעגט צו זינגען — האט גרינוואלד געענטפערט און האט איהר געגעבען א קוש אין שטערן.

— וואס פעהלט דיר דען יעצט, מיין טהייערער? מיר זיינען דאך דיא גליק־ליכסטע פון לאנדאן. זינג דאך עטוואס, איך בעט דיר.

— געליעבטע אסתר, וואס זאל איך דען זינגען?

— זינג עפעס פון ליעבע, אדער וואס אנדערס.

— אויב דוא ווילסט, לאמיך בעזינגען דעם ערשטען שנעע. איך האב דאס ליעד אליין פערפאסט.

— אבער וואס איז צו בעזינגען דעם שנעע, דעם טויטען ווינטער? מען קען נור בעזינגען דעם פריהלינג, דיא בלומען, דיא ראזען, דיא פייגעלאך.

— ניין, ליעבע אסתר, דוא האסט קיין רעכט. אויך דער ווינטער האט זיין פאעזיע וויא דער פריהלינג. איך וועל דיר פארזינגען מיין „ערשטען שנעע"; אבער דוא זאלסט מיר בעגלייטען מיט דיא מוזיק פון Do you remember me?

גרינוואלד האט זיך געשטעלט און האט אנגעפאנגען:

עס שנעעט, עס שנעעט אויף אלע געדיכטע וועלדער;
עס שנעעט, עס שנעעט אויף אלע שטילע פעלדער.
דער זילבער־שנעע פאלט פון אלע קאנטען,
דיא צווייגען זיינען בעדעקט מיט אייז־דיאמאנטען.
אויף'ן בוים פינקלען בריליאנטען אלערליי —
זיי מיר געגריסט, זילבער־שנעע, זילבער־שנעע!

זילבער=שנעע, זילבער=שנעע! דוא ביסט ווינטער'ס מתנה.
איך זעה דיין שאטען אויף די בלאסע לבנה.
די שול־קינדער בעגריסען מיט פריידען
דיין זילבער=ווייסען קארפעט פון גן=עדן!
זיי טאנצען אויף דייז בוזים מיט א לוסטיג געשריי
און זינגען: „דער זילבער=שנעע, דער זילבער=שנעע!“

זילבער=שנעע, זילבער=שנעע! אלעס איז יעצט פערפרארען,
דער מענש פרייט זיך וואס די ערד איז פון איהם פערלארען.
וואס קימערט אונז דער פראסט אין אונזער יעדער אבר?
אפי מיר זעהן ניט יעצט די ע ר ד — אונזער קבר!
נאטור'ס ווייסער מאנטעל! זעה שמעלץ ניט, שטעה!
בלייב נאך א טאג דוא זילבער=שנעע, זילבער=שנעע!

זילבער־שנעע, זילבער־שנעע! איך גרים דיין ווייסעם געזיכט:
אנשטאט ע ר ד זעה איך נאך א הימעל ריין וויא ליכט.
נור, אזוי וויא פון אונזער האפנונג דער מארגענשטערן,
ווערסטו גיך צושמאלצען אין א טייך טרערן....
וויא דער וויזער פון די זון גיט זיך נור איין דרעה —
דאן זינגען מיר: אדיע זילבער=שנעע, זילבער=שנעע!

קוים האבען זיי די שעהנע ליעד געענדיגט, האבען זיי געהערט טריט. דאס איז געווען אלגא אנגעצויגען אין א שווארצע קלייד, מיט א ווייסען פארטוך און מיט אן אפענעם בוך אין האנד. דער פאקט איז, אסתר איז אזוי שטארק צופריעדען געווען פון אלגא'ן ווארום זיא האט גערעטעט גרינוואלד'ס לעבען, אז זיא האט איהר דערפאר איינגענומען ביי זיי אין הויז אלס קאמער=מעדכען. העררובינשטיין האט אפילו אין אנפאנג ניט געוואלט ליידען, אז א געפאלענע פרוי וויא אלגא זאל זיין א אונמחותנת'טע מיט זיין טאכטער. אבער אסתר האט בעשלאסען צו רעטען די אונגליקליכע אלגא פון אזא טרויעריגעס לעבען און העררובינשטיין האט ענדליך איינגעווילינגט. אויך גרינוואלד איז אין אנפאנג געווען שטארק אונצופריעדען. ער האט אבער ענדליך איינגעשטימט מיט אסתר'ס וואונש, און אזוי איז אלגא געווארען א קאמער־מעדכען ביי די רובינשטיינס. דאס בוך וואס אלגא האט געהאלטען אין האנד, איז געווען א ראמאן.

אסתר איז געווען זעהר נייגיעריג צו וויסען די גאנצע צייט, וואס קען זיין די געהיימנים, דורך וועלכע איהר חתן האט אזוי שטארק געליטען? אבער יעדעס מאל, ווען זיא פלעגט איהם פרעגען, פלעגט גרינוואלד ווערן בלאס און איהר ענטפערן:

— זעה, מיין קינד, פרעג מיר ניט אזעלכע זאכען; עס וועט חלעבען זיין בעסער פאר אונז ביידען.

אבער יעצטיגען מאל האט אסתר זיך ניט געקענט איינהאלטען. זיא האט

אפגעפּאַסט ווען איהר חתן איז א ווײלע ארויס און זיא האט געזאגט צו אלגא'ן:

— איך וויל אייך וואס פרעגען.

— וועגען יענע זאך? —

אסתר האט געגעבען א שאָקיל מיט'ן קאָפּ.

אלגא האט א ווײלע געשוויגען און האט ענדליך אויסגעשריען:

— יא, פרײלײן, איך וועל אייך אלעס זאגען; איהר זייט אזוי גוט צו מיר. מיין פּפליכט איז אלזא, איך זאל אייך זאגען אלעס וואס איך ווייס.

— זאגט מיר, איך בעט אייך, ווער איז געווען יענע פרוי וואס איז געשטאָרבען ביי דיא אלטע דיקסאָן? פון וואנען איז זיא אהער געקומען? צו וועלכען צוועק האט איהר הערר גרינוואלד בעזוכט יענע נאכט פון מאָרד?

— הערט פריהער אויס, פרײלײן, מיין ביאָגראפיע. ווען איך בין געקומען אין לאָנדאָן האב איך פיעל געליטען. איך האב ניט געהאט וואו אהינצוקומען. דורך א צופאל האב איך בעקאנטשאפט געמאכט מיט דיא אלטע דיקסאָן. זיא האט אפילו קיין שלעכט הארץ, נור זיא ליעבט צו פיעל ביער און וויסקי. איך בין אנגעקומען ביי מאדאם דיקסאָן וואס האט זיך דיא ערשטע צייט צו מיר מקרב געווען וויא צו איהר אייגען קינד. ווער מיין פאטער איז געווען האב איך קיין מאל ניט געוואוסט. אבער מיין מוטער האב איך בלויז געזעהן ווען איך בין געווען זעקס יאהר אלט. פּלוצלונג איז אנגעקומען א פרוי שעהן פערפּוצט און זיא האט געזוכט איהר פערלאָרענע טאכטער. דיעזע מוטער איז געווען דיא „קעניגין“ און דיא טאכטער בין איך דאס אליין.

— וואס? — האט אסתר איהר אונטערבראכען מיט איבערראשונג — זייט איהר א טאכטער פון יענע פרוי וואס הערר גרינוואלד האט בעזוכט דיא נאכט ווען זיא איז געשטארבען?

— יא, פרײלײן; אזוי האט דיא פרוי געזאגט. איך אליין קען דאס ניט גע-דענקען. זיא האט מיר אזוי לאנג געזוכט, ביז זיא האט מיר געפונען ביי מאדאם דיקסאָן, און אזוי וויא זיא האט ניט געהאט דיא ערשטע צייט וואו אהינצוקומען, איז זיא געבליעבען אין דיקסאָן'ס הויז מיט מיר צוזאמען. איך האב באלד אויסגע-פונען דורך איהר ליעבשאפט צו מיר, אז זיא איז ווירקליך געווען מיין מוטער. זיא האט מיר דערצעהלט אז איהר נאמען איז ו ו י ק ט אָ ר י א אָ ג י נ ס. זיא איז אן אונגעזעצליכע טאכטער פון א רוסישען פירשט, און זיא האט פון מיר פערלאנגט נור א י י ן זאך: איך זאל זיך ניט אויסריידען אין הויז פאר אסקאר וולאדימיראָ-וויטש, אז איך בין איהר טאכטער.

— פלעגט דען אסקאר קומען זעהן אייער מוטער? — האט איהר אסתר גע-פרעגט איבערראשט.

— אָה, יא פרײלײן, זעהר אָפט. — אביסעל צו אָפט. דיא גאנצע צוויי וואכען, וואס מיין מוטער איז געבליעבען ביי דיקסאָן ביז איהר טויט. אסקאר איז געווען א בייזער מענש און אויף דיא מינדעסטע זאך פלעגט ער באלד ארויס מיט גוואלדען. איך האב איהם ניט געקענט ליידען פאר זיין האסטיגען כאראקטער, און איבערהויפּט

פאר דיא געהיימניסע וואס ער האט אימער געהאט מיט מיין מוטער. יעדעס מאל ווען ער האט עפעס געהאט צו זאגען, פלעג איך מיט מאדאם דיקסאן מוזען ארויסגעהן.

— האט איהר ניט אמאל עפעס געהערט פון זייערע סודות? — האט אסתר געפרעגט שטארק פעראינטערעסירט.

— יא פריילין, איין מאל האב איך געהערט אונטערן טהיר, וויא אָסקאר האט געוואלט ארויסקריגען פון מיין מוטער געוויסע פאפירען. זיא האט אבער ניט געגעבען און האט געזאגט, ווען זיא זאל אפילו וויסען, אז זיא שטארבט, וועט זיא אויך דיעזע פאפיערן ניט ארויסגעבען. ער האט אבער דיא פאפירען פון מיין מוטער צוגענומען מיט געוואלד.

— האט זיא דען דאס געהאלטען אין האנד?

— ניין, דיא פאפיערן זיינען געלעגען אונטערן קישען.

— געריק איז דאך גערעכט געווען וואס ער האט געזאגט, אז אָסקאר איז ערמארדעט געווארען נאר צוליעב פאפיערן — האט אסתר געזאגט צו זיך אליין.

— האט איהר אפשר געזעהן, וויא דיעזע פאפירען זעהן אויס? — האט פריילין רובינשטיין איהר ווייטער געפרעגט.

— יא פריילין, דיעזעלבע נאכט האב איך געווארפען מיין בליק אויף דיא פאפירען. ווען איך האב געהערט וויא אָסקאר שטורמט, האב איך מורא געהאט ער זאל ניט לענען דיא האנד אויף מיין מוטער. איך האב זיך איינגעקוקט אין שליסעל-לאך און האב געזעהן צו דער צייט וויא ער האלט שוין דיא פאפירען אין האנד. זיי זיינען געלעגען אין א גרויסען בלויען קאָנווערט, ארומגעשריעבען פון דרויסען-זייט מיט רויטע טינט. ווען אָסקאר האט עס אריינגעלעגט אין זיין טאשע, האב איך געהערט וויא ער האט געזאגט צו מיין מוטער:

— דיעזען שאץ וועל איך אימער טראגען מיט מיר, און דער יעניגער וואס וועט דאס וועלען צונעהמען פון מיר, וועט ער עס מוזען טהאן ווען איך בין דערביי ניטא — ער וועט מיר פריהער מוזען ערמארדען.

— אָבער, ווייסט איהר ניט פאר וועמען דיא פאפירען זיינען אזוי וויכטיג געווען?

— ניין פריילין, איך האב קיין נאמען געהערט.

— ווען האט אָסקאר דיעזע פאפירען ארויסגעקראגען פון אייער מוטער?

— אונגעפעהר א וואך איידער ער איז ערמארדעט געווארען אין שפאציר-וואגען.

וויא אָסקאר האט צוגעחאפט דיא פאפיערן, האט מיין מוטער געזאגט:

—ווארט דוא לומפ, דוא מיינסט, אז דוא האסט שוין אויסגעפיהרט דיין קונץ און דוא וועסט מיר דא לאזען שטארבען? ניין, דוא האסט ניט געטראפען דאס ארט. איך וועל צוברעכען דיין פלאן און דיא פאפירען וועלען מעהר קיין ווערטה האבען. מיין מוטער האט אין איינינע טעג ארום אבגעשריעבען א צעטעלע צו הערן גרינוואלד און האט עס געשיקט דורך מיר צו איהם אין קלוב, וויא איהר ווייסט.

— יא, יא! — האט אסתר געזאגט מיט אונגעדולד — דאס האב איך שוין געהערט אויפ'ן פראצעס; אָבער זאגט מיר געפעליגסט אויב איהר האט ניט געהערט וואס הערר גרינוואלד האט גערעדט מיט אייער שטערבענדע מוטער?

— עפעס האב איך יא געהערט. ערשטענס האב איך געהערט וויא הערר גרינוואלד האט געזאגט צו מיין מוטער:

— וואס טהוט זיך מיט אייך? זיינט איהר משוגע? עס קען ניט זיין! — זיא האט איהם אבער באלד געענטפערט:

— זאל מיר גאָט אזוי העלפען וויא איך זאג אייך דיא ריינע וואהרהייט. — אָסקאר האט דיא בעווייזע אין זיין טאשע. — הערר גרינוואלד האט אבער געזאגט:

— ארימע פרוי, איך בעדויער אייך! — ענדליך האט מיין מוטער צו איהם געזאגט:

— זעהט מיין גוטער הערר, איהר זאלט זעהן וויא וויט מעגליך צו צערשטערן אָסקאר'ס פלאן און מאכט אז דיא פאפיערן זאלען קיין ווערטה ניט האבען.

— איז דאס אלעס וואס איהר וויסט פון דיעזע געהיימניס?

פריילין רובינשטיין איז געבליעבען אין מיטען, וויל גרינוואלד איז אריינגעקומען בלאס וויא א טויטער און האט געקוקט מיט אווילדען בליק אויף אָלגא'ן וואס האט זיך געשטעלט באלד וויא זיא האט איהם דערזעהן.

— איהר קענט געהן — האט ער צו איהר געזאגט — איך האב עפעס וואס צו רעדען מיט פריילין רובינשטיין.

אָלגא האט איהם א מינוט אָנגעקוקט און האט באלד נאכדעם געווענדעט איהרע אויגען אויף אסתר'ן וואס האט איהר געגעבען א וואונק, אז זיא מעג געהן. זיא האט גענומען איהר בוך, האט ווידער געגעבען א שארפען קוק אויף גרינוואלד'ן און זיא האט זייביידען געלאָזען אליין.

25טעם קאפיטעל.

חוה'ס א טאכטער.

נאכדעם וויא אָלגא איז ארויס פון הויז, האט זיך גרינוואלד געזעצט נעבען אסתר'ן מיט א זיפץ. ער האט אויסגעזעהן זעהר שעהן, אבער מיעד און צובראכען. נאך א קורצען שטילשווייגען האט ער געזאגט צו זיין כלה:

— וואס האסט דוא אייגענטליך געפרעגט דאס מיידעל? האסטו שוין גאר ניט עפעס אנדערס צו טהאן?

אסתר איז רויט געוואָרען א ווילע, זיא האט אנגענומען גרינוואלד'ס ביידע הענד, האט איהם אָנגעקוקט און מיט א נידריגע שטימע האט זיא איהם געפרעגט:

— ווארום האסטו אייגענטליך ניט קיין צוטרויען צו מיר?

— עס איז ניט נעטהיג אז דוא זאלסט וויסען וואס וויקטאָריא אנינסקי, אדער „אנינס", וויא מען האט איהר גערופען, ביי דיא אלטע דיקסאָן האט מיר געזאגט אויף איהר טויטענבעט. דוא קענסט סיי וויא סיי דערפון קיינע נוצען ניט האבען.

— האט זיא דיר געזאגט דיא געהיימניס וועגען מיר?

— ס'איז יא וועגען דיר און ניט — האט ער געענטפערט קורץ און שארף.

— דאס מוז אלזא זיין — האט אסתר ווייטער גערעדט — וועגען א דריטע פערזאן און דאס בעטרעפט מיר אליין.

— לאז זיין אזוי, — האט גרינוואלד איהר ערוויעדערט מיט אונגעדולד — נאר, דאס קען דיר גאר ניט שאדען זא לאנג דוא ווייסט ניט וואס דאס איז; אבער זאל נאט אויסהיטען, ווען דוא וועסט וויסען וואס דאס איז, וועט דיר דיין גאנצעס לעבען ביטער ווערן אויף אייביג.

— מיין לעבען איז יעצט אזוי זיס, טהייערער מארקוס, אז איך קען ווירקליך ניט פערשטעהן ווארום דוא זוכסט ארויפצושיטען דארויף א הויפען פעפער; פערגעס ניט, אז וואס מעהר דוא רעדסט אזוי, ווער איך דאך אלץ מעהר נייגיעריג צו וויסען וואס דיא געהיימניס איז.

— אבער זעה אסתר, איך בעט דיר מיין קרוין, לאז אפ פון א נעהיימניס וואס וועט דיר נאר ברייננען צרות און טרויער.

— איך פערשטעה גאר ניט — האט זיא זיך ארויסגעחאפט מיט א האלבען צארן — וויא באלד דאס האט צו טהאן מיט מיר, האב איך דאך א רעכט צו וויסען וואס דאס איז. ווען מיר וועלען הייראטהען, וויא וועל איך קענען גליקליך זיין, ווען איך וועל וויסען, אז צווישען אונז ביידען איז מפסיק א שרעקליכע געהיימניס?

גרינוואלד האט זיך אויפגעהויבען פון שטוהל און האט געזאגט קאלטבליטיג:

— דוא האסט געוויס געלעזען וואס דער דיכטער ברוינינג זאגט:

Where the apple reddens
Never pry,
Lest we lose our Edens,
Eve and I.

(קריך ניט דארט וואו דיא עפעל זיינען רויט — סיידען דוא ווילסט פערלירען דעם גן-עדן). דיעזע 4 פערזע פאסען זיך אויסגעצייכענט אויף אונזער יעצטיגע לאגע. דוא ביסט יעצט גליקליך — דער גן-עדן שטעהט דיר פאר דיא אויגען, לאז אב דיין נייגיערדע פון דיא עפיל.

— אה, איך פערשטעה דיר, מארקוס, דוא ווילסט אז איך זאל לעבען אין גן-עדן פון אונוויסענהייט! איך בין דיר מוחל אזא מין גן-עדן.

— וויא איך זעה, טהייערע אסתר, ביסטו א טאכטער פון אונזער מוטער חוה. אויך איהר האט דער עפיל קיין גוטעס געטהאן.

אסתר האט איהם דארויף קיין ענטפער געגעבען.

גרינוואלד איז געפאלען אויף דיא קניע נעבען איהר, האט אויסגעשטרעקט זיינע ביידע הענד און האט אויסגעשריען מיט א האלב דערשטיקטע שטימע:

— זיסע, טהייערע אסתר! האסטו דען אין מיר פערלארען דיין צוטרויען? איין גאט ווייס, אז איך מיי דיין טובה. — געוואלד! ווארום זאלסטו אין מיר קיין אמונה ניט האבע

אסתר האט געהאלטען איהרע ליפען פערשלאסען און זיא האט אנגעריהרט

זיין שעהנעם קאפּ מיט איהרע ווייסע פינגער. אין איהר זעעלע איז פארגעאנגען א קאמפף צווישען איהר ווייבערשע נייגיערדע און איהר ליעבע צו דעם מאן וואס שטעהט פאר איהר אויף דיא קניע. דיא ליעבע האט גובר געווען דיא נייגיערדע און זיא האט אנגעשפּארט איהר קאפּ אן זיינע שולטערן.

— גוט מארקוס, האט זיא געזיפצט — איך וויל מעהר ניט וויסען פון דיעזע געהיימנים, זאלאנג דוא וועסט מיר עס אליין ניט זאגען מיט דיין גוטען ווילען.

ער האט זיך געשטעלט אויף דיא פיס, האט איהר ארומגענומען מיט זיינע שטארקע ארימס און האט איהר בעדעקט מיט קושען.

אזוי זיינען פאראיבער איינינע מינוטען אין טיפע שטילקייט. ניט איינער פון זיי האט גערעדט.

— אך מיין הערצענ'ס געליעבטע, — האט גרינוואלד ענדליך אויסגעשאָסען — מיר דארפעןביידע ניט זיין פערטרויערט. מיר וועלען אנפאנגען א נייעס לעבען: מיר וועלען בעגראבען דיא טרויעריגע פערגאנגענהייט וויא דאס וואלט געווען א חלום און ווייטער גאר ניט.

— יא אָבער דיא געהיימנים וועט דיר דאך אימער פערפאָלגען, זיפער מארקוס.

— ניין אסתר, דיא געהיימנים וועט פערשווינדען מיט דער צייט. מיר וועלען וועקסלען דיא סצענע פון אונזער לעבען, מיר וועלען טהאן וויא אונזערע חכמים האבען געזאגט משנה מקום — משנה מזל, (ווען מען וועקסילט דעם פלאץ, וועקסילט זיך אויך דער מזל).

— וואָס מיינסטו מארקוס „וועקסלען דיא סצענע“? ווילסטו דען לאָנדאָן פערלאסען?

— יא מיין לעבען, — האט גרינוואלד געמורמילט — איך האב פערקויפט מיינע אלע וואארע, און מיר וועלען פערלאסען לאָנדאָן אין דיא נעכסטע דריי מאנאט.

— וואו וועלען מיר רייזען?

— אבי־וואו, מיין קינד; איך וועל טהאן וויא קין, איך וועל זיין א פערוואָגילטער וואנדערער אויף גאט'ס ערד.

— אליין? גאר אָהן מיר?

— דאס וואס איך בין דיר יעצט געקומען פרעגען, טהייערסטע אסתר; איך וויל פון דיר וויסען, אויב דוא ווילסט מיר באלד הייראטען, מיר זאלען קענען ביידע פערלאסען ענגלאנד.

פריילין רובינשטיין האט געשוויגען.

— איך וויים, איך פערלאנג יעצט פון דיר צופיעל — האט ער ווייטער גערעדט — איך פערלאנג פון דיר א בארג: איך וויים גאנץ גוט, אז מען פערלאזט ניט אזוי גיך פאמיליע, פריינדע, בעקאנטע און — א פאטער; איך האף אָבער, אז דוא וועסט מיר ניט אוועקווארפען יעצט. ווען איך דארף דיר אזוי נעטהיג האבען. דוא וועסט געוויס מיט מיר מיטקומען; און דוא וועסט זיין מיין גוטער ענגעל אין דיא צוקונפט, פונקט וויא דוא ביסט עס געווען אין פערגאנגענהייט.

אסתר האט איהם אנגעקוקט מיט איהרע שעהנע אויגען.

— יא מארקוס, — האט זיא געזאגט גאנץ שטיל.

— איך דאנק דיר פאר דיין גוטהערציגקייט—האט גרינוואלד איהר ערוויעדערט.

עס איז וויעדער פאראיבער איינינע מינוטען שטילקייט. זיי האבען זיך ענדליך ביידע בערוהיגט, זיי האבען גערעדט פון זייערע פלענער און זיי האבען געבויט שלעסער אין דער לופט, וויא געוועהנליך געליעבטע טהויען. קיין בעסערע ארכיטעקטען אויפצובויען א שעהנעם שלאס אין דער לופט וויא געליעבטע איז גאר ניטא. ענדליך האט אסתר בעמערקט:

— איך וואלט וועלען וויסען וואס מיין פאטער וועט זאגען. איך רעכען איך מוז איהם דערצעהלען פון אונזערע נייע פלענער.

— נאטירליך.

— וואו איז יעצט הערר רובינשטיין? — האט גרינוואלד געפרעגט זיך שטעלענדיג.

— איך האב א ווילע פריהער געזעהן פאפא אין זיין קאבינעט בעשעפטיגט מיט רעכנונגען. — אט דא זעה איך איהם קומען אהער.

— גרינוואלד האט ניט געהאט געזעהן רובינשטיין זייט איינינע טעג, און ער האט זיך דארום ניט געקענט אפוואונדערן וויא אזוי א מענש קען זיך אזוי ענדערן אין אזא קורצע צייט. דאכט זיך, ניט לאנג איז ער געוועזן גראד, גלייך וויא אן אפיציער, מיט קאלירען אין דיא באקען, און יעצט איז ער אביסעל איינגעבויגען — זיין געזיכט זעהט אויס אלט און אויסגעבלייכט, אין זיינע דיקע שווארצע האאר האבען זיך אנגעפאנגען צו ווייזען וויסע בית-עולם בלעטלאך. גרינוואלד האט זיך באלד דערמאנט אז ער אליין און אסתר האבען זיך אויך געענדערט צום שלעכטען. ער האט אנגעפאנגען קלערען, אויב דיעזע פערענדערונגען פון זיי דריי האט ניט צו טהאן מיט דיא ערמארדונג פון אסקאר וולאדימיראוויטש?

רובינשטיין איז אזוי נעגאנגען פערטראכט, אבער וויא ער האט דערזעהן זיין טאכטער מיט איהר חתן, האט ער געגעבען א געצוואונגענעם שמייכעל און האט אויסגעשטעקט זיין האנד צום יונגען מאן מיט דיעזע ווערטער:

— וואס מאכט איהר גרינוואלד? זייט ווען זיינט איהר דען היער?

— איך דאנקע שעהן. איך בין דא זייט א האלבע שטונדע. איך בין געקומען זעהן אסתר'ן און רעדען מיט אייך.

— זעהר שעהן, קינדער, — האט רובינשטיין געזאגט — איהר גרינוואלד מוזט ביי אונז פערבלייבען אויף מיטאג. יעצט זאגט מיר, וואס איהר האט מיט מיר צו רעדען. געוויס וועגען אייערע עדעל-שטיינער וואס איהר האט ניט לאנג בעצויגען פון אמסטערדאם?

— ניין הערר רובינשטיין, איך האב דאס אלעס פערקויפט, צוזאמען מיט יענע וואארע.

— וואס הער איך? פערקויפט? ווילט איהר דען מעהר ניט עפענען קיין בריליאנטען-געשעפט אין אקספארד סטריט.

— איך פיהל זיך צובראָכען און מרה־שחורה׳דיג אין לאָנדאָן. איך וויל דארום פערלאסען לאָנדאָן און אפשר, אויך גאַנץ ענגלאַנד.

— אה הערר גרינוואַלד, איך גלויב אז פון אומפּאָהרענעם קומט ארויס וועניג הצלחה פאר א געשעפטס מאַן, וויא אויך פאר יעדען. — האט רובינשטיין בעמערקט צום חתן. ער האט זיך נאכדעם געווענדעט צו זיין טאָכטער:

— איך האב עפּעס ניט לאנג געהערט פון דיר א שעהנעם פראנצויזישען שפּריך־וואָרט וועגען דעם.

— פאָטער, דוא מיינסט געוויס דאס שפּריך־וואָרט Pierre qui roule n'amasse pas mousse (ווען א שטיין קייקילט זיך, קלעפּט זיך אן איהם קיין מאָך).

— יאָ טאָכטער, דאס מיין איך טאקע.

— אבער א שטיין קייקילט זיך ניט דורך זיין אייגענעם ווילען, — האט גרינוואלד בעמערקט — ער קייקילט זיך ניט, נאָר מען מאַכט איהם קייקלען.

אהא, — האט רובינשטיין איהם באַלד ערוויעדערט לאבענדיג — און ווער טרייבט א י י ך פון ענגלאַנד?

אסתר׳ס חתן האט געשוויעגען.

— אלזאָ קינדער, — האט רובינשטיין געזאגט מיט אונגעדולד — זאָגט מיר וואָס איהר האט געוואָלט רעדען מיט מיר. איך פערשטעה קיין שטום־לשון ניט.

— אייער טאָכטער אסתר האט איינגעוויליגט מיר שוין צו הייראטען, און איך וויל אייער איינשטימונג.

— אונמעגליך — האט רובינשטיין געענטפערט קורץ.

— אין אונזער ווערטער־בוך איז גאָר ניטאָ דאָס וואָרט „אונמעגליך" — האט גרינוואלד ערוויעדערט — און איך זעה ניט איין, וואס אייך שטעהט אין וועג. איך בין דאך יעצט א רייכער מאַן—

— ניט דאס מיין איך, — האט רובינשטיין געזאגט זיך אויפשטעלענדיג — געלד שפּיעלט יעצט ביי מיר קיין ראָלע. איך האב גענוג געלד פאר אייך ביידען; נאר איך קען ניט לעבען אָהן אסתר׳ן.

— קום אלזאָ מיט אונז — האט אסתר איהם אונטערבראָכען.

גרינוואלד האט זיך אבער ניט געמאכט הערענדיג אסתר׳ס איינלאדונג צו איהר פאפא.

— וואס זאגט איהר גרינוואלד צו מיין טאָכטערס פּלאַן? זיינט איהר צופריעדען מיט איהר איינלאדונג? — האט רובינשטיין געפרעגט זיין חתן.

— געוויס בין איך צופרידען — האט ער געענטפערט האלב איבערראשט.

— אויב אזוי — האט דער רייכער פאבריקאַנט פארטגעזעצט — וועל איך אייך זאגען וואס איך וועל טהאן. איהר ווייסט דאך, אז איך בין יעצט בעטהייליגט אין שיפּ׳ס קאמפּאניס. איך האב 25 שעהרס (אַקציעס) אין דעם נייעם דאמפּפער „פירשט ביסמארק". איך האב יעצט אויפגעגעבען דיעזע אַקציעס און האב אריינגעלעגט כמעט א העלפט פון מיין קאפּיטאל אין דער נייער דאמפּפערליניע „קאנאריען פאסיפיק" וואס איהרע דאמפּפערס מאכען רעגעלמעסיג א רייזע ארום דער וועלט

דורך קאנאדא — מאָנטרעאל — וואנקאָוועה — יאפאן — חינע — אינדיען — עגיפטען — ענגלאנד — קאנאדא. מיט איינינע מאָנאט צוריק האט מיר דיא קאָמפּאני געלאָזט וויסען, אז איך האב א רעכט א נאמען צו געבען איין דאמפּפער וויא איך וויל. איך האב עס אויך געטהאן. דאס איז געוועז אונגעפעהר צוויי מאָנאט איידער אָסקאר׳ס מאָרד האט געטראפען. איהר קענט אלזאביידע הייראטען ווען איהר ווילט, און באלד נאך דער חתונה װעלן מיר אלע דריי מאכען א רייזע ארום דער וועלט. גאנץ אומזיסט.

— אך וויא גרויסארטיג, פּאפּא! — האט אסתר אויסגעשריען ענטציקט.

— און וואס פאר א נאמען האט איהר געגעבען דעם דאמפּפער? — האט גרינוואלד געפרעגט, אום גלאט עפּעס צו רעדען.

— איך האב עס א נאמען געגעבען „וויקטאָריא אָגינס״.

— וויקטאָריא אָגינס! האבען גרינוואלד און אסתר אויסגעשריען פערוואונ־דערט.

— דאס איז דאך אָלגא׳ס מוטער דיא „קעניגין״ וואס האט מיר אויסגעזאגט דעם סוד פארן טויט! — האט גרינוואלד געזאגט צו זיך אליין — יעצט זעה איך דאך, אז אלעס איז אמת....

— דיא יונגע פּאר האבען אנגעקוקט רובינשטיינען מיט אזוי פיעל איבעררא־שונג, אז דאס בלוט איז איהם אריין אין געזיכט און ער האט גאר ניט געוואוסט וואס צו טהאן. ער האט זיך פּלוצלינג צולאכט מיט דיעזע ווערטער:

— קינדער! מיינט איהר אז פערליעבטע דארפען ניט עסען? דער טיש איז שוין געוויס געגרייט; מיט ליעבע קען מען ניט זאט ווערן.

26טעם קאפּיטעל.

וויין, ווייב און געזאנג.

„ליעבע קאָך לאָקשען״ — זאגט דיא וועלט א ווערטיל, און ווער וויסט נאך בעססער דיא וואהרהייט דערפון וויא א געליעבטער? א גרויסער דיכטער האט אמאל געזאגט, אז ער קען ניט ליעבען מיט׳ן גאנצען הערצען, וואו ער זאל פריהער ניט האבען אריינגעלעגט אין זיך א האלבע גאנז, א פלעשיל וויין און א גרויסען טעלער צימעס. דיעזער דיכטער האט אויסגעשריען מיט ענטציקונג:

זיסער צימעס! אונטער דיין פורפור־מאנטעל זעה איך ערוואכען
דיא היילינע ליעבע — דאס לעבען פון אלע לעבעדינע זאכען.

עס בלייבט אפילו א קשיא: וויא קומט א פורפור־מאנטעל צום צימעס? אויף א דיכטער פרעגט מען קיין קשיות ניט. אזוי וויל ער און טהוט איהם וואס! דיא וואהרהייט איז, אז

על שלשה דברים, אויף וויין, ווייב, געזאנג —
וועט שטעהן אונזער וועלט איהר לעבענסלאַנג.

אהרן רובינשטיין וואס האט אין דיא יונגע יאהרען זעהר שטארק געהאלטען [illegible] האט אין דיא עלטערע יאהרען געביטען אביסל זיין מיינונג און האט

אנגעפאנגען האלטען א ביסל מעהר פון דער אכילה. ער האט געהאט אן אויסגע־צייכנעטע קיך און א גוטען אויסגעפילטען קעלער. ער פלעגט אימער עסען זיין מיטאג אום 6 אוהר אבענדס, און ער האט זעהר גערן געהאט צו האבען פון צייט צו צייט ארום זיין טיש א בינטעל געקליבענע אורחים.

אויך דיעזעס מאָל האט ער געהאט ארום טיש פערשיעדענע געסט: ראָלער־מאן און זיין פרוי, דיא געוועזענע עמא שפּינוועב; דר. קינגסטאָן, דער אלטער ריינ־הערץ און זיין טאכטער, אסתר'ס צוויי פריינדינען און גרינוואלד'ס א לאנדסמאן. דער געשפּרעך איז געפאלען אויף פּאָליטיק און ראָללערמאן האט געחאפּט דיא פּאָליטישע פראגע פאר'ן עק, צו זאגען זיין מיינונג, וואס ער דענקט פון גלאדסטאָ־נען, פון לאָרד סאליסבורי, פון פרינץ אף וויילס און פון דיא גאנצע רעגיערונג. ער האט געוואָלט ווייזען זיין פרוי וויא ווייט ער האט א האָפנונג צו ווערן א פּאָליטישע מאכט אין דער וועלט. ער האט אויפגעהויבען ביידע הענד, פונקט וויא איינער וואס האלט א רעדע אין פּארלאמענט און האט אויסגעשריען:

— ענגלאנד זעהט פאר זיך א שווארצען פּאָליטישען וואָלקען און דאס גאנצע בריטישע פּאָלק ווארט אויף א נייעם ביקאָנספיעלד!

— אבער דיא וועלט איז ניט אנגעפילט מיט ביקאָנספיעלדס — האט רובינ־שטיין בעמערקט מיט א שמייכעל.

— געוויס ניט — האָט זיך דער דר. קינגסטאן אריינגעמישט — ווען דיא וועלט זאָל האבען א סך אזעלכע גרויסע לייט, דאן וועט קיין גרויסע מציאה ניט זיין מיט זיי. עכט גוטע בריליאנטען זיינען זעהר טהייער, ווייל עס איז זעהר ווענינג דא ערפון.

— עס זיינען דאָ גענוג גרויסע לייט אין דער וועלט, — האט בעמערקט דער אלטער ריינהערץ — וואס האבען קיין געלעגענהייט ניט זיך בעקאנט צו מאכען.

— הערר רובינשטיין! איהר וואס רייזט ארום אזוי פיעל דיא וועלט, קענט איהר זיי ניט געפינען? — האט ראָלערמאן געזאגט. ער האט געמיינט, אז ער האט זיך דא באקינדעלט מיט א גרויסע „חכמה“, ווארום ער האט געקוקט אלעמען אין דיא אויגען מיט גרויס צופריעדענהייט.

— ווארט ביז איך וועל צוריקקומען פון מיין רייזע ארום דיא וועלט — האט רובינשטיין געענטפערט, קוקענדיג אויף זיין טאכטער.

— אזוי נאָר, הערר רובינשטיין? איהר האט בעשלאסען צו מאכען א רייזע ארום דיא וועלט? איהר וועט דאס אביסעל אנזעהן וואונדערליכע זאכען.

— איך האב זיך גענוג אָנגעזעהן אין לאָנדאָן מיט צוואנציג יאהר צוריק.

— ניט וואהר, הערר רובינשטיין — האט דער אלטער ריינהערץ געזאגט — אז דאמאלס האט מען זיך פיעל מעהר אמוזירט וויא יעצט? געדענקט איהר דיא גרויס־ארטיגע טענצערקע וויקטאָריא אָנינס? —

גרינוואלד איז געבליעבען זיצען פערגליווערט און ער האט געפיהלט וויא אסתר'ס קאלטע האנד האט אנגעריהרט זיין האנד.

— און ווער איז זיא דאס געוועזן דיעזע וויקטאריא? — האט ראָלערמאן געפרעגט.

— א טענצערקע און א פיפיגע קאָמעדיאַנטקע — האט דער אלטער ריינהערץ

געענטפערט — זיא איז געוועזן אזא פארשוין, זיא האט געהאט אזא וואונדערבאר־שעהנעם קערפער, אז ווען זיא פלעגט נאָר נעהמען טאנצען איהרע שפּאנישע טענץ מיט׳ן פייקעלע אין האנד, איז דאס גאנצע פובליקום שיער ניט ארויס פון די כלים; איך מיין די מענער.

— איז זיא געוועזן א שפּאנישע? — האט ראַלערמאן ווייטער געפרעגט.

— ניין, זיא איז געוועזן, גלויב איך, א פּאלנישע, און מעהר וויא טאנצען האט זיא ניט געקענט, וויל עס האט איהר געפעהלט די שפּראך צו שפּיעלען א ריכ־טיגע ראָלע אויף די ענגלישע ביהנע?

— חא, חא, חא! — האט זיך ראַלערמאן צולאכט געבענדיג א קלאפּ דעם אלטען ריינהערץ אויפ׳ן האנד — וויא איך זעה, האט איהר די „בחור׳טע“ אמאל געקענט.

— העער רובינשטיין האט איהר בעסער געקענט, — האט ריינהערץ זיך ארויסגערעדט ניט ווילענדיג.

— איך מאך א פארשלאג — האט רובינשטיין געזאגט לאבענדיג — מען זאל לאזען געהן דעם געשפּרעך. מיר קענען רעדען עפּעס פון וויכטיגערעס וויא פון באלעט־טענצערקעס.

— ווען מיר וועלען אנהאלטען אזא געשפּרעך, וועלען דאך די דאמען אונז לאזען אליין ביים טיש — האט ראַלערמאן געזאגט.

— בראַוואָ העער ראַלערמאן! — האט אסתר אויסגעשריען מיט א חנ׳עוודיגען לאך — איהר האלט אימער פאר די דאמען.

זיי האבען זיך אלע אויפגעהויבען פון טיש און זיינען אריין אין זאל. רובינשטיין איז אריין אין זיין פּריוואט קאבינעט מיט זיין אלטען גוטען פריינד ריינהערץ און זיי האבען אביסעל געשמועסט פון די אלטע צייטען.

ווען גרינוואלד איז אריין אין זאל האט ער געפונען אסתר׳ן שפּילענדיג איינע פון מענדעלסזאָהנ׳ס „ליעדער אהנע וואָרטען“.

— דער עולם פערלאנגט עפּעס בעסערס פון אייך, פריילין רובינשטיין — האט ראַלערמאן געזאגט ווען ער האט זיך געזעצט אויף דעם וויעגענדיגען סאמע־טענעם שטוהל — מיר קימערן זיך ניט פיעל פון „אָפּוס 84“ און די קלאסישע משונה׳ת׳ען. שפּיעלט אונז עפּעס לעבעדיגעס, וויא צום ביישפּיעל די „שעהנע העלענא“ פון אָפּפענבאך אָדער די „גלאָקען פון קאַרנווילל“ פון פּלאַנקעט. דאס פערשטעהט יעדער.

— און איך האלט אָפּענבאַך׳ס מוזיק פאר זעהר נידעריג — האט מאדאם ראַלערמאן בעמערקט.

— ענטשולדיגט מיר מאדאם, — האט גרינוואלד זיך אריינגעמישט — איך זעה ניט איין ווארום איהר האט אזא שנורעננע מיינונג וועגען אָפּפענבאַך׳ס מוזיק. איז דאס אפשר וויל ער איז געוועזן א געטויפטער איד? אויך דער גרויסער טענדעלזאָהן איז דאך געוועזן א געטויפטער.

— ענטשולדיגט איהר מיר הערר גרינוואלד — האט זיא איהם ערווידערט — מענדעלזאהן איז געשטארבען א איד, ער האט איבערזעצט דיא ביבעל אין דייטש מיט א העברעאישען פירוש.

— איהר מישט צוזאמען ביידע מענדעלזאָהנס, מאדאם, — האט גרינוואלד איהר אבגעהאקט מיט א שמייכעל — איהר מיינ: דעם פילאָזאָף מאזעס מענדעלזאָן, אבער איך רעד פון דעם וועלט בעריהמטען פעליקס מענדעלזאָהן באַרטהאָלדי, וואס האט זיך געטויפט.

— איך האָב ניט ליעב קיין משומדים, — האט אסתר געזאָגט — און עס טהוט מיר לייד וואס אזא גרויסער מאן וויא מענדעלזאָהן האט זיך ענטזאגט פון יודענט־הום. האט ער ניט געקענט זיין א גוי אין גוטע אידעשקייט?

— וואס טויג אונז דיעזע אלע ויכוחים? — האט ראָלערמאן געזאגט מיט אונגעדולד — לאָמיר בעסער שפּילען דאס נייע ליעדל „דער משאריטי באַלל".

— דאס איז אפילו צו קורץ, — האט זיין פרוי בעמערקט — עס איז אבער זעהר וויציג.

ראלערמאן האט ניט געווארט, האט זיך געשטעלט און האט אבגעזונגען דעם „משאריטי באָלל".

איך בין געגאנגען אויפין רחמנות באָלל אָהן כוונות —
נור פאר רחמנות.
איך האב מיט איהם געטאנצט גאָר אהן הכנות —
בלויז פאר רחמנות.
ליעבסטו קושען? יא פריינד, איך ליעב דיעזע מתנות —
אבער פאר רחמנות.
ווילסטו זיין מיינע? אָ, יא! איך וויל בנאמנות —
נור פאר רחמנות.
אונזער חתונה וועט זיין א טאג פאר אסתר־תענית —
אויך פאר רחמנות....

אלע האבען געפאטשט „בראוואָ" און ראָללערמאן האט עס געמוזט איבער זינגען.

— זינג יעצט The man in the moon (דער מאן אין דער לבנה) — האט זיין פרוי אויסגערופען מיט שטאָלץ.

ראָללערמאן וואס האט געהאט א רעכט ביסל ווייין אין קאָפּ, איז באלד ארויס:

מיין חתן, טאקע פון גאָט א מתנה,
איז יענער מאן דאָרט אין דער לבנה.

— אך לאָזט דאס געהן, — האט גרינוואלד געזאגט מיט א לאַך — ד'א ווערטער זיינען דאך אזוי דום, וויא אויך דאס גאנצע ליעד, מעהר וויא דער גראם איז דאָרט ניט דא. זינגט בעסער, אויב איהר קענט, וויקטאָר הוגאָ'ס געדיכט „3 אוהר באגינען".

— איך קען קיין פראנצייזיש, פריינד גרינוואלד; פאָדערט בעסער אויף פריי־ליין רובינשטיין ז י א זאָל עס זינגען פריהער אין פראנצייזיש און דערנאך וועט זיא דאס איבערזינגען אין איהר איינענע ענגלישע איבערזעצונג.

אסתר האט זיך געזעצט נעבען פיאנאָ און האט אנגעפאנגען זינגען מיט איי־גענע בעגלייטונג:

וואו קען איך אויף מיין פראגע אן ענטפער געפינען —
וואס פלוידערן דיא פייגעלאך 3 אוהר באגינען?
יא, איך מיין דאָ דיא קליינע קאנאריען, פייגעלאך,
מיט רויטע העלזעלאך און טיפע אייגעלאך —
זייער פלוידעריי מוז דאך האבען א שטיקעל זינען,
וואס פלוידערן דיא פייגעלאך 3 אוהר באגינען?

ווען אלע מענשען שלאפען און דיא וועלט איז שטיל,
הערט מען שוין דיא פייגעלאך פלוידערן מיט געפיהל.
אבער וואס זאגען זייא? ענטפער מיר דוא פילאָזאָף!
זיינען זיי שוין דאן וואך, אדער זיי רעדען פון שלאָף?
וואו קען איך אויף מיין פראגע אן ענטפער געפינען,
וואס פלוידערן דיא פייגעלאך 3 אוהר באגינען?

אפשר דערצעהלען זיי א סוד וואס מען טאהר ניט הערן —
אפשר רעדען זיי ניט, נאר זיי וויינען מיט טרעהרן?
פיעללייכט פלוידערן זיי און ווילען זיך בעמיהען
אונז אויסצוזאגען, וויא אזוי זיי קענען פליהען?
איך קען אויף מיין פראגע קיין ענטפער געפינען,
וואס פלוידערן דיא פייגעלאך 3 אוהר באגינען?

אלע האבען דיעזע דריי סטראָפען אפלאָדירט מיט דיא גרעסטע ענטציקונג, און גרינוואלד האט געגעבען אסתרן אין שטערן א קוס וואס האט אבגעקלונגען וויא א מעטאל־קלאנג.

— איך מאך א פארשלאג, — האט זיך אבגערופען ראלערמאן — מען זאל יעצט ענדערן דעם פראָגראם; מיר האבען שוין גענוג געזונגען; לאמיר יעצט עפעס דעקלא־מירען אהן מוזיק.

— איך אונטערשטיץ דיעזען פארשלאג, — האט מאדאם ראלערמאן צוגע־שאָקעלט מיט'ן קאפ — און הערר גרינוואלד וועט אונז אם בעסטען צופריעדענשטעלען, ווען ער וועט אונז פאָרטראגען א קאָמישע דעקלאמאציאָן אין פראזא אדער אין פערזען.

— „דיא מילב מאכט א באלל" — האט אסתר אויסגערופען — דאס איז ווירקליך גרויסארטיג.

— „דיא מאיעסטעטישע פאנטאפעל פון קעניג קראצמיך" — האט אן אנדערער געזאגט — דאס איז נאך וויציג.

— אויב עס איז מיר ערלויבט,—האט הערר רובינשטיין געזאגט- מעכטע איך פערלאנגען צו הערן פארטראגען די בעקאנטע פאבל „די ציוויליזירטע מויז“ וייל דאס איז א וואהרע צאצקע און הערר גרינוואלד וועט דערמיט אלעמען געפעלען.

אפתר׳ס חתן האט ניט געווארט איין מינוט, האט זיך באלד הינגע...ילט און האט אנגעפאנגען „דיא ציוויליזירטע מויז“:

אין א גרויסע פרעהליכע שטאדט, ניט ווייט פון מעער,
איז א מויז געשטאנען אויף באָרד ביי א מילליאָנער:
זיא האט זיך אין זיין פאלאסט א חורבה געמאכט
און האט דארט אין נחת איהרע טעג פערבראכט.
וויא עס איז געקומען תמוז דיא גרויסע היצען
(דאן איז ניט אנגענעהם אין שטאדט צו זיצען),
האט מען נאטירליך דעם פאלאסט צוגעשלאסען
און דאס האט אונזער בארדעוו׳קע פעדראסען.

„שטייען,— האט זיא געזאגט, וויא קען איך דא זיין אליין?
„קיינער איז ניטא, איך בין דאך עלענד וויא א שטיין!
„אלע גרויסע לייט וואנדערן יעצט אהין און אהער
„און איך מוז דא ליגען — בין איך דען אבי-וועער?
„איך וויים, איך בין ניט מעהר וויא א קליינע מויז.
„איך געהער דאך אבער צו א רייכ׳ע הויז!
„בלעבען, לאָמיך וואנדערן אין וואלד, אויפ׳ן פעלד
„און אין איין גאנג וועל איך אנזעהן דיא וועלט.

בקצור, דיא מויז איז באלד אין פעלד פארטגעלאפען,
וואו זיא האט דיא חורבה פון א פעלד-מויז געטראפען.
דיזע „ישובניצע“ האט איהר גאסט אויפגענומען אויף באָרד,
פונקט, וויא א פארמער נעהמט אויף א גרויסען לארד.
זיא האט איהר גאסט געבראכט אלעס וואס זיא האט געהאט;
קיין נאשעריי, נור געווס אכילה זיך אנצועסען זאט.
דיא פעלד-מויז האט זיך ענטשולדיגט וויא זיא האט געקענט
און דיא אורח׳טע האט איהר געמאכט א קאמפלימענט:

„אָבער איך פערשטעה ניט פריינד, וואו איז אייער ישר...
— האט דיא שטאדט-מויז געזאגט מיט א שמייכער -
„שטייען, ווער צווינגט אייך צו וואוינען פון מענשען זא ...ט
„פערוואגלט אויפ׳ן פעלד און פערוואַרפען אין א זייט
„חלעבען, פאלגט מיר, איך וועל אייך אן עצה געבען
„לאמיר ביידע אין שטאדט צווישען מענשען לעבען.
„וואס איז דען א מויז? א צובראכענער שאו כע...
„מיר זיינען אלע ווילע אין געפאהר צו שטארבען.

„לאָמיר האַטש אונזער לעבען אביסעלע פערזיסען,
„דען נור אין שטאדט קענען מיר עולם=הזה געניסען.
„מיינט ניט איך רעד יעצט פון היין אדער פון שלאף —
„ניין! איך האב דאס געהערט פון א גרויסען פילאָזאָף.
„גענוג אייך ליגען אין פעלד לעבען א זומפּיגען שטראָם —
„א לעבען אהן נחת איז ניט ווערטה קיין ח״י סערעבראָם.

דער גרעסטער חכם לאזט זיך אמאל איבעררייִדען,
דיא מויז האט בעשלאָסען פון פעלד זיך צו שיידען.
זיי זיינען אנגעקומען אין שטאדט מיעד, גרין און געל
און האבען אריינגעמופט אין א גרויסען האָטעל.
עס איז גראדע געווען אבענדס, פיעל לייט זיינען געזעסען
און האבען דארט פון דיא בעסטע מאכלים געגעסען.
אויף דיא טישען האט מען געזעהן יעדען מין געריכט
און אין זאל האט געברענט עלעקטרישע ליכט.

דיא שטאדט=מויז האט געהייסען איהר פריינדין הארען,
ביז דיא אורחים וועלען ארויסגעהן רויכען ציגארען,
דען זיא איז שוין געווען א ציוויליזירטע מויז
און האט גוט געוואוסט, וויא עס געהט צו אין אזא הויז.
קוים האבען זיך דיא מענשען אויפגעהויבען פון טיש,
האבען זיך דיא מייז צוגערוקט צו דיא פלייש, פיש,
צו דיא גוטע פודינג, טהייערע מאראנאט,
גענזען=בראטען, פּאַטייטעס און פרישע סאלאט.
דיא שטאדט=מויז האט געהאלטען אין איין זאָגען:
„עסט ניט צופיעל, פריינד, פערדארבט ניט אייער מאָגען:
„קומט אהער, פערזוכט בעסער פון דיעזען טעלער,
„ווייל אזא מין געריכט גיבט מען נאר אויף בעלער.
„נעהמט אייך אין אכט, קריכט ניט איבער דיא שאָלאכץ,
„פערזופּט אביסעל מילך, פערבייסט אביסעל איינגעמאכץ.
„וואס איז דיא מעשה וואס איך זעה קיין וויענער קוכען?
„לאמיך אקאָרשט געהן דיא שפּייז=קארטע אויפזוכען....

דיא פעלד=מויז האט שוין געמיינט זיא איז א שררה —
אבער ויהי, און וואו נאר א „ויהי״ איז א צרה:
זיא האט צובראכען א גלאז, איבערגעקעהר א טאַץ,
און אויפ׳ן ליארם איז אנגעקומען א גרויסע קאַץ!
א קאַץ מיט א פּאר וואנצעס, א מויל א ברייטע,
דיא צוויי מייז האבען מיט נסים געמאכט פליטה.

OGIZ

„אזוי נאר! האט דיא פעלד־מויז געזאגט מיט טרערן,
„יעצט וועל איך צוריק מיט פרייד אין פעלד־אומקעהרן;
„וואס טויג מיר דיינע מאכלים, דיינע מתנות,
„ווען מיין לעבען שטעהט דא אין סכנות?
„טויזענד מאל ניין! איך וועל ניט זיין אזא נארר,
„אז איך זאָל דא שטעלען מיין לעבען אין געפאהר.
„יא, איך לויף צוריק אין פעלד צו מיין אלטען פלאץ.
„דאָרט איז ניטא קיין נאשעריי; אבער אויך קיין קאץ!
„איידער דא צו שטעהן פנים־אל־פנים מיט׳ן טויט,
„איז מיר ליעבער מיין פרייהייט מיט א שטיקל ברויט.

אלע הענד וויפיעל עס זיינען נאר געוועזן אין זאל, האבען אפּלאָדירט דיעזע גרויסארטיגע פאבל וואס גרינוואלד האט פאָרגעטראגען מיט א זעלטענעם געשמאק און מיט אן אויסעראָרדענטליכען חן. פּלוצלונג איז אריינגעקומען דיא דיענסט און האט געמעלדעט א מאן, וואס וויל זעהן העררן רובינשטיין אליין.

— אבער יעצט ביי נאכט, — האט אסתר׳ס פאטער געזאגט — צו וואס קען ער מיר דארפען? וויא הייסט ער?

דיא דיענסט האט איהם דערלאנגט דעם פרעמדעןס וויזיט־קארטע וואס האט געלויטעט אזוי:

נפתלי צימבעל,

פון ירושלים.

העברעאישער דיכטער און ענגלישער פּערפעסער

בעל המחבר פון

„יע״ל קנ״ם און דער טעלעפאָן״; „דער כהן גדול און דער פאָ־נאָגראף״; „דיא ביאָגראפיע פון א פאָדקאָווע״ א. ז. וו.

וויא הערר רובינשטיין האט פארגעלעזען דיעזע מערקווירדיגע קארטע, האבען זיך אלע שטארק צולאכט. דער ווירטה האט ארויסגענומען פון טאשע א שילינג און האט געוואלט געבען דיא דיענסט זיא זאָל דערמיט ארויספאטערן דעם אונגעבע־טענעם אורח וואס האט איהם שוין מעהר וויא איין מאל בעלעסטיגט מיט שנאָר־בריפע און מיט „גמילת־חסדים״. אבער ראָלערמאן וואס האט געוואלט האבען א ביסל שפּאס, האט געבעטען מען זאל דעם ירושלים׳ער פּערפאסער אריינרופען.

אין א מינוט ארום איז ער אריין אין זאל, ער האט אראפּגעהאפּט זיין הויכען קאפּעלוש וואס האט געהאט קנייטשען וויא א בלאָז־זאק פון א שמיד, און ער איז געבליעבען שטעהן וויא פערווילדערט. נפתלי צימבעל איז געוועזן פון גאנץ קליינעם געוואוקס מיט לאנגע האר ביז דיא שולטערן, שווארץ, אבגעבּרענט וויא פון זון און אין האנד האט ער אימער געהאלטען א חבור׳ל וואס ער האט פערפאסט אין ענגליש

צו בעווייזען, אז אין בית־המקדש איז געווען א פאָנאָגראף. דיא הקדמה איז געווען אַ ליעדל אין לשון הקדש, געווידמעט צו דיא באָקשאָרן פון דיא מוטער רחל'ס קבר.

— האָכגעשעצטער הערר רובינשטיין, — האט אנגעפאנגען דער געניאלער מיסטער צימבעל — איך קום אייך אנמוטהען מיין ספר, איך בין אויף גרויסע צרות און....

— אבער איך האב שוין פון אייך געקויפט דיעזען חבור לעצטע וואך. וואס טויג מיר צוויי?

— גיט מיר אַלזאָ האנד־געלד אויף מיין נייעם ווערק וואס איך דרוק יעצט אונטער דעם נאמען „דארווין, עדיסאָן, ווירכאָוו און דיא מחשבות פון א צימבעל".

זיי האבען זיך וויעדער אלע צולאכט. צימבעל האט דערווייל טוכל געווען זיי פּאָעטישע נשמה מיט דריי שנאפסען וועיסקי וואס איז געשטאנען אויפ'ן טיש. רובינשטיין האט איהם אריינגערוקט אין האנד פיער שילינג און מען איז באלד פטור געווארען פון אורח.

דיא געסט האבען נאך א רעכטע ווילע געטאַנצט, האבען זיך רעכט אונטערהאלטען, און ווען זיי האבען געזאגט „גוט־נאכט" האט דיא אוהר געשלאָגען עלף.

— וויקטאָריאַ אַגינס! — האט אסתר געמורמעלט צו זיך אליין, ווען דער אלטער ריינהערץ האט איהר געדריקט זיין האנד.

27טעם קאפיטעל.

דער לעצטער טריט פון אַן אַדוואָקאַט.

אסתר האט אנגעפאנגען צו בעמערקען אז פון טאג צו טאג ווערט אליץ גרינוואלד קעלטער צו איהר פאטער. יעדעס מאל ווען זיא האט זיך אונטערהאלטען מיט איהר ליעבען מארקוס, האט דיעזער אליץ געזוכט אויסצומיידען דעם נאמען פון איהר פאטער. מעהר וויא איין מאָל האט אסתר איהם געפרעגט:

— וואס איז דיר מארקוס?

אבער יעדעס מאָל ווען ער האט דיעזע פראַגע געהערט, האט ער זיך צופריעדען געשטעלט צו געבען א זיפץ און זיינע ליעפען האבען זיך באלד וויעדער פערזיגעלט. דאָך איז דער יונגער מאן ניט אימער געווען מרה־שחורה'דיג. אויף זיין שטילען געלענער פלעגט ער אָפטמאָל זאָגען צו זיך אליין:

— נאָך אכעמען ווייס איך ניט, וואָרום איך עס זיך אזוי אָב מיין הערץ; איך האב, דאכט זיך, פאר מיר א גלענצענדע צוקונפט. איך וועל הייראטהען דיא שעהנע אסתר און מיר וועלען מאכען א רייזע ארום דיא וועלט. דער גרויסער ים וועט זיין דער עדות פון אונזער הייליגער ליעבע. וואו קענען געליעבטע האבען מעהר פערגניגען וויא צווישען הימעל און וואסער? דער גרויסער איירישער דיכטער Moore האט געזאגט:

Was not the sea,
Made for the free —
Land for courts and slaves alone?

(דער ים פאר דיא וואס זיינען פריי — אבער דאס לאנד איז נאָר פאר הערן און קנעכט.)

— דער דיכטער האט דאס געוויס אונז געמיינט — האט זיך גרינוואלד געטראכט מיט דעם גרעסטען ערנסט — און ווען איך וועל זיין מיט מיין זיסער אסתר אויפ'ן גרויסען בלויען וועלט-שפיעגעל — דער ים — וועל איך פערגעסען אן מיינע אלע צרות. וואס קימערט מיר וואס אסתר'ס פאטער האט.... לאָמיך בעסער שווייגען, ווענט האבען אויערן. איבעריגענס, אפשר האב איך קיין רעכט צו ווארפען א חשד אויף הערן רובינשטיין?

אזוי האט מארקוס א גאנצע נאכט געטראכט און האט ביז באגינען זיינע אויגען ניט צוגעטהאן. איבערהויפט האט אויף איהם געמאכט א שרעקליכער איינדרוק דיא ערפאהרונג, אז זיין צוקינפטיגער שווער האט א נאמען געגעבען זיין שיף „וויקטאריא אַגינס״. דאס איז דאָך דער בעסטער בעוויז, אז רובינשטיין האט זעהר גוט געקענט דיא פרוי וואס איז געשטאָרבען אונטער דעם נאמען „קעניגין״ ביי דיא אלטע דיקכאָן. דאס איז דאך אויך אַ שטארקער בעוויז, אז דיא געהיימנים וואס דיא „קעניגין״ האט איהם דערצעהלט, איז ווירקליך וואהר....

עס איז געווען 9 אוהר ווען גרינוואלד איז אויפגעשטאנען. ער איז ארויסגעשפרונגען פון בעט, האט ארויפגעחאפט א שלאָף-ראָק און האט זיך דיא ערשטע זאך גענומען צו דיא בריפע וואס זיינען איהם אנגעקומען דיעזען מאָרגען. נאכדעם וויא ער האט דורכגעקוקט שנעל איינינע געשעפט'ס-בריפע, האט ער בעמערקט א בריעף פון זיין פריינד, דעם אדוואקאט מאָרטאָן.

— דאָ וועל איך געוויס האבען מיט וואס זיך צו דערקוויקען דיעזען מאָרגען — האט מארקוס געזאגט פעררויכענדיג א ציגאר — מאָרטאָן'ס א בריעף איז אימער זעהר אנגענעהם צו לעזען.

גרינוואלד האט זיך געזעצט אין גרויסען פאטעל און האט אנגעפאנגען לעזען:

„מיין ליבער גרינוואלד! וויא איהר זעהט, שרייב איך אייך דיעזע צייל׳ען אין „מאנישעסטער, וואו איך בין בעשעפטיגט אויף איינינע טעג. הערט מיר גוט אויס, „ליבער פריינד. איך גלויב, אז איהר האלט נאך פערשלאָסען אין אייער הערצען דיא „געהיימנים וואס וויקטאָריא אַגינס, אָדער אַגינסקי, האט אייך געזאָגט פאר איהר „טויט. אהאָ! זעהט איהר, פריינד, איך ווייס שוין דעם ריכטיגען נאמען פון דיא „קעניגין״. ווייכט איהר וויא אזוי? גאנץ איינפאך: איך זוך אויסצוגעפינען ווער עס „האט ערמארדעט אָסקאר וולאַדימיראָוויטש, און אזוי וויא דיא „טאימס״ האט בעמערקט אז וויקטאָריא אַגינס איז דער אונטערשלאַג פון דיעזע גאנצע טראגעדיע, „דארום זוך איך אויך אויסצוגעפינען דיא פערגאנגענהייט פון דיעזע פרוי. עס איז „יעצט ביי מיר מעהר קיין צווייפעל, אז איהר ווייסט דיא געהיימניסע פון אָסקאר'ס „ערמארדונג און אייך איז אויך בעקאנט דיא אורזאכע. איאָ איך האב געטראָפען? איך „קען אבער נאך אלין ניט קלוג ווערן ווארום איהר ווילט ניט אויסזאגען דאס וואס „איהר ווייסט אין אינטערעס פון גערעכטיגקייט? עס גיבט קיין אורזאכע אויף דער „וועלט צו לאָזען אַ מערדער אונבעשטראָפט!

„אויף מארגען נאך אייער בעפרייאונג האט גאנץ לאָנדאָן געזאגט, אז די „געהיימניס פון שפאציר-וואגען האט זיך געענדיגט, און די פּאָליציי וועט ניעמאלס „מעהר לייגען די האנד אויפ'ן מערדער. איך האב אבער ניט געהאלטען מיט גאנץ „לאָנדאָן, און איך האב געפרעגט זיך אליין: „ווער איז געווען די פרוי, וואס איז „געשטארבען ביי די אלטע דיקסאָן?" אזוי ווי איך האב אליין דארויף קיין ענטפער „בעקומען, האב איך זיך געווענדעט צו דעם דייטשען אנטיסעמיט הארן וואס האט „עדות געזאגט געגען אייך אויפ'ן פּראָצעס. פון דיעזען מאַן האב איך ערפאהרן, אז „אָסקאר און וויקטאָריא אַגינס זיינען אנגעקומען מיט א יאָהר צוריק אונגעפעהר פון „ניו יארק אויף די שיף „פולדא". זיי האבען זיך דאָן אָנגעגעבען אלס הערר וולאַ- „דימיראָוויטש און פרוי. דאס האב איך אויך געהערט, אז געזעצליך האבען זיי „ניט געהייראטהעט, ווייל דאס וואלט געקענט שטערן זייערע געוויסע פּלענער.

„באלד ווי איך האב דאס ערפאהרען, האב איך טעלעגראפירט קיין ניו-יארק „צו מיינעם א גוטען פריינד ער זאָל דארט אויסגעפינען וואס ער קען וועגען וויקטאָריא „אַגינס. מיין פריינד האט מיר א אין לאנגען בריעף געשריבען, אז דיעזע פרוי איז „געווען א בורלעסקע אקטריסע אין דער בויערי, ניו-יאָרק. זיא איז דאָרט גוט בע- „קאנט געווען אין „מאינערס טהעאטער", אין „לאָנדאָן טהעאטער" און אויך ביי „טאָני פּאסטאָרס" אין די 14טע שטראסע. זיא איז געווען א גאנץ שעהנע פרוי „און א גרויסאַרטיגע טענצערקע. זיא האט געשפּיעלט מיט די „פרענטש פּאָללי „גאָירלס", מיט די „נאיט-אוילס קאָמפּאני" און מיט נאך אנדערע קאָמפּאניס וואס „זיינען ניט מעהר ווי „לעג-שויס" (אן אויסשטעלונג פון פּאלקעס) און וואו די „וואהרע קונסט שפּיעלט א גאנץ קליינע ראָליע. אין ניו-יארק האט זיא זיך גערופען „א געוויסע צייט „וויטא" אויפ'ן פּראָגראם פון די טהעאטערס. איהר טאנצען „פלעגט אימער זיין א סקאנדאל אפילו אין דער בויערי, איבערהויפּט ווען זיא פלעגט „טאנצען איהר „קולא-קוטא" טאנץ. פּלוצלונג האט זיא פערלאָסען ניו-יארק מיט א „מאַן וואס איז געווען קיין אנדערער ווי אָסקאר וולאדימיראָוויטש. איהרע חבר'טעס „האָבען ניט געקענט קלוג ווערן, ווארום זיא האט זיך אויסגעקליבען אזא מאבער ווי „אָסקאר, וואס איז געווען ניט רייך, ניט שעהן, ניט גוט און ניט קלוג. ווערליג ווי „מיין פריינד טהיילט מיר מיט, איז אָסקאר געווען אהן א פּאזיציאָן און א בייזער „מענש. זיין איינציגער טאלענט איז געווען, וואס ער האט געוואוסט ווי זיך צוצו- „רוקען צו אן עלענדע נקבה אום איהר צו נעהמען אונטער זיין „שוץ". ער האט זיך „נאטירליך באלד צוגעמאכט צו וויקטאָריא אַגינס, האט איהר בעשאפטען מיט קאמפּ- „לימענטען און מיט חניפות ביז זיא האט געקראגען אמונה אין איהם אזוי ווייט, אז „זיא האט זיך אָבגעטהאָן פון איהרע רייכע ליבהאָבערס און האט זיך צוגעטהאָן אין „גאנצען צו איהם אליין. ער האט גערעדט זעהר גוט רוסיש און פּאָלניש, און זיא אויך.

„ווען זיי ביידע זיינען אנגעקומען אין לאָנדאָן, האבען זיי געהאט א געוויסען „צוועק. נאָר, ווי אזוי איז זיא אריינגעפאלען אין אזא נידריגע חורבה ווי ביי די „אלטע דיקסאָן? — דאס ווייס איך נאך פארלויפיג ניט. איך רעכען, אז זיא האט „אנגעפאנגען די לעצטע צייט צו טרינקען און דאס האט איהר געבראכט צו אזא

„נידריגע מדרגה. עס קען ווידער זיין, אז איהר טאכטער אַלגא, וואס האט זיך שוין „ארומגעטריבען אין לאָנדאָן פון פריהער, האט איהר אריינגעבראכט אין א הויז וואו „זיא איז שוין געווען היימיש. דאס האב איך ווירקליך געהערט פון אַלגאָן אליין. „פלוצלונג איז אַלגא'ס מוטער געשטארבען ביי דיא אלטע דיקסאָן, און דיעזעלבע „נאכט איז אָסקאר ערמאָרדעט געווארן. דאס ווייסט איהר שוין בעסער פאר מיר.

„וויא איהר זעהט, פריינד גרינוואלד, האב איך א סך אויסגעפונען איינער „אליין, גאר אהן אייך און איהר מוזט מיר דארום אויסזאגען דיא איבריגע וואס איהר „ווייסט. איך זאָג ניט, אז איהר ווייסט ווער עס האט אָסקאר'ן ערמאָרדעט; אבער „איך בין איבערציינגט, אז איהר ווייסט גענוג וואס זאל פיהרען צו א שפור אום צו „ארעטירן דעם מערדער. יעצט איז איז אזוי: ווילט איהר מיר אויסזאגען דיא גע- „היימנים וואס וויקטאריא האט אייך איבערגעגעבען פאר איהר טויט, דאן טהוט „איהר אייער פפליכט. אבער, אין פאל ווען איהר ווילט עס ניט, דאן מעגט איהר „זיכער זיין, אז איך וועל אלעס אויסגעפינען אָהן אייך. איך האב געשוואָרן, אז איך „מוז געפינען דעם מערדער, און וועל עס טאקע. יעצט איז מיר זעהר לייכט אויס- „צוגעפינען וויקטאָריא'ס פערגאנגענהייט.

„דאס איז מיין לעצטע בקשה צו אייך! זעהט איהר, פריינד; אין פאל, ווען „איהר האט דא א גרויסע אורזאכע, אז דיא זאך זאל בלייבען בסוד, וועל איך אפשר „ניט געהן קידער-ווידער מיט אייך און קיין מענש וועט דערפון וויסען; אבער איהר „מוזט מיר אלעס זאגען. פערגעסט ניט, אז דורך אייער רעדען האט איהר גאר ניט „צו פערליערן און א סך צו געווינען. דענקט גוט נאך וואס איך בעט אייך, און אין „פאל ווען איך האב פון אייך קיין קלאָהרע תשובה אין פינף טעג צייט, וועל איך „אליין טהאן וואס איך קען....

„ענטשולדיגט מיר מיין צופיעל לאנגען בריעף. מיין בעסטען גרוס אן פריילין „רובינשטיין און איהר פאטער. איך דריק אייך ברידערליך דיא האנד, אייער ערגע- „בענסטער פריינד, ד. מאַרטאָן".

ווען גרינוואלד האט געענדיגט לעזען דיא לעצטע שורה, איז דאס בריף ארויס- געפאלען פון זיינע הענד און האט זיך געזעצט מיט א בלאסעם געזיכט אויפ'ן זאָפא. ער האט זיך נאכהער ווידער אויפגעהויבען און האט אנגעפאנגען ארומצוגעהן ארום צימער.

— איך קען זיך מעהר ניט העלפען! — האט גרינוואלד אויסגעשריען זיך אנ- שפארענדיג דעם קאָפּ אן דער וואנד — איך האב יעצט קיין אנדער וועג, וויא איהם אלעס צו דערצעהלען! — מיין טהייערע, אונגליקליכע אסתר!

28טעם קאפיטעל.

דעם מענשען'ס הארץ איז אַ זייגער.

גרינוואלד האט זיין בעשלוס געפאסט און האט באלד אנגעפאנגען מאכען אן ענדע פון דיעזע געהיימנים וואס איז געהאנגען איבער זיין קאָפּ וויא דער שווערד פון דאמאקלוס. ער האט זיך אנגעצויגען און איז היגגעגאנגען זעהן דעם אדוואקאט

מאַרטאָן; אָבער אין מיטעל וועג האט ער חרטה געהאט און האט געזאגט:

— לאָמיך בעסער פריהער געהן צו אסתר'ן און איהר מיטטהיילען וועגען מיין אברייזע פון לאָנדאָן.

ווען גרינוואלד איז אנגעקומען ביי זיין כלה, האט זיא איהם עמפפאנגען מיט דיעזען קאָמפלימענט:

— עס פרייט מיך וואָס דוא ביסט יעצט געקומען; איך האב ווירקליך זעהר געביינקט נאך דיר.

— מיר האבען זיך א צייט ניט געזעהן? — האט גרינוואלד געזאגט לאכענדיג.

גרינוואלד האט איהר דערצעהלט פון זיין בעשלוס וואס ער האט געפאסט אבצורייזען, ער האט איהר ניט ערקלערט דיא אורזאכע ווארום ער וויל אברייזען.

— איך האב ערהאלטען א בריעף — האט ער צו איהר געזאגט דיא אויגען אראבגעלאזען — און דיעזער בריף איז אזוי וויכטיג, אז איך מוז שוין אברייזען.

— דעמזעלבען בעשלוס האט אויך מיין פאטער געפאסט.

— ווארום?

— איך ווייס ניט, איך קען דיר נאר אזוי פיעל זאגען, אז פאפא איז זעהר אונרוהיג. ער האט מיר געזאגט, אז ער וועט פון יעצט אן וואנדערן זיין גאנצעס לעבען איבער דער וועלט.

— דאס וואונדערט מיר זעהר וועניג — האט דער יונגער מאן געטראכט אין זיך אליין.

וויא אסתר האט איהם אזוי שטארק אנגעקוקט, האט ער געזאגט מיט א מין אויף־מיין־דאגה ניגן:

— איבריגענס, וואונדערט מיר דאס זעהר וועניג: עס זיינען דא צייטען אין מענשענס לעבען, וואו מען ווערט פלוצלונג אונרוהיג, און מען קען בשום אופן ניט בלייבען זיצען אויף איין ארט. עס ווילט זיך זעהן דיא וועלט, עס ווילט זיך רייזען. איך אליין געפין זיך יעצט אין דיעזעלבע לאגע וויא דיין פאטער.

— דוא ביסט גערעכט, מארקוס; דר. קינגסטאן האט מיר נעכטען געזאגט דיעזעלבע ווערטער, און ווען איך האב איהם געפרעגט דיא אורזאכע, האט ער מיר ערקלערט, אז יעצט איז דיא צייט פון אונרוה פאר יעדען מענשען; ווייל דיא עלעק־טריציטעט, דיא באהנען און דאמפפער האבען כמעט פון יעדען מענשען געמאכט א וואנדער־פויגעל.

וויא זיי האבען זיךביידע אויפגעהויבען ארויסצוגעהן, איז זיי פלוצלונג רובינ־שטיין געקומען ענטקעגען. נאכדעם וויא ער האט פריינדליך בעגריסט זיין צוקינפ־טיגען איידים, האט דיעזער געזאגט.

— איך בין אייך געקומען זאגען אדיע אויף צוויי דריי טעג, הערר רובינשטיין און דאס איז גאר דיא נייעס וואס איך האב אייך געבראכט; ניט אזוי אינטערע־סאנט, ניט אמת?

— ענטשולדיגט מיר, הערר גרינוואלד, דאס איז זעהר אינטערעסאנט. פאַהרט איהר וועגען געשעפט?

— יא, איך פאהר זעהן מאַרטאַן. דאס הייסט: איך דענק אז איך — דא האט זיך גרינוואַלד אבגעשטעלט און האט זיך געביסען דיא ליפען; ווייל ער האט ניט געוואָלט דערמאנען מאַרטאַנ'ס נאמען, עס האט זיך ביי איהם אליין ארויסגערעדט גאנץ אונגעריכט.

— אזוי? איהר פאָהרט זעהן דעם אדוואָקאט — האט רובינשטיין איהם ער־ווידערט פונקט וויא ער וואלט גערעדט צו זיך אליין.

— דער אדוואָקאט וויל מיר זעהן, — האט גרינוואַלד זיך ווידער פערחאפט — ער וויל מיר זעהן וועגען א וויכטיגע... ביזנעס. ער איז אין מאנשעסטער.

— אויף מאַרטאַנען קענט איהר זיך אלעס פערלאזען, ער איז אן אויסגעצייכנעטער מענש און א פריינד. אבער, זאמט אייך ניט צו לאנג אין מאנשעסטער.

גרינוואַלד האט זיך געשטעלט צו זאגען „אדיע" אסתר'ס פאטער, און נאכדעם וויא זיי האבען זיך געגעבען דיא הענד, איז גרינוואַלד ארויסגעגאנגען אין בעגלייטונג פון זיין כלה, וואס האט איהם אבגעפיהרט ביז טהיר.

— כ'לעבען ער ווייסט — האט גרינוואַלד געמורמילט צו זיך אליין.

— ער ווייסט. וואס? — האט זיך אסתר ארויסגעהאפט מיט איבערראשונג.

— ער ווייסט, אז... מיר האבען זיך ליעב. און דארום הייסט ער מיר איך זאל זיך ניט פערזאמען.

אסתר האט געשוויגען.

אין דער צייט וואס דיעזע צוויי געליעבטע זיינען געשטאנען ביים טהיר, איז אהרן רובינשטיין ארומגעגאנגען הין־און־צוריק איבער'ן גרויסען זאל און האט געזאגט צו זיך אליין:

— יא, גרינוואַלד ווייסט פון אלעס, איך קען זעהן אויף זיינע אויגען, אז ער ווייסט אלעס....

— רובינשטיין האט געפיהלט, אז עס שווינדעלט איהם אין דיא אויגען. ער האט אנגעקלונגען זיין דינער און האט איהם געבעטען ער זאל געהן רופען דעם דאָקטאָר קינגסטאָן.

גרינוואַלד איז שוין געווען א רעכטע וויילע אוועקגעגאנגען און אסתר האט זיך נאך געלאָזט מיט איהר געליבטענס אבשיעדס קוש. זיא איז געשטאנען אין טהיר און האט איהם נאכגעקוקט וויט וויט, ביז ער איז פערשוואונדען. פלוצלונג האט זיא געזעהן וויא זייער דיענער געהט מיט'ן דאָקטאָר קינגסטאָן.

— וואס מאכט אייער פאטער, פריילין? — האט דער דאָקטאָר געפרעגט.

— איז דען מיין פאטער אונוואָהל? איך האב איהם מיט 15 מינוטען פריהער איבערגעלאזען אין זאל, און וויים נאר ניט פון וואס צו זאגען.

— אסתר איז נאכגעגאנגען דעם דאָקטאָר, און זיא האט געפונען איהר פאטער א רעכטע ביסעל בלאס.

— וואס איז דיר פאפא?

— גאָר ניט מיין קינד. איך גלויב, איך האב פערדאָרבען דעם מאָגען. געה א ווילע ארוים מיין קינד.

ווען אסתר איז ארויסגעגאנגען, האט רובינשטיין געזאגט צום דאָקטאר:

— קומט מיט מיר אריין אין מיין פריוואט־קאבינעט און אונטערזוכט מיר גאנץ גענוי; איך האב שטארק מורא אז איך האב הערץ־קלאפּענעס.

קינגסטאָן האט איהם אנגעקוקט מיט א שמייכעל און האט צו איהם געזאגט:

— אך, נארעשקייט! עס זיינען דא זעהר פיעל מענשען וואס בילדען זיך איין, אז זיי האבען הערץ־קלאפּענעס אומזיסט און אומנישט. צווישען צעהן מענשען וואס גלויבען, אז זיי האבען דיזע געפעהרליכע קראנקהייט, זיינען דא 9 וואס זיינען אזוי גלאט אויפגעשטאנען אויפ'ן לינקען זייט און ווייטער גאר ניט.

— גלויבט איהר אלזא, אז איך בין אָלל־ראיט?

— געוויס גלויב איך עס, איידער איך האב אייך נאך אונטערזוכט.

ער האט גוט בעקוקט אסתר'ס פאטער, און ווען ער האט געענדיגט די אונטערזוכונג, האט ער צו איהם געזאגט מיט א שמייכעל:

— עס איז גאָר ניט; איהר זיינט אביסל שוואך, דאס איז אלעס.

ווען רובינשטיין האט אנגעצויגען זיין ראָק, איז אסתר אריינגעקומען און האט געפרעגט מיט אונגעדולד „וואס עס הערט זיך".

— גאָר ניט מיין קינד; איך האב געגלויבט, אז מיין הערץ איז אנגעגריפען; אבער, עס איז ניט דאָס.

— וואס דען איז דיר פּאפּא?

— אייער פּאפּא איז געזונד און פריש, — האט דער דאקטאר געזאגט — נאָר — נאָר — נאָר ער דארף אויסמיידען וויא ווייט ער קען: ערגערנעס, זארג און ארבייט.

אסתר האט אבער פון דאקטאר קיין אויג ניט אראָבגעלאזען, און זיא האט זעהר פיעל געלעזען אויף זיין געזיכט וואס איז פּלוצלונג זעהר ערנסט געווארען.

ווען רובינשטיין איז ארויסגעגאנגען אויף א ווילע האט אסתר געפרעגט קינגסטאנען:

— איז עפּעס דאָ געפאהר?

— ניין, פריילין.

— אבער מיר דוכט זיך, אז איהר זאגט מיט ניט אלעס וואס איהר ווייסט.

דער דאָקטאר האט איהר אנגעקוקט מיט א פערצווייפעלטע מינע, האט ארויפגעלעגט זיין האנד אויף איהר שולטער און האט איהר געזאגט אין דער שטיל:

— ליעבעס פריילין! איך וועל אייך זאגען דאָס וואס איך האב פון אייער פאטער בעהאלטען.

— וואס דען, דאָקטאר?

— זיין הערץ איז ווירקליך אנגעגריפען!

— איז דאס אזא געפעהרליכע זאך?

— זעהר.

— מיינט איהר אז ער קען פּלוצלונג —

— יא, מען שטארבט דערפון גאר אונגעריבט.

— אַך, גאָט! — האָט אסתר אויסגעשריען, און זי האָט בעגראָבען איהר געזיכט אין איהר ווייסע זיידענע טאַשען־טיכעל.

29טעם קאַפּיטעל.

אַ קאָפּ פון אַ משומד.

מאַרטאַן איז שוין נעהאט צוריק געקומען פון מאַנשעסטער און ער איז געזעסען אין זיין אָפיס. מיט דיא גרעסטע נייגירדע האט ער געלעזען דעם בריף וואס גרינוואלד האט איהם געשיקט אין מאַנשעסטער דעם זעלבען טאָג ווען ער איז פון דאָרט ארויס, און וואס איז איהם אנגעקומען אויף זיין אייגענע אדרעסע אין לאָנ־דאָן. מארטאָן האט אנגעפאנגען לעזען:

„איך וויים גאנץ גוט, אז איהר האט גענומען דיא גאנצע טראגעדיע אין „אייערע הענד, און איהר וועט ניט רוהען ביז איהר וועט אויסגעפינען אָסקאר׳ס „מערדער. אָבער, אזוי וויא איך האב א שטארקען אינטערעס (דעמזעלבען אינטערעס „האט איהר געוויס אויך, וויא איהר וועט שפּעטער זעהן), אז דיא גאנצע זאך זאָל „פארלויפיג בלייבען וויא זיא איז, בכן וועל איך אייך אלעס אויסזאגען. איהר זיינט „גאנץ גערעכט געווען, ווען איהר האט מיר געשריבען, אז דורך מיר קען מען געפינען „דעם מערדער; אָבער, ווען איך וועל אייך האבען ערקלערט ווארום איך האלט דאס „אַ נעהיימנים, וועט איהר מיר געוויס ניט טאדלען. מערקט אייך נור גוט, איך זאג „ניט אז איך וויים ווער עס האט דעם מאָרד בעגאַנגען, נאָר איך האב א חשד— „א שטארקען חשד — און הלואי וואָלט וויקטאָריא אַגינס בעסער פריהער געשטאָר־„בען איידער זיא האט מיר אויסגעזאגט דיא שרעקליכע געהיימנים. דאָך, וועל „איך פון אייך יעצט קיין האר בעהאלטען, און איהר זאָלט אורטהיילען, אויב איך „בין ניט גערעכט נעווען וואס איך האב ביז יעצט געהאלטען מיינע ליפּען פערזי־„געלט. איך וועל קומען אין אייער אָפיס זאָבאלד איך וועל ערפאהרען, אז איהר „זיינט אין לאָנדאָן. און אין פאל ווען איהר פערבלייבט איינינע צייט אין מאנ־„שעסטער, וועל איך צו אייך קומען. איך וועל אייך דערצעהלען אלעס וואס „אָלגא׳ס מוטער האט מיר דערצעהלט און איהר וועט מיט מיר דיא גרעסטע מיט־„לייד האבען״.

— שרעקליך! — האט מאַרטאָן אויסגעשריען — איך האב מוֹרא, אז ער וועט מיר דערצעהלען, אז ער אליין האט ערמאָרדעט אָסקאר׳ן, און אָלגא האט פאלש געשווארען אום איהם צו רעטען פון טויט! נאָר דאס קען ניט זיין, דא מוז וואס זיין אן אנדער געהיימנים.

מען האט געקלאפּט אין טהיר פון אדוואקאט, און אשקען איז אריינגעקומען.

— זיינט איהר ניט בעשעפטינט, הערר מאַרטאָן? — האט דער דעטעקטיוו געפרעגט.

— אה ניין, קומט אריין, הערר אשקען.

אשקען האט צוגעמאכט די טהיר זעהר לאנגזאם, האט זיך הינגעזעצט נעבען אדוואָקאט און האט אוועקגעלעגט זיין הוט אויף דער ערד.

— וואס איז נייעס הערר אַשקען ? האט איהר עפּעס גוטע נייעס פאר מיר ?

— קיינע בעזאנדערע נייעס. הערר גרינוואלד איז געסטערן צו אייך געפאהרן אין מאַנטשעסטער, און ער האט אייך שוין וואהרשיינליך אלעס דערצעהלט.

— ניין, איך האָב איהם ניט געזעהן; ער איז ארויס פון לאָנדאָן דיזעלבע צייט, ווען איך האב מאַנשעסטער פערלאסען. ער האט מיר ניט לאנג טעלעגראַפירט און איך האב איהם געענטפערט, אז איך ווארט אויף איהם אין מיין אָפיס. אָבער, צו וועלכען צוועק זיינט איהר מיר געקומען זעהן ?

— אלץ וועגען אָסקאר'ס מאָרד — האט אַשקען געענטפערט קאַלטבליטיג.

— האט איהר א שפּור פון מערדער ?

— ניין, נאָר איך האב א שטיקל געדאנק.

— אויך גאריק האט געהאט א שטיק געדאנק מיט א האלבען — האט דער אדוואָקאט געזאגט לאַכענדיג — און איהר ווייסט דאך וואס עס איז דערפון געווארן. האט איהר עפּעס לעבעדיגע פאקטען ?

— נאָך ניט.

— דענקט איהר עס צו האבען ?

— זעהר מעגליך.

— איך בין אפילו ניט פערליעבט איבריג אין מעגליכקייטען; נאר זאגט מיר הערר אַשקען, אויף וועמען האט איהר אייער חשד ?

אַשקען האט זיך גוט ארומגעקוקט פון אלע זייטען, אויב זיי זיינען אליין, און האט קוים ארויסגעזאגט אין דער שטיל :

— מיין חשד איז געפאלען אויף ה אָ ר ן !

— איהר מיינט דעם יונגען דייטשען אנטיסעמיט וואס האט עדות געזאגט וויא אזוי ער און אָסקאר זיינען בעזאַפּען געוואָרן יענע נאכט פון מאָרד ?

דער דעטעקטיוו האט געגעבען א שאָקיל מיט'ן קאָפּ.

— און אויף וואס איז אייער חשד געגרינדעט ?

— געדענקט איהר, ווען ביידע פוהר־לייט, רוסטאַן און ראנדאָלף, האבען געשוואָרן, אז דער מאן וואס איז געוועזן יענע נאכט מיט אָסקאר'ן האט געטראָגען א בריליאנטענעם רינג אויף דעם מיטעלסטען פינגער פון דיא רעכטע האנד ?

— נו, וואס איז ? פיעלע טראגען רינגען.

— אָבער, ניט אויף דעם מיטעלסטען פינגער.

— און האָרן טראָגט אזוי דעם רינג ?

— יאָ !

— איז דאס אלעס וואס איהר האט ביז יעצט אויסגעפינען ? האט איהר ניט נאָך אנדערע בעווייזע ?

— פאָרלויפיג ניט.

— דאס איז אלזאָ א שוואכער בעווייז.

— דער שוואכסטער בעווייז איז אָפטמאָל א שטארקער פונדאמענט, גענוג צו תלייגען א מאַן.

— אָבער האָרן האט דאָך עדות געזאגט זעהר דייטליך? — האט איהם מאָר־טאָן איבערגעשלאגען — ער האט באנגענט אָסקארן, זיי האבען זיךביידע בעזאָפען. אָסקאר איז ארויס פון האָטעל, אין א מינוט ארום, איז נאכגעקומען האָרן מיט דעם איבערציהער וואס אסקאר האט געלאזען פון הינטען, און א מאן האט פון איהם דעם איבערציהער ארויסגעהאפט.

— יא, אזוי האט דערצעהלט האָרן: איך גלויב אָבער, אז האָרן איז ניט אזוי בעזאָפען געווען וויא ער האט געזאגט, און אפשר איז ער גאר ניט בעזאָפען געווען. נאכדעם וויא ער איז נאכגעגאנגען אָסקארן, האט ער אנגעצויגען זיין איבער־ציהער און איז מיט איהם אריין אין וואגען.

— דאס איז ווירקליך א שטיקל געדאנק, — האט געזאגט מאָרטאָן — אָבער, איך זעה ניט איין וואס האט געקענט זיין די אורזאכע, ווארום האָרן האט איהם ערמאָרדעט.

— צו ליעב די פאפירען.

— צוליעב וועלכע פאפירען? פון וואנען ווייסט איהר איבערהויפט, אז ער האט געטראגען ביי זיך פאפירען? דאס איז דאָך ווידער גאריק׳ס חלומות.

— מיר וועלען זעהן וואס ווייטער וועט זיין.

מאָרטאָן האט א ווילע געטראכט און האט זיך א חאפ געטהאן מיט דער פראגע:

— וויא באלד עס איז צוגעגאנגען וויא איהר זאגט, טא וואו איז אהינגעקומען אָסקאר׳ס ראָק? האט עס האָרן?

— ניין, ער האט ניט — האט דער דעטעקטיוו געענטפערט קורץ און שארף.

— האט איהר איהם דען געפרעגט?

— פאר אזא חמור האלט איהר מיר אז איך זאל געהן פרעגען איהם אליין? איך האב עס אויסגעפונען אין האָטעל וואו ער שטעהט איין. ווידער, אז ער טראגט א רינג אויפ׳ן מיטטעלסטען פינגער, דאס האב איך אליין געזעהן און זעה עס אלע טאָג, ווען איך באגעגען איהם.

— ווייסט איהר וואס איך וועל אייך זאגען, פריינד אשקען?

— וואָס?

— נאך מיין מיינונג איז האָרן אזוי דער מערדער [illegible]נקט וויא איך. ער איז יענע נאכט צופיעל שכור געווען צו בעגעהן א מאָרד.

— ער זאגט אז ער איז געווען שכור.

— ווארום זאל זיך דען א מאן אליין בעליידיגען אין געריכט? עס איז עפּעס א כבוד צו דערצעהלען אין געריכט אז מען איז שכור?

— אום זיך ארויסצומאכען פון א גרויסע סכנה, האט ער אויף זיך געמאכט א קליינעם בלבול — האט אשקען איהם ערווידערט. נאך מיין מיינונג איז האָרן יענע נאכט געווען ניכטער; נאר אזוי וויא ער האט געוואלט אויסמיידען אין געריכט גע־וויסע פראגען אין וועלכע ער האט געקענט אריינפאלען, האט ער זיך אנגעגעבען פאר שכור וואס נעדענקט קיין זאך ניט דייטליך.

— אלזא, וואס דענקט איהר יעצט צו טהאן? וואו רעכענט איהר צו מאכען אייער ערשטען טריט?

— דיא ערשטע זאך מוז איך געפ·נען אסקאר׳ס ראָק וואס האָרן האט געוויס בעהאלטען וואו=עס=איז.

אַשקען האט זיך געשטעלט צו געהן, און מאַרטאַן האט איהם געפרעגט.

— ווען וועל איך אייך ווידער זעהן?

— הייטע נאכט אום 8 אוהר.

דער דעטעקטיוו האט שוין געהאלטען ביים ארויסגעהן, ווען ער האט זיך געגעבען א חאפּ צוריק.

— איך האב שיער ניט פערגעסען הערר אדוואָקאט, האט ער געזאגט, אייך מיטצוטהיילען אז דיא אלטע דיקסאָן וויל אייך זעהר נעטהיג זעהן.

— וואס איז נייעס?

— זיא ליגט געפעהרליך קראנק, און זיא וויל אייך דערצעהלען א געהיימניס פאר׳ן טויט.

— א צווייטע וויקטאָריא אָנינס! — האט זיך מאַרטאַן צולאכט — איך וועל דאָרט זיין הייטע. ווער ווייסט? אפשר וועט מיר דיא אלטע דיקסאָן זאגען דאס וואס איך וויל טאקע יעצט וויסען.

— אדיע הערר אדוואקאט. — און דער דער דעטעקטיוו האט זיך ארויס=געגליטשט.

מאַרטאַן האט פערויכט א ציגאר און האט גערעדט צו זיך אליין:

— ווייסט דער טייפעל אויב דיא אלטע דיקסאָן ווייסט עפּעס? עס קען זיין אז יא, און אין דיעזען פאל האב איך מורא אז איך וועל האבען אלעס אויסגעפונען איידער גרינוואלד וועט מיר קומען דערצעהלען זיין פּעק׳ל סודות.

30טעם קאפּיטעל.

דער לעצטער זיפּץ פון א „באמערקע“.

וויליאם שעקספּיר, דער פּרינץ פון אלע פּאָעטען און דער גרעסטער מאן וואס דיא ערד האט געטראגען אויף זיך, שילדערט דיא צופרידענהייט, אלס דיא שעהנסטע קרוין פון מענשענ׳ס הערץ. איינער פון זיינע העלדען זאגט:

My Crown is in my Heart, not on my Head,
Not decked with diamonds and Indian stones,
Nor to be seen ; my Crown is called CONTENT —
A Crown it is that seldom kings enjoy,

„מיין קרוין איז ניט אויף מיין קאפּ, זאנדערן אין מיין הערץ! אין מיין קרוין
„זיינען ניט איינגעפּאַסט קיינע בריליאַנטען, און מען זעהט אויך דארויף קיינע עדעל=
„שטיינער פון אינדיען — מען זעהט מיין קרוין אין גאנצען ניט ארויס, דען זיא הייסט
„גם־זו־לטובה (Content), און אזא טהייערע קרוין געפינט מען זעלטען אפילו
„ביי דיא געקרוינטע מאָנארכען.“

דער אדוואָקאט מאַרטאַן איז געווען איינער פון דיעזע לייט וואס שטעלען זיך

צופרידען מיט אלעס. אויף אלעס האט ער געזאגט „גם-זו-לטובה": ער האט געזאגט „גם-זו-לטובה" ווען ער האט געהערט פון אָסקארס מאָרד; ער האט עס געזאגט אויף יעדע געלעגענהייט אין דיא צייט וואס האט געדויערט גרינוואלד'ס פראצעס; ער האט געזאגט „גם-זו-לטובה" ווען ער האט ערהאלטען גרינוואלד'ס בריף, און ער האט עס אויך געזאגט ווען אשקען האט איהם מיטגעטהיילט אז דיא אלטע דיקסאָן וויל איהם זעהן. זיין הערץ האט איהם געזאגט אז אלע געהיימניסע וועלען דא צוזאמענקומען מיט אמאל.

אשקען האט געהאלטען וואָרט, און ער איז געקומען פונקט אום 8 אוהר זעה, דעם אדוואָקאט אום איהם צו פיהרען אין דיא שמוציגע געסעלע פון גלאָסעסטער לייז ביי דיא אלטע דיקסאָן.

— וועלען מיר ש ו י ן געהן? האט מאָרטאָן געפרעגט.

— געוויס — האט ער געענטפערט — דיא אלטע מכשפה קען זיך אריבער-פעקלען גאָר אונערווארטעט, און עס לוינט ניט צו פערליערן צייט. פערגעסט ניט אז אלט איז זיא, טרינקען טרינקט זיא — דער מלאך המות זאל איהר נאר געבען איין וואונק, לויפט זיא צו איהם פליהענדיג.

— האט זיא א דאָקטאָר? — האט דער אדוואָקאט געפרעגט.

— זיא דארף קיינע דאָקטוירים; זיא אליין פערשרייבט פאר זיך רעצעפטען.

— וואס הייסט? איז זיא דען געבילדעט?

— זיא נעהמט איהרע בעליבטע רפואות, ביער און וויסקי, נאר אהן א רעצעפט! זיא וועט זיך שטארבען בשלום מיט דיזע ה י י מ י ש ע רפואות פונקט וויא מען שטארבט מיט דיא יאלעווע רפואות פון אונזערע דאָקטאָרען וואס האבען א דיפּלאָם אונטערצושרייבען א טויטען-שיין און איין ערלויבניס צו פעדלען מיט'ן טהרה-ברעט....

מאָרטאָן האט געגעבען א שמייכעל.

זיי זיינען אנגעקומען אין קאמערשאל-ראָד, פון דאָרט זיינען זיי אריין אין גלאָ-סעסטער סטריט און אין דיא קליינע ליין וואו זיי האבען דערזעהן דיקסאָן'ס חורבה. זיי זיינען שוין געווען בעקאנט מיט'ן וועג פון פריהער. זיי זיינען באלד ארויף דיא צובראָכענע טרעפּלאך, זיי זיינען אריין אין א צימער וואו זיי האבען געפונען דיא אלטע דיקסאָן ליגענדיג אויף א מאטראץ אין א ווינקעלע; דערביי זיינען געזעסען צוויי פרויען, איינע א לאנגע מאָגערע שטיק סחורה אונגעפעהר 25 יאהר אלט, און דיא אנדערע אן עלטערע פרוי פון א יאהר 45 קליין געוויקסיג און כמעט ברייט וויא לאנג. זיי האבען ביידע געשפּיעלט אין קאָרטען. דיא צוויי פרויען האבען זיך באלד געשטעלט אויף דיא פיס: דיא לאנגע האט אוועק געשפּרייזט אין א זייט, און דיא קורצע גראָבע האט זיך נאכגעקייקילט וויא א לעבעדיגע פעסיל. דער ליאַרם וואס דיא צוויי פרעמדע האבען געמאכט אריינקומענדיג, האט אויפגעוועקט דיא אלטע דיקסאָן פון איהר דרעמיל. שרעקליך וויא זיא האט אויסגעזעהן מיט איהר פּארמענט-געזיכט מעהר טויט וויא לעבעדיג און מיט איהרע אויגען געזונקען טיף אין קאָפּ אריין. נעבען איהר איז געשטאנען א פלאש וויסקי מיט א צובראָכענע

גלעזיל. זיא האט זיך באלד נעגעבען א חאפ, האט מיט איהר בלאָנדזענעדע האנד אנגענומען דיא צובראָכענע גלעזיל און האט אריינגעבוינען וויפיעל זיא האט געקענט. ס'איז איהר אבער אריין א רעכט ביסל אין לינקען קעהל, און זיא האט זיך אזוי צוהוסט, אז מאַרטאָן האט געמיינט אָט אָט זיא ווערט דערשטיקט. אבער דיא קורצע גראָבע פרוי איז צוגעלאפען, האט ארויסגעריסען דיא גלעזיל פון איהר האנד מיט דיעזען קאָמפלימענט:

— דוא אלטע צובראָכענע פאַנטאָפעל! גענוג דיר גיסען אין צורה וויהיסקי, ווילסט אויסטרינקען דעם ים?

— געה אין דער העל! — האט דיא אלטע געמורמילט — האסט מיר ניט צו זאגען דעות, כ'האב נאך ניט אוועקגעלעגט דיא לעפעל, כ'לעב נאך. זאג מיר ווער זיינען דיא צווייא וואס דרעהען זיך דא ארום?

— דאס זיינען צוויי פון דיא פאָליצייא וואס זיינען געקומען זעהן וויא דיינע היהנעראויגען קעהרן זיך איבער.

— לאָזען זיי געהן אין דער העל! איך בין נאך ניט טויט.

דיא גראָבע האט זיך צולאכט, און וואס מעהר זיא האט געלאכט, איז אלץ דיא אלטע מעהר אריין אין צאָרן. זיא האט געקוויטשעט מיט איהרע לעצטע כוחות און איהרע איינגעזונקענע אויגען האבען געשפריצט מיט פייער.

אשקען איז צוגעגאנגען צו דיא גראָבע ליזי און האט איהר ארויסגעשטופט פון צימער. אין דער זעלבען צייט האט מאַרטאָן גערעדט מיט דיא קראנקע דיקסאָן. זיינע ערשטע ווערטער וואַרען:

— איך האב געהערט זאגען אז איהר ווילט מיר זעהן; צו וואס דאַרפט איהר מיר?

— געהט אי דער העלל — ווער דאַרף אייך? — איך האב ניט צו טהאָן מיט פערדאַמטע גלחים — איך האלט נאך ניט ביים שטארבען — כ'וועל נאך לעבען און טרינקען!!

— איך בין קיין גייסטליכער — נאר אן אדוואָקאט. —

— איך דאַרף קיינע גלחים — איך וועל באלד געזונד זיין און וועל זיך מאכען א וואַנע אין וויהיסקי, אין ריינע וויהיסקי — איך דאַרף אייך כפ ות דיא ווידוי פון אלע פערפלוכטע „רעווערענדס” — גיט מיר גוטע ראָם, אויב איהר האט.

— איהר האט א טעות, אלטינקע, איך האב מורא אז איהר זיינט שטארק קראַנק איך וועל שיקען פאר אייך נאך א דאָקטאר.

— דאַרף קיין דאקטוירים זיי זאָלען אויסניסען מיין מאגען מיט צין און מיט קוועק-זילבער. איך האב אין דער ערד דיא דאָקטאָרען, דיא גלחים און דיא אדוואָקאטען — איך וויל נאר מען זאל מיר שרייבען מיין צוואה.

— דער וואַנד-זייגער געהערט צו מיר — האט ליזי זיך אבגערופען פון ווינקעל — און ווען דוא ווערסט עס אבזאגען פאר אָלנאַ'ן, וועל איך דיר אויסרייסען דיא אויגען טויטערהייט.

— שטיל רוא בעטלערקע! — האט אשקען א געשריי געטהאן און זיין האנד האט זיך באלד פערגרייזילט אין א פויסט — דיא זאלסט שוין ארויסגעהן!

— זיא איז א שכור'ע חזר'ניצע — האט דיא אלטע דיקסאן געקרעכצט פון איהר געלעגער — זיא האט געפרעסען ביי מיר, געזויפען, גענג'בעט און יעצט האט דאס אזא מויל, אבגעבראכען זאל זיא ווערן, מיין הארציגער יעזוס.

— דאס אלעס אינטערעסירט מיר ניט — האט מארטאן געזאגט מיט און־געדולד — זאגט מיר צו וואס איהר האט מיר בעדארפט?

— וואס איז אויף אייך דיא איילענעס? כ'האב צייט, איך....

דיא קראנקע איז געווארן שוואכער, און מארטאן האט געזאגט אשקענען אין אויער, ער זאל שיקען נאך א דאקטאר. דער דעטעקטיוו האט אנגעשריבען א פאר ווערטער אויף א בלעטל פון זיין נאטיץ־בוך, האט עס געגעבען ליזי'ן. זיא איז באלד ארויס און דיא לאנגע מאגערע מערי איז איהר נאכגעגאנגען.

— אט אזוי, אבי דיא צוויי הולטאיקעס זיינען ארויסגעגאנגען — האט דיא אלטע געברומט — יעצט קען איך חאטש רעדען א ווארט, איך וויל ניט מען זאל הערן.

— זאגט שוין וואס איהר האט צו זאגען.

— דיזער מאן — וויזענדיג אויף מארטאן — איז שוין געוועזן ביי מיר מיט איינינע מאנאט צוריק, און דאמאלס האב איך איהם שוין אלעס געוואלט זאגען, אבער דיא „קעניגין" האט ניט געלאזען.

— ווער איז דען געוועזן דיזע פרוי? — האט מארטאן געפרעגט.

— א פוילישע פריצטע, א פרינצעסין אדער א פירסטין, אדער א גרעפין, און אפשר אלע דריי מיט א מאל. זיא האט געהייסען וויקטאריא אגינסקי און זיא איז היער אנגעקומען מיט 25 יאהר צוריק, שעהן וויא א בייבי און געזונד וויא א בעסטיע! דאס איז ניט געוועזן קיין פרוי נאר א שיף! פלעגט טאנצען אין דיא מוזיק־האלס און דערנאך אין אלהאמברא טהעאטער. ווען דאס האט געגעבען א הייב א פאלקע, איז געלאפען אלע מענער שפייעכץ פון מויל. געהאט א ברוסט וויא א מיהל־שטיין, שטייף, קיילעכדיג —

— דאס אינטערעסירט מיר ניט שטארק; דערצעהלט וויטער מאדאם — האט מארטאן איהר איבערגעשלאגען.

— איך מוז אייך אלעס דערצעהלען, וויל איך בין אויך דאן געוועזן יונג און האב אזוי לאנג געזוכט איהר בעקאנטשאפט ביז איך בין מיט איהר בעקאנט גע־ווארען. זיא האט מיר בעהאנדעלט וויא א שוועסטער מיט געלד און מיט זאכען ביז ער איז אנגעקומען און האט מיין גליק פערשטערט.

— ווער איז דער „ער"? — האט אשקען איהר געפרעגט.

— אראן רובינשטיין, דער רייכער יודע!

— גאט אין הימעל! — האט זיך דער אדוואקאט א חאפ געטהאן, און אויך דער דעטעקטיוו איז געבליבען וויא פערשטיינערט.

— ער האט נאך דאן קיין וויב געהאט — האט דיא אלטע דיקסאן וויטער

פארטגעזעצט — און ער האט זיך אזוי לאנג ארומגעדרעהט ארום וויקטאָריאַן ביז זיא איז געווארען מוטער פון א שעהנע טאכטער.

— לעבט זיא? וויא איז איהר נאמען?

— אָלגא?

דיא אלטע קראַנקע פרוי איז געפאלען אויף איהר געלעגער און האט אין דיעזע ווייליע מעהר קיין קרעפטען געהאט צו רעדען. מאַרטאָן האט זיינע אייגענע אויגען ניט געקענט גלויבען. ער האט זיך ניט אזוי שטאַרק געוואונדערט וויא אזוי וויקטאָריא אָגינס איז געווען רובינשטיינ׳ס געליבטע, וויל דאס אליין איז דאך נאטירליך: ער איז דאן געווען א יונגער מאן אָהן א פרוי, און זיא זעהר שעהן. דערצו זיינען זיי נאך געווען לאנדסלייט און האבען ביידע גערעדט דיעזעלבע שפּראך פון זייער פאטער־לאנד. דאס אלעס האט מאַרטאָנען ניט איבעריג איבעראַשט; אבער, ער האט זיך ניט געקענט אבוואונדערן וויא אזוי איז דאס רובינשטיין געווען אזוי הערצלאָז איבערצולאזען זיין קינד אין דיא הענד פון אזא אונגליקליכע בעשעפּעניס וויא דיא פרוי דיקסאָן?

— האט הערר רובינשטיין געוואוסט אז אָלגא איז זיין קינד? — האט דער אדוואָקאַט איהר געפרעגט נאך א קורצע איבערלעגונג.

— ניין, ער האט עס ניט געוואוסט. ער האט געגלויבט אז אָלגא איז געשטאָר־בען באלד נאכדעם וויא וויקטאָריא האט איהם פערלאסען.

— ווארום האט א י ה ר איהם ניט דערצעהלט.

— ווען איך וואָלט אזוי געטהאן, וואָלט ער איהר דאך אבגענומען פון מיר, און איך וואלט פערלארן מיינע 10 שילינג א וואָך וואס וויקטאָריא האט מיר געגע־בען פאר אָלגא׳ס קעסט.

מאַרטאָן האט שוין געהאט גענומען זיין הוט ארויסצוגעהן, זיינען פּלוצלונג אנגעקומען דיקסאָן׳ס צוויי בּאָרדעריקעס מיט א דאָקטאר. דער אדוואקאַט האט מיט גרויס מיה ארויסגעצויגען פון איהר איינינע ווערטער אז וויקטאָריא איז דאן אוועק צוריק אין איהר אלטע היימאט; דערנאך איז זיא געפאהרן נאך אמעריקא, אונטער דיעזע צייט האט דיא אלטע דיקסאָן געהאָדעוועט אומזיסט דיא קליינע אָלגא. ווען זיא איז אויסגעוואקסען, איז זיא געפאהרען זוכען איהר מוטער איבער דער וועלט און מיט זעקס מאָנאט צוריק, האבען זיי זיך ביידע צוזאמען געטראפען, מוטער און טאָכטער, אין דיא זעלבע חורבה פון גלאָסטעסטער ליין, ביי דיא אלטע דיקסאָן.

דאס איז אלעס וואס זיא האט דערצעהלט, באלד נאכדעם איז דיא אלטע גופס געזונקען וויא א בלייא אויף איהר געלעגער.

ווען דער דאָקטאר האט איהר אנגעטאפּט דעם דופק, האט ער געזאגט צום אדוואָקאַט:

— עס איז שוין אזוי גוט וויא נאך אלעמען: זיא וועט נאך העכסטענס ציהען צוואנציג מינוטען.

דיא שטערבענדע פרוי האט זיך געווארפען איינינע מאל הין־און־צוריק, איהר

מויל האט זיך צו געמאכט, אבער איהר האלז האט גע͏זעגט שרעקליך. פלוצלונג האט זיא אויס געשריען.

— וויסקי, וויסקי! וואו איז מיין פלאש? אין דער העל!!

זיא האט זיך אומגעקעהרט צום וואנד, איהר גאנצער קערפּער האט זיך געגעבען א טרייסעל, און זיא האט אויסגעשריען צום לעצטען מאל:

— וויסקי, וויס —

איהר דופק האט אויפגעהערט קלאפּען — זיא האט געגעבען דעם לעצטען זיפץ.

31טעם קאפּיטעל.

אַ געפעהרליכער גאַסט.

דיא חינעזער האבען א שפּריך־ווארט: באַטשי־באַנג טסין־לו פאַנג־מען כוואַן־טסענג. „דער מאָרגען איז א גרויסער גנב דער צייט", דאס הייסט: ווען איינער לענט אפּ א זאך אויף מארגען, מעג ער זיכער זיין, אז עס וועט אוועקגעהן צוואנציג מאָרגענס, ווארום עס איז שוין אזוי דיא טבע פון מענשען אבצולעבען זיינע יאהרען מיט „איך וועל" —

דער מענש האָלט נאר אין איין זאגען ער וועט, ער וועט,
און אזוי פערנאַררט איהם דיא האפנונג ביזן טהרה־ברעט.

וויא גרינוואַלד איז אנגעקומען צוריק אין לאָנדאָן, איז ער ניט געגאנגען באַלד זעהן דעם אדוואָקאט איהם דערצעהלען דיא געהיימנים; נאר ער האט אבגעלעגט אויף מארגען, און אזוי זיינען אוועקגעגאנגען א צעהנדליג מארגענס. מאָרטאָן האט יעדען טאג אויף איהם געווארט; ער איז אבער אבגעקומען מיט'ן ווארטען.

גרינוואלד האט דיזע טעג ניט פערבראכט אין פערגניגען; ער איז געלעגען כמעט א גאנצען טאג אין זיין אלטע וואוינונג ביי דיא מאדאם זינגער, און געגען אבענד פלעגט ער בעזוכען זיין כלה. מאדאם זינגער, דיא קוויטשעדיגע פלוידער־מאשינקע איז געווען אזוי צופריעדען ווען זיא האט געזעהן איהר געוועזענעם לאזשי־רער צוריקקומען ביי איהר! נאר, דיזע גוטהערציגע ווירטהין איז געווען אונצופרידען פאר וואס גרינוואלד ליגט פערשפּארט אין דער היים גאנצע טעג.

— אז איהר פערשליסט אייך אזוי — האט זיא צו איהם געזאגט — האט איהר דאך קיין לופט און קיין בלוט, און מיין זעליגען מאן'ס אָנקעל וואס איז א אפּטיי־קער און האט אויך צוויי פערד און א בייבי, האט מיר ניט לאנג געזאגט, ווען איך בין געגאנגען קויפען פּיללען צום מאגען, אז דער מענש מוז האבען לופט, לופטיגע לופט, אויב ער וויל האבען בלוט אין קאָפּ, אין רוקען און אין דיא קניע.

— איך בין גאנץ געזונד — האט איהר דער יונגער מאן געענטפערט מיט א האלבען שמייכעל — נאר, ווען עס קומט אימיצער פרעגען אויף מיר, זאלט איהר זאגען אז איך בין ניטאָ. איך בין ניט יעצט אויפגעלעגט צו עמפּפאנגען וויזיטאָ'ס.

— דאס איז אויך אפּט מאל מיין נאַטור, הערר גרינוואלד — איז דיא קוויטשון אריינגעפאלען אין מיטעל וויא א יאָוועז אין סוכה — אָפּטמאל איז מיין נאטור אויך אזוי צו זיצען אליין, ווען איך האב ערגערנעס, ניט פאר אייך געדאכט. נאר מיין

שוועסטערס שכן וואס האט א וויין־געשעפט זאגט אז סאָדא־וואסער געמישט מיט ברענדי איז א גוטע זאך צו פערטרייבען ערגערנעס, א חוץ וואס דאס גיט אויך בלוט, היינט וויעדער איז דאס אויך —

מאדאם זינגער איז געבליבען אין מיטען דרשה, ווארים דאס גלעקל פון טהיר האט געקלונגען און זיא האט געענדיגט איהר מעדיצינישע רעדע אויף דיא טרעפ. גרינוואלד איז געוועזן העכסט צופרידען וואס ער איז דערוויל פטר געווארען אויף א ווילע פון דיא קוויטשעדיגע מוסר. ער האט איהר אבער געהערט באלד ווידער ארויפגעהן, און זיא איז אריין ביי איהם אין צימער מיט א טעלעגראמע וואס זיא האט איהם אפגעגעבען מיט דיעזע קוויטשעדיגע בעמערקונג:

— איך האף אז דרין איז ניטא קיין שלעכטע נייעס. איך האב מורא פאר שלעכטע נייעס, ווארום איך האב זיך אמאל אזוי איבערגעשראקען מיט אזא טעלעגראמע ווען מיין אָנקעלס זיידע איז געשטארבען פון שווינדזוכט וואס איז געוועזן אין אונזער פאמיליע. יעצט וועט איהר מיר ענטשולדיגען וואס איך לאז אייך אליין, איך מוז געהן עסען מיין מיטאג, ווארום איך עס אימער מיינע מאָהלצייטען זעהר רעגעלמעסיג און דערנאך לעג איך זיך א ווילע אוועק אויפ'ן זאָפא, אלע מאל נאכ'ן עסען און קען ניט ארומגעהן, איך וואלט ניט געקענט זיין קיין מאטראָז.

דיא ווירטהין האט שוין מעהר קיין כח געהאט צו שטעהן און רעדען; זיא איז אראפגעגאנגען דיא טרעפ (אלץ רעדענדיג) און גרינוואלד האט באָלד געעפענט זיין טעלעגראמע וואס איז געוועזן פון אסתר'ן. זיא האט איהם מיטגעטהיילט ער זאל קומען עסען אום זעקס אוהר אבענדס און זיי וועלען האבען געסט ביים טיש.

אסתר'ס חתן האט זיך געשטעלט, איז ארומגעגאנגען הין־און־צוריק איבערן צימער און האט געזאגט צו זיך אליין:

— איך וועל זיך הייטע ווידער מוזען זעהן מיט רובינשטיינען, איהם געבען מיין האנד און רעדען מיט איהם פריינדליך, חאָטש איך וויס וואס ער איז. ווען ניט זיין טאכטער וואלט דארט מיין פוס ניט געקומען; אבער איך קען דאס ניט טהאן מיין טהייערע אסתר וואס איז מיר אזוי טריי געוועזן ווען איך בין געשטאנען אויפ'ן שוועל פון קבר.

אסתר האט בעשלאסען צו מאכען דיעזען אבענד אן אונטערהאלט. ערשטענס, צוליעב איהר חתן, דען זיא האט ניט געקענט זעהן וויא גרינוואלד איז אזוי מרה־שחורה'דיג צוליעב דיא געהיימנים. צווייטענס, האט זיא געוואלט א ביסעל היימליך מאכען איהר פאפא וואס איז אזוי אראפ פון געזיכט דיא לעצטע צייט. זיא האט ניט געקענט קלוג ווערן ווארום ביי זיי אין הויז איז נאך געבליבען א צייכען פון דיא טראגעדיע, ווערענד דיא גאנצע שטאדט האט שוין פערגעסען.

לאנדאן וואלט אין דער אמת ניט אזוי גיך פערגעסען דיעזע טראגעדיע פון שפאציר־וואגען; נאר עס האבען זיך גראדע בעוויזען פאָליטישע וואָלקעס צווישען רוסלאנד און ענגלאנד וועגען אינדיען. אין גאנץ אייראפא איז ארויס א קלאנג אז אָט אָט ברעכט אויס א גרויסע מלחמה צווישען דיעזע צוויי גרויסע נאציאנען. דער ענגלישער קריעג'ס מיניסטער האט שוין געהאט טעלעגראפירט צו לאָרד

וואָלסלי, ענגלאַנדס בעסטער גענעראַל, ער זאָל צוזאַמענגעמען אַלע ענגלישע סאָלדאַטען פון עגיפּטען און געהן נאָך אינדיען מקבל פּנים זיין קאַצאַפּס קריג־שיפען. ווידער, דער רוסישער גענעראַל קאָמאַראָוו איז שוין געשטאַנען מיט אַן אַרמעע הינטערן גרענעץ פון אינדיען און האָט געוואַרט אויף אַ בעפעהל פון פּעטערבורג.

יעדער ענגלענדער איז אַלזאָ דאַן געווען אַזוי אויפגעריהרט פון דיעזע קומענדע מלחמה, אַז מען האָט פערגעסען אהן אַלעס, און פון דיא ווילדע טראַגעדיע אין שפּאַציר־וואַגען איז כמעט קיין זכר געבליבען. בלויז מאַרטאַ, אַשקען און גרינוואַלד האָבען עס אויף אַ ווײַלע ניט אַפּגעלאָזען פון זייערע געדאַנקען.

אסתר האָט זיך נאָר געקימערט וועגען איהר חתן און איהר פּאָטער; אָבער, עס איז איהר גאָר ניט אײַנגעפאַלען, אַז איהר מאַרקוס האָט אַזאַ שרעקליכען חשד אויף איהר פּאַפּאַ.

באַלד ווי גרינוואַלד האָט ערהאַלטען דיא טעלעגראַמע פון זיין כלה, האָט ער בעשלאָסען צו קומען אָבענדס בײַ רובינשטיין, אָבער ניט צום עסען, נאָר שפּעטער, ער זאָל זיך ניט דאַרפען בעגעגנען בײַם טיש, מיט אסתר׳ס פּאָטער. גרינוואַלד האָט טעלעגראַפירט אַן פרײַלין רובינשטיין, מען זאָל אויף איהם ניט וואַרטען צום עסען אום 6 אוהר, ווייל ער וועט קומען אום 9 אוהר.

ווי עס איז געקומען 8 אָבענדס, האָט אסתר שוין געצעהלט דיא מינוטען צו זעהן איהר ליעבען מאַרקוס. עס איז אפילו געווען דיעזען אָבענד ציעמליך קאַלט; דאָך האָט זיא ערוואַרטעט איהר געליעבטען אויפ׳ן טעראַס און האָט געקוקט אַלע ווײַלע וויפיעל דיא אוהר איז. זיא האָט אַראָפּגעוואָרפען איהרע שטײַפע קליידער און האָט זיך אײַנגעוויקעלט אין אַ טהייערן סאָבעל מאַנטעל וואָס איהר פּאַטער האָט איהר געמאַכט אַלס פּרעזענט מיט אַ יאָהר צוריק צו איהר געבורטסטאָג. אסתר פלעגט עס רופען „אָבענד־טואַלאַט“, דען אָבוואָהל דאָס איז געלעגען אויף איהר ווי אַ פּורפּור־מאַנטעל אויף אַ קעניגין, האָט זיא עס דאָך ניט געקענט טראָגען בײַ טאָג. זיא איז אין דיעזען יאָהר געוואָרען אַזוי פעט, אַזוי קײַלעכדיג און פעסט געבויט, אַז דיא מיטעלסטע דרײַ קנעפּ פון מאַנטעל האָבען בשום אופן ניט געוואָלט זיך צוקנעפּלען אויף איהר הויכע ברוסט, אָבוואָהל מען האָט שוין דרײַ מאָל געענדערט דיא קנעפּ. נאָר דיא לעצטע דרײַ חדשים האָט זיא געהאַט אַזוי פיעל צרות, אַז ווען זיא האָט עס אָנגעצויגען, איז זיא איבעראַשט געוואָרען צו זעהן, ווי זיא איז אַ רעכט ביסעל אָבגעפאַלען, — זיא האָט געקענט צושפּילען צוויי קנעפּ; אָבער דער מיטעלסטער קנאָפּ, איז געבליעבען אַ רעוואָלוציאָנער און האָט ניט געוואָלט צוזאַמענדריקען איהר אויסגעפּילטען בוזים.

— איך מעג שוין דאָס באַלד ווידער רופען „טאָג־מאַנטעל“ — האָט אסתר צו זיך אַליין געזאָגט — דיא צוויי קנעפּלאַך דערצעהלען מיר, אַז איך האָב אין דיא לעצטע דרײַ מאָנאַטען קיין האָניג געלעקט.

אין דער אמת גערעדט, האָט אסתר גענוג געליטען דיא לעצטע צײַט, זייט דער פּראָצעס האָט זיך אָנגעפאַנגען, און אַלס צוגאָב האָט איהר נאָך דער שלים־מזל צוגעשיקט דיא ביטערע בשורה פון דר. קינגסטאָן, אַז איהר פּאָטער׳ס הערץ

איז אַ געגריפען. גליקליכער ווייזע, וואס זיא האט ווייניג געגלויבט אין דיא נביאות פון א דאָקטאָר; דאָרום האט זיא זיך ניט שטאַרק געשראָקען וועגען איהר פאטער׳ס געזונדהייט.

וויא אסתר איז אזוי געשטאַנען אויפ׳ן טעראַס אין קעלט און האט געוואַרט אויף איהר מאַרקוס׳ען, האט זיא בעמערקט וויא א מאַן מיט א העלען איבער־ציהער קומט איהר ענטקעגען.

— איך האב דיר קוים דערלעבט צו זעהן, טהייערער מאַרקוס, — האט זיא אויסגעשריען פאר פריידע — ווארום ביסטו פריהער ניט געקומען?

— אזוי וויא איך בין ניט מאַרקוס, קען איך דיר ניט בעאַנטוואָרטען דיין פראַגע — האט איהר פאטער׳ס שטימע געענטפערט.

אסתר איז ארויס מיט א געלעכטער:

— איך פערשטעה ווירקליך ניט, פּאַפּאַ, וויא אזוי איך האב אזא נאַרישען טעות. איך האב געמיינט פון דער ווייטענס, אז דוא ביסט גרינוואלד.

— טאַקע, מיין קינד?

— געוויס! אין דיעזען העלען איבער־ציהער מיט דעם גרויסען ווייסען הוט זעהסטו אויס פון ווייטען אקוראַט וויא מאַרקוס. אָבער, עס פעהלט אפילו ניט א האָאָר.

— נעה, דוא רעדסט נאַרישקייט — האט דער פאטער איהר ערוויעדערט און איז שנעל אריין אין הויז דורך דיא הינטער־טהיר.

אסתר איז געבליעבען שטעהן פערוואונדערט מיט וואס זיא האט דא געקענט איהר פאטער אריינבריינגען אזוי שטאַרק אין צאָרן. ער האט נאך קיין מאָל צו איהר ניט גערעדט מיט אזא טאָן. — וויא זיא איז אזוי געשטאַנען פערטראַכט האט זיא געהערט טריט הינטער איהר און דערנאָך א פייף. זיא האט זיך אומגעקעהרט און זיא האט דערזעהן וויא גרינוואלד שמייכעלט צו איהר.

— אזוי נאַר! דוא ביסט עס, — האט זיא געזאָגט אין דער צייט ווען ער האט איהר ארומגענומען מיט זיינע ברייטע אָרימס, האט איהר געדריקט צו זיין הערץ און האט איהר געקושט.

— יאָ, דאס בין איך אליין. דוא טראָגסט הייטע דיין אבענד־מאַנטעל, און וויא איך זעה האבען זיך געלאָזט דיינע קנעפּלאַך איבערבעטען.... איך האב זעהר גערן צו זעהן אויף דיר דיעזען מאַנטעל.

— און איך האב ניט איבעריג גערן אזעלכע המצאות, טהייערער מאַרקוס.

גרינוואלד איז געקומען דיעזען אבענד אָנגעצויגען העכסט עלעגאַנט, און דאך זעהר היימיש. א שוואַרצען סאַמעטענעם וועסט־ראָק, אונטערגעשלאָגען מיט פעלץ וואס איז אויף איהם געלעגען וויא אבגעגאָסען. א פּאָר דונקעל־העלע הויזען וואס זיינען איהם געווען וויא אנגעקלעפּט אן זיינע רונדע שטאַרקע פיס. א הויכען קראַגען אביסעלע אראבגעבויגען מיט צוויי שפּיצלאַך, ברייטע מאַנקעטען, פּערל־גרויע האַנדשוה און א גרויסען ווייכען הוט, וויא דיא איטאַליענער טראָגען. גרינוואלד האט בעוואונדערט אסתר׳ן אין איהר מאַנטעל מיט דעם רעוואָלוציאָנערען קנעפּיל, און האט

זיך ניט געקענט אבקוקען פון איהר געזיכט וואס איז געווען דיעזען אבענד, מעהר וויא אימער, אויסגעזאסען מיט א מאגנעטישען חן. זיא האט זיך צו איהם געווענדעט מיט א לאך:

— ווייסטו דאס גלויבען, מארקוס? איך האב א ווילע פריהער געהאט אזא אירטהום: איך האב געמיינט אויף מיין פאטער, אז דאס ביסטו אליין.

— ווירקליך א מערקווירדיגער אירטהום! — האט דער יונגער מאן געזאגט.

— פאפא האט געטראגען א העלען איבער־ציהער מיט א ווייכען הוט, פונקט וויא דוא געהסט אפטמאל אנגעצויגען; אזוי וויא איהר האט ביידע דיעזעלבע הויך, אין קיין וואונדער וואס איך האב איך פערביטען.

גרינוואלד האט דארויף קיין ענטפער געגעבען. ער האט זיך באלד דערמאנט פון דעם מאן וואס איז דאן אריין מיט אסקאר'ן אין וואגען, דער מאן וואס איז געווען אנגעצויגען גראדע וויא ער. זיין חשד האט זיך יעצט שטארק בעשטעטיגט. ער האט איהר אבער באלד ערווידערט:

— און וואס איז ווען מיר זעהן ביידע אויס גלייך פון דער ווייטענס?

— אבער מיך וואונדערט שטארק, ווארום פאפא האט זיך אזוי געערגערט ווענען מיין טעות. ער האט אויף מיר אנגעשריען מיט אזא טאן, וואס איך האב נאך קיין מאל ניט געהערט פון איהם.

גרינוואלד האט געגעבען א זיפץ און האט איהר וואס געוואלט זאגען; אבער דיא טהיר האט געקלונגען. א מאן איז אריינגעקומען, האט זיי ביידען ניט בעגריסט און נאכדעם, וויא ער האט דערלאנגט זיין וויזיט־קארטע, האט איהם אלגא ארויפגעפיהרט אין פריוואט קאבינעט פון הערן רובינשטיין.

ווען דער פרעמדער איז ארויפגעגאנגען, האט אסתר צוגערופען אלגא'ן און האט איהר געפרעגט ווער דער מאן איז.

— איך קען איהם ניט, — האט אלגא געענטפערט. נאר אויף זיין וויזיט־קארטע איז געשטאנען אויפגעשריען: „מ. הארן“.

— אך וויא איך קען דיעזען מאן ניט ליידען! — האט אסתר געזאגט — ערשטענס, ווייל ער האט עדות געזאגט אין געריכט געגען דיר; צווייטענס, ווייל ער איז אן אנטיסעמיט און דריטענס, קען איך איהם אזוי גלאט ניט ליידען.

גרינוואלד האט געשוויגען.

פריילין רובינשטיין, האט געזוכט צו ענדערן דעם געשפרעך, און אזוי וויא זיא האט געוואוסט, אז גרינוואלד אינטערעסירט זיך שטארק ווענען פאליטיק האט זיא צו איהם געזאגט:

— קענסטו מיר ניט זאגען, מארקוס, וויא עס האלט יעצט מיט אינדיען? וועט ווירקליך זיין קריעג צווישען ענגלאנד און רוסלאנד, וויא דיא צייטונגען בעהויפטען?

— אזעלכע זאכען קען א צייטונג ניט וויסען מעהר פאר דיר און פאר מיר. אפילו דער קריעגס־מיניסטער קען אויך קיין נביא ניט זיין אין אזעלכע זאכען. מען קען גאר ניט וויסען וואס עס מאכט זיך. א מלחמה ווערט אזוי לייכט, מען דארף נאר צולעגען א צינד־העלצעל.

— איך וועל דיר פרעגען א קליינינקייט, מארקוס, דוא זאלסט עס מיר גוט ערקלערן.

— וואס איז מיין טייבעלע ?

— זייט מען רעדט דא וועגען קריעג, לעז איך אלץ אין דיא צייטונגען וועגען דיא Oriental question (דיא אריענטאלישע פראגע) און אלע צייטונגען רעדען וועגען דעם מיט שרעק. קענסטו מיר ניט ערקלערן קורץ און דייטליך, וואס דיא „אריענטאלישע פראגע״ בעדייט ? ווארום האבען דיא פאליטיקער אזוי מורא דערפאר ?

גרינוואלד האט געגעבען א שמייכעל און האט געזאגט :

— אייך פרויען איז דאס שווער צו ערקלערן, ווייל איהר אינטערעסירט זיך קיין מאל ניט מיט פאליטיק ; איהר לעזט נאר אין א צייטונג וועגען מאדע, אדער איהר זיינט פערטיעפט אין ראמאנען. דיא פאליטיק פון אייראפא איז זעהר אן אינטערעסאנטע זאך, וואס יעדע געבילדעטע דאמע דארף וויסען ; איבערהויפט דיא אריענטאלישע פראגע״ וואס איז דער גרעסטער וואלקען פון ציוויליזאציאן !

— דיא הקדמה האב איך שוין געהערט, — האט אסתר איהם ערווידערט לאבענדיג — יעצט דערקלער מיר וואס דיא „אריענטאלישע פראגע״ איז.

גרינוואלד האט זיך געזעצט, האט אריבערגעווארפען זיין לינקע פוס איבער דיא רעכטע, האט אנגענומען אסתר׳ס פעטע הענטיל און נאך א מינוט שטיל־שווייגען האט ער צו איהר געזאגט אין זיין האניג־זיסע שפראך, וואס איז אימער געווען קורץ, שארף, קלאהר און דייטליך :

— דיא „אריענטאלישע פראגע״ איז כמעט א יעהרליבע קראנקהייט אין אייראפא. רוסלאנד וויל פון אייביג אן מעלה גרה זיין דיא פראווינצען פון דיא באלקאנען און ערפילען דיא צוואה פון קייזער ניקאלאי, וואס זאגט, אז רוסלאנד אהן קאנסטאנטינאפאל איז וויא א תיפלה אהן א גלאק. אלע וויסען, אז רוסלאנד האט יעצט בדעה איבערצומאכען אין גאנצען דיא אייראפעאישע לאנד־קארטע. יעצט, אנגענומען אז א רוסישע ארמעע זאל געהן אין קאנסטאנטינאפאל, וועט דאך עסטרייך דאס געוויס ניט דערלאזען, ווייל דער קייזער פראנץ יאזעף האט אויך גרויסע טענות צו דיא טערקעשע פראווינצען אין אייראפא. יעצט, ווען עסטרייך וועט רוסלאנד קריעג ערקלערן, וועט דייטשלאנד זיך מוזען אננעהמען פאר עסטרייך, וואס געהערט צו דעם דריי־קייזער־בונד: דייטשלאנד, עסטרייך, איטאליען. דאן וועט זיך ערשט אנפאנגען דיא חתונה. ווארום וויא פראנקרייך וועט זעהן, אז איהר שונא דייטשלאנד איז פערנומען מיט קאטהארינע׳ס אור־אייניקעל, וועט פראנקרייך געהן אויסזוכען איהרע פערלארענע צוויי פראווינצען עלזאס און לאטרינגען, וואס דייטשלאנד האט אוועקגענומען פון נאפאלעאן דעם 3טען אין יאהר 1870. איטאליען וועט ווידער נעפינען דיא בעסטע געלעגענהייט אבצונעהמען איהרע צוויי פראווינצען ניצא און סאוואא, וואס פראנקרייך האט אוועקגערויבט פון קעניג וויקטאר־עמנואל, גאר אהן א פערוואס. ענגלאנד וועט מוזען קוקען און שווייגען, ווארום וויא באלד דיא קעניגין וויקטאריא וועט געהן מקבל פנים זיין דיא אייראפעאישע מחותנים צו העלפען דייטשלאנד נעגען רוסלאנד און פראנקרייך, דאן וועלען דאך דיא רוסען

ארײנשפאצירען אין אינדיען פון וואנען ענגלאנד ציהט זײט זיעבעציג יאהר איהר רײכטהום. ענגלאנד וועט אויך מוזען האלטען אפען איהרע אויגען, אז קײנער זאל דערווײל פון איהר ניט צוחאפען עניפטען וואו עס געפינט זיך דער סועץ־קאנאל — דער אײנציגער וועג נאך אינדיען. אין אינדיען איז במעט אלע טאג ערב־רעוואלוציא, און דאס האט מען צו פערדאנקען דיא רוסישע שפיאנען וואס זוכען אויפצורייצען דיא אינדיאנער אויף דיא ענגלישע רעגיערונג. הכלל, ענגלאנד וועט זיך ניט קענען מישען אין אײראפא, ווײל זיא וועט מוזען אויפפאסען מיט הונדערט אויגען, אז מען זאל חלילה ניט אוועקגנב'ענען איהרע גענגב'עטע לענדער אין אזיען און אין אפריקא.

— ווארום רופט מען דאס „אריענטאלישע פראגע״? האט אסתר איהם גע־פרעגט, נאכדעם וויא זיא האט איהם בעדאנקט פאר זײן דײטליכע ערקלערונג.

— גאנץ אײנפאך, ווײל דיא פאליטישע מהומה קען אויסברעכען נאר אין **אריענט** (ארצות הקדם), ענטוועדער אין קאנסטאנטינאפאל אדער אין אינדיען, און וויא דוא הערסט, וועט דאך מוזען אויסברעכען ניט אײן מלחמה, נאר צעהן מיט אמאל און דיא וועלט וועט ווערן פערפלײצט מיט בלוט, טרערין, יתומים און אלמנות.

אסתר האט געוואלט וואס זאגען; אבער זיא האט געהערט פלוצלונג א געשרײ, און זיא האט דערקענט איהר פאטער'ס שטימע. זיא האט זיך באלד דער־מאנט דאקטאר קיננסטאן'ס ווארנונג און זיא איז ארויפגעלאפען צו איהר פאטער'ס פריוואט־קאבינעט. זיא האט אנגעקלאפט אין טהיר און האט עס פרובירט עפענען; אבער עס איז געווען פערשלאסען.

— ווער איז דא? — האט איהר פאטער געפרעגט מיט אן אויפגערעגטע שטימע.

— איך בין דאס פאפא, איך האב געגלויבט אז דוא רופסט מיר.

— נײן מײן קינד, — האט דער פאטער געענטפערט פון אינוועניג — גע־ה ארונטער; עס איז גאר ניט. איך וועל באלד נאכקומען.

ווען אסתר איז צוריקגעקומען צו גרינוואלד'ן, האט זיא איהם געפונען ווארטענדיג אויף איהר מיט אונגעדולד.

— וואו ביסטו געלאפען? — האט ער איהר געפרעגט.

— פאפא זאגט עס איז גאר ניט; אבער דאס קען ניט זײן, איך האב איהם געהערט געבען אזא געשרײ!

קוים האבען זײ זיך אונטערהאלטען אײניגע מינוטען, איז ארויסגעקומען א מאן פון זײער הויז. ער האט זיך ניט ארומגעקוקט ניט רעכטס ניט לינקס און ער איז געגאנגען צום טהויער.

דיעזער מאן איז געווען הארן; ער איז ארויסגעגאנגען פון רובינשטײנ'ס פרי־וואט־קאבינעט.

32טעס קאפיטעל.

דער רעטענים ענטפלעקט.

גרינוואלד האט ניט געקענט שלאפען א גאנצע נאכט. באלד וויא ער האט געסטערן פערלאסען זײן כלה, איז ער אהײם געגאנגען. ער האט זיך אבער ניט גע־

לענט, זאגט? ער האט אומשפאצירט הין־און־צוריק אין זיין צימער, שטארק פער־טיעפט אין זיינע געדאנקען. ער האט געקלערט און געקלערט, וואס קען בעדייטען האר'ס בעזוך צו רובינשטיינען 9 אוהר אין דער נאכט? דאס איז דאך דערזועלבער הארן, וואס האט עדות געזאגט אין געריכט, אז ער האט געטרונקען צוזאמען מיט אסקאר'ן יענע נאכט פון מארד. יעצט, וואס האט דיעזער הארן צו טהאן מיט רובינשטיינען? דאכט זיך, זיי זיינען ביידע ניט בעקאנט, און דער בעזוך פון געסטערן אבענד זעהט דאך אויס, וויא דאס וואלט געווען אן אבגעמאכטע זאך. וויעדער, ווארום האט רובינשטיין ניט אריינגעלאזען זיין טאכטער, ווען זיא איז ארויפגעלאפען זיך ערקונ־דיגען, ווארום איהר פאפא האט זיך געבייזערט?

דיעזע געדאנקען האבען בעלאגערט דעם יונגען מאן א גאנצע נאכט, און עס איז ביי איהם געבליעבען, דיעזער בעזוך מוז האבען א שטיקעל פערבינדונג מיט אסקאר'ס מארד. ווען עס איז געווען 6 אוהר באגינען, האט גרינוואלד איינגעשלאפען און ער האט זיך ניט אויפגעכאפט ביז 12 אוהר.

ווען ער איז ארויס פון בעט און האט זיך אנגעקוקט אין שפיגעל, האט ער זיך דערשראקען פאר זיין אייגענער געזיכט, וואס האט אויסגעזעהן משונה'דיג שרעקליך.

— וויא איך זעה, — האט ער צו זיך אליין געזאגט — איז דיא שטריק ארום זיין האלז, און איך זעה ניט איין וויא ער וועט זיך קענען ארויסמאכען. ארימע אסתר! וויא אזוי וועסטו דאס קענען אויסהאלטען?

גרינוואלד האט גענומען ביי זיך זיין באד און נאכדעם וויא ער האט זיך אנ־געצויגען, איז ער ארויסגעקומען אין עס־צימער וואו ער האט זיך אביסעל אבגעפרישט מיט א גלאז טהעע. מאדאם זינגער איז אריינגעקומען קוויטשענדיג צו איהם, מיט א בריעף אין האנד און וויא זיא האט איהם נאר דערזעהן, האט זיא אויסגעקוויטשעט:

— וואס איז דען מיט אייך דער מעהר, וואס איהר זעהט אזוי אויס? האט איהר זיך דאן געלעגט שפעט שלאפען? דאס איז אונגעזונד אין אזעלכע וועטערן. פון ווייניג שלאפען אין אזא וועטער, קען מען קומען צו מאגען־שטעכענעס אדער חלילה צו רהומאטיזמוס אין דיא אויערן.

— איך האב קיין אויג צוגעטהאן א גאנצע נאכט ביז אין דער פריה, — האט גרינוואלד איהר געענטפערט, און ווער ווייס וויפיעל מייל איך בין אויסגעגאנגען לעצטע נאכט אין מיין צימער?

— דאס דערמאנט מיר מיין זעליגען מאן, — האט זינגער איהם ערווידערט — מיין מאן וואס איז געווען א דרוקער און פלעגט ארבייטען ביי נאכט אין דער היים, פלעגט ער אויך אומגעהן הין־און־צוריק ביז ער האט אבגעריבען דעם קארפעט וואס איך האב געקויפט א מציאה באלד נאך אונזער חתונה. ווען איך האב אנגעפאנגען שרייען (זיא מיינט קוויטשען), פארוואס ער שלאפט ניט ביי נאכט, אז ער האט דאך מיר אזוי ליעב געהאט, האט ער מיר געזאגט, ער קען ניט שלאפען. האב איך געזאגט ניש־קשה, דוא קענסט יא שלאפען, אט פארוואס שלאף איך? האב איך ווייטער געזאגט, דאכט זיך דיא בעט איז א גרויסע, גענוג פאר אונז ביידען, האט ער גענומען א גלאז וויסקי און איז באלד אריינגעקראכען אין בעט. פארוואס האט

איהר ניט גענומען נעכטען קיין וויסקי? עס שטעהט אין אלמער א האלבע פלאש
ווארום איך טרינק ניט, איך טונק נאר ווייבע בולקע.

גרינוואלד איז שיער ניט איינגעשלאָפען פון חלשות הערענדיג איהר פיזמון; ער האט איהר געגעבען צו פערשטעהן, אז ער וויל יעצט בלייבען אליין. מאדאם זינגער האט פערלאסען זיין צימער מיט א קוויטש און איז אראָבגעגאנגען אין קיך. דארט האט זיא נאך א ווײלע גערעדט דורכ'ן פענסטער צו איהר שכנה וועגען קריעג וואס הערט זיך צווישען ענגלאנד און רוסלאנד.

— מארגען געה איך ארויסנעהמען פון באנק מיין ביסעל געלד, — האט זינגער געזאגט — ווארום אז דיא רוסען וועלען אריינקומען אין אינדיען, וועלען זיי שוין געהן כסדר ביז לאנדאן און מען קען גארניט וויסען, וואס עס מאכט זיך מיט דיא עטליכע שילינג וואס איך האב געזאמעלט. איך וועל דערנאך געהן מאָגען ביי דיא קאָזאַ־קען, וואס?

וויא גרינוואלד איז אליין געבליעבען, האט ער זיך דערמאַנט אז ער האט נאך ניט געלעזען דאס בריוועלע וואס זיין ווירטהין האט איהם א ווײלע פריהער דער־לאנגט. ער האט עס געעפינט און האט באלד געזעהן אסתר'ס אונטערשריפט.

דאס בריוועלע האט געלויטעט:

— „איך קען גאָר ניט קלוג ווערן, ליעבער מארקוס, וואס עס טהוט זיך מיט „פאפא. ער איז גאר ניט דערזעלבער זייט הארן האט פערלאזען געסטערן אבענד „אונזער הויז. מיין פאָטער זיצט פערשלאסען אין זיין פריוואט־קאבינעט און לאזט „קיינעם ניט אריין. ער האט געשריעבען א גאנצע נאכט, און וויא עס שיינט, שרייבט „ער אויך הייטע. ער איז אויך ניט אראָבגעקומען הייטע פריה צו פריהשטיק. קום „אלזא, טהייערער מארקוס, מאָרגען ביי אונז; איך האב שטארק מורא אז מיין „פאָטער'ס געזונדהייט איז אין געפאהר. ווער ווייס וואס האָרן האט איהם געזאגט".

— ער שרייבט! — האט גרינוואלד אויסגעשריען — וואס קען ער דאס אזוי פיעל שרייבען? פיעללייכט דענקט ער פון זעלבסט־מאָרד? אין פאל ווען יא, מעג ער זיכער זיין אז ניט איך וועל וויינען נאך איהם! דאס בעסטע וואס רובינשטיין קען טהאן אין אזא לאגע — איז זיך אליין נעהמען דאס לעבען.

גרינוואלד האט זיך דערמאנט, אז ער האט פערשפראָכען צו זעהן דעם אדוואָ־קאַט מאָרטאָן און ער האט אלץ אָבגעלעגט אלע טאָג.

— יא, איך מוז איהם געהן דערצעהלען אלעס וואס איך ווייס, — האט ער געזאגט צו זיך אליין.

וויא ער האט זיך אזוי פערטיעפט אין זיינע געדאנקען, האט מען געקלונגען אין טהיר. מיט א מינוט שפעטער איז אריינגעקומען מאָרטאָן.

— איהר זייט א שעהנער פוקס, — האט דער אדוואָקאַט צו איהם געזאגט — איהר האט מיר געלאזט ווארטען און איהר האט גאָר פערגעסען אייער פערשפרעכונג.

— ווילט איהר פיעללייכט מיט מיר מיטשפייזען, הערר אדוואָקאַט? — האט גרינוואלד געפרעגט מיט א שמייכעל.

— עסען וויל איך ניט — נאָר איך וואָלט גערן וואס טרינקען; האט איהר א ביסעל ברענדי מיט סאָדא?

— וואס הייסט עס, ניט האבען? דא האט איהר פאר אייערע אויגען.

נאכדעם ווי דער אדוואָקאט האט זיך, אביסעל אָבגעפרישט, האט ער אָנגעפאנגען:

— איך בין געקומען הערען פון אייך דאס וואס איהר האט מיר צו זאָגען. נאר, איהר דארפט וויסען, אז א העלפט פון אייער געהיימניס האב איך שוין אליין אויסגעפונען, אָהן אייך.

— וועלכע העלפט?

— איך וועל אייך פריהער זאגען דיא האלבע געהיימניס וואס איך ווייס, און איהר וועט עס גאנץ מאכען מיט אייער אנדער העלפט וואס איך ווייס נאך ניט. איך פאנג אן:

דיא אלטע דיקסאָן איז יענע נאכט געשטאָרבען און איך בין דערביי געוועזן. זיא האט געשיקט נאך מיר פאר'ן טוידט, און זיא האט מיר געזאגט —

— וואס?

— אז וויקטאָריא אָגינס אָדער אָגינסקי וואס איז ביי איהר געשטאָרבען, איז געוועזן אָלגאָ'ס מוטער; אויך אז אָלגאָ'ס פאָטער איז —

— ווער?

— אראָן רובינשטיין.

— איז דאס אלעס?

— יא. יעצט זאגט איהר מיר, הערר גרינוואלד, וואס איהר ווייסט.

— נארניט.

— וואס הייסט נארניט? איז דאס אלעס וואס וויקטאָריא אָגינס האט אייך דערצעהלט פאר איהר טוידט?

— יא.

— טאָ, ווארום האט איהר דאס געהאלטען פאר א געהיימניס?

— בדי אסתר זאָל דאס ניט וויסען.

— דאס הייסט, איהר האט ניט געוואָלט אז אייער כלה זאל וויסען, אז איהר פאָטער האט געהאט א פוילישע מעטרעסע (געליעבטע) פאר זיין חתונה אין לאָנדאָן.

— וואס זאגט איהר „מעטרעסע", הערר מארטאָן? וויא איך זעה, ווייסט איהר דאך ניט אלעס. וויקטאָריא איז ניט געוועזן רובינשטיינס מעטרעסע, נאָר —

— נאָר וואס?

— זיין ווייב!

— וואס רעדט איהר?

— אָט דאס וואס איהר הערט. דיא אלטע דיקסאָן האט דאס אויך ניט געוואוסט.

— וויא באלד עס איז אזוי, — האט דער אדוואָקאט בעמערקט — איז דאך

אלגא דיא ריכטיגע טאָכטער און אסתר איז אן אונגעזעצליכע טאָכטער, דען ער האט דאך געהייראטעט זיין צווייטע פרוי געגען דאס געזעץ. אָלגא׳ס נאמען דארף אלזאָ ניט זיין אָגינסקי, נאר אָלגא רובינשטיין!

— אבער, דיעזע נייעס ערקלערט מיר נאך אלץ ניט אָסקאר׳ס מאָרד אין שפּאציר־וואָגען — האט דער אדוואָקאט ווייטער פאָרטגעזעצט.

— עס וועט זיך אייך שוין באלד ערקלערן, הערר מאָרטאָן. איהר דארפט וויסען אז ווען וויקטאָריא האט פערלאסען איהר מאַן רובינשטיין איז זיא אנטלאָפען מיט א מאן נאך אמעריקא. איהר נייער געליעבטער איז אבער באלד זאט געוואָרען מיט איהר, און וויקטאָריא האט אריינגעטרעטען אין דיא בורלעסקע טהעאטערע פון דער בויערי אלס טענצערקע. איידער זיא איז געוועזן אין ניו־יאָרק, האט זיא שוין אין לאָנדאָן געטאנצט אין דיא „מיוזיק־האָללס“. אין ניו־יאָרק האט זיא בעקאנטשאפט געמאכט מיט אָסקאר וולאדימיראָוויטש וואס האט געשפּיעלט דיא ראָלע פון אן אנארכיסט. אזוי וויא ער האט גערעדט דיא זעלבע שפּראך וואס זיא, איז זייער בעקאנטשאפט געווען זעהר נאטירליך. זיי זיינען ביידע ניט לאנג ווידער אנגעקומען אין לאָנדאָן מיט דער אבזיכט צו ציהען געלד פון העררן רובינשטיין. וויקטאָריא האט זיך געהאלטען רוהיג, און זיא האט געלאזט אלעס טהאן אסקאר׳ן וואס איז געווען איהר „ביזנעס־מענעדשער“ (געשעפטס פיהרער). זיא האט איהם געגעבען דעם סער־טיפיקאט פון איהר חתונה מיט רובינשטיינען, און אָסקאר האט דערמיט געמאָלקען געלד פון רובינשטיינען. דיא נאכט ווען ער איז ערמאָרדעט געוואָרען, האט ער דיעזען סערטיפיקאט געהאלטען ביי זיך —

— איז דאך דער דעטעקטיוו ג א ר י ק גערעכט געווען וואס ער האט געזאגט אז דער מערדער איז קיין אנדערער וויא דער וואס האט געוואלט האבען געוויסע פּאפּיערען! — האט מאָרטאָן איהם אונטערבראָכען.

— געוויס אזוי, און דער מערדער איז געוויס רובינשטיין אליין — האט גרינ־וואלד איהם געזאגט שטילערהייט אין אויער.

איינינע מינוטען האט געהערשט צווישען זיי ביידען א טוידטע שטילקייט; מאָרטאָן איז אזוי איבערראשט געוואָרען, אז ער האט גאר קיין ווערטער ניט געפונען.

— איך האב אויסגעפונען דיעזע שרעקליכע געהיימניסע — האט אסתר׳ס חתן ווייטער פאָרטגעזעצט — דאן ווען איהר האט מיר צום ערשטען מאל בעזוכט אין געפענגניס. איהר געדענקט, איהר האט מיר געזאגט אז אָסקאר איז ערמאָרדעט געוואָרען צוליעב געוויסע פּאפּיערן וואס דער מערדער האט געוואָלט ארויסקריגען. אזוי וויא איך האב געוואוסט, וואס דיא פּאפּיערן זיינען און פאר וועמען דאס האט א ווערטה, האב איך באלד פערשטאנען אז אראָן רובינשטיין האט ערמאָרדעט אָסקאר׳ן אום אָפּצונעהמען דיא פּאפּיערן.

— יא, דאס איז קיין צווייפעל — האט דער אדוואָקאט געזיפצט — דאס איז וואהרשיינליך דיא אורזאכע ווארום אסקאר האט פערלאנגט פון רובינשטיינען זיין טאָכטער. ער האט גערעכענט, אז ער וועט קריגען אסתר׳ן מיט געוואלד, ווייל רובינשטיין וועט דאך ניט וועלען אז דיא וועלט זאל וויסען זיין פערגאנגענהייט.

— דאס איז דיא מערקווירדיגסטע זאך וואס איך האב אין מיין לעבען גע־הערט — האט דער אדוואָקאט געזאגט.

— יעצט קענט איהר שוין אליין פערשטעהן — האט גרינוואלד געזאגט מיט א שווערן זיפץ — וואס פאר א צרות איך בין אויסגעשטאנען דיא לעצטע פיער מאָנאַט. איך האב געוואוסט ווער דער מערדער איז, און איך האב געמוזט מיט איהם זיצען אויף איין טיש, עסען מיט איהם צוזאמען, טרינקען מיט איהם „לחיים" און רעדען מיט איהם פריינדליך.

— וויא רעכענט איהר, הערר גרינוואלד, איז צוגעגאנגען דער מאָרד?

— וואס הייסט „וויא"? איהר ווייסט דאך.

— איך מיין דיא אורזאכע פון מאָרד. האט ער אָסקאר'ן ערמאָרדעט ווייל ער האט איהם מעהר קיין „לא־יחרץ געלד" ניט געוואלט געבען, אדער וועגען אן אנדער אורזאכע?

— ניין, הערר רובינשטיין האט איהם גענוג געגעבען, און ער וואלט איהם נאך מעהר געלד געגעבען, אבי ער זאל שווייגען. אָסקאר האט זיך אבער ניט צו־פריעדען געשטעלט מיט געלד אליין; זאנדערן ער האט אויך געוואלט אסתר'ן פאר א ווייב, ניט אנדערש! דעם אבענד פון מארד האט ער פערלאנגט פון רובינשטיינען זיין טאכטער, און אזוי וויא דער פאטער האט איהם ענטזאגט, איז ער ארויסגע־גאנגען ברוגז און האט איהם געשראקען, ער וועט מארגען בעקאנט מאכען פאר דער וועלט דיא גאנצע געהיימניס. רובינשטיין איז איהם געוויס נאכגעגאנגען, איז אריין מיט איהם אין וואגען, און דארט האט ער איהם ערמאָרדעט דורך כלאראפארם.

— אין אזא פאל — האט זיך דער אדוואָקאט אבגערופען — האלט איך גאר ניט רובינשטיינען פאר אזא געפעהרליכען מערדער.

— יא, אזוי אדער אזוי, דאס איז דאך א מאָרד — האט אסתר'ס חתן געזיפצט.

מארטאן האט וואס געוואלט זאגען; אבער פלוצלונג האט מאדאם זינגער אנגעקלאפט אין טהיר און האט אריינגעבראכט א טעלעגראמע. גרינוואלד האט עס שנעל געעפענט ער איז בלאס געוואָרען און האט אויסגעשריען:

— נאט איז גערעכט און זיין משפט איז גערעכט!

33טעם קאפיטעל.

יעצט בעצאָהלט ר' קרוב.

דער המון פון אלע נאציאָנען גלויבט געוועהנליך אז דער מענש איז א שפיעל־בעל אין דיא הענד פון טייפעל וואס האט קיין אנדער „ביזנעס" וויא אונגליקליך צו מאכען דעם מענשען פון וויגעלע ביזן קבר. יעדע נאציאָן האט איהר בעזונדערן טייפעל, און מיר אידען האבען אונזער „שטן". ווען איך זאג „מיר אידען" מיין איך דעם „המון" וואס דענקט ניט, דער המון וואס טהוט אלעס בלינדערהייט, וואס זאגט נאך טויבערהייט אלעס וואס זיין באָבע האט איהם דערצעהלט. מיר האבען א ווערטיל „שטן מקטרג בשעת הסכנה" דאס הייסט: דער שטן זוכט אימער ביי צו

טהאן דעם מענשען, יעדעס מאל ווען דיא געפעהרליכע געלעגענהייט מאכט זיך, האָטש גאָט וויל אונז גוטעס טהאָן. ווען דער איד וואלט אבער געגלויבט אז גאָט אליין איז אלמעכטיג וויא ער זאגט אלע טאָג, דאן וואלט ער דאך ניט געהאלטען פון אזא אזיאטישע עבודה-זרה וויא דער שטן. וואס הייסט, „גאָט וויל און דער שטן וויל ניט"? איז דען דער שטן שטארקער פאר גאָט? און ווען יא, ווארום האט גאָט בעשאפען אזא געפעהרליכען גענגער? וויעדער, וויא באלד עס איז דא צוויי געטער, א גוטער און א שלעכטער, ווארום רייסען מיר זיך דעם גארגעל דריי מאל א טאָג „אדוני אחד"?

דיעזע פראַגע שטעלט דער דענקער, ניט נאר אונז אידען, זאָנדערן אויך אלע אנדערע רעליגיאָנען וואס ריהמען זיך מיט דיא חסדים פון׳ם אלמעכטיגען. דער המון וואס האט אָבער זעהר וועניג געהירן אין קאָפּ, וויל ניט דענקען און זיין איינציגער ענטפער איז:

— ביסטו דען קליגער פאר דיא גאנצע וועלט?

נאטירליך, רופט דער המון אן „דיא גאנצע וועלט" דיא מיליאָנען עזלען, וואס האבען שמעק-טאבאק אין קאָפּ אנשטאט געהירן. דאך האבען דיא מענשען איינגע-זעהן מיט דער צייט, אז גלאט א שטן איז גענגען שכל, וויא אויך גענגען רעליגיאָן, און דארום האבען זיי בעשאפען נאך א גאָט וואס הייסט מזל. דיא אמונה אין מזל מאכט אן גרויסע צרות אויף דער וועלט, דען אלע פוילענצער, אלע אויסגעוועבטע ברואים און אלע טויגעניכטסען פערלאזען זיך נאר אויף זייער גאָטהייט מזל. וואס העלפט ארבייטען, זאגען זיי, ווען עס איז מיר ניט באשערט? ווען מען פרעגט איינעם, ווארום ער בעמיהט זיך ניט צו פערדיענען עפעס מעהר געלד? ענטפערט ער גע-וועהנליך:

— וואס מיר איז באשערט, וועט קומען צו מיר.

דאס איז אקוראד וויא מען האט אמאל געפרעגט א קליין שמעטילדיגען אידיאָט:

— חאציע, פארוואס נעהמסטו ניט א ווייב? דוא וועסט דאך האבען קינדער.

— ווען מיר וועט באשערט זיין צו האבען קינדער, האט חאציע געענטפערט — וועל איך האבען אָהן א ווייב!

דאס וואס דיא וועלט רופט „מזל" איז ניט מעהר וויא דער רעזולטאט פון אונזערע טהאטען, און וויא דער פראנצויזישער פילאָזאָף ליטרע האט געזאגט: (Notre vie est le resultat de nos actions) אונזער לעבען איז דער רעזולטאט פון אונזערע מעשים), דאס הייסט, וויא דער עולם זאגט: וויא מען זעעט, אזוי שנייט מען.

אהרון רובינשטיין האט דאס זעהר גוט אויסגעפונען: דיא אונרעכטען וואס ער האט נעטהאן אין דער יוגענד, האבען זיך אבגערופען אויף דער עלטער. ער האט געמאכט א פעהלער וואס ער האט אמאל געהייראטהעט וויקטאָריא אָגינסקי, וואס איז דאן געווען ניט מעהר וויא אן ארומטרייבערין און וואס געהערט אויך צו אן אנדער נאציאָן. יעצט קומט דיא פערגאנגענהייט און הייסט איהם בעצאהלען וואס ער איז שולדיג! ווען וויקטאריא איז פון איהם דאן אנטלאָפען, האט ער זיך אפילו

דיא גרעסטע מיהע געגעבען איהר צו פערגעסען, דען ער האט באלד אויסגעפונען, אז זיא איז ניט ווערטה געליעבט צו ווערן. ער האט נאכדעם געהערט, אז זיא איז געשטארבען אין גאווערנער־האספיטאל פון ניו־יארק, און ער האט זיך געפרייט וואס ער איז פטור געווארען פון אן אונגליק. זיין צווייטע חתונה מיט א יודישע טאכטער פון האָלאנד איז געווען א גליקליכע. זיא האט איהם געבארען אסתר'ן. זיין בעכער האניג וואלט געווען פאל אין גאנצען; אבער אסתר'ס מוטער איז געשטארבען און רובינשטיין האט א צייט געטרויערט נאך זיין געטרייע פרוי. ער האט זיין גאנצע ליעבע אבגעגעבען זיין איינציגע טאכטער, און ער האט גערעכענט אז ער וועט שוין קענען פערברייננגען זיינע יאהרען אין נחת. אבער, פלוצלונג איז זיין גליק פערשטערט געווארען: אסקאר וולאדימיראוויטש איז אנגעקומען פון ניו־יארק און האט איהם מיטגעטהיילט, אז זיין ערשטע פרוי לעבט נאך, און בכן איז אסתר אן אונגעזעצליכע טאכטער. ער האט פון איהם געצאפט געלד און האט נאך געהאט דיא חוצפה צו פערלאנגען אסתר'ן פאר א פרוי:

וויא אסקאר איז ערמארדעט געווארען, האט רובינשטיין פריי געאטהימט א דריי חרשים, ביז עס האט זיך וויעדער בעוויעזען דער דייטשער אנטיסעמיט הארן מיט דיא זעלבע פאפירען, וועלכע אסקאר האט געהאט. אויך הארן האט פערלאנגט פון איהם געלד. דער רייכער אידיישער פאבריקאנט האט איינגעזעהן, אז ער נעהט דא שניידען אויף דער עלטער וואס ער האט געזעעט אין דער יוגענד. א שטימע האט צו איהם געזאגט:

— בעצאהלט, ר' קרוב, וואס איהר זייט שולדיג!

רובינשטיין האט באלד געזעהן, אז הארן וועט יעצט פערביטערן זיין לעבען און אויך נאך זיין טוידט וועט ער פערעפענטליכען דעם גאנצען סקאנדאל אום צו פערשווארצען זיין טאכטער דיא אויגען. ער האט זיך אלזא בערעכינט:

— וויא עס מאכט זיך, לאמיך אויסזאגען דיא וואהרהייט פון מיין פערגאנגענהייט אין מיין צוואה, און ווען מען וועט עס עפענען נאך מיין טוידט, וועט מען וועניגסטענס געפינען א שטיקעל פערטהיידיגונג אויף דיא מעשים פון מיין פערגאנגענהייט.

אזוי האט רובינשטיין געשריעבען א גאנצע טאג, און געגען אבענד, ווען ער האט שוין געהאט זיין „דאקומענט" געענדיגט, פערזיגעלט און אריינגעלעגט אין א שאכטעל, האט ער געעפענט דיא טהיר פון זיין פריוואט־קאבינעט.

— טהייערסטער פאפא! — האט אסתר אויסגעשריען איהם ארומנעהמענדיג מיט איהרע ווייסע ארימס — וואס האסטו דען דא געטהאן א גאנצען טאג איינער און אליין?

— געשריעבען, מיין קינד.

— איך האב ניט געוואוסט וואס איבערצוטראכטען, איך האב געמיינט, דוא ביסט חלילה קראנק.

— ניין מיין קינד, איך בין ניט קראנק, נאר אביסעל אבגעמאטערט.

— מיין הערץ זאגט מיר, פאפא, אז דער שרעקליכער מאן וואס האט דיך

בעזוכט געסטערן אבענד, האט דיר געוויס קיין גוטע בשורה אנגעזאגט. דאס איז דאך דער רשע האַרן.

— פון וואנען ווייסטו דאס, אסתר?

— מארקוס האט איהם דערקענט ארויסגעהענדיג פון הויז.

— יא מיין קינד, דוא ביסט גערעכט. דער מאן איז ווירקליך האַרן; אזוי וויא עס נעהט איהם שלעכט, איז ער געקומען ביי מיר בעטען א געלד־טובה. ער איז אָבער א גאנץ גוטער מענש, קיין אנטי־סעמיט, קיין רשע.

רובינשטיין האט זיך אליין ניט געקענט פערצייען פאר אזא ליגען; ער האט זיך אבער אנדערס ניט געקענט העלפען, ער האט איין מאל פאר אלע מאל בעשלאסען, אז אסתר זאל ניעמאלס וויסען דיא וואהרהייט פון הארן׳ס בעזוך, זאלאנג ער וועט עס קענען פערבארגען פון איהר.

— יעצט געה עסען, מיין טאכטער, איך וועל באלד נאכקומען.

— אבער זוים זיך ניט פאפא, — האט זיא איהם ערוויעדערט, און זיא איז אראבגעלאפען דיא טרעפ מיט א לייכטערעם הערץ וויא זיא איז ארויף.

איהר פאטער האט איהר נאכגעקוקט ביז זיא איז פערשוואונדען געווארען. ער האט זיינע פאפיערען געלעגט אין ארדנונג און ער איז אויך אראבגעקומען. ער איז דיעזען אבענד זעהר היימליך געוועזעןביים טיש, ער האט געפיהלט, אז עס האט זיך איהם אראבגעקייקעלט א שטיין פון הערצען, נאכדעם וויא ער האט אבגעשריעבען אלעס וואס ער האט געהאט צו זאגען. דעם הייראט׳ס סערטיפיקאט צווישען איהם און וויקטאריא אנינסקי, וואס ער האט אבגעקויפט פון האר׳ן האט ער אריינגעלעגט אין זיין בוזים־טאשע.

דיעזע נאכט איז רובינשטיין פריה שלאפען געגאנגען; וויא נאר ער האט זיך אוועקגעלעגט, איז ער געזונקען אין א טיעפען שלאף.

עס איז נאר געוועזען 9 אוהר אבענדס. אסתר איז געבליעבען אליין זיצען אין זאל און זיא האט געבלעטערט א בוך פון פאעזיע. זיא האט עפעס געזוכט א געדיכט וואס זאל יעצט ריידען צו איהר הערצען. זיא האט אזוי געבלעטערט ביז זיא איז געקומען צו א געדיכט מיט דעם טיטעל

טאכטער׳לי וואס איז ליעבע?

זיא האט געמיינט אז דאס איז א גאנץ ערנסטע זאך, און זיא האט אנגעפאנגען לעזען:

טאכטער׳ל! וואס איז ליעבע? האב איך געפרעגט איידעל,
א שעהנע ברוינעטקע, א זעכצעהן־יעהריגע מיידעל.
— „ליעבע, — האט זיא מיר באלד געענטפערט זעהר היציג,
„א פאר לאנגע וואנצעס פערגרייזילט און שפיציג״.

טאכטער׳ל! וואס איז ליעבע? האב איך געפרעגט איידעל
א שעהנע בלאנדינקע, אן אכצעהן־יעהריגע מיידעל.
זיא האט מיר געענטפערט קורץ: „דאס איז א גוטער געריכט,
„ווען דער יונגער מאן האט נאר א שעהנעם געזיכט״.

טאכטער'ל! וואס איז ליעבע? האב איך געפרעגט איידעל,
א שעהנע, שלאנקע צוואנציג-יעהריגע מיידעל.
„דאס איז א פערשלאסענע וועלט מיט זיסקייט און חן,
„ליעבע, מיין הערר, איז דיא וואהרהייט אליין.

טאכטער'ל! וואס איז ליעבע? האב איך געפרעגט איידעל,
א שעהנע צוויי און צוואנציג-יעהריגע מיידעל.
„— ליעבע האט א קיום, האט זיא געענטפערט מיט מוטה,
„ווען זיי ביידע האבען חתונה און לעבען גוט.

וואס איז ליעבע? האב איך ענדליך געפרעגט א נקבה
דרייסיג יאהר אלט און געבאך בלאס וויא א מצבה.
„— מיר בלייבט גלייך, זאגט זיא, וויא עס זעהט אויס דער בחור —
„אבי נאר ער איז א מאנסביל — אבי נאר א זכר!

אסתר האט זיך צולאכט ניט ווילענדיג, און זיא האט געזאגט:
— אבי איך האב געמיינט נאכ'ן טיטעל אז דאס איז אן ערנסטע זאך, דאס איז אפילו גאנץ שעהן, אבער ניט דאס האב איך געמיינט.

זיא האט גענומען בלעטערן ווייטער און זיא האט בעמערקט א ליעד מיט דעם נאמען

ב י י ב י א י ז א פ א ע ט.

זיא איז געווארען זעהר נייגעריג עס צו לעזען. וויא קען זיין א ביבי (און עופעלע) א דיכטער? זיא האט אנגעפאנגען לעזען:

א בייבי, גרוים וויא אן ענטעלע —
ער וועט באלד א יאהר ווערן —
האט אויסגעשטרעקט זיין הענטעלע
און געקוסט אין הימעל א שטערן.

ער האט דעם קוס געווארפען מיט חן,
מיט'ן מיילעלע געגעבען א מאך;
וויא א בייבי-פאעט'ל, וואונדער-שעהן
האט ער דעם שטערן געקושט מיט א לאך.

בייבי האט נאטירליך ניט געוואוסט,
דיעזע אסטראנאמישע קליינינקייט:
אז דאס וואס ער האט יעצט געקושט,
שטעהט פון איהם אביסעל צו וויים.

בייבי'ס קוש איז דאך אוועקגעפלויגען, —
בנאמנות, איהר מעגט דאס הערן —
איך האב אליין געזעהן מיט מיינע אויגען,
וויא דער קוש האט אנגעריהרט דעם שטערן!

דער קוש האט נעשוועבט נאנץ הויך,
אויף דיא פלינלען פון זילבער שטראהלען:
ער האט נעשוועבט דורך גאָלדען רויך,
און איז ווידער אראָבגעפאלען.

זעהט מיינע ליעבע זיסע פּאָטען,
דער קוש מוז ליענען אויף דיא גראָזען;
איך וויל פון אייך א טובה בעטען —
העלפט מיר זוכען אונטער דיא ראָזען.

אסתר איז אזוי ענטציקט געוואָרען פון דיעזעס געדיכט, אז זיא האט עס אויסגעשניטען, און האט עס אריינגעקלעפּט אין איהר אלבום. זיא האט געוואָלט נעהן שלאָפען, אבער עס איז איהר לאנגווייליג געוואָרען, און זיא איז אין גאנצען ארויסגעקומען פון שלאף. זיא האט געפיהלט אז זיא וויל עפּעס רעדען מיט אימיצען. זיא האט אנגעקלונגען צו דיא דיענסט און האט איהר געבעטען זיא זאל אריינשיקען אלגאָ׳ן. דיעזע צוויי זיינען געוואָרען אין דיא לעצטע פּאר מאנאט זעהר בעפריינדעט, און אָבוואָהל אסתר איז געווען מיט צוויי יאהר אינגער פאר אלגאָ׳ן האט דאך אסתר געשפּיעלט דיא ראָלע פון א וועג־ווייזערין.

דא איז געווען א טרויעריגער וויץ פון מזל אליין וואס האט צוזאמענגעבראכט דיעזע צוויי קינדער פון איין פאטער, און יעדע פון זיי ביידען מיט א בעזאנדערע היסטאָריע, — איינע האט זיך געהאָדעוועט אין לוקסוס, רייכטהום; דיא אנדערע — אין עלענד און שמוץ. וואלט דאס ווען איינגעפאלען רובינשטיינען, אז ער וועט זעהן אונטער זיין דאך דיא טאכטער פון וויקטאָריא אָגינסקי וואס ער האט געהאלטען פאר טוידט, וויא זיא אונטערהאלט זיך פריינדליך מיט איהר שוועסטער אסתר!!

טאקע מערקווירדיג וואס דער צופאל קען צוזאמענברייננען!

אזוי האבען ביידע שוועסטערן, וואס קענען זיך נים, ציעמליך שעהן זיך אונ־טערהאלטען אין דונקעלן זאל. זיי האבען גערעדט, געשמייכעלט געלאכט, און האבען אנגעריהרט אין זייער וויבערשען געשפּרעך פערשיעדענע זאכען. זייער געשפּרעך האט זיך פלוצלונג אָבגעהאקט אין מיטען. אָלגא האט דיא ערשטע געהערט טריט אויפ׳ן ווייכען קארפּעט. זיא האט זיך באלד געגעבען א חאפּ און האט געזעהן וויא איינער געהט ארום איבערן צימער. אסתר האט עס אויך געזעהן, און זיא איז שרעקליך איבערראשט געוואָרען, ווען זיא האט דערקענט איהר פאטער אנגעצויגען אין זיין שלאף־ראָק. אין האנד האט ער געהאלטען איינינע פּאפּירען, און ער האט אזוי ארומשפּאצירט.

— פּאפּא! וואס איז מיט דיר? — האט אסתר געזאגט מיט דיא גרעסטע איבערראשונג.

אבער אלגא האט איהר נים געלאזט רעדען:

— ששששש!.... — האט זיא געזאגט — אייער פאטער שלאפט. ער געהט, יעצט פון שלאף און רעט פון שלאף.

אָלגאַ איז ווירקליך געדעכט געווען. רובינשטיין איז געווען שטאַרק אויפגערעגט פון זיינע צרות און שרעק, וויא אויך אָבגעמאַטערט פון זיין שרייבעריי, דען ער האָט געשריעבען דיא צוואה וועניגסטענס עלף שטונדען. אַט דאָס אַלעס האָט שטאַרק געווירקט אויף זיינע געהירן ווען ער האָט זיך געלעגט שלאָפען. ער איז דאַרום באַלד אַרויס פון בעט שלאָפענדיג און ער האָט אַזוי געוואַנדעלט פון שלאָף איבער דאָס גאַנצע הויז, וויא געוועהנליך אַ נאַכט־וואַנדלער. אסתר און אָלגאַ, האָבען איהם גוט נאָכגעקוקט וויא ער געהט לאַנגזאַם צום טיש פון זאַל און לעגט אַוועק זיינע פּאַפּירען אויפ'ן מיטען טיש. דיעזע פּאַפּיערען זיינען געלעגען אין אַ גרויסען בלויען קאָנווערט, און דאַרויף עפּעס געשריעבען מיט רויטע בוכשטאַבען. אָלגאַ האָט באַלד דערקענט אַז דאָס איז דאָס זעלבע פּאַפּיער מיט'ן קאָנווערט וואָס זיא האָט געזעהן האַלטען איהר מוטער וויקטאָריא פאַר'ן טוידט ביי דיא אַלטע דיקסאָן.

אסתר איז אַזוי נאָכגעגאַנגען טריט-בא־טריט איהר פאָטער און האָט געקוקט וואָס ער געהט דאָ טהאָן פון שלאָף. אָלגאַ האָט פּרובירט אסתר'ן אַוועקשלעפּען, זיא זאָל ניט זעהן דאָס וואָס זיא דאַרף אפשר ניט זעהן (זיי האָבען ביידע ניט געוואוסט וואָס דיעזע פּאַפּיערען זיינען). אָבער, גרינוואַלד'ס כלה האָט בעשלאָסען אַז זיא מוז אַלעס זעהן. —

רובינשטיין האָט פון שלאָף געעפענט דעם קאָנווערט, האָט אַרויסגענומען פון דאָרט אַ געלע שטיק פּאַפּיער וואָס ער האָט אויסגעשפּרייט אויפ'ן טיש. זיין טאָכטער האָט זיך באַלד צוגעבויגען זעהן וואָס דאָס איז. אָבער, אָלגאַ האָט איהר געגעבען אַ שלעפּ מיט דעם אויסגעשריי:

— אום גאָטעס ווילען, לעזט ניט!

עס איז אָבער געווען צו שפּעט. אסתר האָט שוין געהאַט איבערגעלעזען דיעזע פינף ווערטער:

„האַכציים — וויקטאָריא אַגינסקי — אַראָן רובינשטיין" —

דיא גאַנצע שרעקליכע וואַהרהייט איז אַריין אסתר'ן אין קאָפּ. דאָס זיינען דאָך דיא פּאַפּירען וואָס וויקטאָריא אָגינסקי האָט איבערגעגעבען אָסקאַר'ן, וואָס איז דערנאָך ערמאָרדעט געוואָרען פון דעם מאַן פאַר וועמען דיא פּאַפּירען האָבען אַ ווערטה! — האָט זיא זיך געטראַכט.

— אַך גאָט! מיין פאָטער איז....

זיא האָט געגעבען אַ משונה'דיגען געשריי, וויא ניט מיט איהר קול און איז געפאַלען וויא אַ בליי נעבען דיא פיס פון איהר פאָטער וואָס איז נאָך אַלץ געשטאַנען נעבען טיש. דיעזער געשריי האָט איהם אויפגעוועקט פון שלאָף. ער האָט געעפענט זיינע אויגען, האָט אויסגעשטרעקט זיין ציטערנדע האַנד, וויא ער וואָלט דאָ געוואָלט אימיצען אַוועקשטופּען, און מיט אַ דערשטיקטען קרעכץ איז ער הינגעפאַלען נעבען זיין טאָכטער.

אָלגאַ איז געוואָרען אויסער זיך פון שרעק; זיא האָט אָבער גוט געוואוסט וואָס זיא האָט צו טהאָן: זיא האָט צוגעכאַפּט דעם פּאַפּיער פון טיש, האָט עס אַריינגעלעגט אין איהר טאַשע און האָט געמאַכט אַ געוואַלד. ווען דיא דיענער זיינען

צוזאמענגעלאפען האבען די געפונען זייער ווירטה טוידט, און אסתר איז געלעגען אין חלשות נעבען דעם קאלטען קערפער פון איהר פאָטער.

אהרון רובינשטיין האט אביסעל צו מ.הייער בעצאהלט דיא שולדען פון דער יוגענד.

34טעס קאפיטעל.

לא=יחרץ געלד.

זאבאלד וויא גרינוואלד האט ערהאלטען דיא טעלעגראמע, אז רובינשטיין איז טוידט, האט ער עס געוויעזען דעם אדוואָקאט מאָרטאָן. זיי האבען באלד געלאזען שטעהן מאדאם זינגער׳ס פריהשטיק אן א זייט און זיינען ארויס. ווען זיי זיינען אנגעקומען ביי רובינשטיינען, האבען זיי געפונען דיא בעסטע ארדנונג. אָלגאַ האט אלעם אויפגעפאסט און זיא האט געוואוסט אויסגעצייכענט וויא זיך צו לאזען רעספעקטירען פון דיא דיענער. דער טוידטער קערפער פון רובינשטיין איז שוין געלעגען אין בעט פון זיין שלאָף=צימער. אסתר׳ן האט מען אריינגעלעגט אין איהר בעט, און דאס אלעם איידער מען האט טעלעגראפירט צום דאָקטאָר קינגסטאן און צו גרינוואלד׳ן זיי זאלען קומען.

מאָרטאָן און גרינוואלד זיינען אנגעקומען דיא ערשטע. זיי האבען צוערשט אנגעקוקט דעם קאלטען קערפער פון טוידטען פאבריקאנט. וויא זיי האבען גענומען געהן צום צימער וואו זיין טאָכטער ליעגט, האבען זיי בעגעגענט דעם דאָקטאָר קינגסטאָן וואס איז ארויסגעקומען פון אסתר׳ס צימער.

— פריילין רובינשטיין האט א שטארקען פיבער — האט דער דאָקטאָר צו זיי געזאגט — אבער זיא איז ניט אין גרויס געפאהר.

— זאגט מיר דיא וואהרהייט, דאָקטאָר — האט אסתר׳ס חתן זיך געבעטען — איז זיא חלילה ניט —

— ניין — האט קינגסטאָן איהם איבערגעשלאָגען אין מיטען — זיא איז ניט אין אזא לאגע וויא איהר מיינט; איך וועל טהאן פאר איהר אלעם וואס דיא וויסענשאפט קען טהאן.

— און וויא איז געשטאָרבען איהר פאָטער? — האט מאָרטאָן איהם געפרעגט.

— פון הערץ=קלאפענעס — האט דער דאָקטאָר געענטפערט — זיין הערץ איז געוועזען שטארק אנגעגריפען, וויא איך האב עס אויסגעפונען מיט א וואך צוריק. עס שיינט אז ער איז געגאנגען פון שלאָף ביז אין זאל אריין און אסתר האט זיך געוויס דערשראָקען אויף איהם קוקענדיג. זיא האט איהם וואהרשיינליך אויפגעוועקט פלוצלונג, און דער שלאָף האט געמאכט פלאץ פאר זיין שטיף=ברודער — דעם טוידט!

— אבער וואס בעטייט אסתר׳ס קראנקהייט? — האט גרינוואלד געפרעגט מיט אונגעדולד.

— וואס הייסט „וואס"? — האט קינגסטאָן בעמערקט — זיא האט גענוג אורזאכע קראנק צו זיין: זיא האט געזעהן איהר פאָטער געהן פון שלאָף, און זיא האט איהם אויך געזעהן פאלען טוידט דורך דעם וואס זיא האט איהם פלוצלונג אויפגעוועקט.

...ט קען ניט זיין — האט זיך אבגערופען דער אדוואָקאט — פרייליין רובינ־שטיין איז צופיעל געבילדעט אז זיא זאל אויפוועקען א נאכט־וואנדלער פון שלאָף. ווייס זיא ?'ען ניט אז דאס איז א סכנה פאר'ן שלעפער?

— איבריגענס — האט דער דאָקטאָר געזאגט — דיזע יונגע פרוי, אלגא, וועט אייך אלעס ערקלערען; זיא איז דערביי געוועזען פון אנפאנג ביז ענדע, איך האב מעהר קיין צייט דא צו בלייבען. איך וועל קומען זעהן פרייליין רובינשטיין אין דריי שעה ארום.

נאכדעם וויא קינגסמאַן איז ארויס, האט דער אדוואָקאט געפרעגט אָלגא'ן:

— קענט איהר אונז ניט זאגען פון וואנען פרייליין רובינשטיין איז פלוצלונג אזוי קראנק געווארען?

— איך קען — האט זיא זעהר רוהיג געענטפערט — אבער איך וויל אז אויסער אייך ביידען, זאל קיינער ניט הערען וואס איך דערצעהל אייך.

— וויעדער א געהיימניס — האט מאַרטאַן געמורמעלט צו זיך אליין.

נאכדעם וויא אלגא האט זיך ארומגעקוקט פון אלע זייטען, האט זיא געזאגט זעהר קאלטבליטיג:

— הערר רובינשטיין איז לעצטע נאכט, פריה שלאפען געגאנגען. זיין טאָכטער און איך זיינען געזעסען אין זאל און מיר האבען געשמועסט פון פערשיעדענע זאכען. פלוצלונג איז ער אריינגעקומען געהענדיג פון שלאָף, און אין האנד האט ער געהאל־טען פאפיערן.

גרינוואלד און מאַרטאַן זיינען ביידע בלאס געווארען וויא זיי האבען דערהערט פון פאפיערן.

אָלגא האט ווייטער פאָרטגעזעצט:

— ער איז אריין אין זאל, האט אויסגעשפרייט דיא פאפיערן אויפ'ן טיש און פרייליין אסתר, זיין טאָכטער האט זיך צוגעבויגען זעהן וואס דיעזע פאפיערן זיינען. איך האב פרובירט איהר אוועקרייסען פון טיש, אפשר דארף זיא דאס ניט לעזען. עס איז אבער געווען צו שפעט! זיא האט אָנגעקוקט א פאפיער, האט געגעבען א געשריי און זיא איז געפאלען אויף דער ערד. פאלגענדיג האט זיא אנגעריהרט איהר פאָטער און האט איהם פלוצלונג אויפגעוועקט. ער איז באלד געפאלען טוידט.

— און וואו זיינען יעצט דיעזע פאפיערן? — האט דער אדוואָקאט איהר געפרעגט.

אָלגא האט ניט געענטפערט, נאר זיא האט עס ארויסגענומען פון איהר טאַשע און האט עס אריינגעלעגט דעם אדוואָקאט אין האנד.

גרינוואלד און מאָרטאַן זיינען ביידע געבליעבען שטעהן וויא פערשטיינערטע, ווען זיי האבען עס אנגעקוקט. דאס איז געוועזען דער האָכצייט'ס סערטיפיקאט, וואס וויקטאָריא האט אָבגעגעבען אָסקאר'ן צו מעלקען דערמיט געלד פון רובינשטיינען. וויא קומט אלזא, דער פאפיער צו איהם? עס קען דאך, אלזא, קיין בעסערער בע־וויז ניט זיין וויא דאס, אז אסתר'ס פאָטער האט ווירקליך ערמאָרדעט אָסקאר'ן.

אַלגאַ האט ווייטער דערצעהלט וויא עס איז צוגעגאנגען דער גאנצער אבענד פון אנפאנג טראגעדיע ביז ענדע.

דער אדוואָקאט האט צוזאַמענגעוויקעלט דיא פּאַפּיערן, האט עס אריינגעלעגט אין זיין טאַשע און האט איהר געפרעגט:

— ווייסט איהר וואס פאַר אַ פּאַפּיער דאס איז?

— איך קען אייך גענוי ניט זאגען, — האט אַלגאַ געענטפּערט - אין האב נאר געלעזען דיא געדרוקטע, אָבער דיא ווערטער וואס קומען אריינגעשריבען מיט דער האנד, איז מיר געווען שווער דורכצוקריכען. איך האב אויך קיין געדולד ניט געהאט דערצו, וויל נעבען מיין רעכטע זייט איז געלעגען הערר רובינשטיין טוידט און נעבען מיין לינקע זייט — זיין טאָכטער אין חלשות. נאר, וואס קען איך אייך פערזיכערן, הערר אַדוואקאַט, אז דיעזער פּאַפּיער איז דער זעלבער, וואס מיין מוטער האט דאן אבגעגעבען אָסקאַר'ן, פאַר איהר טוידט, ביי דיא אַלטע דיקסאָן.

— וואס רעכינט איהר אלזא איז דיעזער פּאַפּיער?

— איך גלויב — האט זיא געזאגט דעם אדוואקאט אין אויער — אז דאס מוז זיין דער סערטיפיקאט פון אסתר'ס געהיימע האכצייט צו אן אנדער יונגען מאן; צו אסקאַר'ן, אדער צו אן אנדערן, און הערר גרינוואלד האט דאס שפּעטער אויסגעפונען.

— איהר האט כמעט געטראָפען — האט דער אַדוואָקאט זיך ארויסגעזאַפּט כדי זיא זאל בלייבען ביי איהר מיינונג. — איהר האט כמעט געטראָפען, און יעצט בעטען מיר אייך איהר זאלט דאס האלטען בסוד.

— אה, פאַר מיר דארפט איהר קיין מורא ניט האבען; ווען מען זאגט מיר עפּעס, איז פערשלאָסען.

נאכדעם וויא מארטאַן האט וואס געזאגט שטילערהייט גרינוואלד'ן, האט דיעזער אנגענומען אלגאַ'ס האנד און האט איהר בעדאנקט מיט דיעזע ווערטער:

— איך דאנק אייך פריילין פאַר אייער פערשפּרעכונג; איך ווייס, אז איהר האט פריילין רובינשטיין צופיעל ליעב, איהר זאלט אויסזאגען דיעזע געהיימנים.

מארטאַן האט געאָטהעמט מיט צופרידענהייט. ער האט יעצט געזעהן בעשיינ־פערליך, אז אלגאַ ווייס פון קיין זאך ניט: זיא ווייס ניט, אז דער טוידטער וואס ליגט יעצט אין שלאף־צימער, איז איהר פאטער.

— איך מוז אייך פערלאסען מיינע הערען, — האט זיא געזאגט — איך מוז געהן זעהן וואס פריילין אסתר טהוט.

— דיא וועלט איז דאך ניט אזוי אונדאנקבאר וויא דיא פילאזאפען זאגען — האט בעמערקט דער אַדוואקאט — נאך דיא אלע טובות וואס פריילין רובינשטיין האט געטהאן פאר דיא עלענדע אלגאַ, צייגט זיך יעצט דיעזע פערוואגילטע יתומה זעהר דאנקבאר צו דיא יעניגע, וואס האט איהר געמאכט פאר אַ מענשען. דאנק־באַרקייט איז ווירקליך דיא שעהנסטע מעלה פון מענשען!

גרינוואלד האט גאר ניט געענטפערט; ער האט ארויסגעקוקט דורכ'ן פענ־סטער און האט נאר געטראכט פון זיין טהייערסטע אסתר וואס ליעגט יעצט קראנק. אך, ווען ער וואלט איהר געקענט העלפען!

— יעצט, הערר גרינוואלד, — האט דער אדוואקאט אונטערבראכען זיין שטיל־קייט — יעצט מוזען מיר לעזען דיא צוואה.

— נעווים.

— עס מוזען אבער דערביי זיין דריי מענשען.

— גוט; איהר, איך און דאקטאר קיננסטאן.

— טא לאמיר זיך שוין נעהמען צו דיא פאפיערן; נאר אפשר איז ער זיך מודה אין זיין צואה? צו וואס דארף דאס אלזא קיננסטאן וויסען?

— מיר מוזען אבער האבען א דריטע פערזאן — האט מארטאן געזאגט — און מיר האבען ניט וואס מורא צו האבען פאר'ן דאקטאר קיננסטאן. ער וועט דאך סאי־וויא־סאי ערפאהרען אלעס אליין פון פריילין רובינשטיין. פערגעסט ניט, אז זיא האט היץ, און זיא קען יעצט זיך אלעס ארויסרעדען. קיננסטאן וועט נעוויס שווייגען. נאר, עס טהוט מיר לייד אייך מיטצוטהיילען, אז אשקען דארף אויך וויסען דיא וואהרהייט.

— אשקען דער דעטעקטיוו?

— יא, פריינד גרינוואלד, ער מוז עס וויסען.

— ווארום דען?

— ער האט זיך איינגעבילדעט, אז דער מערדער איז האָרן, אז אזוי וויא ער זוכט שטאַרק, האב איך מורא ער וועט אליין אלעס אויסגעפינען.

— ווען מען מוז און עס איז קיין אַנדער ברירה ניטאָ, דאן איז עפּעס אנדערש. אָבער הארן אליין וועט דאס אויך וויסען — האט גרינוואלד געזאגט מיט א זיפץ.

— יא איהר זיינט גערעכט — האט דער אדוואקאט געענטפערט — וועדליג וויא איהר האט מיר דערצעהלט, האט דאך הארן בעזונדער געסטערן נאכט רובינ־שטיינען. איך וואלט זעהר נייגעריג געווען צו וויסען צו וועלכען צוועק.

— וואהרשיינליך האט ער געזעהן רובינשטיינען ווען ער האט נאכגעשפּירט אסקאר'ן יענע נאכט פון מאָרד, און עס איז ביי מיר קיין צווייפעל אז הארן האט פערלאנגט לאַ־יחרץ־געלד.

— ווער ווייס אויב האָרן האט בעקומען דאס געלד פאר'ן שווייגען — האט גרינוואלד בעמערקט.

— דאָס וועל איך באלד אויסגעפינען — האט מאָרטאָן ערוויעדעט און ער איז געגאַן עפענען דעם טוידטענ'ס טשעק־בוך.

דער טשעק־בוך איז געווען אויסגעפילט מיט קליינע געגעבענע סומען געלד, פון הונדערט ביז צוויי הונדערט פונט שטערלינג, און דער אדוואָקאַט האט ניט געקענט געפינען קיין גרויסע סומע וועלכע האָרן וואָלט פערלאנגט פאר זיין שווייגען. אבער, וויא ער איז געקומען צו ענדע פון טשעק־בוך, האט ער בעמערקט איין אב־געריסענעם טשעק און ביי דער זייט איז קיין סומע געווען פערצייכענט.

— אָט איז עס — האט ער געזאגט צו גרינוואלד'ן — ער איז ניט געווען אזא נארר צו פערצייכנען דיא סומע ביי דער זייט. נאר ער האט עס אויסגעריסען אין גאנצען. האָרן האט דא געמוזט חאפּען א שעהנע מטבעה — לאז ער עס האלטען!

דאס איז דער איינציגער מיטעל וויא ער זאל האלטען דיא צונג צווישען דיא ציינער.

— הארן האט שוין געווים איינקאסירט זיין טשעק — האט גרינוואלד געזאגט און עס קען זעהר געמאלט זיין, אז ער איז ניט מעהר אין לאנדאן.

— אויב אזוי — האט דער אדוואקאט בעמערקט — איז נאך בעסער פאר אונז; גאר איך גלויב ניט ער זאל האבען אבגערייזט פון לאנדאן און אישקען זאל עס ניט וויסען. דער דעטעקטיוו וואלט מיר געגעבען צו וויסען וועגען דעם. עס איז ביי מיר אלזא געבליעבען אז מיר מוזען דערצעהלען אישקען אלעס וואס מיר ווייסען, ווארום זאנסט וועט ער דאך אליין אויספארשען פון הארן.

— מיר מוזען אבער אויך זעהן דעם דאקטאר קינגסטאן.

— גוט, איך וועל טעלעגראפירען איהם און דעם דעטעקטיוו זיי זאלען ביידע קומען אין מיין אפיס אום 3 אוהר און מיר וועלען אלעס שטעלען אין ארדנונג.

— און אלגא? — האט גרינוואלד געפרעגט.

— אלגא ווייס דאך פון קיין זאך ניט וועגען איהרע עלטערן, און אויך רובינשטיין איז געשטארבען אונוויסענד פון דעם פאקט אז אלגא איז זיין טאכטער. ער האט איהר דאך אלזא געוויס ניט דערמאנט אין זיין צוואה.

— יא, אבער מיר מוזען אלעס אסתר'ן דערצעהלען — האט גרינוואלד געזאגט מיט א זיפץ — ווארום לויט דיא געזעץ איז דאך אלגא דיא יורש'טע פון איהר פאטער'ס רייכטהום.

— ענטשולדיגט מיר, איך בין אן אדוואקאט און איך ווייס וואס מיר האבען צו טהאן: אלעס ווענדעט זיך אן דער צוואה. ווען דארט שטעהט געשריעבען „איך לאז איבער אלעס צו מיין טאכטער אסתר רובינשטיין”, דאן קען אלגא קיינע טענות האבען, ווען זיא זאל אפילו וויסען ווער זיא איז. וואס לוינט אלזא, איהר צו דערצעהלען ווער זיא איז?

— אבער, וויא וועט זיין — האט גרינוואלד געפרעגט — אין פאל ווען אלגא'ס נאמען איז יא דערמאנט אין צוואה?

— דאן וועלען מיר איהר מוזען אלעס זאגען. אבער איך זעה ניט איין וואס איהר האט אייך אזוי צו שרעקען. עס איז ביי מיר קיין צווייפעל אז אייער כלה איז דיא יורש'טע.

— איהר האט א גרויסען טעות, הערר אדוואקאט, אויב איהר מיינט איך קימער זיך שטארק וועגען דיא געלד. זאל דאס זיין מיין לעצטע דאגה. איך נעהם אכתר'ן אפילו אהן א פעני געלד, וויא זיא שטעהט און געהט.

— איהר זייט גערעכט, פריינד גרינוואלד — האט מארטאן בעמערקט — ווען איהר וועט האבען געהייראטהעט מיט אסתר רובינשטיין, קריגט איהר עפעס בעסער וויא געלד — איהר קריגט א גאלדענע הערץ.

35טעס קאפּיטעל.

די מציאה אין פּוסטען בוים.

אונזערע חכמים האבען געזאגט, אז גליק איז גלגל החוזר בעולם „א ראָד וואס דרעהט זיך" — הייסט שמייכעלט די הצלחה צו איינעם און מאָרגען צום אנדערן. דאך, ווען איינער וואָלט געקומען מיט א יאהר פריהער צו אסתר'ן דער־צעהלען אז דער ראָד פון הצלחה וועט זיך פּלוצלונג אוועקדרעהן פון איהר און דער שלים־מזל וועט איהר ערקלערן ליעבע — וואָלט זי זיך דאָ געוויס אויסגעלאכט פון דיעזע נבואה.

— וואס פּלוידערט איהר? — וואלט זי אויסגעשריען — וויא קען דאס זיין, אז איך אסתר, א מיליאָנער'ס איינציגע טאָכטער, זאל קומען צו אזא לאגע צו ליעגען אליין אויף א קראנקען־בעט, פערגעסען פון דער וועלט, און זיך שעהמען מיט איהר אייגענעם פאָטער וואס האט געהאט אזא גרויסארטיגען נאמען ווען ער האט געלעבט?! וויא קען דאס זיין, אז איך שעהנע אסתר, פאל געזונדהייט, איך די געבענטשטע כלה פון אזא פּארשוין וויא מארקוס גרינוואלד — וויא קען איך אראָבפאַלען פון מיין טהורים גלאנץ אין א פינסטער'ן תהום פון עלענד?

יא, רובינשטיין'ס טאָכטער וואלט זיך געוויס אויסגעלאכט פון אזא שוואַרצע נבואה; אבער עס איז דאך אזוי! זי זיצט ניט מעהר אויף א בעט ראָזען און טרוימט פון ליעבע'ס גרינע אינזלען פון אייביגע יוגענד, נאר זי ליעגט אויף א בעט דערנער און רעדט פון היץ וועגען איהר טוידטע מוטער. אפילו קראנקערהייט האט זי מורא צו דערמאָנען דעם נאמען פון איהר פאָטער וואס שלאפט זיין אייביגען שלאף אין א זייט־צימער. נעבען אסתר'ס בעט איז קיין מענש ערלויבט צו שטעהן, אויסער אָלגא, און ווען דער דאקטאָר קינגסטאָן האט איהר געהערט רעדען פון היץ האט ער זיך געגעבען א טרייסעל!

— דיינע הענד זיינען פּערפלעקט מיט בלוט — האט זי געשריען פון איהר געלעגער — יא, רויטע בלוט וואס דו קענסט ניט אָבוואשען!.... אך גאָט! האב מיטלייד מיט איהם.... ניט מארקוס האט איהם ערמאָרדעט, נאר מיין.... פאָטער האט איהם געטוידטעט.... אך גאָט! גאָט!

— וואס מיינט זי אייגענטליך? — האט דער דאקטאר געפרעגט מיט שרעק.

— גאר ניט — האט אלגא געענטפערט.

קינגסטאן האט געשוויעגען, און איידער ער איז ארויס פון צימער, האט ער אנגעזאגט אָלגא'ן זי זאל קיינעם ניט צולאזען צו אסתר'ס בעט.

— איהר מעגט אייך דארויף פערלאזען, דאָקטאָר — האט זי איהם ערוויע־דערט און האט איהם דורכגעלאזען דורכ'ן טהיר.

ווען דער דאָקטאָר קינגסטאָן איז געקומען בײ זיך, האט ער געפונען מאַרטאָן'ס טעלעגראמע וואס האט איהם זעהר איבערראשט. ער איז נאך מעהר איבערראשט געוואָרען ווען ער איז אנגעקומען ביי דעם אדוואָקאט אין אָפיס וואו ער האט איהם געפונען צוזאמען מיט גרינוואלד'ן און מיט נאך א פערזאן וואס ער האט קיין מאָל

ניט געזעהען. מאַרטאָן האָט דיעזען פרעמדען פאַרגעשטעלט פאַר'ן דאָקטאָר מיט דיעזע ווערטער:

— העכר אשקען, פון די לאָנדאָנער געהיים־פּאָליציי!

קיננסטאָן האט נאַר ניט געקענט קלוג ווערן, וואס האט דא יעצט צו טהאָן א דעטעקטיוו. ער האט אבער קיין בעמערקונג געמאכט; ער האט זיך געזעצט און האט זיך פאַרבערייטעט צו הערען. מאַרטאָן האט פערשלאָסען דיא טהיר פון אַפּיס און האט זיין פלאַץ גענומען מיט דיעזע ווערטער:

— ערשטענס, דאָקטאָר, האב איך אייך מיטצוטהיילען אז איהר זייט איינער פון דיא דריי, וואס האבען צו שאפען איבער דיא צוואה פון רובינשטיין, זיא זאל פינקטליך דורכגעפיהרט ווערן וויא דער בר־מינן האט עס פערלאַנגט. דיא אנדערע צוויי זיינען הערר גרינוואלד און איך. דאס איז דיא אורזאכע ווארום איך האב אייך טעלעגראפיש בעצווינגען אהער.

— זעהר שעהן — האט דער דאָקטאָר געמורמעלט מיט אן עדלען טאָן.

— יעצט — האט דער אדוואָקאט ווייטער געזאגט — האבען מיר עפּעס אנ־דערס צו רעדען: געדענקט איהר דעם מאָרד אין שפאציר־וואַגען וואס האט מיט אייניגע מאָנאט צוריק געמאכט אזא געפילדער אין לאָנדאָן?

— א שאלה אויב איך געדענק! נאָר, איך זעה ניט איין וואס האט דיעזע פערשלאָסענע טראגעדיע צו טהאן מיט דיא צוואה?

— מיט דיעזע צוואה האט דאָס גאָר ניט צו טהאָן, דאָקטאָר — האט מאַר־טאָן געענטפערט מיט אן ערנסטען טאָן — נאָר, איהר דארפט וויסען אז רובינשטיין איז געווען פערפלאָנטערט אין דיעזע טראגעדיע.

דער דאָקטאָר קיננסטאָן האט זיך באלד דערמאנט דיא ווערטער וואס אסתר האט גערעדט פון היץ. נאך א מינוט איבערלעגונג האט ער געזאגט צום אדוואָקאט:

— אבער איך פערשטעה אייך אלץ ניט; וואס מיינט איהר מיט דיא ווער־טער: רובינשטיין איז געווען פערפלאָנטערט אין דיא טראגעדיע? וויא אזוי דען?

— דאס קען איך אייך פּאָרלויפיג ניט זאגען איידער מיר האבען געלעזען זיין צוואה, וויא אויך זיין „וויכטיגע בעקאנטמאכונג" וויא ער האט אליין אנגע־שריעבען אויפ'ן קאָנווערט.

— וואס טהוט זיך דאָ? וואָס הער איך? — האט זיך אשקען ארויסגעהאפּט מיט אונגעדולד.

— יא הערר אשקען, עס איז אומויסט וואס איהר יאָגט זיך נאך האַרן, ניט ער איז דער מערדער פון אסקאר וולאדימיראָוויטש, נאָר....

— ווער?

— זיין נאמען איז אראָן רובינשטיין!

אשקען האט געגעבען ניט ווילענדיג א לאַך.

— עס הייבט זיך גאָר ניט אן! — האט ער געזאגט — און האט ווייטער געלאַכט.

דער דאָקטאָר האט אוועקגערוקט זיין שטוהל, האט אויסגעשריען מיט צאָרן:

— דאס איז א ניעדערטרעכטיגע בעליידיגונג! איך קען ניט איינזיצען און הערן וויא מען בעליידיגט דאָ מיין טוידטען פריינד.

— עס איז אָבער ליידער וואהר — האט גרינוואַלד זיך אריינגעמישט.

— וויא קענט איהר זאָגען? און איהר שעהמט אייך ניט צו נעהמען א מערדער'ס טאָכטער?

— וואס טויג דיעזע אלע טענות? — האט מאַרטאַן זיי איבערגעשלאגען — לאָמיר צוערשט לעזען רובינשטיינ'ס „ווירכטיגע בעקאַנטמאַכונג".

— אבער, וואס האט דא צו טהאן א דעטעקטיוו? — האט דער דאָקטאָר ווידער געשטורימט מיט א שטאָלצען טאָן וואס איז געווען מעהר גראָבאַרטיג וויא גרויסאַרטיג.

— דער דעטעקטיוו דאַרף וויסען ווער דער מערדער איז, כדי ער זאל ניט מאכען בלבולים אויף אונשולדיגע מענשען.

— און איך גאַראַנטיר אייך אז איך וועל ארעטירען דעם ריכטיגען מערדער — האט אשקען געזאגט.

— ער איז דאָך טוידט — האט גרינוואַלד איהם ערוויעדערט.

— וואס מיר טוידט, ווער מיר טוידט! — האט אשקען זיך צולאכט מיט א סאטירישען טאָן — דער איינציגער, ריכטיגער, וואהרער מערדער פון אָסקאַר'ן איז קיין אנדערער וויא האַרן!

— זעהט איהר, אָט אזוי קלינגט שוין בעסער און לייגט זיך מעהר אויפ'ן שכל — האט קינגסטאָן געזאגט.

— ענטשולדיגט מיר, דאָקטאָר — האט זיך מאַרטאַן אָבגערופען אויפגערעגט — איין נאָר ווייס אז איך וויל איבערלאָזען רובינשטיינען זיין גוטען נאָמען וואס ער האט אימער געהאט, און דאַרום האָבען מיר זיך דא אלע פערזאמעלט. איך וועל אייך פאָרלעזען זיין „ווירכטיגע בעקאַנטמאַכונג", און ווען איהר וועט האָבען אויסגעהערט דיא וואהרהייט, וויל איך אז דאס זאל בלייבען צווישען אונז, וואָרום וויא באַלד רובינשטיין איז שוין סאַי-וויא-סאַי טוידט, האט דאָך דיא גערעכטיגקייט נאָר ניט צו געווינען ווען מען וועט דאס וויסען. איך ווייס גאַנץ גוט, הערר אשקען, אז איהר זייט גענוי איבערצייגט וואס איהר זאָגט — איהר דאַרפט אָבער ניט פערגעסען אז איך רעד אויך ניט פון וועג.

— דא האט זיך מאַרטאַן צוהיצט, האט ארויסגענומען דיא פּאַפּירען און האט געזאגט צום דעטעקטיוו:

— איהר זאָלט וויסען זיין אז רובינשטיין איז געשטאָרבען מיט דיעזען פּאַפּיער אין האַנד — דער האָכצייט סערטיפיקאַט צווישען רובינשטיין און וויקטאָריא אגינסקי, דיא פרוי וואס איז געשטאָרבען ביי דיא אַלטע דיקסאָן!

אשקען פלעגט זיך במעט ניעמאלס וואונדערן אויף קיין זאַך, אָבער יעצט האט ער זיך ניט געקענט איינהאַלטען, און ער איז געבליעבען זיצען אָהן לשון.

(Oginsky, 11).

— און וואס איז נאך מעהר — האט מארטאן ווייטער גערעדט — הארן האט בעזוכט רובינשטיינען פארגעסטערן אבענד און האט פון איהם ארויסגעקראגען א געוויסע סומע לאַ־יחרין־געלד.

— וואס ! — האט אשקען אויסגעשריען.

— יא, הארן האט געוויס געזעהן דאמאלס דיא גאנצע טראגעדיע, און עס איז קיין וואונדער וואס ער האט געפאדערט פון מערדער שוויג־געלד.

— דאס וואס איהר דערצעהלט מיר יעצט — האט אשקען געזאגט קנייצענדיג זיין ברייטען שטערן — איז ווירקליך פאר מיר א רעטענעס ; אבער, ווארום האט הארן אזוי לאנג געווארט ?

— דאס ווייס איך ניט — האט מאַרטאַן ערווידערט — דאס אלעס וועלען מיר מן־הסתם געפינען ערקלערט אין דיא „וויכטיגע בעקאנטמאכונג“.

— לאָמיר אלזא קיין צייט פערליערן און לעזען דיעזע „בעקאנטמאכונג“ — האט קיננסמאַן געזאגט מיט אונגעדולד.

— ווארט א קליינע ווילע מיט׳ן לעזען — איז אשקען ארויסגעשפרונגען און האט ארויסגעשלעפט פון אונטער זיין שטוהל א בינטעל וואס ער האט מיטגעבראכט.

אשקען האט עס אויפגעבונדען, האט ארויסגענומען א העלען איבער־ציהער, שטארק פערפלעקט.

— וועמעס איז דאס ? — האט מאַרטאַן געפרעגט.

— אָסקאַר׳ס.

— וואס ! איז דאס דער ראָק פון אָסקאַר וואָס....

— יא — האט אשקען אונטערבראָכען — דאס איז אָסקאַר׳ס, און איך האב עס געפונען אין איסט־ענד־פאַרק בעהאלטען אונטער א בוים.

— וואָס הייסט אונטער א בוים ?

— קענט איהר דען ניט דעם „פוסטען בוים“ וואס שטעהט נעבען דשאָרדש סטריט ? דארט איז געלעגען אָסקאַר׳ס ראָק.

— אָבער, וויא פאלט איהר אויס דארין צו זוכען ?

— איך האב שוין דאָרט מעהר וויא איין מאל געזוכט און געפונען פערשטעקט פערשיעדענע גניבות.

אלע האבען געשוויגען, אשקען האט ארויסגענומען פון טאשע פון העלען איבערציהער א פלעשעלע און האט אויסגעשריען :

— דאס האב איך אויך געפונען. וויא איהר זעהט, דאָס איז דיא כלאָראָפאָרם־פלעשיל וואָס מען האט אזוי פיעל געזוכט. אזוי וויא דער נאמען פון אפטייקער איז אויפ׳ן פלעשיל, בין איך באלד געגאנגען אין אפטייק פרעגען ווער דאס האט געקויפט. יעצט, ווער, מיינט איהר, האט עס געקויפט ?

— געוויס רובינשטיין — האט מאַרטאַן געזאגט.

— ניין, הארן האט דאס געמוזט קויפען — האט דער דאָקטאָר קינגסמאַן ארויסגעשאָסען.

— נים דער און נים יענער — האט אשקען געזאגט לאכענדיג — דיזע פלע־שיל כלאראפארם האט געקויפט קיין אנדערער וויא אסקאר וולאדימיראוויטש אליין.

— ער אליין! — האט גרינוואלד אויסגעשריען פערוואונדערט מיט אלעמען צו גלייך.

— יא, ער אליין, און דאס איז מיר געווען זעהר לייכט אויסצוגעפינען.

— וויא אזוי?

— דאס האב איך צו פערדאנקען לארד ביקאנספיעלד׳ס געזעץ וואס הייסט „Poisons Act“: יעדע גיפט וואס מען קויפט אין אן אפטייק, מוז ווערן איינגעשריבען דעמזעלבען טאג ווער דער קויפער איז. איך האב אנגעגעבען דעם אפטייקער, אונגע־פעהר דעם טאג וואס מען האט דאס געקענט קויפען, און ער האט באלד געפונען אין בוך פערשריעבען דעם נאמען פון קויפער — אסקאר וולאדימיראוויטש.

— און צו וועלכען צוועק האט ער דאס געקויפט? — האט דער דאקטאר קיננסטאן געפרעגט.

— דאס ווייס איך נים; איך קען אייך נאר אזוי פיעל זאגען, אין אפטייקער׳ס בוך שטעהט פערשריעבען אז דאס איז געקויפט געווארען צו א מעדיצינישען צוועק.

— דיא געזעץ פערלאנגט אבער אן עדות — האט מארטאן געשמייכעלט — ווער איז דענן דער עדות? ווער האט איהם געזעהן קויפען דיא קלאראפארם?

— הארן!

— נו, וואס איז? האט גרינוואלד געפרעגט.

— נאטירליך, אזוי וויא הארן האט געוואוסט אז אסקאר טראגט מיט זיך קלאראפארם, איז ער איהם נאכגעגאנגען און האט איהם ערמארדעט.

— אייערע בעווייזע שטעהן אויף היהנערשע פיסלאך — האט דער אדוואקאט געזאגט מיט א סאטירישען טאן — אין פאל ווען הארן האט ערמארדעט אסקאר׳ן, טא ווארום איז ער געגאנגען בעזוכען רובינשטיינען?

— וואס טויג מיר אייערע פראגעס? איך קען אייך אויך פרעגען: וויא קומט אסקאר׳ס העלער איבער־ציהער אין פוסטען בוים, און דיא קלאראפארם־פלעשיל אינווייניג? דאכצעך פארן מארד האט דאך הארן געהאלטען דעם ערמארדעטען׳ס ראק, וויא ער האט אליין דערצעהלט אין געריכט.

— עס קען זיין אז הארן האט אויך געהאט א האנד אין דיזען מארד — איז מארטאן געפאלען אויף א פלאן.

— אבער וואס טויג אונז דיזע שטרייטעריי? — האט זיך דער דאקטאר צו־בייזערט — לעזט דאך רובינשטיינ׳ס „וויכטיגע בעקאנטמאכונג“ און דערנאך וועט איהר צייט האבען צו שטרייטען.

אלע פיער האבען זיך ארומגעזעצט ארום טיש און מארטאן האט אנגעפאנגען לעזען מיט זיין שעהנע קלינגענדע שטימע.

36טעס קאפּיטעל.

„מיין וויכטיגע בעקאַנטמאַכונג“.

אונטער דיעזען טיטול האט דער דאָקומענט האט געלויטעט אזוי:

„דאס וואס איך געה יעצט שרייבען, האט צו טהאן מיט דעם מאָרד אין „שפּאציר־וואָגען וואס האט געטראָפען אין לאָנדאָן דעם 27 יולי ....18. איך בין „שולדיג דער וועלט אן ערקלערונג, און איבערהויפּט גרינוואלד'ן וואס איז אומזיסט „בעשולדיגט געוועזען מיט דיעזע רציחה. נאָר, איידער איך קום צו דיא טראַגעדיע, „מוז איך דערצעהלען אביסעל פון מיין יוגענד, אויך צו וועיזען דער וועלט וויא אזוי „פערשיעדענע געלעגענהייטען האבען געבראַכט צו דיעזען מאָרד.

„איין זאך פערלאַנג איך: אין פאל ווען דיא גערעכטיגקייט פון מיין לאנד קען „געפינען א שטיקעל נוץ אין מיין „ערקלערונג“, זאל מען דאס וועניגסטענס ניט פער־„עפענטליכען, ווייל דאס וועט קיינעם קיין גוטעס טהאן, בלויז מיין טאָכטער'ס נאָמען „וועט פערפלעקט ווערן.

„איך בין אנגעקומען אין לאָנדאָן אין יאָהר ....18 און איך האב שווער גע־„ארבייט ביי רעגען־מאנטלען. איך האב זעהר שפּאָרזאם געלעבט, און אין א צייט „פון דריי יאָהר, האב איך אבגעלעגט א רעכט ביסעל געלד. ווען מיר זעהן אז איינער „איז זעהר רייך, זאלען מיר ניעמאלס פרעגען וואו האט ער גענומען זיינע מיליאָנען? „נאָר: וואו האט ער גענומען זיין ערשטען מיליאָן. פון איין מיליאָן מאכען א סך „מיליאָנען איז שוין קיין קונסט. דאס זעלבע איז געוועזען מיט מיר: עס איז מיר שווער „געוועזען צו האבען מיינע ערשטע הונדערט פונט שטערלינג. וויא־נאָר איך האב דאס „געהאט, איז מיין הצלחה געוואקסען וויא אויף הייוועז. איך בין געוואָרען מיט דער „צייט „פאָרמען“ אין א פאבריק, און איך האב ענדליך געעפענט מיט א שותף א „א רעגען־מאנטעל לאדען. מיינע גאָלדענע צייטען האבען זיך באלד אנגעפאנגען, און „איך האב אָנגעפאנגען רייך ווערן דורך דיעזען געשעפט, וויא אויך דורך אנדערע „זייטיגע שפּעקולאציאָנען וואס אָרדענטליכקייט ערלויבט.

„איך ביך דאָן ניט געוועזען קיין פרויען־יעגער וויא מאנכע אנדערע רייכע יונגע „לייט וואָס פערשווענדען אלעס אויף פרויען; אבער קיין „יוסף הצדיק“ בין איך אויך „ניט געוועזען, און ניט איך וואלט איבערגעלאָזען מיין מאנטעל אין דיא הענד פון „פוטיפר'ס ווייב. עס זאל אלזאָ קיין וואונדער ניט זיין וואס איך האב דאן בעקאנט־„שאפט געמאכט מיט וויקטאָריא אָגינסקי, — דיעזע פרוי וואס האט שפּעטער פער־„ביטערט מיין לעבען. זיא איז געוועזען א טענצערקע אין א פאָלקס־טהעאטער, און „אלע יונגע לייט פון לאָנדאָן האבען איהר פערגעטערט — זיא איז געוועזן דער יצר־„הרע אליין!

„אזוי וויא איך האב גערעט זעהר גוט איהר מוטער־שפּראך, פּאָלניש, און „אזוי וויא איך אליין שטאַם כמעט פון דיא זעלבע געגענד וויא זיא, האט זיא באלד „געצייגט צו מיר א גרויסע פריינדשאפט.

„דעם מענשען'ס פלייש איז שוואך, און אויפ'ן שוועל פון ליעבע שטעלט זיך

„אפּ דער פּערשטאנד! דיעזער פּאל איז געווען מיט מיר. וויקטאָריא האט מיר
„צוגעצויגען מיט אזא מאַגנעטישע קראַפט, אז זיא האט געקענט טהאן מיט מיר
„וואס זיא האט׳ געוואָלט: זיא האט געוואָלט הייסען מאדאם רובינשטיין, און איהר
„וואונש איז ערפילט געווארען: דיא גאנצע זאך איז צוגעגאנגען בשתיקה, מיינע
„פריינד זאלען זיך דערפון ניט געוואהר ווערן און מיטטהיילען מיינע עלטערין אין
„טעלז, קאָוונער גובערניע.

„א קורצע צייט נאך אונזער אונגליקליכע חתונה, האט זיא זיך פערוואָלט
„ווידער געהן טאנצען אין א טהעאַטער; איך האב עס אבער ניט ערלויבט, און
„זייט דאן איז זיא געוואָרען פרעמד פון מיר. איך האב באלד איינגעזעהן וואס פאר
„א פאַלשען טריט איך האב געמאכט. ענדליך, מיר זיינען אזוי געווארען פערפרעמ=
„דעט, ביז זיא איז איין טאג ענטלאָפען פון מיר מיט אן אקטיאָר. זיא האט מיר
„איבערגעלאזען א בריעף אז זיא האט מיר ניעמאלס געליעבט, נאר זיא האט מיר
„געהייראַטעט בלויז פאר מיין געלד. איידער זיא איז אוועק האט זיא מיר געבאָרען
„א טאָכטער וואס זיא האט מיטגענומען צוריק אין רוסלאנד.

„וויקטאָריא׳ס האנדלונג געגען מיר האט מיר ארויסגעבראכט אין גאנצען פון
„געדולד, אבער מיינע פריינדע האבען מיר געטרייסט אז עס איז ניטאָ נאך וועמען
„צו קלאגען, מען קריעגט אזעלכע סחורות געגנוג. דאס האט אבער אלעס ניט גע=
„האָלפען, דען מיינע פריינדע האבען ניט געוואוסט אז וויקטאָריא איז געווען מיין
„געזעצליכע ווייב. זיי האבען געמיינט אז זיא איז נאר געווען מיין מאַטרעסע. בקצור,
„איך בין אזוי אומגעגאנגען פערטרויערט, ביז איך האב געטראָפען א מלאך וואָס
„האט מיר מיין לעבען פערזיסט. דיעזער ענגעל איז געווען דיא טאָכטער פון א
„האָלענדער רייכען אידען. איך האב איהר ליעבע ערקלערט, און איהר „יא“ איז
„געווען א געמליכע זאלב צו דיא וואונדען פון מיין זעעלע. מיר האבען זיך פער=
„לאָבט, און איך האב מורא געהאט? מאכען וייטערע טריט, ווייל איך האב געוואוסט
„דאס איך בין נאך ניט לויז פון יענע מרשעת.

„אזוי האב איך געווארט און געוואָרט. איז איך האב זיך ענדליך דער=
„וואָרט: איך האב ערפאהרען אין 15 מאָנאט ארום פון מיינעם א גוטען פריינד, אז
„וויקטאָריא איז ניט מעהר אין רוסלאנד, נאר אין אמעריקא וואו זיא שפּיעלט אין
„א טהעאַטער פון דער בויערי. מיט 4 מאָנאט שפּעטער האב איך ערהאלטען פון
„זעלבען גוטען פריינד א בריעף, אז וויקטאָריא איז געשטארבען אין ניו=יאָרק, אין
„גאָווערנער=האָספּיטאל. מיין גוטער פריינד האט אויך אריינגעלעגט אין בריעף א
„שטיקעל אויסגעשניטענע צייטונג פון New-York Herald וואו עס איז געווען בע=
„שריעבען געניי „דיא לעצטע שטונדע פון א בורלעסקע אקטריצע“.

„דא האב איך ענדליך אָבגעאָטהימט! איך האב זיך ווידער געפיהלט פריי
„און איך בין געווען אויסער זיך פון פרייד וואס איך קען ענדליך אריבערמישען דיא
„שווארצע בלעטיל פון מיין ביאָגראפיע.

„איך האב אנגעפאנגען צו דענקען ערנסט פון מיין צוקונפט, און איך האב
„באלד געהייראַטעט דיא יודישע טאָכטער פון דעם האָלענדער קויפמאן. דיעזע

„האכציים האט פאר מיר נאך מעהר געעפענט דעם טעמפעל פון גליק, און דיא זון „פון הצלחה האט געשמייכעלט אויף מיין געצעלט.

„ווען מיין טהייערע אסתר איז געבארען געווארען, האב איך געפיהלט אז מיין „פאלער בעכער האניג איז רייכער געווארען מיט נאך א טראפען. אבער, עס האט „ניט גענומען קיין לאנגע צייט, ביז אין מיין בעכער האניג איז אריינגעפאלען א „טראפען ניפט. מיין פרוי איז געשטארבען און האט איבערגעלאזען מיין פינף־יעהריגע „אסתר א יתומה!

„דיא יאהרען האבען זיך אוועקגעגליטש איינע נאך דיא אנדערע, און דיא „הצלחה האט אזוי געשמייכעלט צו מיר ביז איך בין געווארען איינער פון לאנדאנ'ס „גרעסטע פאבריקאנטען אין רעגען־מאנטלען. מיין טאכטער איז אונטערגעוואקסען, „און איך האב אנגעפאנגען זוכען פאר איהר א פאסענדען חתן. פלוצלונג האט מיר „גאט צוגעשיקט אין הויז אן עדעלן יודישען יונגען מאן, פון א רייכע האלענדער „פאמיליע און ער האט זיך פערליעבט אין מיין טאכטער. זיין נאמען איז מארקוס „גרינוואלד.

„איך האב שוין געהאט אנגעפאנגען צו מאכען הכנות צו זייער חתונה, ווען „פלוצלונג האט זיך אריינגעמישט דער שטן!

„א רוסישער יונגער מאן, א קריסט, מיט דעם נאמען אסקאר וולאדימיראוויטש „איז אנגעקומען פון ניו־יארק, האט מיר בעזוכט און האט מיר איבערראשט מיט „דיא שרעקליכע נייעס אז מיין ערשטע פרוי, וויקטאריא אגינסקי, לעבט נאך, און „דיא געשיכטע פון איהר טוידט איז געווען אן אויסגעטראכטע זאך. זיא האט „ווירקליך געהאלטען ביים שטארבען, אבער זיא איז געזונד געווארען, און דיא ניו־ „יארקער צייטונגען וואס זיינען כמעט אלע זעהר שלעכט בעריכטעט, האבען זיך „אביסעל צו גיך אונטערגעאיילט צו זאגען „קדיש" אויף א געפאלענע אקטריסע. „אסקאר האט זיך מיט איהר געטראפען אין ניו־יארק וואו זיי זיינען ביידע גוט בע־ „קאנט געווארען. ער האט געהאט אויף איהר א גרויסען איינפלוס, און זיא האט „איהם דערצעהלט איהר גאנצע פערגאנגענהייט.

„וויא אסקאר האט איינגעזעהן אז דיא טהעאטערע האבען מעהר קיין פלאץ „פאר זיין נקיבה וויקטאריא, און מען זוכט איננערע טענצערקעס — האט ער איהר „געראטהען זיי זאלען ביידע פאהרען נאך לאנדאן מעלקען געלד פון איהר ערשטען „מאן. און אזוי איז טאקע געווען: אסקאר האט זיך בעוויזען ביי מיר און האט צו „מיר געזאגט:

— „העדר רובינשטיין! איך האב ביי מיר אין טאשע דיא געהיימניס פון „אייער לעבען. איך בין דא אין לאנדאן מיט אייער ערשטע ווייב. מיר זיינען אויף „גרויסע צרות. גיט אונז דיא „פותיקי".

„איך האב איינגעוויליגט איהם צו געבען א גרויסע סומע געלד פאר וויקטא־ „ריאן און האב פערלאנגט, אז זיא אליין זאל קיין מאל מיין שוועל ניט בעטרעטען. „אסקאר האט זיך בעוויזען א צווייטען מאל, וואס ווידער פערלאנגט געלד און „נאך עפעס וואס איז מעהר וויא געלד! ער האט געוואלט מיין אסתר'ן

„פּאַר אַ ווייב! נאַטירליך, האב איך איהם באַלד אָבגעזאָגט. אָבער, ער האט
„געזאָגט אַז ווען נִיט, וועט ער בעקאַנט מאַכען מיין גאַנצע פערגאַנגענהייט און
„לאָנדאָן וועט וויסען אַז איך האב געהייראַטעט אַ צווייטע פרוי אויף מיין ערשטע,
„און בכן איז מיין אסתר קיין געזעצליכע טאָכטער. איך האב זיך שטאַרק געשראָקען
„און איך האב איינגעווילִיגט אַז ער זאָל מיין אסתר'ן ליעבע ערקלערן. זיא האט אָבער
„פון איהם נִיט געוואָלט וויסען, און זיא האט מיר געזאָגט אַז עס איז אומזיסט
„אָסקאַר'ס מיהע — זיא וויל איהם נִיט, ווייל זיא האט אַ חתן — מאַרקוס גרינוואַלד.

„יענע נאַכט ווען דער מאָרד איז געשעהן, האט אָסקאַר מיר ווידער בעזוכט,
„האט מיר געצייגט דעם הייראַטה'ס סערטיפיקאַט צווישען מיר און וויקטאָריאַ'ן,
„און האט מיר געזאָגט אַז ער וועט עס געווים פערעפענטליכען אין דיא צייטונגען,
„אין פאַל ווען ער קריעגט נִיט אסתר'ן פאַר אַ ווייב. ער איז געוועזען אין איהר אַזוי
„פערליעבט אַז ער האט איינגעווילִיגט אַפילו צו ווערן אַ איד און אַלע פונקטען וואָס
„מיין רעליגיאָן אָדער צערעמאָניע פערלאַנגט.

„איך האב זיך ביי איהם געבעטען, ער זאָל נאָך אָבהאַלטען אַ טאָג אָדער
„צוויי מיט זיין שרעקליכען פּלאַן, ביז איך וועל זיך איבערלעגען וואָס איך האב צו
„טהאָן. ער איז אַוועקגעגאַנגען און האט דעם פּאַפּיער מיטגענומען מיט זיך. איך
„בין געבליעבען פערצווייפעלט און האב גאָר נִיט געוואוסט וואָס צו טהאָן. איך האב
„זיך בערעכענט, אַז דער איינציגער וועג פאַר מיר איז: איך זאָל אַרויסקריעגען פון
„איהם דעם פּאַפּיער וואָס קען מיר אונגליקליך מאַכען, און אַלעס אָבלייקענען.

„מיט דיעזען געדאַנק, בין איך איהם נאָכגעגאַנגען פון הינטען ער זאָל מיר
„נִיט זעהן, און איך האב געזעהן וויא ער און האַרן זייגען אַריין אין אַ וויין-האַנדלונג,
„אין ראָסעל סטריט. ווען אָסקאַר איז אַרויסגעקומען, האַלב נאָך צוועלף אוהר אין
„דער נאַכט, איז ער געוועזען אַזוי שכור אַז ער האט אויף דיא פיס נִיט געקענט איינ-
„שטעהן. איך בין איהם נאָכגעגאַנגען ביז דיא „סקאָטש קירכע", און איך האב
„געהעכענט אַז יעצט איז דיא בעסטע צייט אַרויסצוקריעגען פון איהם מיין פּאַפּיער.
„ער איז דאָך אַזוי שכור! איך בין שוין געוועזען פערטיג עס צו טהאָן, ווען איך האב
„פּלוצלונג דערזעהן אַ מאַן מיט אַ העלען איבערציהער וואָס קומט מיר ענטקעגען —
„דיעזער יונגער מאַן איז געוועזען מאַרקוס גרינוואַלד!

„איך האב זיך אומגעקעהרט אַ היים מיט לעדיגע הענד און מיט אַ בלוטיגע
„הערץ, און איך האב געוואַרט אויף מאָרגען. אפשר וועל איך מאָרגען קענען אַרויס-
„קריעגען פון איהם מיין האָכצייט'ס סערטיפיקאַט. ער איז אָבער נִיט געקומען. איך
„האב געוואַרט איבער-מאָרגען, און ער איז אויך נִיט געקומען. איך האב אַלץ גע-
„וואַרט ביז איך האב ערפאַהרען אַז ער, אָסקאַר איז ערמאָרדעט געוואָרען אין
„שפּאַציר-וואָגען.

„איך האב זיך ווידער געשראָקען. אפשר וועט מען געפינען אין זיין טאַשע
„דעם פּאַפּיער. אָבער, אַזוי וויא איך האב געהערט זי מען האט קיינע פּאַפּירן
„געפונען ביי דעם ערמאָרדעטען, האב איך אָנגעהויבען שטאַרק זיך וואונדערן וואָרום
„דער סערטיפיקאַט איז נִיט אַריינגעפאַלען אין דיא הענד פון דער פּאָליציי, און

„ווארום דיא צייטונגען שווייגען דעריבער. עס איז ביי מיר געבליעבען אז דער מער־
„דער, אבי ווער ער איז, האט דאס געוויס ארויסגענומען פון זיין טאשע, און ער
„וועט זיך מן־הסתם באלד בעוויזען, צו ציהען פון מיר געלד. וויא גרינוואלד איז ארעס־
„טירט געוואָרען און דער נאך פריי געשפּראָכען, האב איך שוין געמיינט אז דער
„סערטיפיקאט האט זיך פערלאָרען און עס איז געקומען אן ענד צו מיינע צרות;
„אָבער דער שלים־מזל האט מיר ניט געוואָלט אָבלאָזען, דען מיט צוויי נעכט צוריק
„איז געקומען ביי מיר אין הויז הארן, אָסקאַר'ס גוטער פריינד, און האט מיר אנגע־
„באָטען צו קויפען פון איהם דעם האָבצייט'ס סערטיפיקאט פאר פינף טויזענד פונט
„שטערלינג. איך בין געווארען א צוטיטערטער און האב איהם בעשולדיגט אז ער
„האט ערמאָרדעט אָסקאַרן. אין אנפאנג האט ער געלייקנט, ער האט זיך אבער
„דערנאך מודה געווען פאר מיר אז ער איז טאקע דער מערדער און ער האט מיר
„געווארינט, אין פאל ווען איך וועל ניט שווייגען, וועט עס מיר טהייער קאסטען.

„איך האב איהם ענדליך פערשפּראָכען צו שווייגען אבי ער זאל אויך שווייגען,
„און איך האב איהם געגעבען דיא פערלאנגטע סומע געלד פאר'ן סערטיפיקאט וואָס
„ער האט מיר אבגעגעבען אין האנד.

„איך שרייב דיעזע ערקלערונג כדי דיא וועלט זאל וויסען, נאך מיין טוידט,
„דיא וואהרע געשיכטע פון דיא טראגעדיע אין שפּאציר־וואָגען, און מען זאל חלילה
„ניט ווידער ארעסטירען אן אונשולדיגען. איך רעכין אז הארן וועט בלייבען אונ־
„בעשטראפט וויל ער האט מיר פערשפּראָכען אז ער וועט באלד פערלאסען ענגלאנד.

„אין דעמזעלבען קאָנווערט וואו איך לעג אריין דיעזע „וויכטיגע בעקאנטמאַ־
„כונג", לעג איך אויך אריין מיין האָבצייט'ס סערטיפיקאט, כדי מען זאל זעהן דיא
„וואהרהייט פון מיין געשיכטע. איך בעט אום פערצייהונג ביי מיין טאָכטער אסתר
„פאר דיא זינד וואָס איך האב בעגאנגען אין דער יוגענד, און דורך וועלכע זיא
„ליידעט יעצט אזוי פיעל. עס איז אן אלט פראַקטישער שפּריכוואָרט „אבות
„אכלו בסר ושני בנים תקהינה" דיא עלטערין האבען געגעסען אונצייטיגע
„פרוכט און דיא קינדער מוזען דעריבער ליידען אויף דיא צייהנער".

37טעס קאַפּיטעל.

דיא האנד' פון גערעכטיגקייט.

מאַרטאָן'ס שטימע איז שוואך געוואָרען ווען ער איז געקומען צו דיא לעצטע טרויעריגע ווערטער פון דאָקומענט. נאכדעם וויא ער האט עס געענדיגט לעזען, האט ער עס ארויפגעלעגט אויפ'ן טיש און אין צימער האט געהערשט א טוידטע שטיל־קייט. גרינוואלד האט דיא שטילקייט אונטערבראָכען מיט דיעזע בעמערקונג:

— גאָט צו דאנקען, וואס ער איז אונשולדיג געווען פון דיעזען מאָרד.

— יא — האט דער אדוואָקאט צוגעשטימט — דער רעטענעס איז קלאהר געוואָרען, און דיא טראגעדיע פון שפּאציר־וואָגען האט געזאגט איהר לעצטען וואָרט.

— אבער, איך האב אייך פאָראויסגעזאגט אז עס קען ניט זיין רובינשטיין זאל האבען בעגאנגען אזא פערברעכען — איז קינגסטאן ארויסגעשפּרונגען.

אשקען האט איינגעהערט דיעזען געשפרעך זעהר קאלט-בלוטיג, און האט נאר ארויסגעזאגט דיעזע ווערטער:

— זעהט איהר אז איך בין גערעכט געווען! איך גאה שוין ארעטירען האַרן אלס מערדער.

— דאס איז זעהר ריכטיג; אבער האַרן וועט דאך אלעס אויסזאגען, און אסתר וועט וויסען פון אלעס, ארימע אסתר! — האט מאַרטאַן געזאַגט.

— עס מאכט ניט אויס — האט גרינוואלד ערוויעדערט — זא באלד זיא וועט געזונד ווערן, וועל איך מיט איהר הייראטהען, און מיר וועלען פערלאַזען ענגלאנד אויף אייביג.

— אבער, ווער ווייס אויב האַרן איז נאך אין לאָנדאָן? אפשר האט ער שוין ענגלאנד אין גאנצען פערלאסען? — האט מאַרטאַן בעמערקט.

— איך גלויב ניט — האט אשקען געזאגט מיט א שמייכעל — איך האב אן אויג אויף איהם זייט צוויי מאָנאַט, און אין דיעזע ווייל וואס מיר זיצען דא, געהט מען דעם „בחור" נאך. ער קען זיך ניט ריהרען וואו זיינע „נאכגעהערס" זאלען ניט וויסען.

— אויב אזוי — האט זיך מאַרטאַן ארויסגעכאפט — קענט איהר מיר ניט זאגען אויב האַרן איז שוין געווען אין באנק איינקאַסירען רובינשטיינ'ס טשעק אויף דיא פינף טויזענד פונט שטערלינג?

— יא, האַרן איז געווען אין זיין באנק געסטערן נאכמיטאג — דאס איז פונקט אויף מאָרגען ווען ער האט דעם טשעק געקראָגען. אזוי וויא דאס איז א גרויסע סומע געלד, האט ער עס אין זיין באנק ניט געקענט איינקאַסירען און מען האט עס אָבגעשיקט אין רובינשטיינ'ס באנק וואו עס קען ניט איינקאַסירט ווערן ביז אויף מאָרגען. נאטירליך, אזוי וויא רובינשטיין איז דערווייל געשטאָרבען, וועט האַרן גע-ווים היינט אויך ניט קריעגען זיין געלד. דיא באנק וועט איהם ענטפערן אז אזא גרויסע סומע האט יעצט צו טהאן מיט דיא יורשים.

— איך וואלט וועלען וויסען וואס האַרן וועט טהאן, ווען מען וועט איהם ניט געבען? — האט דער דאָקטאָר קינגסטאָן געזאגט.

— וואס קען ער אנדערש מהאן וויא זיך בייזערן און אַנזידלען דעם דירעק-טאָר פון באנק? — האט אשקען געענטפערט לאכענדיג — נאר דער דירעקטאָר וועט איהם אבשיקען צו דיא יעניגע וואס האבען צו זאגען איבער דיא צוואה, און —

— וואס רעדט איהר? — האט מאַרטאַן איהם איבערגעשלאָגען — פון וואנען ווייס דער דירעקטאָר פון באנק אין וועלכע הענד דיא צוואה ליעגט?

— איהר האט רעכט; וועט איהם אלזא דיא באנק אָבשיקען צו דיא אדוואָ-קאַטען פון רובינשטיינ'ס פירמע.

— רובינשטיינ'ס בעפאָלמעכטיגטע אדוואקאטען זיינען ט ה י נ ט אָ ן און ט א ר-ב ע ט, דיא גרויסע פירמע פון רידשענט סטריט — האט מאַרטאַן געמורמעלט — איך האב אבער מורא אז האַרן וועט ניט געהן צו זיי.

— װארום דען ניט? — האט אשקען געפרעגט — ער ווייס דאך נאך פון קיין

קיין זאך ניט, און עס גלויבט זיך מיר ניט אז ער זאל לאזען פאלען פינף טויזענד פונט שטערלינג.

— ווייסט איהר וואס? — האט מארטאן געזאגט — איך וועל שוין טעלעפאנירען צו טהינסמאן און מארבעט, אז אין פאל ווען האָרן קומט צו זיי, זאלען זיי איהם אבשיקען אהער.

— מאכט א שהייערער פלאן! — האט אשקען געזאגט — און ווען ער וועט דא זיין, וועל איך איהם באלד ארעסטירען.

— איהר האט דאך נאך ניט ארויסגענומען דעם „ווארראנט" (אַיין ערלויבניס צו ארעסטירען) — האט מארטאן געזאגט.

— ענטשולדיגט מיר, איך האב דעם „האנדיגער" אין מיין טאשע. איך האב דערציילט היינטע פריה דעם ריכטער וואו איך האב געפונען דעם ראק-מיט דיא בלאַנקאַרט-טעלעשעלע, און איך האב אויך דעם ריכטער דערציילט אז אויפן פראצעס האט דארין צוגעגעבען דאס ער האט געהאלטען דעם ראק פארן מארד. דער ריכטער האט ניט לאנג געטראכט און האט מיר באלד ארויסגעגעבען דעם „ווארראנט" צו ארעסטירען האָרן אלס פערדעכטיגטער מערדער.

עס איז געווען 4 אוהר נאכמיטאג ווען מארטאן האט טעלעפאנירט-פון זיין אפיס צו טהינסמאן און מארבעט און ער האט דיזען אנטוואָרט בעקומען:

— האָרן איז היינט געווען ביז 3 אוהר, און אזוי וויא ער האט ניט געפונען, ניט טהינסמאן און ניט מארבעט, האט ער געזאגט אז ער וועט צוריקקומען אום 5 אוהר.

— שיקט איהם אהער, ווען ער קומט — האט מארטאן געבעטען דורכ'ן טעלעפאן.

עס איז געווען האלב נאך 4 אוהר, בלויז א האלבע שעה צו ווארטען. זיי האבען זיך אלע אונטערהאלטען וועגען דיעזע פערפלאנטערטע טראגעדיע. קוים איז אריבער 20 מינוטען, האט מארטאן'ס טעלעפאן געקלונגען.

— העללא! איז דאס הערר מארטאן'ס אפיס?

— יא, און איך בין מארטאן אליין.

— דער הערר האָרן איז יעצט ביי טהינסמאן און מארבעט. מיר שיקען איהם צו אייך.

אשקען האט זיך שטארק דערפרייט פון דיעזע נאכריכט. עס איז איהם אריין אין געדאנקען וויא אזוי גאנץ לאנדאָן וועט באלד רעדען פון איהם, אז ער פערדונקעלט גאריקן און עס קען נאך זיין אז לאנדאָן וועט איהם קרוינען אלס דעם בעסטען דעטעקטיוו.

— יא — האט אשקען געזאגט צו זיך אליין — וואס וועט יעצט גאריק זאגען? ער, וואס האט זיך אויסגעלאכט אין אנפאנג פון מיין מיינונג? ווען גאריק זאל —

— שששש!! — האט מארטאן געזאגט — עס הערט זיך טריט אויף דיא טרעפ; דאס איז געווים ער אליין.

האָרן איז אריינגעקומען בעגלייט פון בוכהאלטער פון דיא פירמע טהינסמאן און מארבעט. וואס האט זיך באלד צוריקגעצויגען.

ווי ער האָט דערזעהן אַז דער אַדוואָקאַט איז ניט אַליין אין זיין־אָפיס, האָט ער זיך געוואָלט צוריקציהען, צוזאַמען מיט דעם בוכהאַלטער. ער האָט זיך איבער־לעגט אַז נאָך אַלעמען איז פאַר איהם קיין שום געפאַהר אין פאַל ווען זיי זאָלען אפילו וויסען דיזע געשיכטע פון רובינשטיין'ס טשעק.

— איהר ווילט מיר זעהן? — האָט מאַרטאַן געזאָגט צו האַרן.

— יאָ, אָבער אייך אַליין.

— עס מאַכט ניט אויס — האָט דער אַדוואָקאַט געענטפערט מיט אַ מין אויך־מיין־דאָגה — דיעזע הערדען זיינען מיינע פריינדע; איהר קענט מיר אַלעס זאָגען פונקט ווי זיי וואָלטען דערביי ניט געווען.

— איך בין ניט געהיילט וואָס דיעזע הערדען זיינען אייערע פריינדע — האָט האַרן איהם ערווידערט מיט חוצפה — איך האָב צו רעדען מיט אייך אַליין, פּריוואַט; וואָס געהן מיר אייערע פריינדע אָן?

מאַרטאַן האָט זיך ניט געמאַכט הערענדיג דיעזע בעמערקונג, און האָט ווייטער גערעדט גאַנץ געלאַסען:

— ווילט איהר ניט קענען מיינע פריינדע? דיעזער הערר איז דאָקטאָר קינגסמאַן, יענער — הערר אשקען און דאָס איז הערר גרינוואַלד.

— גרינוואַלד! — האָט האַרן געמורמעלט און איז בלאַס געוואָרען — איך.... איך.... וואָס איז דאָס? — האָט ער אַרויסגעשריען ווייזענדיג אויף אַ ראָק וואָס איז געלעגען נעבען זיין שטוהל און וואָס ער האָט דערקענט אַז דאָס איז אָסקאַר'ס העלער איבערציהער — וואָס איז דאָס?

— איהר פרעגט אויף דיעזען ראָק, וואָס דאָס איז? — האָט זיך אשקען אָפּגע־רופען לאַבענדיג — דאָס איז דיא שמוריק וואָס וועט אייך אין גיכען אויפהייגען פאַר דעם מאָרד פון אָסקאַר וולאַדימיראָוויטש!

האַרן האָט זיך געגעבען אַ חאַפּ ווי אויף שפּרונגזינעס, אָבער אשקען איז אויך באַלד געווען אויף זיינע פיס. האַרן האָט איהם געוואָלט חאַפּען פאַר'ן גאָרגיל, און אין אַ מינוט אַרום האָבען זיי זיך ביידע געקייקעלט אויף דער ערד. אָבער אשקען איז געווען שטאַרקער, און נאָך אַ קרעפטיגען שטרייט האָט אשקען איהם אַרויפגעוואָרפען דעם האַנד־שלאָס (הענד־קאַפּס); אין געגענוואַרט פון דיא אַנדערע דריי וואָס זיינען געשטאַנען פון ווייטען און האָבען געקוקט אויף דיעזע דראַמאַטישע סצענע. זיי האָבען גוט געוואוסט אַז אשקען איז גענוג שטאַרק, און ער דאַרף קיין הילף ניט.

ווי האַרן האָט געזעהן אַז ער קען זיך מעהר ניט אַרויסרייסען, האָט ער זיך געשטעלט און האָט געזאָגט קריצענדיג מיט דיא צייהן —

— איהר וועט מיר בעצאָהלען מיט פּראָצענט פאַר אייער לומפּעריי, איהר האָט קיינע בעווייזע געגען מיר.

— אַזוי גאָר! קיינע בעווייזע? — האָט מאַרטאַן אויסגעשריען — אָט איז דיא „ערקלערונג" וואָס רובינשטיין האָט אָנגעשריעבען פאַר'ן טויט.

— עס איז אַ פערדאַממטער ליגען!

— דאס וועט שוין דיא געריכט זאגען, אויב דאס איז א ליגען — האט אשקען ערוויעדערט לאַכענדיג — דערווייל וועט איהר הייטע נאכט שלאָפען אויף א קהל'ישען שטרוי־זאַק.

— מען וועט מיר אפשר געבען דעם זעלבינגען שטרוי־זאק אויף וועלכען איהר זייט געלעגען? — האט האַרן געזאגט מיט א געלעכטער צו גרינוואַלד'ן.

אסתר'ס חתן האט דעם מערדער ניט געענטפערט; ער האט גענומען זיין הוט מיט דיא האנדשוה און האט זיך פאַרבערייטעט צו געהן.

— האלט! — האט האַרן אויסגעשריען — איך זעה אז עס איז שוין נאך אלעמען, און עס העלפט מיר קיין ליגען ניט. איך האב געשפּיעלט און געשטעלט מיין קאָפּ אין קאָהן. איך האב אבער פערלארען! דאס אלעס איז מיין שולד ווארום, איך האב ניט באלד איינקאַסירט דעם טשעק.

— עס איז טאַקע געוועזן א פערזעהן — האט אשקען געזאגט.

— וויא איך הער, זייט איהר זיך מודה אז איהר האט דאס פערברעכען בעגאנגען — האט דער אדוואָקאט געזאָגט.

— איך האב ניט מעהר וואָס צו לייקענען. יא, איך האב עס אליין געטהאָן, און דאס איז געוועזן אָסקאר'ס אייגענע שולד. ווען איך האב איהם בעגעגענט יענע נאכט, האט ער מיר דערצעהלט וויא רובינשטיין וויל איהם ניט געבען זיין טאָכטער, און ער האט מיר געצייגט דעם האָכצייט'ס סערטיפיקאט וואס האלט רובינשטיינען אויפ'ן שנירל. איך האָב באלד געטראַכט: ווען איך זאל האבען דיעזען פּאַפּיער, וואָלט דאָס מיר איינברייגען איין אוצר. וויא איך האב געזעהן אז אָסקאר טרינקט דיעזען אבענד, האב איך ניט געטרונקען. נאכדעם וויא ער איז ארויס פון האָטעל, האב איך אנגעצויגען זיין העלען איבער־ציהער וואס ער האט איבערגעלאָזען איך האב געזעהן שטעהן אָסקאר'ן נעבען ג[illegible]מערנע און איך האב אויך בעמערקט וויא גרינוואלד איז איהם אָנגעקומען ענטקעגען. איך האב זיך באלד פערשטעקט אָן א זייט, און וויא נאָר גרינוואלד איז אוועק, בין איך צוגעגאנגען צום פוהרמאן וואס האט געמיינט אז איך בין גרינוואלד, און איך בין אריין אין וואָגען. איך שווער אז איך האב קיין געדאנק געהאט צו ערמאָרדען אָסקאר'ן, ווען איך בין אריין אין וואָגען. ווען איך בין אריין אין וואָגען. איך האב געוואָלט פון איהם ארויסקריגען דיא פּאַפּיערן, אָבער ער האט מיר ניט געלאזט צוקומען צו זיין טאַשע. איך האב זיך דערמאנט אן דיא פלעשעלע כלאָראָפאָרם וואס איז געלעגען אין זיין איבער־ציהער וועלכען איך האב געטראָגען אויף זיך. איך האב עס ארויסגענומען און האב געפונען דיא קאָרקע לויז. איך האב נאכדעם ארויסגענומען אָסקאר'ס טאַשענטוך פון זיין איבער־ציהער און האב דארויף אויסגעלעדיגט דיא גאנצע פלעשעל כלאָראָפאָרם. איך האב זיך וויעדער בעמיהט ארויסצוקריעגען דיא פּאַפּיערן אָהן דיא כלאָראָפאָרם — אבער ער האט ניט נאכגעגעבען. איך האב אלזא באלד געחאַפּט דיא טאַשען־טוך, האָב עס צוגעלעגט צו זיין מויל, און אין א פּאָר מינוטען ארום האט ער פערוואָרפען דעם קאָפּ אָן א זייט. איך האב צוגענומען דיא פּאַפּיערן, און האב געמאכט פליטה מיט דעם געדאנק, אז ער איז נאָר געבליעבען אין חלשות און דער פוהרמאן וועט

איהם אָפּמינטערן. איך האב געחאפּט און אנדער שפּאַציר־וואָגען וואָס האט מיר אָבגעפיהרט נאך פּוילעט סטריט וואו איך האב בעהאלטען דעם ראָק אין פּוסטען בוים פון איסט־ענד פּארק. ערשט אויף מאָרגען האב איך ערפאהרען דורך דיא צייטונגען אז ער איז טוידט. איין גאָט ווייס און —

— אָבער, מען האט דיר דאָך געחאפּט! — האט איהם אשקען אונטערבראָכען.

— יאָ, מען האט מיר געחאפּט! איך האב פערלאָרען און איהר האט געוואונען. דאס לעבען איז אַ קאמפּף, וויא אַ לאטיינישער שפּריכוואָרט זאגט — Vivere militare est — און איהר זייט דער זיעגער.

— אזוי נאָר מיין בחור, דוא קענסט אויך לאטייניש, ביסט אַ געבילדעטער מערדער! ווארט, מען וועט דיר הענגען אויף פּראָסט ענגליש.

אשקען האט דעם געפאנגענעם ארויסגעפיהרט, האט גענומען אַ וואגען און האט איהם איבערגעגעבען דער פּאָליציי.

— ווייסט איהר — האט דאָקטאָר קינגסטאָן געזאגט צו זיינע צוויי פריינדע נאכדעם וויא דער וואָגען איז אוועק — ווייסט איהר וואָס עס וועט זיין דיא ענדע פון דיעזען מאַן?

— מען דארף נים זיין קיין נביא — האט מאָרטאָן געענטפערט — מען וועט איהם הענגען.

— ניין — האט דער דאָקטאָר ערווידערט — דיעזער חברה־מאַן וועט זיך אליין דאס לעבען נעהמען אין געפענגניס.

37טעם קאפּיטעל.

דיא אידעשע שיקסע.

אסתר רובינשטיין איז ביסלעכווייז געוואָרען בעסער און בעסער, ביז זיא איז געזונד געוואָרען אין גאנצען. זיא האט ערפאהרען מיט צופרידענהייט, אז זיא און איהר חתן האבען געהאט איין אומזיסטיגען חשד אויף איהר פּאָטער. זיא האט אבער נים געוואוסט פון דיא אנדער האלבע געהיימניס, אז אָלגאַ איז איהרע אַ שוועסטער!

פינף וואָכען זיינען אריבער זייט רובינשטיין איז געשטאָרבען, און זיין הויז וואָס האט אויסגעזעהן דיא לעצטע איינינע וואָכען פעריאָמערט וויא אַ בית־עולם, האט אנגעפאנגען אביסעל אבצולעבען. גרינוואלד האט זיך געהאט געשראָקען פאר האָרן, טאָמער וועט ער אלעס אויסזאָגען אין געריכט, און דיא וועלט וועט וויסען רובינשטיינ׳ס פערגאנגענהייט; אבער אויך פון דיעזע שרעק האט זיך גוט אויסגעלאָזען, דען דיא דריטע נאכט נאכדעם וויא האָרן איז ארעסטירט געוואָרען, האט ער זיך דאס לעבען גענומען אין געפענגניס מיט אַ ראזיר־מעסער.

— יעצט, ליעבע אסתר — האט גרינוואלד צו איהר געזאגט — אז אלעס האט זיך געענדיגט נאך מיין וואונש, גלויב איך מיר זאלען אָנפאנגען צו טראכטען פון אונזער חתונה. מיר האבען גענוג געליטען! עס איז שוין צייט, מיר זאלען עפּעס אָנפאנגען צו געניסען אויך.

— גוט מיין טהייערער — האט אסתר ערוויעדערט מיט א זיפץ — אָבער עס איז צו גיך צו מאכען אזא טריט. עס איז דאך ערשט ניט לאנג אריבער ביי אונז „שלושים" זייט מיין ליעבער פאָטער האט צוגעמאכט דיא אויגען, וויא קען מיר יעצט ליעגען חתונות אין קאָפּ?

— עס מאכט ניט אויס, טהייערסטע אסתר; ווען דיין פאטער אין קבר וואלט קענען אויפשטעהן א ווײלע און צוקוקען וויא זיין טאָכטער שטעהט אונטער דער חופה מיט דעם וואָס זיא האט ליעב, וואלט ער געווען העכסט צופריעדען.

— איז ניט מעגליך מיר זאלען ווארטען וועניגסטענס נאך איין מאָנאט?

— איך זעה ניט איין, טהייערסטע אסתר, וואס דיעזער מאָנאט קען פער־ריכטען? מיר האבען דאכט זיך אלעס אין בעסטען ארדנונג געבראכט, דוא בִיסט יעצט דיא איינציגע יורש׳טע פון דיין פאָטער׳ס פערמעגען.

— אבער, זאג מיר דיא וואהרהייט, מארקוס, ווארום האסטו קיין צייט ניט צו ווארטען?

— איך וועל דיר זאגען: איך האב פעסט בעשלאסען מיר זאָלען פערלאסען ענגלאנד אזוי שנעל וויא מעגליך. מיר וועלען בעזוכען נייע לענדער און מיר וועלען פערגעסען אונזערע אלטע צרות.

— הער נאר ליעבער מארקוס, וואס איך וועל דיר פרעגען: איז נאך אשקען א בחור? זאלסט ניט לאכען פון מיין פראגע, איך מיין דערביי קיינע וויצען.

— יא, ער האט קיין פרוי; וואס איז דען?

— איך וואלט וועלען אז מיר זאלען איהם גוט אבדיענען פאר דיא טובות וואס ער האט מיט אונז געטהאן.

— דאס איז שוין פערריכט: איך האב איהם געגעבען א גראָבע מטבעה.

— איך מיין אָבער ניט מיט געלד אליין, זאנדערן מיט א צווייטע העלפט. לאמיר איהם פערהייראטהען מיט אָלגא׳ן! חלעבען, דאס איז א פאסענדער שדוך. מיר וועלען איהר געבען נדן און לאזען זיי לעבען גליקליך.

— ביסט גערעכט, אסתר, זיא איז אפילו ניט קיין מאוסע, דאך גלויב איך ניט אז אשקען וועט איהר וועלען; ער קען צו גוט איהר פערגאנגענהייט ביי דיא אלטע דיקסאָן.

— און וואס איז דען מיט איהם דער יחוס? ער איז דאך א משומד.

— אָלגא איז דען מעהר וויא א אידעשע שיקסע? — האט זיך גרינוואלד געטראכט אין הערצען.

ווערענד זיי האבען זיך אזוי אונטערהאלטען, האט מען אנגעקלאפט אין טהיר. אויף זייער אנטוואָרט „אריין", איז אָלגא ־ריינגעקומען מיט א בריעף אין האנד.

דער יונגער מאן האט זיך אוי־געזעצט לעזען דאס בריעף און זיין כלה האט זיך דערוויל אונטערהאלטען מיט אלגא׳ן.

— דענקסט איהר צו הייראטהען? — האט איהר אסתר געפרעגט — האט איהר שוין איין אויסקוק אויף א יונגען מאן?

— אה יא, פריילין רובינשטיין, איך האב איין אויג אויף א מאן, און אויך ער האט מיר גערן.

— קען איך דיזען מאן?

— יא, פריילין.

— מעג איך פרעגען ווער ער איז?

— געוויס מעגט איהר. זיין נאמען איז פעליקס אשקען!

— אשקען דער דעטעקטיוו?

— יא פריילין.

— דאס איז טאקע א פאסענדע פארטיע פאר אייך, אלגא. דען אויך ער איז א קריסט וויא איהר.

וועהרענד דיא צוויי פרויען האבען זיך ביידע פערטיעפט אין זייער ווייבערשען געשפרעך, האט דערווייל גרינוואלד געלעזען דעם פאלגענדען בריעף:

„מיין ליעבער הערר גרינוואלד. נאכדעם וואס איך האב געטהאן פאר אייך צו „רעטען אייער קאפ און אייך ריין צו וואשען פון אזא פלעק — האב איך ווירקליך „ניט פערדיענט אז איהר זאלט בעהאלטען פון מיר געוויסע געהיימניסע. עס איז „וואהר, איהר האט מיר גרויסארטיג בעלאהנט מיט געלד — אבער איהר האט „שטארק פערוואונדעט מיין שטאלץ דערמיט וואס איהר היט אייך און איהר פער„באלט פון מיר געוויסע סעקרעטען וועלכע איך דארף וויסען.

„אלזא, איהר זאלט וויסען זיין, אבוואהל איהר האט עס פון מיר פערבארגען, „דאך וויים איך דיא געהיימניס, אז אלגא איז א לייבליכע שוועסטער פון אייער כלה, „און לויט געזעץ איז זיא דיא איינציגע יורש'טע פון איהר פאטער'ס פערמעגען. איך „האב זיך אנגענומען אייער קריוודע, ווען איהר זייט געוועזען דער שוואכער, און יעצט „מוז איך זיך אננעהמען דיא קריוודע פון אסתר'ס אונגליקליכע שוועסטער. אין פאל „ווען איהר וועט איהר ניט אבגעבען א העלפט ירושה, וועל איך מוזען אנקומען „צום געריכט. איך וועל אייך זאגען דיא וואהרהייט, איך שפיעל א ליעבע מיט „רובינשטיין'ס ערשטע טאכטער, און אלס צוקינפטיגע שוואגערס, דארפען מיר „האנדלען פריינדליך און ניט דורך אדוואקאטען. איך ערווארט אייער אנטווארט מיט „אונגעדולד.

אייער ערגעבענסטער פעליקס אשקען".

— א משומד בלייבט דאך משומד! — האט גרינוואלד געזאגט צו זיך אליין געבענדיג א שליידער דעם דעטעקטיוו'ס בריעף — און פאר אזא מאן פאסט זיך טאקע אויסגעצייכנט אזא אידעשע שיקסע וויא אלגא. עס איז יעצט ביי מיר קיין צווייפעל אז אשקען איז ניט פערליעבט אין אלגא'ן נאר ער וויל הייראטהען איהר ירושה וואס ער זוכט ארויסצוקריעגען.

גרינוואלד האט זיך א ווײלע פערטיעפט אין זיינע געדאנקען, וויא אזוי ער וועט דא קענען אפשניידען מיט אשקען. ער איז ארומגעגאנגען איבער'ן זאל און האט זיך געטראכט:

— וויא אזוי קען איך הייסען אסתר'ן אבגעבען א העלפט פערמעגען צו פרעמדע

לייט ? איך וועל איהר דאך מוזען אויסזאָגען דיא גאנצע וואהרהייט אז אלנא איז איהר שוועסטער!

88טעם קאפיטעל.

פון דער מצבה צו דער חופה.

גאנץ לאָנדאָן האט געוואוסט, אז עס דארף זיין חתונה ביי רובינשטיינ׳ס רייכע טאָכטער מיט גרינוואלד׳ן. זיי זיינען ביידע זעהר פאפולער געווען אין לאָנדאָן דורך דיא טראגעדיע אין שפאציר־וואגען. דארום ווען דיא אריסטאָקראטישע צייטונג „Truth״ האט אָנגעצייגט אין א שעהנעם נאָטיץ, אז דיעזע וואָך וועט פריילין רובינשטיין הייסען מאדאם גרינוואלד, האט גאנץ לאָנדאָן געשענקט דיא גרעסטע אויפמערקזאמקייט אויף דיעזע יונגע פאָר.

— זאָג מיר דעם אמת, מארקוס, — האט אסתר איהם געפרעגט איין אָבענד, האסטו שוין א מאָל אין דיין לעבען געליעבט, איידער דוא האסט מיר דערקאָנט?

אסתר האט אבער פלוצלונג חרטה געהאט, זיא האט מורא געהאט פאר דעם ענטפער וואס ער קען איהר געבען, און זיא האט זיך שנעל ארויסגעהאפט:

— אָי זעה מארקוס, זאג מיר גאר ניט.

גרינוואלד האט געטהאן א שמייכעל און האט צו איהר געזאגט:

— האָסט מיר צוער׳שט געפרעגט אויב איך האב שוין אין מיין לעבען אנדערע געליעבט, און אין דיעזעלבע מינוט פערלאנגסטו איך זאל דיר קיין אנטוואָרט געבען, וויא איינער רעדט: טאָמער האב איך יא אן אנדערע געליעבט, זאלען דאס ווענינ־סטענס דיינע אויערן ניט הערן. איך מוז דיר אָבער זאגען דיא וואהרהייט.

ער האט איהר אנגענומען פאר׳ן האנד, און נאכדעם וויא ער האט פערזיגעלט איהרע ראָזע ליפען מיט א צערטליכען קוש, האט ער צו איהר געזאגט:

— איך קען דיר שווערן, טהייערסטע אסתר, אז איך האב נאך אין מיין לעבען ניט געליעבט. בלויז איך האב גערן געהאט מאנכע פרויען פון מיין געשמאק. „גערן האבען״ און „ליעבען״ זיינען אָבער צוויי פערשיעדענע זאכען. גלויב מיר, איך האב נאך אין מיין לעבען ניט געפיהלט אזא פייערדיגע ליעבע וויא איך פיהל צו דיר זייט מיר האבען ביידע דיא גליקליכע בעקאנטשאפט געמאכט. דוא שענקסט מיר אוועק דיין גאנצע צוקונפט, דיין לעבען, — וואס קען איך דיר דערפאר מעהר געבען וויא מיין ערנסטע, הייליגע ליעבע? איך בעצאָהל לעבען מיט ליעבען — קיין בעסערן פרייז פערמאג איך ניט.

— איז דען ליעבע א קליינער פרייז? — האט אסתר געפרעגט איהם אומאר־מענדיגט צו איהר בוזים.

— געוויס איז דאס צו ווענינ פאר דיר, טהייערע אסתר. דיין שעהנקייט, דיין פערמעגען, דיין בילדונג און דיינע אנדערע גוטע מעלות, האבען געמעגט מיט רעכט פערלאנגען, אז דיין חתן זאל זיין רייכער פאר מיר, שעהנער, קלינער, געבילדעטער און געשייטער. אָפטמאל פרעג איך זיך אליין: ווער ווייס וויא לאנג אסתר׳ס ליעבע צו מיר וועט דויערן?

— אָה נייז, מאַרקוס! איך וועל זאָגען וויא שעקספּיר׳ס העלד: „דוא מעגסט צווייפלען אין אלעס, אַ חוץ אין מיין עווינע ליעבע צו דיר. צווייפעל אויב דיא ערד דרעהט זיך, צווייפעל אויב דיא זון איז אַ שטיק פייער, צווייפעל אויב דיא שטערן בעוועגען זיך, צווייפעל אויך פון מיינטוועגען אויב וואהרהייט איז ליגען; אָבער צווייפעל ניט אין מיין ריינע, וואהרע און עווינע ליעבע צו דיר!

— דיינע ווערטער, ריהרען מיר ביז דיא גאַנצע טיפקייט פון מיין זעעלע, זיסע אסתר, און נאכדעם וויא מיר האבעןביידע געטרונקען דעם ביטערן בעכער ביז דיא הייוועז, ווען אונזער ליעבע האבען פאר אונז מעהר גלאַנץ און מעהר פראַכט. נאָר, איך האב נאך איין איינציגע זאך דיר צו אָפענבארען, [illegible]: איך האב פון דיר אַ גרויסע בקשה צו פערלאַנגען.

— ווענדעט זיך דאס אן מיר אליין?

— יאַ, אסתר, — דאס האט צו טהאן מיט דיין איינציגען ווילען.

— וועל איך עס טהאן מיט פערגניגען.

— איך וויל דוא זאלסט אונטערשרייבען אַ פּאַפּיער, אז אַ העלפט פון דיין פאָטער׳ס פערמעגען געהערט צום דעטעקטיוו אשקען אויף דעם תנאי ער זאָל היי־ראטהען אַלגאָן. איך וויים דאָס איז אַ גרויסע בקשה; נאר דאס מוז געשעהן צוליעב דעם גוטען נאמען פון דיין פאָטער און צוליעב אונזביידען.

אסתר האט אַ ווײַלע געשוויעגען, און האט געזאגט:

— ווען עס געהט אויס צו געלד, קימערט מיר ווייניג, — טהו מארקוס וואָס דוא ווילסט און וויא דוא פערשטעהסט. נאָר (וויא דוא הערסט איז דא אַ קליינער „נאָר״), קענסטו מיר ניט זאגען וואָס דיעזע געהיימנים איז?

— דוא ווערסט דאס וויסען מאָרגען אבענד נאך אונזער חופּה.

— יעצט, מאַרקוס, וויל איך פון ד י ר אַ קליינע ערלויבניס.

— וואָס איז, מיין קינד?

— דוא ווייסט דאך, אז ווען מיין פאטער איז געשטאָרבען, בין איך געלעגען קראַנק אין בעט. איך האב איהם אפילו ניט געקענט ארויסלאָזען. יעצט אזוי וויא ביי אונז איז מאָרגען האכצייט, וויל איך הייטע בעזוכען מיין פאטער׳ס קבר. אין דיעזעלבע צייט וועל איך שוין אויך בעזוכען דיא אייבינע וואוינונג פון מיין מוטער וואס איך געדענק וויא דורך אַ חלום.

— ביסט גאַנץ גערעכט, — האט גרינוואלד צו איהר געזאָגט — נאָר, איך וואָלט דיר ראטהען, דוא זאלסט עס אבלייגען אויף נאך דער חתונה.

— ווארום דען? איך האב עס פריהער געוואוסט, ווייל....

— ווייל דוא ווערסט זיך געוויס ערגערן אויפ׳ן „ריינעם אָרט״ — האט איהר גרינוואָלד אונטערבראָכען.

— זעה מאַרקוס, טהו מיר דיא טובה און לאָמיך דאס הייטע אָבפערטיגען; לאָז זיך מיר אראָבקייקלען אַ שטיין פון הערצען.

— גוט מיין קינד, ווען דוא ווילסט ניט אנדערש; אָבער ערלויב מיר איך זאָל דיר בעגלייטען.

(Oginsky, 12).

אסתר האט באלד אנגעקלונגען דעם דיענער, האט בעפאהלען מען זאָל שפּאַ־ נען זייער קאַרעטע, און אין פופציג מינוטען ארום זיינען זיי געווען צווישען די קברים.

מארקוס גרינוואלד האט גערעכענט, אז וויא נאָר זיין כלה וועט קומען אויפ'ן בית־עולם, וועט זיא ווערן פערציטערט און צובראָכען. עס איז אָבער ניט אזוי געווען. באלד וויא אסתר איז ארויף אויפ'ן פעלד פון דיא טוידטע איינוואוינער, האט זיא דיא ערשטע זאך גענומען לעזען קאלטבלוטיג דיא מצבות. אויף פיעלע קברים איז נאָר געווען אויפגעשריעבען „געבאָרען אין יאָהר.... געשטאָרבען אין יאָהר....״ פונקט וויא זייער ביאָגראַפיע וואלט נאָר בעשטאנען אין דיעזע צוויי ווערטער: „געבארען — געשטארבען!״

אויך גרינוואלד האט שטארק געקוקט אויף דיא מצבות, אבער מיט גאנץ אנדערע אויגען: ער האט בעמערקט מיט זיין פילאָזאָפישען בליק וויא פיעלע גרויסע לייט האבען אויף זיך קיינע מצבות, און פיעלע גרויסע מצבות האבען אונטער זיך קיין גרויסע לייט....

— מיר זיינען שוין אָנגעקומען — האט גרינוואלד געזאָגט זעהענדיג פון וויטען דיא שפּאָגיל נייע מצבה פון אהרון רובינשטיין.

א וועלט מיט פינסטערע געדאנקען האבען איינגעוויקעלט אסתר'ס איינבילדונג, זא באלד וויא זיא האט דערזעהן דעם גרויסען תנצב״ה וואס איז אויסגעקריצט אויף איהר פאָטער'ס שטיין. זיא האט עס אבער אנגעקוקט זעהר געלאסען. דער בית־עולם האט אין זיך דיא מערקווירדיגע קראפט דערמיט, וואס ער דעקט צו אלע חסרונות, אלע פעהלער און פערלעשט דעם לעצטען פונק אונצופרידענהייט וואָס מיר האבען אין הערצען. דער פריעדליכער בוזים פון קבר גיבט נאָר ארויס פריינד־ ליכע עראינערונגען און איידעלע זיפצען. אפילו ווען מיר געהן פאָרביי דיא פינסטערע וואָהנונג וואו אונזער גרעסטער שונא ליעגט, גיבען מיר אויך א שאָקעל מיט'ן קאָפּ אויף דעם שטילען זאמד־בערגיל וואס בעשיצט זיין הויפען אש! אבער, ווען מיר געהן אָנקוקען דיא גראב פון דיא יעניגע וואָס מיר האבען געליעבט, ווען מיר געהען צו גאסט ביי אונזערע טוידטע פריינד, דאן שוועבט פאר אונזערע אויגען דיא גאַנצע לעבענס־געשיכטע פון א פריינד, און מיר נעהמען מיט אהיים דיא גרעסטע פילאָזאָ־ פישע לעקציאָן! דארט פליהט פאר אונזערע אויגען דיא לעצטע צייט פון אונזער פריינד'ס ביאָגראַפיע: מיר זעהן איהם, זיינע גליקען, זיינע אונגליקען, זיין פרייד, זיין שמערץ, זיין קראנקען־בעט, זיין לעצטען זיפץ, דעם לאנגען „קדיש״, דיא לויה און דיא לעצטע לאָפּעטע ערד!

יא, ווען מיר געהן אבער פאראיבער דיא אייביגע וואָהנונג פון א מוטער, אדער א פאָטער — פון דיא וואס האבען אונז געהאָדעוועט, געקושט און וואס האבען אימער געהאפט צו טאנצען אויף אונזער חתונה, דאן ווערט א שטורמווינד אין אונזער זעעלע!

איבער א שעה איז אסתר געשטאנען אויפ'ן „ריינעם אָרט״ און האט ניט געקענט וויינען, אזוי פערשטיינערט איז איהר הערץ געווען. אך, וויאפיעל געזונד האט איהר אבגעקאָסט וואס איהרע אויגען האבען דאן פערשלאָסען דעם טהויער

פון טרעהרין! אי, יעדעס מאָל ווען אונזער זעעלע איז צוריסען און מיר קענען נים וויינען מיט טרעהרן, דאַן ווײנט אונזער הערץ מיט בלוט! עס האט גענומען א גוטע שטונדע ביז איהרע אויגען זיינען נאס געווארען, און דאַן האט זיא ווירקליך בענעצט מיט הייסע טראָפּענס טרעהרן דעם שטילען פרישען בערגעלע פון איהר פאַטערס קבר!

אסתר האט געגעבען א קוש דיא מצבה און זיא איז געגאַנגען א פופציג איילען ווייטער, וואו איהר מוטער ליגט. אין דיעזען אויגענבליק האט זיא זיך געפיהלט זעהר גלענד מיט איהר רייכטהום צוזאמען! ניט געפרופט זאל מען ווערן צו זיין א יתומה וואס געהט אויפ'ן ריינעם ארט איינלאַדען אויף איהר חתונה איהר מוטער וואס זיא געדענקט וויא דורך א חלום!

עס איז געווען 2 אוהר נאך מיטאג ווען מארקוס גרינוואלד האט ארויסגעפיהרט אסתר'ן פון דיא טויטע לאַנדאָן. דער קוטשער איז אזוי לאנג געזעסען אויפ'ן זעסיל פון קארעטע און געווארט ביז ער האט געחאַפּט א דרעמיל. דיא צוויי פערד זיינען געשטאַנען דיא קאָפּ אראפּגעלאזען, פונקט וויא זיי וואלטען געוואוסט, אז זיי שטעהן יעצט נים ווייט פון דיא פינסטערע וואוינונג פון זייער טויטען בעל־הבית.

ווען חתן־כלה זיינען געקומען א היים, האט זיי אַלגא ערווארטעט פאר'ן טהיר מיט א הייסען „סקאַציל־קומט” און זיא האט געשטרייט אויפ'ן בריקעל הויפענס בלומען און ראָזען.

39טעס קאפּיטעל.

קול חתן וקול כלה.

דיא חתונה האט זיך אנגעפאנגען זעהר גלענצענד. דער גרויסער זאל איז געווען גרויסארטיג פערפוצט און הונדערטע עלעקטרישע לאַמפּען האבען אנגעפילט דעם זאל מיט א זילבער־ליכט וואס האט זיך אָבגעשלאָגען אויף דיא רויטע אטלע־סענע חופה אונטער וועלכע גרינוואלד און אסתר זיינען געשטאַנען. דיא חופה איז געווען ארומגערינגעלט מיט עלעגאַנטע הערען אין שווארצע פראקס מיט געבלייזטע וועסטען פון איין זייט, און מיט א רייצענדע גרופּע פון געבלייזטע דאמען מיט זייערע זילבער־ווייסע מארמאָר־בוזימס פאראוים!

אבער שעהנער פאר דיזע אלע דאמען איז געווען אסתר רובינשטיין. זיא האט אויסגעזעהן וויא א קעניגין פון וואונדער־לאַנד. איהר קלייד איז געווען א מין זאַנ־דערבארע צוזאממענמישונג פון טהייערע לייס, קאָסטבארע סאַטין און זעלטענע פּערל. בריליאַנטען האבען געפונקעלט ארום איהר ראָזען־אטלעסענעם קארסעט'ל — פונקט וויא א רייהע גלענצענדע שטערן ארום צוויי בערג שנעע. איהר לאַנגע שלעפּע, בע־לאָמעוועט מיט גאלד און אויסגענעהט מיט פּערל, האט פערבלענדעט דעם גרויסען טאַנץ־זאַל וואס האט אויסגעזעהן וויא אן אויטאָמאטישער בלומען־גארטען.

נאכדעם וויא דער ראבינער האט אבגעזאגט דיא „ברכות” און געענדיגט מיט „משמח חתן עם הכלה”, האט גרינוואלד אריינגעפיהרט זיין כלה אין א זייט־צימער פון זאל און ער האט געגעבען א בעפעהל, אז אַלגא זאל באלד צוקומען.

— אסתר! קוש דיין שוועסטער, — האט גרינוואלד געזאגט לאַכענדיג.

— מיין שוועסטער?!!

— יא, אַלגא׳ס פאטער האט געהייסען אהרן רובינשטיין, און דאס איז דיא אורזאכע ווארום איך האב דיר....

— יעצט פערשטעה איך, — האט אסתר געמורמעלד וויא צומישט — נאָר, איך דאנק גאָט פאר מיין נייע שוועסטער.

עס איז געוועזען א מערקווירדיגע סצענע צו זעהן וויא רובינשטיינ׳ס צווי טעכ־טער האבען זיך געקושט און געוויינט.

— זייט ווען האסטו געוואוסט אַלגאַ, אז מיר זיינען שוועסטער.

— מיט א טאג פריהער פאר דיר, אסתר. אשקען האט מיר געסטערן דאס אפּענבארט.

דער אָרקעסטער האט איבערגעשלאגען זייער געשפּרעך און דיא מוזיק האט אויפגעשפּיעלט וואלדטייפעל׳ס שעהנעם וואַלץ „גאַנץ אַללערליעבסט" וואס האט געווארפען א זיסען כשוף אויף דיא טענצער. אסתר און מארקוס האבען געוואַלצט דיא ערשטע און אלע געסט האבען זיי בעוואונדערט וויא זיי האבען ארומגעמאסטען דריי מאַל דעם גרויסעז זאל מיט זייער שטירמישען וואַלץ.

באלד נאכדעם האבען אלע אנגעפאנגען, און מיט צווי מינוטען שפּעטער האבען זיך דיא דאמען מיט דיא קאוואַליערען געגליטשט אויף דעם גרויסען גע־וויקסטען זאל וואס האט אויסגעזעהן וויא א גארטען לעבעדיגע ראזען פון אלערליי קאָלירען.

וויא דיא טענץ זיינען שוואכער געווארען, האט זיך אנגעפאנגען א היימישער קאָנצערט.

א יונגער מאן מיט א שעהנע באריטאָן שטימע האט פארגעזונגען, מיט דער בעגלייטונג פון וויאָלאָנצעללאָ און פּיאנאָ דאס פאלגענדע עפּישע געזאנג:

א זאנען־שטראהל, ריין וויא א זעעלע פון כרובים לאנד,
האט זיך אריינגעגנב׳עט דורכ׳ן פענסטער אויפ׳ן וואַנד;
ער האט אָבגעשלאגען זיין ליכט פּונקט ענטקעגען
אויף א וויגעלע וואו א קינד איז געלעגען.
דאס קינד׳ס אייגעלעך האבען געגלענצט זא שעהן,
דער שטראהל האט איהר געקוסט מיט ליעבע און חן.
פּלוצלונג האט זיך בעוויזען א רעגען־בויגען,
און דער שטראהל איז פון קינד אוועקגעפלויגען.

און אנדער זאַנען־שטראהל (אויך ער קומט פון כרובים־לאַנד)
האט זיך אריינגעגנב׳עט דורכ׳ן פענסטער אויפ׳ן וואַנד;
ער האט אבגעשלאגען זיין העלען שיין, זיין ליכט,
אויף אן אכטצעהן־יעהריגע בלאָנדע מעדכען־געזיכט.
זיא איז געשטאנען אונטער דער חופּה גאנץ שטיל,
זיא האט אויסגעהערט דיא „ברכות" מיט געפיהל.
דער שטראהל האט אויף איהר דעקטוך געטאנצט וויא א ראָז־
ער איז אוועק וויא מען האט צובראכען דיא גלאָז.

שאַ! ווידער אַ זאַנגען שטראַהל דירעקט פון כרובים־לאַנד
האט זיך אריינגעגנב׳עט דורכ׳ן פענסטער אויפ׳ן וואַנד.
נים אויף אַ קינד, נים אויף אַ כלה מיט יוגנד־פאַרבען —
נאָר אויף אַן אַלטע גוסס׳ע פרוי וואָס דאַרף שטאַרבען!
זיא איז געלעגען אין בעט, איהר פנים שרעקליך בלאַס,
ארום איהר דיא קינדער, זייערע אויגען נאַס.
דער שטראַהל האט צו איהר געווינקט און געלאַכט,
ווען זיא האט אויף אייביג איהרע אויגען פערמאַכט....

* * *

דאַס קליין קינד, וויא אויך דיא כלה דיא שעהנע
און דיא אַלטע גוסס — דיעזע דריי וואַרען א י י נ ע:
אין פערשיעדענע צייטען זיינען דיא דריי שטראַהלען,
אויף איינע און דיעזעלבע פערזאן געפאַלען.
איינער האט בעגריסט איהר וויגעלע מיט א גאָלדענעם גלעט,
דער צווייטער איהר חופה, דער דריטער איהר טויטען־בעט!
דריי שטראַהלען האבען בעשיינט איהר גאָלדענעם חלום —
איהרע צוויי „מזל־טוב׳ס” און איהר „עליה השלום”.

מען האט דעם יונגען זינגער זעהר אפּלאָדירט און ער האט געמוזט איבער־זינגען דיא לעצטע סטראָפע א צווייטען מאָל. נאכדעם איז פארגעקומען מאדאם ראָלערמאַן מיר א קאמישען ליעד "Push them clouds away" (שטופּ אוועק דיא וואָלקענס) וואס איז זעהר שעהן און וויציג, נאר אזוי וויא זיא האט זיך אליין בע־גלייט אויפ׳ן פיאַנאָ, האט מען דאָס ליעדל קוים ארויסגעזעהן, אזוי שטארק האט זיא געקלאפּט אויף דיא אָרימע פיאַנאָ מיט איהרע אלע צעהן פינגער! דאָך האט מען איהר אפּלאָדירט פון רחמנות וועגען.

— יעצט זאָל דיא כלה אליין וואס זינגען, — האט זיך געהערט פון אלע זייטען.

אסתר איז צוגעגאנגען צום פיאנא און נאכדעם וויא איהרע פינגער זיינען דורכגעלאפען דעם אינסטרומענט א שעהנעם accord, האט זיא זיך אָבגעשטעלט.

— וואס זאָלל איך זינגען? — האט זיא געפרעגט.

— דיא „מעדבען׳ס קלאַגע” — האט מאדאם ראָלערמאַן געזאגט.

— זינגט בעסער דער „ערל־קעניג” — האט הערר ראלערמאַן געזאגט.

— דאס אַלעס האט איהר שוין געהערט, — האט זיך אסתר אָבגערופען לאַ־בענדיג — איך וועל אייך בעסער זינגען עפּעס נייעס וואס איהר האט נאך קיין מאל נים געהערט.

— וואס?

— איך וועל אייך זינגען אן עכט אידישע ליעד פון א אידישען פּערפאסער.

— בראַוואָ! — האט מען אויסגעשריען פון אלע זייטען.

— מיין ליעד הייסט — האט דיא כלה ווייטער געזאגט

דער אידישער האם סוויט האם.*)

אויך מיר אידען האבען א „האָם, סוויט האָם“ וואס איז מעהר וויא צוויי טויזענד יאהר אלט.

אסתר האט אנגעפאנגען צו זינגען מיט איהר שעהנע סאפראנא־שטימע און מיט איהר אייגענע בעגלייטונג:

שטיל און רוהיג שלאָפט יעצט דער גרויסער ים,
דאָרט שווימט אַ שיף מיט רייזענדע פון יעדען שטאם;
דיא ווייסע פליגלען, דיא זעגלען פון דאמפף־שיף
האבען זיך אבגעשפיגעלט אין אָבגרונד גאנץ טיף.
יעדער רייזענדער האט געקוקט מיט אַ צופריעדענעם בליק —
זיי האבען אלע שפאצירט לוסטיג אויפ'ן „בריק“.
„קינדער, זאגט דער קאפיטאן, לאָמיר וואס זינגען —
„עפּעס רעכטס וואס מיר זאלען אלע איינשליגגען;
„א ליעד וואס זאל אונז יעדען בעזונדער געפעלען —
„וואס זאל יעדען רייזענדען צופריעדען שטעלען“.

אַ יונגעס מעדכען, שעהן געבויט, מיט בלאָנדע לאָקען,
מיט אַ העלע קלייד און מיט בלויע זאָקען,
האט געזאגט צום קאפיטאן מיט אן ערנסטען לאך:
„איך וויל מען זאל זינגען אין דער ענגלישען שפראך.
„אוי יעס קעפּטען! אונזער ליעד מוז האבען א זין —
„איף יו פליז, סער, לאָמיר זינגען „גאָד סייוו דהי קווין.“**)

„און איך גלויבע, האט געזאגט א דייטש אנגעצונדען —
„דאס איך האבע איין פיעל בעסערעס געפונדען:
„מיין ליעד איז געטליך, אויך דיא מעלאדיע — שעהן,
„וויר זינגען ליבערסט אללע, אונזער „וואכט אם רהיין“.

„אבער, איך זאָג אייך, מעסיעו מעדאם, טויזענד מאָל ניין!
„זינגט ניט דאס פערדאמטע דייטשע „וואכט אם רהיין.“
„דייטשלאנד האט קיין גוטעס, אויסער איהר לימבורגער קעז —
„לאמיר בעסער זינגען אין כאָר אונזער „מארסיילעז.***)

„אָה ליעבע סיגנאָרעס! נור פון מיר קענט איהר האָפען —
האט אן איטאליענער געזאגט האלב בעזאָפען —

---

*) האָם, סוויט האָם (Home, sweet home) „אָך דוא היימאַט, מיין זיסע היים!“ איז אַ בעקאנטעס ענגלישעס ליעד מיט אַ זיסע מעלאָדיע, וואס מען זינגט זעהר פיעל אין אמעריקאַ און אין ענגלאנד.

**) God save the Queen „גאָט בעשיץ דיא קעניגין“, אן ענגלישעס נאציאנאלעס ליעד,

***) פראנקרייך'ס רעוואָלוציאָנערע פאָלקס ליעד.

„פרעסטא! פרעסטא סיננארעס! מאכט אלע א ווארט —
„איך וועל זינגען אונזער „פּארטריא מיא קארע". *)
פלוצלונג האט זיך צוגערוקט און געבליבען שטעהן
אן אמעריקאנער מעדכען פאל ליעבע און חן:
„צו וואס טויג אונז לאנדאן, בערלין, פאריז, ראם?
„לאמיר אלע זינגען דאס ליעד פון „האם סוויט האם"
„דיעזע ליעד דארף ווערן פון אלעמען אנגענומען,
„ווייל יעדער פון אונז ווינשט בשלום אהיים קומען.
א אידישער רייזענדער וואס איז געשטאנען רעכטס,
האט באלד געענטפערט מיט א שרעקליכען קרעכץ:
„פריינדע! אייער „האם סוויט האם" איז מיינע נוט.
„דיא זיסע היים גיבט יעדען האפנונג און מוטה;
„אבער ניט יעדער קען זינגען אייער שיינע ליעד —
„איך אויך ניט, ווייל איך בין א פערוואגילטער איד.
„סוויט האם! וואו איז מיין זיסע הייח? קענט איהר מיר זאגען?
„וואו איז דען פארץ אידען א היים אהן צרות, אהן פלאגען?
„מיר לויפען פון רוסלאנד, אונזער גלות האט קיין עק,
„הונדערטע אידען פלאגען זיך דא אונטערן שיפ'ס דעק!
„זייט 2000 יאהר שטעהט פאר אונז אפען דער תהום —
„על נהרות בבל! — דאס איז אונזער „האם סוויט האם".

אלע געסט האבען דיעזעס ליעד אפלאדירט מיט דיא גרעסטע ענטציקונג און דיא טעניץ האבען זיך ווידער אנגעפאנגען מיט מעהר גלאנץ וויא פריהער.

עס איז געווען פונקט 2 אוהר אין דער נאכט ווען אסתר'ס אלטע טאנטע האט א וואונק געגעבען, אז עס איז שוין שפעט און מען דארף געהן שלאפען. — מען האט ארויפגעפיהרט די כלה אויפ'ן ערשטען עטאזש אין א העכסט עלעגאנטען שלאף־צימער, און מיט צעהן מינוטען שפעטער איז אויך גרינוואלד געקומען און האט זיך געזעצט נעבען זיין געליעבטע אויפ'ן זאפא.

אסתר האט איהם יעצט אין די אויגען ניט געקוקט, פונקט ווי ער וואלט געווען א פרעמדער. זי האט איהם עפעס געוואלט זאגען, אבער זי האט קיין ווערטער געפונען. עפעס א מין מורא האט בעלאגערט איהר זעעל און זי האט געשוויגען.

— וואס איז אסתר'ל? — האט גרינוואלד געפרעגט מיט א שמייכעל.

— איך האב מורא, — האט זי געענטפערט שטילערהייט.

— וואס? דו האסט מורא פאר מיר? — האט גרינוואלד ווייטער געפרעגט מיט דער בעגלייטונג פון א הייסען קוש.

— יא, — האט זי געזאגט מיט א ליעבעם זיפץ.

*) „אך, מיין טהייערע פאטערלאנד".

אבער, אין דיזען אויגענבליק האט איהר הערץ אָנגעפאנגען צו קלאפּען ניכער און ניכער; איהר האנד האט עפּעס געציטערט אויף איהר מאַ'ס האנד, און זיא האט זיך געפיהלט זינקען אין א זיסען היהנער־פּלעט. זיא האט פּלוצלונג געפיהלט אז זיא האט מעהר קיין מורא, און אז דיזע מורא אליין איז אויך ליעבע, א נייע ליעבע, פיעל שטארקער און הייליגער....

דער צימער האט געשלאפען.

40טעס קאפּיטעל.

אַ דעטעקטיוו אין אַ פּאַרטוך.

מען דערצעהלט פון א יונגען מאן וואס איז אמאל געקומען אין לאָנדאָן זיך טויפען. דער קאנדידאט־משומד איז אריין ביי דעם מיסיאָנער אין הויז און האט צו איהם געזאגט:

— הערר דאקטאר, איך וויל זיך שמדן.

— איהר מיינט געוויס דאס איהר ווילט אייך צום קריסטענטהום בעקעהרן,— האט דער מיסיאָנער צו איהם געזאגט אין ליטווישע דייטש.

— וואס טויג מיר דיזע אלע „בעקעהרענעסען"— איך וויל זיך שמדן נאָר אָהן חכמות.

— אבער, וואס האט אייך דאצו געבראכט? — האט דער מיסיאנער ווייטער געפרעגט — זינד זיא דען איבערציינט, דאס אונזער קריסטענטהום שטעהט העהער אלס איין אנדער רעליגיאָן?

— אסור זאָל מיר זיין, אויב איך האב דאס ווען געבנעדאכט, — האט דער יונגער מאָן איהם ערווידערט — וואס איז מיר דער חילוק וועלכע רעליגיאָן עס איז בעסער? איך וויל זיך שמדן און ווייטער גאר ניט. ווילט איהר? איז גוט, און ווען ניט, וועל איך געהן צו אן אנדער מיסיאָנער.

— איהר מוזט מיר זאגען דיא אורזאכע וואָרום איהר ווילט קריסט ווערדען, האט דער מיסיאָנער ענדליך געזאג אונגעדולדיג.

— הערט איהר ר' נלח, — האט דער ליטוואַק איהם ערקלערט — אז איהר ציהט מיר יא אזוי שטארק פארן צונג, וועל איך אייך זאגען, פאר וואָס איך וויל זיך טויפען: איך וויל מיין משפחה דיא אויגען פערשווארצען!

ווען פעליקס אַשקען איז געפאהרען נאך לאנדאָן זיך טויפען, האט ער אויך קיין אנדער מחשבה געהאט וויא פערשווארצען זיין משפחה דיא אויגען. ער איז געהאט געוועזן אנגעקומען פאר אן איידים אין פלאָצק (פוילען) ביי דעם גביר משה זייגלער וואס שפּיעלט א גרויסע ראָלע אין זיין שטאדט, ניט דורך זיינע צדקות און מעשים טובים, נאר דורך זיין פערדאָרבענהייט. געוועהנליך האט דיא שטאדט מורא פאר א שלעכטען מענשען ווען ער איז רייך, און דיזע מורא פערוואנדעלט זיך מיט דער צייט אין אזא נידריגע אונטערטהעניגקייט, אז דער פערדארבענער נגיד קען פיהרן דיא גאנצע שטעדטל פארן נאָז. דערצו האט נאך גאט געבענטשט דיזען בלוט־זויגער זייגלער מיט א מין פלוניתטע וואס איבערשטייגט איהר מאן אין רשעות און פערדארבענהייט. וועה צו דעם איידים וואס פאלט אריין צו זיי.

אַט אין דיעזע הויז איז אמאָל אנגעקומען דער בעסאראַביער פּיוויל אשכנזי פאר אן איידים, און אָבוואהל ער איז ניט געווען קיין צאצקע פון דער היים, איז ער דאך געווען א צדיק אין פערגלייך מיט זיין שווער און שוויגער ביי וועמען די זעלען זיינען שווארץ וויא טינט, פערווייסט מיט א מאסקע פון רעליגיאָן. נאכדעם וויא אשכנזי האט פערלארען אין געשעפט א 200 רובל, האבען זיינע שוויגער עלטערן איהם פערפאָלגט ער זאל גטן זיין פרוי. ער האט געמאכט פּליטה, געלאזען זיין פרוי אן עגונה און ער האט בעשלאסען צו פערשווארצען די אויגען זיין משפחה די זייגלערס. ער האט זיך געטויפט אונטער דעם נאמען אשקען און איז נאכהער געווארען א גאנצער קנאַקער אין דער לאנדאָנער פּאָליציי.

אשקען איז ניט געווען דער איינציגער איידים וואס האט געהאט קאלט און ווארום ביי זיינע בארבארישע שוויגער-עלטערן. אויך א רב'ס א זון פון ליפנא, אן עדעל קינד, א גרויסער למדן א פאָלקאָמענער געבילדעטער מאן — אויך ער איז אריינגעפאלען ביי די זייגלערס, וואו ער האט קיין תקומה זייט דרייצעהן יאהר. גאנץ ליפנא קוקט מיט א זיפץ אויף דיעזען פעהיגען יונגען מאן וואס האט א צופיעל עדעלען כאראַקטער, ער זאל געהן ווייזען די וואונדען פון זיין זעעלע.

עס איז געווען אויפ'ן דריטען טאג נאך אסתר'ס חתונה. אָלגא האט געהאלטען קאָמפּאני איהר נייע ערפונדענע שוועסטער און האט מיט איהר גערעדט וועגען איהר צוקונפט.

— איך וועל דיר זאגען דעם אמת שוועסטער, — האט אסתר צו איהר געזאגט — איך גיב דיר מיט פערגניגען מיין האלבע ירושה; אבער עס שמערצט מיר זעהר צו האבען פאר א שוואגער א געטויפטען אידען וויא אשקען. ווען ער וואלט געווען א געבאָרענער קריסט, וואלט איך זיך ניט געקימערט.

— וואס איז דען דער אונטערשיעד? — האט אָלגא געפרעגט.

— עס איז א גרויסער אונטערשיעד, שוועסטערל, איך קען ניט איינגעהן, אז מיר זאלען האבען אין אונזער משפחה א משומד. עס איז וואהר, אשקען האט מיר ארויסגענומען פון אלע צרות; מיר האבען איהם דאך דערפאר אבגעשאטען מיט גאלד פופציג מאל מעהר וויפיעל ער האט ערווארטעט. וואס צווינגט אונז אלזא איהם צו פערקויפען אונזער עהרע, אונזער משפחה און אונזער נאמען?

— איז ער דען דער איינציגער געטויפטער איד? — האט אָלגא געפרעגט.

— יא, ער איז אפשר דער איינציגער אין לאנדאן וואס האט זיך געטויפט אום זיין משפחה די אויגען צו פערשווארצען, וויא ער האט מיר אליין דערצעהלט. איך וואלט צו איהם ווירקליך קיינע טענות ניט געהאט ווען ער וואָלט אנגענומען זיין נייע רעליגיאָן אוים ריינע איבערצייגונג.

— איך ליעב איהם אבער, — האט אָלגא געמורמעלט.

— ביסטו דען איבערצייגט, אז ער ליעבט דיך אויך? אפשר מיינט ער נאר דיין רייכטהום?

— איך גלויב, אז זיין ליעבע צו מיר איז ערנסט.

— אין פאל ווען עס איז וויא דוא גלויבסט, קענסטו ניט ווירקען אויף איהם

ער זאל וועניגסטענס צוריק א איד בלייבען און מיט דיר הייראטהען אויף דעם אידישען ארט?

— איך וועל טהאן מיין בעסטעס דיין וואונש צו ערפילען, ליעבע שוועסטער. נאָר, איך האב שטארק מורא, אז אשקען מוז האבען אויף זיך א גאנצען פעקעל, און איך צווייפעל אויב ער קען יעצט הייראטהען.

— אוננפעהר וואס?

— דאס ווייס איך נים; מעגליך אז ער האט וואו איבערגעלאזען א פרוי, מעגליך דא אין עפעס וואס אנדערש. מיר שיינט אויך אז ער וועט אויף א געוויסע צייט נים טאהרען זיין אין לאָנדאָן.

— וויא אזוי ווייסטו דאס אָלגא?

— ער האט מיר געגעבען אָנצוהערן, אז ער דארף אברייזען אויף א קורצע צייט, און האט פון מיר פערלאנגט א זעהר קאָמישע זאך.

— געוויס, דוא זאלסט מיטפאָהרען מיט איהם? דאס איז גאר נים אזוי קאָמיש וויא דוא מיינסט — האט אסתר געזאגט לאכענדיג.

— ניין, נים דאס — האט איהר אָלגא אונטערבראכען — אשקען וויל, אז אין דער צייט וואס ער וועט נים זיין אין לאָנדאָן, זאל איך פערטרעטען זיין דעטעקטיוו שטעלע אין דער געהיים-פּאָליציי.

אסתר האט זיך צולאכט.

— עס איז נימא וואס צו לאכען וועגען דעם — דען ערשטענס האב איך זעהר גערן דאס דעטעקטיווישע לעבען, און צווייטענס האט מיר אשקען פערזיכערט, אז איך וואלט טוינען אויסגעצייכענט דערצו. איך בין נים דיא ערשטע פרוי דעטעקטיוו; פאריז איז פול מיט זיי און אויך אין לאָנדאָן פעהלען זיי נים.

אסתר האט א ווייל נאכגעדאכט און האט צו איהר געזאגט מיט אן ערנסטען טאָן:

— עס וועט דיר אבער דערנאָך בלייבען אויף אייביג דער טיטעל 'Cute lady (בימערע נקבה), וויא מען רופט געוועהנליך אין לאָנדאָן דיא פרויען דעטעקטיווס.

— עס איז בעסער צו זיין א „בימערע נקבה" מיט א נאמען, איידער א זיסע נקבה פערזוקט אין א ווינקעל וויא א דאָרף-שיקס. — האט אָלגא געענטפערט לאכענדיג.

41סטעס קאפיטעל.

מאַקע זכות אבות.

א גאנץ שעהנע פרוי דארף האבען דריי זאכען ווייס: איהר האלז, איהרע הענד און איהרע צעהן.

זיא דארף האבען דריי זאכען שווארץ: איהרע אויגען, דיא הערעלאך ארום דיא אויגען און דיא ברעמען.

זיא דארף האבען דריי זאכען רויט: דיא ליפען, דיא באקען און דיא נעגעל.

זיא דארף האבען דריי זאכען לאנג: דעם קערפער, דיא האלז און דיא האאר.

זיא דארף האבען דריי זאכען קורץ: דיא אויערן, דיא פיס און דעם שכל.

זיא דארף האבען דריי זאכען דין: דיא פינגער דיא נאז און דיא ליפען.
זיא דארף האבען דריי זאכען ברייט: דיא ארעמס, דיא שולטערן און דיא ברוסט.
זיא דארף האבען דריי זאכען קליין: דעם קאפ, דיא הענד און דיא מויל.
זיא דארף האבען דריי מעלות: גוט, קלוג און געטריי.

אַלגא איז געווען א שעהנע פרוי; זיא איז אבער ווייט געווען פון א גאנץ שעהנע פרוי. איהרע באקען זיינען ניט געווען רויז, נאר עבט רויט וויא א דארף שיקסע. איהר קאפ און איהר מויל זיינען אפילו געווען ציכליך קליין; אבער איהרע הענד זיינען געווען צו גרויס. זיא האט אויך ניט געהאט קיינע שווארצע האאר, נאר בלאנדע; אבער אזוי לאנג, אז זיי האבען געקענט גרייכען ביז איהרע קניע. צוויי זאכען האט עס ביי איהר געשטימט מיט דיא מעלות וואס מיר האבען אויסגערע־כענט. זיא האט געהאט לאנג: איהר קערפער, דיא האלז און דיא האאר; זיא האט אבער דערפאר געהאט א חסרון: אויך איהר שכל איז געווען לאנג. ווידער האט זיא געהאט ברייט: דיא אָרימס, דיא שולטערן און דיא ברוסט; אבער אויך איהר מויל איז געווען א ביסעל צו ברייט און דארום איז אויף איהר ניט געלעגען דער אריסטאָקראטישער זיגעל. אויף איהר פנים איז כמעט געווען צו דערקענען איהר נידריגע פערגאנגענהייט ווען זיא איז געווען א באָרדערקע ביי דיא אלטע דיקסאָן.

עס איז געווען צוויי מאָנאט זייט אַלגא האט געהייסען מאדאם אשקען. דעם דעטעקטיוו איז פלוצלונג ארייננעפאלען א גרויסעס פערמעגען, דיא העלפט ירושה וואס זיין נייע ווייב האט אפגענומען, און אַלגא האט געלעבט ווירקליך וויא א פירשטין. אבער דיא ערציהונג פון א פרוי שפּיעלט אימער א גרויסע ראָלע אויף איהר כאראקטער, און אבוואהל זיא איז ארייננעפאלען אין דיעזעלבע שמאלץ־גרוב וויא אסתר גרינוואלד, דאָך האט יעדער געקענט זעהן וואס פאר א גרויסער תהום עס איז מפסיק צווישען דיעזעביידע שוועסטער. גרינוואלד׳ס פרוי איז געווען אן אריסטאָקראטישע דאמע מיט אן עדעלן כאראקטער, פאל ליעבע און טרייהייט צו איהר מאן; אבער ביי מאדאם אשקען האט זיך אפגערופען דיא אלטע געפיהלע פון ווילדע לײדענשאפטען, אויב ניט פון פערדאָרבענהייט. זיא האט גערן געהאט איהר מאן דיא ערשטע פאר וואכען, און באלד א מאנאט נאך איהר חתונה, האט זיך ביי איהר אויפגעמונטערט דיא ווילדע ליידענשאפט צו פרעמדע מענער. זיא איז אבער יעצט ניט געווען מעהר דיא עלענדע אַלגא וואס איז געצוואונגען צו פערדינ־נען איהר קערפער אום צו האבען ברויט; נאר זיא איז געוואָרן אויסגעלאסען פון וואוילטאָג. וויא מאנכע אנדערע אריסטאָקראטישע דאמען. זיא האט צוזאמענגע־מישט איהר אלטע ערפאהרונג מיט איהרע יעצטיגען לוקסוס.

עס איז געווען צוויי מאָנאט נאך איהר חתונה, ווען דער דעטעקטיוו האט ערהאלטען דיא אונאַנגענעהמע נייעס פון א פריינד־דעטעקטיוו אז זיין פלאַצקער פרוי איז געקומען אין לאָנדאָן קלאָגען איהר מאן. וויא אשקען האט געזעהן אז ער קען מיאוס ארייגפאלען, און הארט בעשטראָפט ווערן פאר נעהמען צוויי ווייבער, האט ער באלד אבגערייזט נאך פאריז און האט איבערגעלאָזען זיין פרוי נומער צוויי

זיא זאל וויא=עס=איז אָבמאַכען מיט זיין פרוי נומער איינס: זיא זאל ארויסגעבען אַ צעטעל אַז זיא האט צו איהר ערשטען מאַן ניט.

אבער אָלגאַ איז אפילו אין זינען ניט געלעגען דורכצומאַכען; אדרבא, זיא האט זיך שטארק דערפרעהט וואס זיא איז דא אויף אַ רעכטע ווילע פטור געוואָרען פון איהר מאַן. וואס טויג איהר עפּעס איין מאַן? רייך איז זיא, פּאָפּולער איז זיא אויך, און דערצו לויפען איהר נאָך ליעבהאָבערס, וואס „שטאַרבען פאר איהרע טריט" — וואס פעהלט איהר מעהר? אין דער געהיים=פּאָליציי איז זיא אויך רעקאָמענדירט, און עס איז נאָך ניט פּאָראיבער קיין אכט טעג זייט דיא צייטונגען האבען געמאַכט אַזאַ וואַרע פון דיא „ביטערע נקבה", וואס האט אליין אויסגעפונען אין גלאָסעסטער ליין אַ קינדער=מערדערין.

— ווער איז יעצט מיין גלייכען? — האט זיא געזאגט צו זיך אליין — איך האב דאָך אין מיין לעבען ניט געטרוימט אפילו אַ הונדערטע טהייל וואס איך האב דערלעבט צו זעהן אויף מיר אליין. דאס אלעס האב איך צו פערדאַנקען מיין אידישען פּאַפּאַ — ניין, איך האב דאס צו פערדאַנקען מיין גוטע מאַמאַ, וואס האט געהייראַטעט מיט אַ אידען.

42טעס קאַפּיטעל.

דער ערשטער טריט פון אן אשת איש.

— מערי! מ—ע—ר—ר—ר—י!

אַ שעהנע בלאָנדינקע מיט אַ ווייסען פארטוך האט זיך באלד בעוויזען אין טהיר צו אנטווארטען מאדאם אַשקען.

— איהר האט מיר גערופען, מאדאם? — האט דיא קאַמער-מעדכען געפרעגט איהר ווירטהין מיט אן אויסלענדישע אויסשפּראַכע.

— יא מערי; איך ווייס גאר ניט וויא דיר אפּצודאַנקען! דוא האסט מיר אַזוי שעהן פריזירט מיינע האאר. היינט, אַזוי פיעל גרייזעלאַך! דאס מוז פּאַסען זעהר שעהן צו מיין באַל=קלייד.

מאדאם אַשקען האט זיך צוגערוקט צום שפּיגעל, האט אויפגעהויבען איהרעביידע זילבער=ווייסע ארימס אום צו בעטראַכטען וויא עס זעהט אויס איהר גאַנצער קערפּער פון קאָפּ ביז דיא שלעפּע.

— איהר זיינט רייצענד שעהן, מאדאם, — האט מערי געזאגט אויסציהענדיג אביסעל מעהר אָלגאַ'ס שלעפּע.

אָלגאַ איז ווידער צוגעגאַנגען צום שפּיגעל און זיא האט אויסגעפונען, ניט צום ערשטען מאָל, אַז זיא איז ווירקליך רייצענד. איהר האלב אָפענער קאָרסעט איז געווען זעהר חנ'עוודיג אויסגעפילט און איהר ברייטע ווייסע שולטערן האבען צוגעגעבען אַ מאַגנעטישען חן צו איהר געזיכט וואס איז געווען פאל לעבען און לעבעדיגקייט. צוויי, דריי גוטע בריליאַנטען האבען געגלאַנצט אין מיטען קאָרסעט און האבען אויסגעזעהן וויא טהוי טראָפּענס געגען מאָרגען=זון.

— גיב מיר מיינע האַנד=שוה, מערי, — האט זיא געזאגט נאכדעם וויא זיא האט זיך געגעבען א דרעה אין שפּיגעל און אַ לאַך צו איהר צווייטען „איך". — איך

מוז יעצט אָנציהען מיינע האנדשוה, ווייל עס איז שוין באלד האלב עלף. דער באל האט זיך שוין געוויס אנגעפאנגען.

— און ווען וועט מאדאם צוריקקומען?

— דוא דארפסט ניט ווארטען אויף מיר, מערי, איך וועל ערשט צוריקקומען ארום פינף אָדער זעקס אוהר באנינגען. איך וועל זיך אליין אויסציהען. זאג פאטריקי׳ן ער זאל אלעם צושליסען, איידער ער געהט שלאפען.

דיא „ביטערע נקבה" איז אראפּ פון ערשטען שטאק אין א קליינעם ווארטע זאל וואס איז געווען פאזע קאָרידאָר. זיא האט נאך אלץ געהאלטען אין צושפּילען איהרע ווייסע האנדשוה און זיא האט ארויסגעקוקט דרויסען. זיא האט ווידער אריינגענומען דעם קאָפּ פון פענסטער און האט א בליק געגעבען מיט אונגעדולד אויף דיא קליינע וואנד־אוהר.

— אָבער, ווארום קומט ער ניט?—האט זיא געפרעגט זיך אליין ארויפ־שפּריינקלענדיג נאך א ביסעל פּוידער אויף איהר הויבע, נאַקעטע ברוסט — עס איז דאך שפּעט; מען טאנצט שוין דארט געוויס פון צוויי שעה.

וויא זיא האט אזוי גערעדט צו זיך אליין, האט זיא געהערט א גערויש פון א וואָגען און מיט א מינוט שפּעטער האט דער טהיר־גלעקל געקלונגען. דער דאָקטאָר איז אריינגעקומען.

דאָקטאָר ארטהור קינגסטאָן, גרינוואלדס נוטער פריינד, איז געווען א הויכער ברוינעטער יונגער מאן; זיין געבלייזטער פראק האט געציינט אויסגעצייכענט זיין ברייטע ברוסט. ער איז אריין מיט א בוקעט בלומען אין איין האנד און דעם הוט אין דער אנדער האנד.

— פירשטין! איהר זיינט ווירקליך רייצענד—האט דער דאקטאר צו איהר געזאגט אבוואהל ער האט צו גוט געוואוסט, אז דיעזע „פירשטין" האט זיך געהאָ־דעוועט ביי דיא אלטע שכורטע דיקסאָן. אָלגא האט אבער דאָך געוואָלט מען זאל איהר רופען „פירשטין". איז דען איהר מוטער וויקטאָריא ניט געווען א טאכטער פון אלטען פירשט אָגינסקי? אי, איהר פאטער האט גאר געהייסען אהרון רובינשטיין? נו, וואס איז דען? פון איהר פאטערס צד האט זיא רייכטהום, לאָז זיא האבען פון איהר מוטערס צד דעם יחוס. כבוד פון איין זייט און לעבער פון דער אנדער זייט!

— דאָקטאָר! שטעהט ניט לעדיג, — האט זיא געזאגט צו קינגסטאָנען — העלפט מיר עפּעס; איהר זעהט דאך וויא איך בין בעשעפטיגט.

— וואס קען איך טהאן פאר—

— נעהמט דיעזע שפּילקע, — האט זיא איהם אונטערבראָכען — און שטעקט עס אריין הינטען אין מיינע לאקען. אבער שטעכט מיר ניט איין.

דער קאַוואַליער האט אוועקגעלעגט דיא בלומען מיט׳ן הוט און ער איז גע־גאנגען טהאן וואס מען האט פון איהם פערלאנגט. ער איז געווען מיט זיין געזיכט אזוי נאהענט צו איהר נאַקעטע האלז, אז ער האט זיך ניט געקענט איינהאלטען איהר ניט צו געבען קיין קוש, נאכדעם וויא ער איז פערטיג געווארען מיט דער שפּילקע.

— מיר געהן, עס איז שפעט, — האט זיא צו איהם געזאגט — זיינען דיעזע בלומען פאר מיר?

— געוויס מיין טהייערסטע — האט קיננסטאָן איהר געענטפערט האלב צו־טומעלט — איך האב אויסגעקליבען דיא שעהנסטע בלומען און ראָזען וואס איך האב נור געקענט געפינען פאר געלד. יעצט זעהט דיעזער גאנצער בוקעט אויס אזוי ארים אין אייערע הענד. זיי קומען דאך ניט צו אייך, איהר זייט דיא שעהנסטע לעבע־דיגע ראָזע.

אָלגא'ס אויגען האבען געגלענצט און זיא האט אויסגעשטרעקט איהרע ווייסע הענד צו עמפפאנגען דעם בוקעט. קיננסטאָן האט עס אויפגעהויבען אין דער הויך, איבער איהר קאָפּ, און וויא זיא איז צוגעגאנגען צו איהם מיט א פערצווייגעגע מינע פאל שמד׳שטיק, האט ער איהר ארומגענומען דיא טאליע און האט פערזיגעלט איהרע ראָזע ליפּען מיט א קוש וואס האט אבגעקלונגען אין קארידאָר וויא א זילבער־מעטאל.

43טעם קאפּיטעל.

ווען דער האָבער שמעכט.

עס איז געוועזן אויף מארגען נאכ'ן באָל. אָלגא איז געזעסען אין איהר פּארלאָר „סעוויל־פּליים״ און האט עפּעס געזוכט אין דיא צייטונג "Pall-Mall Gaztte".— זיא האט געקעהרט דיא בלאט אהין און אהער אום צו געפינען איהר נאמען צווישען דיא געסט וואס זיינען געוועזן געלאדען אויף דעם באל פון געסטערן. זיא האט אזוי לאנג געזוכט ביז זיא האט געפונען אין דיא ליסט פון דיא געסט: „מאדאם אשקען״.

דאס איז צום ערשטען מאָל וואס זיא האט געהאט דיא זכיה צו זעהן איהר נאמען געדרוקט צווישען אזעלכע גרויסארטיגע געסט. ביז יעצט האט זיא נאר איהר נאמען געזעהן געדרוקט אין צייטונגען אלס אן עדות; זיא האט אבער ניעמאלס געטרוימט, אז איהר נאמען וועט אמָאָל שטעהן זייט־ביי־זייט מיט דיא נעמען פון אזעלכע אריסטאָקראטישע דאמען און הערען. עפּעס א קליינינקייט אזא באל וואו עס זיינען געוועזן לאָרדען, גראפען און באראָנען!

„מאדאם אשקען״ — האט זיא נאך אמאל אנגעקוקט איהר נאמען און זיא האט אפשר צוואנציג מאל איבערגעצעהלט דיא זעקס בוכשטאבען פון Ashken

זיא האט נוט דורכגעקוקט אלע נעמען פון דיא געלאדענע וואס זיינען בעקאנט אין לאָנדאָן דורך זייער רייכטהום, דורך זייער שעהנקייט אדער דורך א הויכען ראנג.

— יא, דאס איז זעהר שעהן, — האט זיא געזאגט צו זיך אליין אוועקלעגענדיג דיא צייטונג אויף איהר שויס — עס איז זעהר שעהן פון דיא צייטונג וואס זיא האט אריינגעשטעלט מיין נאמען; אבער עס זעהט אויס אזוי טרוקען „מאדאם אשקען״, נאר אהן א ברעקל טיטעל. וואס וואלט דעם רעדאקטאָר געקאָסט, ווען ער וואלט געשטעלט „פּרינצעסין אָנינסקי״? עס וואלט איהם אסור דיא פינגער אפּגעדארט.

יא האט זיך אויסגעצויגען אויפ'ן זאָפא, און איהרע געדאנקען האבען געשוואו־מען אין דעם ים גלאנץ און לוקסוס וואס זיא האט געזעהן אויפ'ן באל. זיא האט

צוריקגערופען אויף א ווײלע אין איהר איינבילדונג דעם גרויסארטיגען טאנץ־זאל וואס איז געווען אויסגעציערט מיט בלומען, פערפלייצט מיט עלעקטרישע ליכט, פער־שמעקט מיר טהייערע פערפומע און אויסגעפילט מיט אזוי פיעל גרױסע מיוחסים.

אָבער אין דיעזען אויגענבליק האט זיא זיך דערמאנט עפּעס וואס האט איהר געגעבען א טרייסל פאר צארן און ערגערניס. וויא זיא איז אזוי נעסטערן געשטאנען מיט דאָקטאָר קיננסטאָנען, באַלד נאכן צווייטען קאדריל, האט זיא דאן בעמערקט וויא אן אלטער לאָרד קוקט אויף איהרע רונדע נאקעטע שולטערן וואס האבען שטארק ארויסגעקוקט. זיא האט זיך דאן איינגעהערט דיעזען געשפּרעך:

— ווער איז זיא דען? — האט דער אלטער לארד געפרעגט א יונגען גראף.

— ווייס איך ווער דיעזע פרוי איז? — האט דער גראף געענטפערט — איך האב נאר בעקאנטשאפט מיט אריסטאָקראטישע דאמען; איהר קענט דאך ניט ערווארטען, לאָרד, איך זאל האבען בעקאנטשאפט מיט איינפאכע פרויען פון א גאנץ יאָהר.

„א פּרוי פון א גאנץ יאהר״! דיעזע ווערטער וואס זיינען ארויס פון גראפ׳ס מויל, האבען איהר אזוי געערגערט, אז ווען זיא וואלט איהם יעצט געקראָגען, וואלט זיא איהם צוריסען וויא א הערינג, מיט איהר מאן דעם דעטעקטיוו צוזאמען! א שפּאס, א מציאה מיט איהר מאן! וואס איז ער דען? א דעטעקטיוו און ווייטער גאר ניט. דאס איז עפּעס א טיטעל? א ראנג? ווען מען וואָלט געוואוסט אויפ׳ן באַל, אז זיא איז דיא פּרוי פון א דעטעקטיוו, וואלט מען איהר אפשר ניט ארייג־געלאָזען און דער אלטער לארד וואָלט געווים ניט בעוואונדערט איהר שעהנע טאַליע.

אזוי איז געלעגען אָלגא אויפ׳ן זאָפא און האט גערעדט צו זיך אליין מיט א פערביטערטעם הערץ, פּונקט וויא זיא וואָלט געבאָרן געווארען אין רייכטהום און לוקסוס. דאכט זיך מיט איין יאהר צוריק וואלט זיא זיך דאך גליקליך געשעצט, ווען מען וואָלט איהר דערצעהלט, אז אין צוועלף מאָנאטען ארום וועט זיא האבען פאר א מאן א פעהיגען דעטעקטיוו, א שעהנע רייכטהום און זיא וועט בעוואוינען איהר אייגענע הייזעל אין סעוויל־פּלייס, מיט א דיענער, א קאמער־מעדכען און א קעכין; אבער יעצט, אז זיא איז פּלוצלונג ערהויבען געווארן פון דיקסאָנס בלאָטע און עלענד, האט זיא גאר פּרעטענזיעס צו דער וועלט ווארום מאַנגאַטען און לאָרדען זוכען ניט איהר בעקאנטשאפט!

יא דער האָבער שטעכט איהר, וואלטען איהרע אלטע חבר׳טעס געזאגט.

דער מענש, איבערהויפּט דיא פּרוי, איז בטבע אן אונצופריעדענע באשעפענעס און אויך גליק אליין קען ניט זאט מאכען, — וואלט געזאגט א דענקער, ווען ער וואָלט דאן געהערט אָלגא׳ס טענות צו איהר מזל.

— יא! — האט זיא ווייטער געזאגט צו זיך אליין מיט א זיפץ — ווען דער יונגער גראף וואלט ניט געזאגט אז איך בין א „פּרוי פון א גאנץ יאהר״, וואלט דער אלטער לאָרד באַלד זיך מיר בעקאנט געווארן, ווארום איך האב געלעזען אויף זיינע אויגען וואס פאר א מיינונג ער האט פון מיין פערזאן; עס איז ביי מיר קיין צווייפעל, אז דיעזע פריינדשאפט וואלט זיך מיט דער צייט פערוואנדעלט אין ליעבע.

האבען א לאָרד אלס ליעב־האָבער, איז בּילעבען א סך שעהנער וויא צו זיין דיא ווייב פון א דעטעקטיוו. אסתר איז דען נעבּאך ניט גערעכט געווען וואס זיא האט זיך נעשעהמט מיט איהר שוואָגער פעליקס אַשקען? וואס בין איך דען יעצט? א ביטערע נקבה, וועה איז מיר!

אָלגא איז אלץ געווארען מעהר און מעהר אויפגערעגט. זיא איז ארומגענאנגען מיט אונגעדולד אין זאל הין און צוריק. ענדליך ווען דער צארן איז איהר אביסל פאראיבער, האט זיא זיך אפּגעשטעלט גענען שפּיגעל און האט זיך בעטראכט פון קאפּ ביז דיא פיס, פּונקט וויא זיא וואלט ערוואַרטעט פון שפּיגעל אן ענטפער וועגען איהר צוקונפט.

— בּין איך א פרוי פון א גאנץ יאהר?

אָבער וואס האט איהר דער שפּיגעל געקענט דערצעהלען דאס וואס זיא וויים ניט? זיא האט איהם שוין אזוי פיעל מאל געפרעגט און זיא האט אימער געקראגען דעם זעלבען ענטפער, נעמליך: אז מיט אזא רונדעס געזיכט, מיט אזא קערפּער וויא א שיף, מיט אזא קאָפּ בלאָנדע האאר, מיט אזא פּאאר אויגען און מיט אזא רונד־געשניצטע ברוסט — מיט דאס אלעס דארף זיא שפּילען א גרויסע ראָלע אויף דער וועלט. א חוץ דעם איז זיא דאך אויך קלוג, מיט א רעכט ביסל ערפאהרונג....

וויא זיא האט זיך אזוי דורכשטודירט אליין, האט זיא דערהערט טריט, און אין א מינוט ארום זיינען אריינגעקומען מארקוס גרינוואלד און זיין פרוי.

— וואס מאכסטו אסתר און וויא געהט עס אייך, הערר גרינוואלד? — האט אָלגא געפרעגט נאכדעם וויא זיא האט זיי געשטעלט שטוהלען.

— מיר קומען יעצט ניט צו גאסט, — האט אסתר איהר ערווידערט — נאר, מיר האבען ערהאלטען א בריעף פון דיין מאן אויס פאריז מיר זאלען אלע זעהן מאכען א סוף מיט דיא פּאָלנישע פרוי, אַשקען'ס ערשטע ווייב, וואס איז געקומען צאַפּען געלד פון איהם.

— וואס קען מען דען טהאן? — האט אָלגא געפרעגט.

— ווען מען וועט איהר געבען געלד, וועט זיא נעהמען גט, — האט גרינוואלד ערקלערט — אדער זיא וועט איהם ארויסגעבען א פּאַפּיר, אז זיא האט צו איהם ניט —

— לאז זיך אשקען פערדרעהען זיין קאפּ מיט זיינע ווייבער צוזאמען — האט איהם אָלגא אונטערבראכען — איך וואלט אליין געגעבען מיט פערגניגען אַשקענס געלד עה זאל מיט מיר אויך מעהר קיין מחותן ניט זיין. הלואי, וואלט איך דיר געפאלגט, אסתרל, און ניט גענומען קיין דעטעקטיוו. וויא קומט ער צו מיר יעצט? בין איך דען אבי־ווער? איך בין דאכט זיך א שעהנע פרוי מיט א נאמען און פער־מעגליך דערצו?

— אָבער, ווער האט אייך דערצו געבראכט ווען ניט אַשקען? — האט זיך אפגערופען מיט ערגערניס אסתר'ס מאן — ווען ניט ער, וואלט איהר נאך געווען אן אונגליקליכע אין גלאָסעסטער ליין אדער איהר וואלט געפיטערט חזרים ביי אַגינסקין אין ריטעווע.

— דאס איז ניט אייער זאך! — האט אַלגאַ צו איהם גזאגט — פארלויפיג האט איהר מיר צו פערדאנקען אייער לעבען.

— וואס טויג אונז יעצט דיעזע אלע אומזיסטיגע טענות, — האט אסתר זיך אריינגעמישט — מאך מיט אשקענען וויא דוא פערשטעהסט; אבער זעה איהם נאר צופריעדען צו שטעלען. פערגעס ניט אז ער האט מיר אין דער האנד.

— וואס קען ער דיר טהאן? האט אַלגאַ געפרעגט.

— וואס! ער וועט באלד אויסזאגען דיא געהיימניס פון מיין פאטער פאר דער גאנצער וועלט.

— זאג, פון אונזער פאטער, — האט איהר אַלגאַ אונטערבראָכען מיט שטאָלץ.

וויא גרינוואלד האט געזעהן, אז דא קען געהן א ביסעל צו וויט, האט ער דיעזען גאנצען געשפרעך איבערגעהאקט מיט דיעזע פראגע:

— און וויא איז אייך געגאנגען, שוועגעריך, אויפ'ן באל?

— פון וואנען ווייסט איהר, אז איך בין דארט געווען? — האט זיא ערווידערט לאכענדיג.

— א בעקאנטע דאמע האט אונז דערצעהלט, אז זיא האט דיר דארט געזעהן מיט'ן דאָקטאָר קינגסטאָן, — האט אסתר געזאגט — און עס פרעהט מיר וואס דוא האסט אויסגעקליבען אזא עלעגאנטען אָרדענטליכען בעגלייטער.

— איך האב גאר ניט אזוי שטאלצירט מיט איהם, וויא דוא מיינסט; א דאקטאר איז עפּעס א לאָרד, א באראָן? איך זעה ניט איין וואס דיא מציאה איז מיט א דאקטאר אין אזא גרויסע שטאדט וויא לאנדאן. ווער קוקט זיך דא ארום זיי ארום אין דיא גרויסע הייזער?

— אי דער האָבער שטעכט איהר — האט גרינוואלד געזאגט צו זיך אליין און האט געגעבען א וואונק אסתר'ן צו געהן.

— אַלגאַ האט זיי אבער טרוקען ניט אוועקגעלאזען. זיא האט זיי טראָקטירט מיט גוטען וויין און קוכען. זיא האט אויך גרינוואלד'ן טראקטירט מיט א גוטע ציגאר און אין א פאר מינוטען ארום האבען זיי גענומען פון איהר אבשיעד מיט דער פערשפרעכונג, אז זיא וועט קומען בייא זיי אין מיטען וואך.

— באלד וויא זיי זיינען ארויס, האט אַלגאַ געקלונגען צו איהר דיענסט מערי און האט איהר געגעבען א בעפעהל, זיא זאל הייסען פאטריק'ן ברייגנען א שפאציר-וואגען.

ווען פאטריק איז געקומען מיט'ן וואגען, איז שוין אַלגאַ געווען אָנגעצויגען און אין א ווייל ארום איז דער וואגען פערשוואונדען אין קענסינגטאן סטריט.

מערי און פאטריק האבען זיך אוועקגעזעצט בריימלאך אין זאל וואו וייער ווירטהין איז א ווילע פריהער געזעסען און האבען זיך זעהר פריינדליך אונטערהאַלטען אויפ'ן זאָפא.

— וואו האט זיא געקענט פאָהרען, אז זיא האט זיך אזוי אויסגעפוצט? — האט פאטריק געפרעגט דיא דיענסט.

(Oginsky, 13.)

— איך קען זיך שוין פארשטעלען — האט מערי געענטפערט — ווען איך האב איהר אנגעצויגען איהר געבלייזטע קלייד. איך האב אויך בעמערקט וויא זיא האט זיך פארפומירט איהר בוזים פון אינוועניג.

— וואס האט זיא זיך פארפומירט — האט דער דיענער איהר איבערגעפרעגט ווינקענדיג מיט איין אויג.

— מעהר וויא איין מאל זאג איך ניט — האט מערי ערווידערט געבענדיג א שלעפ איהם צו זיך פארן האנד.

— אבער ביסטו שטארק, מערי!

— א שפאס געגען וועמען דא איז דא שטארק צו זיין; ביסטו דען אויך א מאן? ביסט דאך אן אונערקע.

— איך וויים אז איך בין קליין געוואקסען, — האט דער דיענער געזאגט איהר ארומנעהמענדיג — אבער וואס מיר פעהלט אין דער לייגג, האב איך אין דער ברייט און דוא מוזט מיר צוגעבען, אז איך בין געגוג דיק פאר מיינע 22 יאהר.

— חלעבען, דוא ביסט א געזונער גבור, א לאקשענער גזלן און א קאר־טאפעל־מערדער.

44טעם קאפיטעל.

וויא אפעצירען אמוזירען זיך.

דער שפאציר־וואגען איז געלאפען פאזע דיא „פארקס“ אדער שטאדט גערט־נער. אלגא איז געזעסען פערטראכט אין א ווינקעל פון וואגען און האט געקלערט יעהר ערנסט פון איהר צוקונפט.

נאכדעם וויא דער וואגען איז פאראיבער טשארינג־קראס, איז ער אנגעקומען אין קלייר סטריט און דער פוהרמאן האט זיך אבגעשטעלט נעבען א הויז וואו אלגא האט איהם געהייסען. דאס איז געווען א קליינע רוהיגע הויז, געגענאיבער א לאדען פון ציימונגען.

איידער אלגא איז ארויסגעשפרונגען פון וואגען, האט זיא געגעבען א בליק רעכטס און לינקס. זיא איז געווען העכסט צופרידען וואס זיא האט קיינע בעקאנטע בעמערקט, א חוץ איינינע סאלדאטען וואס האבען ארומשפאצירט אין זייערע ענגע רויטע פראקען, עכט בלויע און שמאלע הויזען מיט א ווייסען פאס אויף דיא רעכטע זייט פאלקע. דיעזע קעסט־בחורים פון דיא קעניגין וויקטאריא האבען זיך אזוי גע־לאנגוויילט שפאצירענדיג, פונקט וויא זיי וואלטען געזוכט עפעס וואס צו טהאן מיט זיך אליין.

אלגא האט זיך ניט געקימערט וואס דיא סאלדאטען טרייבען זיך ארום; זיא איז פארביינעגאנגען דעם קליינעם לאדען פון דיא ציימונגען, זיא איז אריבער קלייר סטריט, און פון דארט האט זיא זיך אריינגעחאפט שנעל וויא א קאץ אין א שטילע זייט־געסעלע.

אין צייטונג׳ס געשעפט איז געזעסען דיא ווירטהין, א שטארקע פרוי פון דיא מיטעלע יאהרען און זיא האט זיך אונטערהאלטען מיט א קאפאראל וואס איז געקו־מען קויפען דיא „איליוסטרייטעד ניוס“.

— דא נעהט שוין ווידער א קונד אין נומער 7 — האט זיא געזאגט.

— און וואהרשיינליך אויך צום קאפיטאן ווילסאָן, — האט דער קאפאראל געענטפערט מיט א שמייכעל — דער קאפיטאן האט הצלחה, אלע פרויען ליעגען איהם אונטער דיא שפאָרען.

— וואס פעהלט איהם דען? איז ער ווענינ שעהן? וועניג געזונד? — האט דיא עלטערע פרוי בעמערקט און האט געגעבען א קאמישען דרעה מיט איהרע שולטערן.

— יא, דאס קען מען ניט זאגען, — האט דער קאפאראל עדווידערט — דער קאפיטאן ווילסאָן איז ווירקליך א פיינער בחור. דיעזע פרוי וואס געהט יעצט צו איהם איז געוויס א דאמע, ניט אמת?

— געוויס, — האט דיא פרוי געזאגט — דער קאפיטאן גיבט זיך ניט אפ מיט אבי־וועמען.

דער קאפאראל האט א ווײלע געשוויגען און האט געפרעגט:

— רעדט מען נאך אלץ אין דיעזע נאכבארשאפט אז דיא פאָליציי וויל צו־שליסען דעם נומער 7?

— יא, רעדען רעדט מען; אבער דער פלאץ איז נאך אימער אפען וויא געוועזען און וועט וואהרשיינליך אזוי בלייבען; ווען מען האט איינפלוס, דארף מען פאר קיינעם קיין מורא ניט האבען — האט דיא פרוי געזאגט געבענדיג א בעסטיאלען וואונק מיט איהר רעכטע אויג.

— זעהט איהר — האט זיך דער קאפאראל אפגערופען — דאס הויז וואלט שוין לאנג געוועזען צוגעשלאסען, ווען דארט וואלטען צוזאמענגעקומען איינפאכע סאָל־דאטען וויא איך; דאס איז אבער א רוהיגע הויז, וואו אפעצירען און דאמען קומען נאר צוזאמען. נאטירליך, דאס וואס איז ניט פריי פאר דעם איינפאכען סאלדאט, איז אימער ערלויבט דעם אפעציר.

דאס הויז איז ווירקליך געוועזען א „רוהיגע״ און ווען איינער איז דארט פארביי־געגאנגען האט ער זיך ניט געקענט מערקען אויב דאס איז א קלייסטער אדער א האספיטאל.

דער אריינגאנג אין דיעזער הויז איז ניט אין קלייר סטריט, וויא דיא אנדערע הייזער, נאָר אין א זייט־געסעלע. אָלגא האט עס גוט געוואוסט און זיא איז אריין דורך דיא זייט געסעלע.

ווען מען האט איהר דיא טהיר געעפענט, האט זיא ניט געשטעלט קיינע פראגעס דיא פרוי וואס האט איהר אריינגעלאזען, נאָר זיא איז געגאנגען גראדע דורך דעם ענגען קארידאר ביז דיא טרעפ, און זיא איז ארויף דעם ערשטען שטאק, וואס איז בעשטאנען פון צוויי צימערן: דער פאָדערסטער צימער איז געוועזען אויפ־געפוצט וויא א זאל און פון הינטען איז געוועזען דער שלאף צימער. דיא צוויי פענס־טער פון פאָרינט זיינען געוועזען פערהאנגען מיט דיקע פאָרהאנגען.

ווען אָלגא האט געעפענט דיא טהיר פון זאל, האט זיא געפונען דעם קאפיטאן ווילסאָן קוקענדיג אין אן אילוסטרירטע צייטונג.

— גוט וואס דוא ביסט ענדליך דא, האט דער קאפיטאן צו איהר געזאגט, איך האב גערעכענט, אז דוא וועסט שוין ניט קומען.

— אויב אזוי, האסטו שלעכט גערעכענט, — האט איהם אלגא ערווידערט — דוא ווייסט דאך מיין טהייערסטער דזשעק, אז ווען איך פערשפרעך צו קומען, האלט איך אימער ווארט. איך האב געהאט געסט, קרובים, און זיי האבען מיר פער־האלטען ביז יעצט.

ביי דיעזע ווערטער האט זיא איהם ארומגענומען און זיא האט איהם פער־פלייצט מיט א רעגען קושען.

דער קאפיטאן דזשעק ווילסאן איז ווירקליך געווען א זעהר שעהנער מאן, פון שטארקעס אנזעהן און פעסט געבויט. אין זיינע אויגען האט מען געקענט לעזען ליידענשאפט, און דער סאלדאט איז געווען אויף איהם צו זעהן פון קאקארדע ביז דיא שפארן. ער האט איהר ארומגענומען זעהר צערטליך און האט איהר געגעבען צו פערשטעהן דורך א סאלדאטסקען קוש וויא טיעף ער ליעבט איהר; אבער אין דער זעלבער צייט האט ער זיך זעהר צולאכט.

— ווארום לאכסטו דען, דזשעק?

— ניט פון דיר אלגא; א ווייל‌ע פריהער איידער דוא ביסט דא געקומען, האט געטראפען א מערקווירדיגע קאמעדיע אין דיעזע הויז. א צייטונג וואלט שוין דאס גערופען „סקאנדאל"; אבער אזוי וויא פאר מיר איז ניטא קיין סקאנדאלען, רוף איך עס איינפאך א „ווייבערשע קאמעדיע".

— דערצעהל מיר, דזשעק, און איך וועל אויך לאכען.

— דוא ווייסט דאך, אלגא, אז דיא הויז־ווירטהין פון דאנען האט א גרויסען אלבום מיט פאטאגראפיעס פון דיא שעהנסטע פרויען אין לאנדאן וואס האלטען שטארק פון עולם־הזה. דיא יונגע לייט קלייבען פריהער אויס וועלכע פאטאגראפיע עס געפעלט זיי, און דיא הויז־ווירטהין פון דאנען שיקט זיי רופען. זיי קענען ניט אימער באלד קומען, ווייל דיא מייסטען פון זיי זיינען פערהייראטעט צו מענער וואס האבען א נאמען, און מאנכע פון זיי וואס זיינען נאך ניט פערהייראטעט, שפיעלען א ראליע אלס ארדענטליכע טעכטער וואס בעשעפטיגען זיך נאר מיט וואהלטהע־טיגע זאכען. ווען זיי דארפען קומען דא אום זיך צו זעהן מיט אימעצען, זאגען זיי זייער פאמיליע, אז זיי פאהרען בעזוכען דאס יתומים־הויז, דעם האספיטאל א. ז. וו. בקצור המעשה, אויף דיא פאטאגראפיעס איז קיין נאמען ניטא, בלויז א נומער און ווער עס קלייבט אויס א נומער, שיקט דיא ווירטהין נאך איהר. נאטירליך אלעס נעהט צו אין דיא גרעסטע געהיימנים.

— דאס אלעס ווייס איך דאך, — האט איהם אלגא אונטערבראכען.

— אלזא, הער יעצט וואס דא האט א ווייל‌ע פריהער פאסירט: וויא איך בין אזוי געשטאנען און געבלעטערט מיין נאטיץ־בוך, האב איך געהערט אונטען א ליארם, א געשריי פון א מענערשע שטימע. דער מאן האט אזוי געשטורמט א רעכטע ווייל‌ע, ביז עס איז ענדליך ווידער שטיל געווארען. איך בין געווען זעהר נייגעריג צו וויסען וואס דא איז פארגעקומען, און הער נאר וואס איך האב אויסגעפונען!

— וואס?

דער מאן וואס איז געקומען אויסקלייבען צווישען דיא פאטאגראפיעס, איז געווען א יונגער שטודענט און וויא ער האט אזוי דורכגעקוקט דיא בילדער, האט ער געגעבען א געשריי:

— מיין שוועסטער! וויא קומט אהער מיין שוועסטער?

— דיא ווירטהין האט געוואלט ערקלערן דעם שטודענט, אז עס איז וואהר־שיינליך אן אירטהום, און עס איז קיין נייעס ניט, אז צוויי פרויען זיינעןביידע עהנ־ליך איינע צו דיא אנדערע. דיעזע ערקלערונג האט אבער ניט געהאלפען און דער יונגער מאן האט דאס א ביסעל געטאנצט און געליארמט! א שעהנע קאמעדיע, ניט אמת?

אלגא האט זיך שטארק צולאכט, און דער כאר פון זייער געלעכטער האט קאמיש אפגעקלונגען אין דעם שטילען זאל וואו דיא לופט איז געווען פול מיט פארפומע.

45טעס קאפיטעל.

א שטורם־ווינד אין דריי זעעלען.

עס איז געווען אונגעפעהר 4 אוהר נאך מיטטאג ווען דער דאקטאר קיננסטאן איז צוגעפאהרען צו מאדאם אשקען'ס וואוינונג אין סעוויל־פליים. עס איז געווען א קאלטער, נאסער, אונאנגענעהמער טאג, און יעדער ווייל‌ע האט דער וועטער געגע־בען אנצוהערן אויף רעגען.

קיננסטאן האט געקלונגען דיא טהיר מיט א ביסעל אונגעדולד, און ווען דיא בלאנדע מערי האט איהם געעפענט, האט ער גאר קיין שאלות געפרעגט, און ער איז באלד ארויף אין מאדאם אשקען'ס צימער, וואו ער האט איהר געפונען שטארק בעשעפטיגט מיט א קראנץ בלומען וואס זיא האט איבערגעבונדען און אין ארדנונג געבראכט.

— וואס מאכט איהר, דאקטאר? — האט זיא געזאגט קאלט צו איהר בע־זוכער — ענטשולדיגט א ווייל‌ע וואס איך בין בעשעפטיגט; איך בין באלד פערטיג.

— עס טהוט ניט, — האט דער דאקטאר ערווידערט און האט זיך געמאכט קוקענדיג אויפ'ן באלקאן.

קיננסטאן האט אויסגעזעהן צו דיעזער ווייל‌ע זעהר בלאס און אויף זיין געזיכט האט מען געקענט זעהן, אז ער קען זיך אליין ניט ליידען.

— וואס טהוט זיך מיט אייך? — האט זיא איהם געפרעגט נאכדעם וויא זיא האט אוועקגעלעגט איהר ארבייט אן א זייט און האט איהם אנגעקוקט — וואס איז אייך דען? זיינט איהר קראנק?

— פארוואס עפעס קראנק? בין איך קראנק געזונד צו זיין? איך בין דאך דאכט זיך א רעצעפטען־שרייבער.

— אמת, — האט אלגא געזאגט מיט א שמייכעל — דאס צעטעלע וואס איהר האט מיר געשיקט געסטערן איז אויך ניט גרעסער געווען פאר א רעצעפט.

— ענטשולדיגט מיר מאדאם, דאס צעטעלע האב איך אייך ניט געשיקט, נאר איך האב עס אנגעשריבען ביי אייך אין פארהויז געסטערן אבענד.

— זייט איהר דען היער געוועזען געסטערן נאכט?

— געוויס, איך בין געקומען אין דער זעלבער צייט ווען דער קאפיטאן ווילסאן איז ביי אייך געוועזען; נאר אזוי וויא אייער דיענסט האט מיר באלד געזאגט, אז „דיא מאדאם איז ניט אין דער היים", האב איך געחאפט און אבגעשריבען אין האסט א צעטעלע.

— אבער מיר וואונדערט שטארק ווארום מערי האט מיר ניט געזאגט, אז איהר זיינט דא אליין געוועזען.

— און מיר וואונדערט דאס גאר ניט — האט קינגסטאן געזאגט — ווייל אזוי וויא איהר האט געוויס אייער דיענסט געגעבען א בעפעהל זיא זאל זאגען פאר אלעמען, אז איהר זיינט ניטא אין דער היים, האט זיא אויך מיר אריינגענומען אין כלל.

קינגסטאן האט א ווײלע געשוויגען און האט ענדליך אויסגעשאסען מיט דיעזע ווערטער גאר אהן צערעמאניע.

— אלגא! דוא האסט מיר פערשפראכען איין זאך ווען דוא האסט מיר ליעבע ערקלערט. געדענקסטו וואס דוא האסט מיר דאן געזאגט?

— איך געדענק ניט.

— דוא האסט מיר הייליג פערשפראכען, אז דעם טאג ווען דוא וועסט ליעב האבען אן אנדערן, וועסטו מיר עס זאגען אום מיר ניט צו פערפיהרען. געדענקסטו דאס, אלגא?

— נו, וואס איז?

— וואס איז! איך קען מעהר ניט צוזעהן דיין האנדלונג געגען מיר: ווארום זאגסטו מיר ניט אפען, אז דוא האסט מיר מעהר ניט אין זינען? ווארום דער־צעהלסטו מיר ניט, אז אן אפיצער איז דיר ליעבער? דוא ווייסט דאך, אלגא, אז איך קען דיר צו גוט יעצט; איך וויים וואס דוא מיינסט ווען דוא לאזט מיר זאגען, אז דוא ביסט אין דער היים ניטא; איך וויים וואס דיין קאלטקייט צו מיר בעטייט; איך וויים —

— זייט איהר מיר יעצט געקומען זאגען אלעס וואס איהר ווייסט? — האט אלגא איהם איבערגעשלאגען מיט א שטאלצע מינע.

— יא אלגא, דוא האסט מיר שיער ניט ארויסגעבראכט פון דיא כלים לעצטע נאכט! פאר מיר אליין קימערט מיר ניט, ווייל איך האב גאנץ גוט געוואוסט וואס איך האב צו ערווארטען פון דיינע ליעבעס פערשפרעכונגען; אבער איך קען ניט צוזעהן וויא דוא אליין האלסט אין זינקען טיפער און טיפער.

— דאקטאר!

— איך קען זיך ניט איינהאלטען, איך מוז דיר אלעס זאגען, וואס איך האב אויף מיין הערצען. דוא האסט מיר אזוי פיעל מאל פערזיכערט, אז דוא האסט מיר ליעב, דאס איך האב גאר פערגעסען אז דוא טאהרסט מיר ניט ליעבען.

דוא האסט מיר צוגעצווינגען, און איך האב דיר אין גאנצען איבערגעגעבען מיין הערץ. ווער ווייסט נאך בעסער פאר דיר וויא טריי און איבערגעגעבען איך בין געווען צו דיר? וואס זעה איך יעצט? פלוצלונג האסטו זיך איבערגעגעבען צו א פרעמדען, א סאל־דאט וואס מאכט זיך א צימעס פון אלע פרויען און צעהלט זיינע געליעבטע אויפ׳ן דויץ. מארגען וועט ער דיר פערגעסען פונקט וויא ער האט פערגעסען יענע —

— נענונג, דאקטאר! איהר האט קיין רעכט ניט מיר מעהר צו בעליידיגען; איב אייך מאכט פערגניגען צו גלויבען אלעס וואס איהר הערט אויף מיר, דאן זאל אייך דאס וואויל בעקומען; אבער אייערע עצות דארף איך ניט. איך בין ניט אייער בעצאהלטע מעטרעסע!

— אזוי גאר, ביסט ניט מיין בעצאהלטע מעטרעסע! דאס איז דיא אורזאכע ווארום דוא האפסט חרטה, אזוי גאר! אזוי —

— דאקטאר!!! — האט אָלגא אויסגעשריען מיט צארן טייטלענדיג מיט׳ן פינגער אין אַ טאָן פון בעפעהל.

— אָלגא טהייערע? וואס איז דיר? וואס טהוט זיך דא?

דאס איז געווען דיא שטימע פון איהר מאן אשקען וואס איז אנגעקומען אונ־ערוואַרטעט און ער האט זיי ביידען אנגעקוקט מיט אווילדען בליק. ער האט גע־ווארפען דיא אויגען פון אָלגאַ׳ן אויפ׳ן דאקטאר און פון איהם אויף איהר.

קיננסטאָן איז זעהר בלאס געוואָרען. אַשקען׳ס פלעצליכע ערשיינונג האט איהם אזוי איבערראשט, אז ער איז געבליבען וויא אהן לשון. אבער אָלגאַ האט באלד אבגעלאָזען איהר שטרענגע מינע און איהר בייזען בליק. זיא האט גערייבט איהר מאן דיא האנד מיט א שמייכעל און האט איהם געפרעגט:

— וואס מאכסטו, פעליקס? פון וואנען האסטו זיך דא אראפגעלאזען? איך האב יעצט געהאט א שטרייט מיט׳ן דאקטאר. ער האט א נאטור זיך צו שפארען מיט מיר אין אלעס און יעצטיגעס מאל האט ער מיר אזוי איבערגעשפארט, אז דאס האט מיר שרעקליך געערגערט. —

אָלגאַ׳ס שטימע איז שוואכער געוואָרען, איהרע אויגען האבען זיך פערוואל־קענט, און אזוי וויא זיא האט מעהר איהרע טרעהרן ניט געקענט איינהאלטען, האט זיא דאס צימער פערלאסען.

אַשקען איז געבליבען שטעהן פערוואונדערט; ער האט נאך קיין מאל ניט געזעהן אָלגאַ׳ן וויינען. ער האט געקוקט אויפ׳ן דאקטאר וואס איז געשטאנען דעם קאָפּ אראפגעלאזען און אין זיינע הענד האט ער נערוועז געדריקט זיין הוט.

— וואס איז דא פארגעגאנגען, דאָקטאָר? — האט אשקען געפרעגט מיט א פערטומעלטע מינע.

— איך ווייס אליין ניט, — האט קיננסטאָן געענטפערט — און איך קען אייך דארום גאר ניט זאגען. אפשר ווייסט מאדאם אשקען?

קוים האט ער דאס אפגעזאגט איז ער ארויס פון צימער און האט פערלאסען אין גאנצען דאס הויז.

אַשקען האט פערדרייבט א ציגאר און האט אנגעפאנגען בעקוקען אין אלע

ווינקעלאך, וואס דא איז פארגעאנגען ביי איהם אין הויז זייט דיא עטליכע וואכען וואס ער איז אין פאריז געווען. ער האט אבער קיין ענדערונג בעמערקט. ער האט גענומען זוכען צווישען דיא בריעפע וואס זיינען אנגעקומען אונטער דיזע צייט, און וויא איבערראשט איז ער געווארען, ווען ער האט געפונען א צעטעלע פון דעם דעטעקטיוו נאריק צו זיין פרוי וואס האט געלויטעט אזוי:

„ליעבע מאדאם אשקען נומער 2!

„אייער מאן'ס ערשטע פרוי, מאדאם אשקען נומער 1, איז געקומען זוכען „איהר מאן און איהם פערקלאגען. אזוי וויא אייער מאן האט זיך בעהאלטען, האט „מיר דיא פאליציי בעאויפטראגט איך, אלס דעטעקטיוו, זאל אשקענען געפינען און „צושטעלען פאר'ן ריכטער. איך וועל עס געוויס טהאן. איהר האט יעצט דיא בעסטע „געלעגענהייט צו פערלאנגען פון געריכט א שיידע־בריף (א גט) פון אייער אונטרייען „מאן וואס האט אייך אזוי שענדליך פערפיהרט. איך וויל אייך פערזענליך זעהן „ווענען דעם און איך פערבלייב אייער ערגעבענסטער—

נאריק."

— אבער אזוי וויא דאס הערץ האט מיר געזאגט — האט אשקען געשמיי־בעלט — אז מיין ביטערער פריינד נאריק וועט זיך דא אריינמישען! איך האב איהם דאך געמאכט פאר אויס קאפעלוש־מאכער דורך גרינוואלדס פראצעס. נאריק האט זיך שוין געהאט געפאטשט אין בייכעלע וואס ער האט געלעגט דיא האנד אויף דעם מערדער פון אסקאר וולאדימיראוויטש, און במעט גאנץ לאנדאן האט דאן געהאט געגלויבט, אז אסקארס מערדער איז קיין אנדערער וויא גרינוואלד. פלוצלונג בין איך געקומען און האב אראפגעבראכט פון הרי־חושך אן עדות וואס האט בעוויזען גרינ־וואלדס אונשולד און געמאכט פון נאריק'ן א קוליע שטרוי, און פון מיר, זיין געגנער, א העלד מיט א נאמען. אז נאריק זוכט יעצט אין מיר ראכע, איז מיר קיין וואונדער. איך בין אבער נייגעריג צו וויסען, אויב מיין פרוי האט זיך געזעהן מיט מיין ביטערן פיינד, וויא ער פערלאנגט פון איהר? נאך מעהר וואונדערט מיר, ווארום אלגא האט מיר ניט געשריבען און ניט דערציעהלט פון נאריק'ס בריוועלע?

אשקען האט א ווײלע געטראכט, האט ארויסגענומען זיין וויזיט־קארטע, האט עפעס דארויף אנגעשריבען און נאכדעם וויא ער האט אריינגערופען זיין דיענער, האט ער צו איהם געזאגט:

— פאטריק! געה טראג עס אוועק צום אדוואקאט מארטאן און גיב עס אפ איהם אליין, קיין אנדערן.

46טעס קאפיטעל.

דיא זיסע היים.

אין יעדעס לאנד לויבט דער מענש „דיא זיסע היים", און אלע נאציאנען זאגען, אז דער אונגליקליכסטער מענש איז דער, וואס האט קיין היים. נאר אזוי וויא אין דיא שפראך פון א נאציאן שפיגעלט זיך אפ איהר כאראקטער, דארום ווערט דיא היים ערקלערט אין יעדע שפראך אויף א פערשידענע ארט

דיא דייטשען זאגען, אז „היים" איז דאס פלאץ וואו דיא אקטיארען שפילען

די דראמא פון לעבען אין זייער נאטירליכען געשטאלט, **דאס הייסט: זיי פער**שטעלען זיך ניט און פארבען ניט זייערע געזיכטער.

דער ענגלענדער זאגט: „היים" איז א האפען וואו עס רוהען זיך אב די אפגעמאטערטע רייזענדע אויף דעם שטירמישען ים פון לעבען.

דער איטאליענער רופט „היים" א פאלאסט וואס האט ארום זיך א גרויסע פעסטונג פון ליעבע צו ווייב און קינדער.

אן אראבישער דיכטער בעזינגט די „היים" אלס דעם קינד'ס פעסטונג, די מוטער'ס גן-עדן און דעם אלטען מאנ'ס האספיטאל.

די פראנצויזען בעהויפטען, די „היים" איז א פלאץ וואו יעדער בעווייבטער מאן ליעבט צו זיין כל-זמן זיין שווינער „מופט" ניט אריין.

די יאפאנעזער זאגען: די היים איז אן אלטער גרויסער שפיגעל וואו דער מענש קען זיך זעהן פון אלע זייטען.

די גמרא זאגט: די „היים" איז א ווייב (ביתו זו אשתו).

די ליטוואקעס ווילען האבען, אז „היים" איז א זאך וואס מען קען לייכט פערלאזען, אבער שווער פערגעסען.

די חנעזען מיינען, אז די „היים" איז אן אקאדעמיע וואו מאן און ווייב, עלטערן און קינדער בילדען זיך איינער דעם אנדערן.

די פערזער זאגען: ווען די היים איז גוט, דאן איז זי דעם מענשענ'ס קעניגרייך; ווען ניט גוט, דאן איז זי א קאזארמע; אבער ווען די היים איז שלעכט דאן איז דאס א שרעקליכע שטייג וואו די אונגליקליכע פערשפארטע קענען זיך ניט ריהרען, ניט זיצען און ניט ליגען.

דער אמעריקאנער פערזיכערט, אז די „היים" איז דער בעסטער פלאץ פאר דעם וואס וויל זיך אפרוהען פון ביזנעס.

דער שפאניער זאגט: „היים" איז א פלאץ וואו די פרוי קען נאר ארבייטען ווען איהר מאן איז ניטא און וואו דער מאן קען זיך אויסרוהען ווען די פרוי איז דא.

די אונגארן האלטען, אז די „היים" איז א קליינער הימעל אויף דער ערד מיט וואהרע מלאכים וואס מיר רופען מוטער, פרוי, קינד.

די פילאזאפען זאגען, אז די „היים" איז א מין פלאץ וואס מאכט אונז אונגליקליך ווען מיר זיינען דארט ניטא, און אונצופריעדען ווען מיר זיינען דארט יא דא.

פעליקס אשקען האט ליעב געהאט זיין נייע היים וויא די פילאזאפען: אין פאריז האט ער זיך געפיהלט אונגליקליך און ווען ער איז געקומען אין לאנדאן צו זיין אלגא איז איהם געווארען טרויעריג אויפ'ן הערצען, ניט דארום אליין ווייל ער האט געהאט אויף זיך א פעקל פון זיין פלאצקער ווייב, נאר איינפאך ווייל ער האט באלד בעמערקט, אז ער וועט ניט קענען „הויזען" מיט די אידע'שע שיקסע. ער האט געזאגט צו זיך אליין:

— איך בין טאקע א ביטערער יונג; אבער אלגא איז צופיעל ביטערע נקבה פאר מיר.

דיא ערשטע זאך האט אשקען „דורכגעמאכט" מיט זיין ערשטע פרוי; מאָר־טאָן איז איהם שטארק בעהילפיג געווען דערצו, און פאר 50 פונט שטערלינג האט דיא פרוי ארויסגעגעבען א פאפיר, אז „זיא האט קיינע פרעטענזיעס צו העררן אשקען". נאכדעם וויא אָלגאַ'ס מאן האט פון זיך אראָפּגענומען דיעזען יאָך, האט ער אנגע־פאנגען צו אונטערזוכען וויא ער שטעהט מיט זיין ווייב נומער 2. איבערהויפט האט איהם שטארק אינטערעסירט צו וויסען מיט וועמען אָלגאַ האט פערקעהרט אונטער דער צייט וואס ער איז אין פאריז געווען.

עס איז שוין געווען דער דריטער טאג זייט אשקען איז צוריקגעקומען אהיים און ער האט אלץ ניט געפונען קיין געלעגענהייט צו מאכען א געשפרעך מיט זיין ווייב וועגען דיא כצענע וואס זיא האט געהאט מיט דאקטאר קינגסטאן. אשקען איז אבער געווען זעהר נייגעריג צו וויסען, און מיט זיינע דעטעקטיווישע ערפאהרונג האט ער צו איהר געזאגט:

— וויא איך פערשטעה, האט קינגסטאָן שטארק פערבראָכען נעגען דיר, אז ער האט ארויסגעריסען טרעהרן פון דיינע אויגען. מעג איך אפשר וויסען וואס צווישען אייך איז פארגעקומען.

אָלגאַ האט געשמייכעלט און האט קיין ווארט געזאגט.

— אזא שטארקע געהיימניס איז דאס, אז איך טאהר עס ניט וויסען? האט אשקען וויטער געפרעגט.

אָלגאַ האט ווידער געטהאן א שמייכעל און האט געזאגט:

— קינגסטאן האט זיך ארויסגעציינט, אז ער איז ניט דאס וואס איך האב געמיינט. ער איז מיר ניט עדעל אנגעקומען און איך וויס ניט אויב איך וועל איהם דאס קענען מוחל זיין.

— ער האט דיר געוויס ערקלערט ליעבע, אדער אונגעפעהר וויא דאס? — האט אשקען געזאגט דיא אויגען אראפּגעלאזען.

אָלגאַ האט א ווילע געזוכט וואס צו ענטפערן און זיא האט איהם ענדליך ערווידערט:

— געה, דוא רעדסט נאררישקייט, פעליקס! א פרוי קען אימער פערצייהען דעם מאן וואס ערקלערט איהר ליעבע, וויא בעליידיגט זיא געפינט זיך דערפון.

— טאָ וואס דען, ווען ניט ליעבע?

— ער האט מיר אזוי גלאַט געערגערט; נאר, איך זעה ניט איין, פעליקס, וואס דוא ביסט אזוי נייגעריג צו וויסען. האסטו דען גאר ניט וואס אנדערס צו טהאן וויא דאס? געה מאך בעסער א סוף מיט דיין ערשטע ווייב און זעה זיא זאל ניט מאכען קיין לייטעשע געלעכטער.

אשקען האט איהר ניט דערצעהלט, אז ער האט שוין מיט זיין ערשטע פרוי געענדיגט, זאנדערן ער האט צו איהר געזאגט מיט א מין אויך־מיין־דאגה ניגון:

— און וואס קען זיא מיר דען טהאן?

— איך וויס ניט.

— איך וויס אויך ניט, סיידען מיין פיינד גאריק זאל זיך דא ארייַנמישען.

אָלגאַ האָט געשוויגען.

אשקען האָט זיך ניט געקענט פערוואונדערן ווארום זיא זאָגט איהם גאָר ניט פון גאַריקס בריוועלע צו איהר. ער האָט זיך א ווײלע פערטיפט אין געדאַנקען, האָט פערויכט א ציגאַר און ער האָט פערלאָסען דאס צימער אהנע א וואָרט צו זאָגען.

אָלגאַ איז געבליבען אַליין און זיא האָט זיך געפיהלט שטאַרק בעליידיגט, ווארום פעליקס האָט זיך צו איהר אַזוי גראָב בענומען.

— אַך דיא מענער! — האָט זיא געזיפצט — דאַכט זיך ער האָט מיר, ליעבע ערקלערט און ניט איך איהם. ער האָט דאָן ניט געמיינט מיין פערזאָן, נור מיין געלד וואס איך האָב בעדאַרפט קריגען. ער האָט דערפון געוואוסט און איך ניט. דערווייל האָב איך איהם אַרויסגענומען פון בלאָטע, און פון א דעטעקטיוו האָב איך געמאַכט א דשענטלמאַן! יעצט בעליידיגט ער מיר אומזיסט־און־אומנישט! דאַכט זיך ער ווייסט דאָך ניט פון מיין פריינדשאַפט מיט'ן דאָקטאָר און מיט'ן קאַפּיטאַן ווילסאָן; ער ווייסט אויך ניט אַז איך האָב זיך געזעהן מיט גאַריק'ן, ער —

ביי דיעזע ווערטער איז זיא אַריינגעגאַנגען אין זאַל און וויא איבעראַשט איז זיא געוואָרען ווען זיא האָט געפונען אויפ'ן טיש ליעגען גאַריק'ס בריוועלע אויף אשקען'ס ציגאַרען־דאָזע.

— יעצט פערשטעה איך חאָטש זיין גרימצאָרן, — האָט זיא געזאָגט צו זיך אַליין — מיין מאַן האָט געזעהן דאס צעטעלע וואס איך האָב פערגאַכלעסיגט צו פערברענען.

אָלגאַ האָט זיך אוועקגעזעצט אויפ'ן זאָפאַ און זיא האָט אָנגעפאַנגען צו דענקען פון דאָקטאָר קינגסטאָן. אין איהרע געדאַנקען זיינען דורכגעלאָפען א גאַנצע מחנה בילדער: זיא האָט צוריקגערופען אין גאַלעריע פון איהר געדעכניס איהר ערשטע בעקאַנטשאַפט מיט'ן דאָקטאָר, דיא ליעבעס ערקלערונג, דיא ליעבע און ענדליך דעם געזעגען־טאַנץ! נאָכ'ן דאָקטאָר האָט זיא געדאַכט פון קאַפּיטאַן ווילסאָן, און איהרע אויגען האָבען זיך אָנגעפיהלט מיט טרעהרן. וואס האָט זיא פאַר איהם ניט געטהאָן? זיא האָט זיך באַלד דערמאָנט יענעם אָבענד ווען זיא איז אַריינגעפאַלען אין קאַפּי־טאַנס אָרימס וויא א פערוואונדעטע טויב; זיא האָט זיך דערמאָנט טויזענד פער־שיעדענע קלייניגקייטען ווען זיא האָט זיך אַרומגעטריבען אין עלענד ביי דיא אַלטע דיקסאָן, איהר רייזע אין ריטעווע, איהר אונערוואַרטעטעס גליק נאָך רובינשטיינס טויט און איהר חתונה מיט דיעזען דעטעקטיוו וואס האָט איהר צוגעצווינגען דורך קונצען, אָבער וועלכען זיא האָט קיין מאָל ניט ערנסט געליעבט. אַך! ווען זיא וואָלט געוואוסט אַז דיא זון וועט פלוצלונג אָנפאַנגען שיינען אויף איהר און דער מזל וועט איהר מאַכען פאַר א דאַמע צוליעב איהר מוטערס פערבינדונג מיט רובינשטיינען, איהר פאַטער, דאַן וואָלט זיא געוויס אויף קיין דעטעקטיוו געקוקט.

זיא האָט זיך געשטעלט, און א ווײלע אומגעגאַנגען הין־און־צוריק איבער'ן זאַל, זיא האָט זיך אָפּגעשטעלט נעגען שפּיגעל און האָט געזאָגט צו איהר צווייטען „איך":

— דיא ביידע פירשטען אָגינסקי, באָגדאַן און מיכעל זיינען נאָך אונפערהיי־

ראטהעס. נאטירליך, ווען איך בין נעקומען צו זיי ארים, האבען זיי מיר ניט נעקענט בעהאנדלען פאר א פריינדין. דאך האט זיך באַנדאן דאמאלס ניט נעשעהמט מיט מיר צו פערברייננען א נאנצען אבענד. ווען איך זאל אבער ערשט קומען אין ריטעווע, וואָלטען זיי דאך אויך מיר מיט אנדערע אויגען נעקוקט; עס וואָלט מיר יעצט זעהר לייכט זיין צו ווערן א וואהרע פירשטין. ווייסען זיי דען אז איך בין רובינשטיין'ס טאכטער? אך דיא זיסע היים! דאָרט האט מיין מוטער צום ערשטען מאָל בעגריסט דאס ליכט און דיא זון פון ריטעווע האט מעהר וויא איין מאל נעקוקשט מיט איהר הייסען אטהעם מיין מוטער'ס נעזיכט, איידער זיא האט אויסגעוואנדערט זוכען איהרע גליקען אין דער פרעמדי!

47טעם קאפיטעל.

אויפ'ן בוזים פון ים.

דער מארגענשטערן האט זיך שוין נעהאט בעוויעזען, און דארט גאנץ ווייט אין ים האט זיך אפגעשפיגעלט א צווייטע זון. דער גרויסער וועלט־שפיגעל האט נאך כמעט נעשלאפען, און נאר וואו־ניט־וואו האבען געשטיפט דיא ווייסע וואסער־בערגלאך.

עס איז גיוועזען דער דריטער טאָג זייט גרינוואלד, זיין פרוי אסתר און זייערע צוויי דיענער שווימען צווישען הימעל און וואסער. דעם ערשטען טאָג האבען אונזערע רייזענדע נעהאט זעע־קראנקהייט. אויפ'ן דריטען טאָג איז זיי בעסער געווארן, און דארום זיינען זיי אויפנעשטאנען גאנץ פריה מיט'ן מאָרגענשטערן צוגלייך און האבען בעוואונדערט מיט שרעק וויא דיא קליינע שווימעדיגע שטאָדט גליטשט זיך אזוי שעהן און שנעל אויפ'ן בוזים פון נאטורס בלויען שפיגעל. אסתר האט קיין ווערטער נעפונען אויסצודריקען איהר בעוואונדערונג ווען זיא האט געווארפען איהרע אויגען אויף דעם גרויסען בארג וואסער וואס קושט זיך מיט'ן הימעל דאָרט, באַרג אראָפּ!

— זעהסטו מארקוס, — האט אסתר צו איהר מאן נעזאגט — יעצט טהוט מיר שוין הנאה דיין פלאן, און דאס איז ווירקליך דאס בעסטע וואס מיר האבען נעקענט טהאן. ווען מיר ווען קומען אין אמעריקא, וועלן מיר פערשפאָרן מורא צו האבען פאר דיא נעהיימניסע.

— נעוויס, מיין טהייערע אסתר, האבען מיר קיין אנדער ברירה ניט נעהאט — האט גרינוואלד איהר ערוויעדערט — זייט אַלגא האט אוועקגעוואָרפען איהר מאן דעם דעטעקטיוו און זיא האט אפגערייזט נאך ריטעווע. וואס וואלטען מיר געטהאן ווען אשקען זאגט ענדליך אויס, אז דיא אידעשע שיקסע איז דיין שוועסטער?

— פון אַלגאַ'ן אליין קען דאס אויך ארויסקומען — האט אסתר בעמערקט — נאר איך זעה ניט איין וואס זיא האט ברוגז צו זיין אויף אונז? מיר האבען איהר דאך נענעבען פאר איהר אפרייזע נאך טויזענד פונט שטערלינג און אשקען האט איהר אויך ארויסגעצאהלט א דריטעל פון זיין גאנצעס פערמעגען. וויעדער, האט זיא מיטגענומען אלע איהרע קליידער און זאכען וואס זיא האט נעקענט מיטנעהמען. זיא וועט ווירקליך אנקומען אין ריטעווע זעהר רייך און מיט א פיעל בעסערעס

הערץ וויא דאן ווען זיא איז דארט געפאהרען זיך פארהעלפען — האט גרינוואלד בעמערקט.

— גלויב מיר, מארקוס, אז זייט מיר האבען פערלאסען לאנדאן, האט זיך מיר אראפגעקייקעלט א שטיין פון הערצען. איך האב אלץ געלעבט אין שרעק. איבערהויפט פרעהט מיר, וואס מיר האבען אלעס איבערגעלאזען אין אזעלכע גוטע הענד וויא הערר מארטאן'ס. ער וועט שוין בעזארגען, אז מיר זאלען אלעס וואס גיכער אין ניו יארק ערהאלטען.

עס איז געוועזן 9 אוהר אין דער פריה ווען דיא גרינוואלדס זיינען ארויס־געגאנגען א ביסעל שפאצירען אויפ'ן „דעק" פון שיף. זיי זיינען צוגעגאנגען צו דער אנדערער זייט וואס געהערט צו דעם „צווישען־דעק" — און דארט האבען זיי געפונען צוזאמענגעפאקט א גאנצע אידעשע שטעדטיל: מענער, פרויען, קינדער — זיי האבען במעט אלע שלעכט אויסגעזעהן און מען האט געקענט לעזען אויף זייערע געזיכטער, אז זיי זיינען אויך מיעד און פערשמאכט. נאר פיעלע פון זיי זיינען געוועזן שטארק וויא אייזען און האבען זיך גאר ניט געקימער־ט פון קיין זאך. אדרבא, זיי האבען געזאגט המצאה'לאך אום פרעהליך צו מאכען דיא אנדערע. דיא טרויערינגסטע ביל־דער האבען במעט אימער מיט זיך א קאמישע זייט, און פון צווישען־דעק האט זיך דארום געהערט מעהר געלעכטער וויא פון דיא ערשטע קלאסע. דער קבצן איז אימער לוסטיגער פאר'ן נגיד. הוליע קבצן! וואס פעהלט דיר? וואס האסטו?

איבעריגענס, האבען דיא עמיגראנטען פון דיא דריטע קלאס געהאט צווישען זיי א בלי־זמר א יונגען מאן פון מינסק וואס האט לוסטיג געמאכט דעם עולם מיט זיין פידעל. אן אנדער יונגער מאן, א קאוונער, האט געהאלטען אין איין שיטען וויצען. א ליטוועשער פויער פון ארום שילעל האט געפרעגט א טאווריגער בעל-עגלה:

— ס א ק י ק מ א נ י ם ב ר א י ל י ס (זאג מיר לאנדסמאן): איז דיא שטאדט אמעריקא אזוי גרויס וויא קאוונא און סלאבאדקא צוזאמענגענומען?

— נאך גרעסער, — האט דער אידישער בעל־עגלה געענטפערט זיך געבענדיג א גלעט פאר זיין פורמאנסקע בארד — אמעריקא איז באלד א העלפט פון נעוויארק.

אן אנדערער, אן אונגאר, האט געפרעגט אויב אין אמעריקא איז אויך דא אקסען, קיה, פערד, היהנער, אינדיקעס און — אוגערקעס וויא אין אונגארען.

— אפילו עזלען אויך, וויא אין אונגארען, — האט איהם דער יונגער מאן געענטפערט.

— אוועק דוא ליטוואק, צלם־קאפ! — האט דער אונגארישער איד א געשריי געטהאן.

— מיין מאן איז ניט קיין ליטוואק — האט זיך אפגערופען א ווייבעל — מיר זיינען במעט קורלאנדער, פון קראטינגע....

אלע האבען זיך צולאכט און אויך דיא גרינוואלדס האבען ניט ווילענדיג מיט־געלאכט, אבוואהל זיי האבען ווענינ פערשטאנען ווארום עס איז אזא מיאוסער פלעק צו זיין א ליטוואק.

דער הימעל האט זיך פלוצלונג אביסעל פערוואָלקענט און עס איז געווארען ווינדיג. ביסלאַך־ווייס איז דער ווינד געווארען שטארקער און האט זיך פערוואנדעלט אין א שטורם. דיא שיף וואס האט זיך ביז אהער געגליטשט, האט אנגעפאנגען צו שפּרינגען בארג־ארויף און בארג־אראָפּ. דיא געפּעק האבען ארומגעטאנצט, דיא קאסטענס האבען זיך געווארפען און דער ים האט געקרעכצט, פונקט וויא ער וואלט געגאנגען צו קינד און האט זיך בעדארפט „בעקינדלען מיט נאך א ים!"

....

עס איז געווען דער 9טער טאג אויפ'ן ים, און דיא גרינוואלדס האבען בעמערקט נאך האלבע נאכט, דאָרט, דאָרט גאנץ ווייט א רויטען שטערינדעל. דאס איז געווען דאס ליכט פון א לייכט־טהורים. ווען עס איז טאג געווארען האט מארקוס געזאגט צו זיין פרוי:

— זעהסטו דארט א גרויען פאס? דאס איז שוין ערד.

— געדאנקט און געלויבט איז גאט וואס מיר זיינען שוין איבערגעקומען דיא רייזע — האט אסתר אויסגעשריען מיט פרייד.

—ווארט מיין קינד, — האט איהר מאן ווייטער געזאגט — מיר זיינען נאך ניט אין ניו יארק; מיר האבען נאך צו פאהרען א פינף זעקס שטונדען. נאר, עס מאכט ניט אויס. מיר מעגען זיך שוין פארבערייטען. ווארט, איך וועל צוגעהן אין צווייטע קלאס זאגען אונזערע דיענער, זיי זאלען אלעס אין ארדנונג מאכען.

מיט א האלבע שעה שפּעטער איז אויפ'ן שיף געווארען א גאנצער גערודער. יעדער האט זיך פערטיג געמאכט צו בעגריסען דיא נייע וועלט. עס איז אונמעגליך צו בעשרייבען דיא פרייד פון דיא אלע עמיגראנטען. אָרימע קבצנים! וויפיעל זיינען געווען צווישען זיי וואס האבען ווירקליך געהאט וואס לוסטיג צו זיין? נאר, דיא יעניגע וואס פאהרען צו א מאן, צו וואהלהאבענדע עלטערן; אבער, דיא צעהנדליגע אנדערע וואס האבען ניט צו וועמען צו קומען, וואס פערמאגען ניט אפילו פאר דיא ערשטע נאכט מיט וואס צו בעצאהלען פאר לאָזשי — וואס איז מיט זיי דיא שמחה? זיי צעהלען געוויס אויף דיא ניו יארקער „הכנסת־אורחים" הויז. ארימע עמיגראנטען! זיי ווייסען ניט, אז דיעזע הויז וואס איז אין אנפאנג ווירקליך געווען א מין האטעל פון אברהם אָבינו — דיעזע הויז איז ענדליך ארייגעפאלען אין דיא הענד פון א הויפען שקצים, פּאראזיטען, אויסגעדיענטע סאָלדאטען, געוועזענע רעקרוטען־חאפּער, וואס בעטראכטען דיא „הכנסת־אורחים" פאר א מעלקעדיגע קוה צוליעב זייערע אייגענע אינטערעסען!

דיא שיף איז שוין געווען ניט ווייט פון שטאדט געגענאיבער דעם גרויסען מאָנומענט „דיא פרייהייט בעלייכט דיא וועלט" און אייניגע האבען אנגעפאנגען צו זינגען נאציאָנאלע ליעדער. א יונגער מאן וואס איז געפאהרען נאך אמעריקא צום צווייטען מאל, האט צוזאמענגערופען זיינע קאמעראדען און האט פארגעזונגען דאס פאלגענדע ליעד פערפאסט פון פּראפעסאָר נ. זעליקאָוויץ. דער מינסקער כלי־זמר האט עס בעגלייטעט מיט זיין פידעל.

נעה וואנדער איבער'ן שרעקליכען בחים פון ים,
פערזוך ווייטער פון גלות דעם ביטערן טעם;
נעה! אייראָפּא איז ניט געווען דיין וויגעלע,
זינג „על נהרות בבל" דיין גלות=ניגעלע.

זעהסטו דיעזע וואסער=וועלט,
גרויסער בלוער שפּיגעל?
זיא פיהרט דיר צו דיין געצעלט —
איבעראל איז דיין וויגעל.

* * *

דארט וואו מען וויל דיר דיא פרייהייט געבען;
דאָרט וואו מען לאזט דיר וואוינען, אטהמען, לעבען!
דארט וואו דוא האסט קיין לייד, קיין שאנד —
אט דאָרט איז פאר דיר א פאטער=לאנד!

זעהסטו דיא גרויסע וואסער=בעט?
זיא פיהרט וואו מען קען האָפען,
וואו אלעס וואס דיא אויג זעהט
איז פאר אונז פריי און אָפען.

* * *

רייס אראפּ דיא פאלשע מאסקע פון דיין געזיכט,
שרייב אויף דיין פאהן „ציוויליזאציאן און ליכט".
ווארף אוועק דיינע אלטע פערשימעלטע זיטען,
דורך וועלכע דוא האסט שוין זאָפיעל געליטען.

גענוג דיר צו טרינקען,
פון דעם פאנאטישען כוס;
לאָז דיינע שטותים זינקען,
אין ים'ס שווארצען שויס!

* * *

אויב דוא ביסט שניידער, שרייבער, קויפמאן, סטאָהלער,
וויס, אז אין אמעריקא רעגירט נאר דער דאָלער.
אין דער נייען וועלט ווערט פון דיין בילדונג א תל,
אין קעסיל=גארדען גיט דער מלאך א צווייטען שנעל....

דער ים איז א גרויסער שלאף=טרונק,
היער פערגעסט מען אלעס;
עס נעהט אויס דיין גייסטיגער פונק —
פון דיין בילדונג ווערט א דלות.

א מעכטיגער פייף פון דאמפף=שיף האט איבערגעשלאגען דיא לעצטע סטראָפע

פון ליעד, און מיט א אייניגע שטונדען שפעטער האט דער דאמפפער צוגעפיהרט דיא לעבעדיגע פראכט מענשען צום קעסיל־גארדען — אמעריקא׳ס גרויסער דור־הפלגה טעמפעל!

78טעס קאפיטעל.

דיא אידישע פירסטין.

ווען איינער קומט אריבער פון אייראפא נאך אמעריקא, איז דער יענקי ביי איהם א וואהרער רעטעניש. איבערהויפט קען דער אויסלענדער ניט פערשטעהן, וויא אזוי איז דאס מעגליך, אז א רעגירונג אליין זאל מאכען אלע 4 יאהר א רעוואָלוציאָן! מען ווארפט אראפ דעם פרעזידענט מיט זיינע מיניסטאָרען און משרתים ואשר־משרתים; אויף זייערע שטעלען קומען אן פנים־חדשות, נייע רעדעלפיהרערס, נייע ריכטער און נייע בעלי־בתים. איז דאס ניט א וואהרע רעוואָלוציאָן?

דיעזע געזעצליכע רעוואָלוציאָן, דיא זעעלע פון אמעריקא׳ס גרויסע רעפובליק, הילכט אָב אין אלע שטאאטען פון לאנד, ריהרט אָן אלע צווייגען פון האנדעל און בעגייסטערט אלע קלאסען מענשען. איין מאל אין פיער יאהר פערגעסט דער אמע־ריקאנער אלעס, אויסער דיא פאָליטיק וואָס פערוואנדעלט זיך אין א וואהרען קאמפף. דיא פאָליטישע פיהרערס, פונקט וויא גענעראלע, לייגען אויס פלענער פאר זייער פארטיי, וויא אזוי איינצונעהמען דיא פעסטונג. דיא פיהרערס פון דיא צווייטע פאָ־ליטישע פארטיי טהוען ווידער פונקט פערקעהרט, דען יעדע פארטיי טהוט זיך א נדר, אז נאר זיא אליין מוז געווינען דיא מלחמה.ביידע פארטייען, דעמאקראטען און רעפובליקאנער, געברויכען אלערליי געוועהר: ארדענטליכע און אונארדענטליכע, אבי־נאָר אויסצופיהרען וואס זיי ווילען.

דיא אורזאכע ווארום דיעזער פאָליטישער קאמפף האט אזא גרויסען בת־קול, איז גאנץ נאטירליך: דיא געשעפטס־לייט זיינען שטארק פעראינטערעסירט אין דיעזען קאמפף, ווייל דאָ האנדעלט זיך אויב זיי וועלען קענען מאכען געשעפט מיט אויסלאנד, אָדער ניט. דעם קויפמאן ליגט אלזאָ ניט אָין קאפ דיעזער אָדער יענער פרעזידענט, זאנדערן ער קלעהרט אויב ער וועט האבען פרייען האנדעל מיט אויסלאנד, אדער ניט. ווידער, געפינען זיך אין לאנד א הונדערט טויזענד מענשען וואָס פערלירען זייערע פאָליטישע שטעלען יעדעס מאל ווען דאס פאָלק וועקסילט דעם פרעזידענט. דען פון דעם מיניסטער אין וואשינגטאָן ביז דעם „פאָסט־מאסטער" פון א דאָרף — מוזען אלע זאגען „אדיע" און מאכען פלאץ פאר דיא הונדערט טוי־זענדע אנדערע וואס קומען אן מיט דעם נייעם פרעזידענט. יעצט איז אלזא נאטירליך ווארום אזוי פיעל מענשען קוקען אויס אויף דיעזע וואהלען; איין טהייל האבען מורא צו פערלירען דיא אלטע פלעצער, און דיא אנדער טהייל צעהלען דיא מינוטען צו בעגריסען דיא נייע פלעצער.

אט דיעזע גרויסע רעוואָלוציאָן ווערט געמאכט אלע יאָהר אין נאָוועמבער, און וויא מען זעהט, איז דער קאמפף ניט קיין פאָליטישע מלחמה אליין, וויא מאנכע מיינען, זאנדערן דאס איז א קאמפף פון הונדערט טויזענד מענשען פיר דאס לעבען, א מלחמה פאר ברויט! דיא פלאטפאָרמען דונערן און מיליאָנען מענשען כייסט

דיא צונג. יעדער האט וואס צו זאגען, יעדער זאגט וואָס און יעדער רעדט צום פאָלק. מען זאגט אַ רעכט ביסעל ליגען אויף געוויסע קאַנדידאַטען, און מען רעדט רכילות אויף וואס דיא וועלט שטעהט. דער יעניגער וואס געהט אין מלחמה, מוז קענען שמעקען פולווער, און דער וואָס וויל זיין אין אַמעריקא אַ קאַנדידאַט אויף אַ פּאָליטישע שטעלע, דער ווערט ניט רויטה ווען מען רופט איהם גנב, ממזר, אידיאָט! דער קאַנדידאַט מאַכט זיך קיין צימעס פון פּובליקום אויב מען פּאטשט איהם צו בראַוואָ, אדער מען פייפט איהם אויס.

אט אזוי מישט זיך אין גאַנצען לאַנד מיט דיעזע רעוואָלוציאָן ביז עס קומט דער ערשטער מיטוואָך אין נאוועמבער און דער נייער פּרעזידענט מאַכט אַן ענד: דיא פּאָליטישע קעמפּפער פון ביידע צדדים גיבען זיך דיא הענד, און דיא רעגיערונג פון דיא פּעראייניגטע שטאאטען שטעהט ווידער אויף אַ פעסטען פונדאַמענט.

עס איז גראַדע געוועזן דער צווייטער נאוועמבער, אין רעכטען מיטען גערודער, ווען גאַנץ ניו יאָרק קאָכט וויא אַ קעסיל צוליעב דעם קומענדען 8טען נאוועמבער. וועלכער איז געוועזן דער ערשטער מיטוואָך נאָך דעם ערשטען נאוועמבער. עס איז שוין געוועזן דער דריטער מאָנאט זייט דיא לאַנדאָנער יונגע פּאָר זיינען אראָפּ פון שיף און זיי זיינען אריינגעפאהרען אין אַ גרויסאַרטיגען האטעל פון לעקסינגטאָן עווענו, ניט ווייט פון צענטראַל־פּאַרק.

— אַ מערקווירדיגע נאַציאָן, דיא יענקיס! — האט גרינוואַלד געזאגט צו זיין פרוי אראָבקוקענדיג פון טעראַס אויף אַ מאטש — דאַכטזיך, ווען אַזעלכע פּאָליטישע מיטינגס, אַזעלכע קולות און רעוואָלוציאָנערע רעדעס וואָלטען טרעפען אין אבי־וואָס פאַר אַ שטאָדט פון רוסלאַנד, דייטשלאַנד, עסטעררייך א. ז. וו. דאַן וואָלט געוויס דער קעניג געלעגען בעהאַלטען אונטער'ן בעט, און דיא שטראָסען וואָלט געוועזן בע־לאַגערט מיט סאָלדאַטען אום „איינצוהאַלטען דיא אָרדנונג".

— דאָך מוז איך דיר זאגען, מארקוס, אַז איך בין אין דיעזע לאַנד ניט שטאַרק פערליעבט, און עס איז ביי מיר קיין צווייפעל, אַז מיט דער צייט ווערסט דוא אויך האבען מיין מיינונג.

— ווארום דען, אסתר?

— עס געהט ניט אוועק אַ טאָג וואו מיר לעזען ניט אַ צייטונג וויא מען האט „געלינטשט" אַ נעגער דערפאַר וויל ער האט געקושט אַ ווייסע פרוי אדער וויל עס איז געוועזן אויף איהם אַ חשד, אַז ער האט געוואָלט גנב'ענען אַ פערד.

— דאס ביסט דוא אפילו גערעכט, — האט גרינוואַלד צוגעשטימט — אין קיין ציוויליזירטע לאַנד און אויך אין קיין אונציוויליזירטע געגענד איז צו הערן, אַז אַ באַנדע שקצים זאָלען בעפאַלען אַ מענשען און איהם „לינטשען" דאס הייסט „ער־מאָרדען" איידער ער איז נאָך פארגעקומען פאַר אַ געריכט.

— דאס איז ניט דיא איינציגע זאך, — האט אסתר ווייטער געזאגט — איך האב שוין אמאל צוואַנציג געלעזען וויא אַ פּאָליסמאַן בעפאַלט מיט זיין „קלאָב" אויף מענשען צוליעב אַ גארניט און ער מאַכט זיי פּשוט פאַר קאַליקעס. דער פּאָליסמאַן בלייבט אימער גערעכט, און דער געשלאָגענער בלייבט ביי זיינע אומזיסטיגע קלעפּ.

גרינוואלד האט עפּעס געוואָלט זאגען, אבער דער דיענער פון האטעל איז פלוצלונג ערשיענען מיט א בריעף. אסתר האט באלד דערקענט אויפן קאָנווערט די רוסישע מארקע. דאס בריעף איז געווען אדרעסירט אן מאדאם גרינוואלד אין לאנדאָן, און די ענגלישע פּאסט האט עס צוגעשיקט צו גרינוואלד׳ס נייע אדרעסע אין ניו־יאָרק.

דער בריעף האט געלויטעט אזוי:

„ריטעווע, אויגוסט .... 188.

„ליעבע טהייערע שוועסטער אסתר גרינוואלד. וויא געהט עס דיר? וואס מאכט דיין מאן? איך האב דיר אזוי פיעל נייעס צו דערצעהלען, אז איך ווייס ווירקליך ניט פון וואנען אנצופאנגען.

„ווען איך בין יעצט אָנגעקומען אין ריטעווע מיט מיינע 12 קאסטענס זאכען, מיט מיינע טהייערע קליידער און ציערונג, האט מיר די שטעטיל גארניט דערקענט. די אגינסקי׳ס האבען מיר עמפּפאנגען זעהר פריינדליך, און זיינען שטארק איבערראשט געוואָרען ווען איך האב זיי געצייגט א באנק־ביכעלע פון זעקס טויזענד פונט שטערלינג אויף די באנק „וויקטאָריא". אויף זייער פראגע וואו איך האב אזוי פיעל רייכטהום גענומען, האב איך זיי נאר געזאגט די האלבע וואהרהייט: איך האב זיי דערצעהלט אז מיין מוטער איז געווען אין לאָנדאָן די מארגאנאטישע פרוי פון א רייכען לאָרד, און אזוי וויא דיעזער איז יעצט געשטאָרבען, בין איך געבליעבען די איינציגע יורש׳טע פון א גרויסעס פערמעגען.

„די ליעבע פון די אָגינסקי׳ס צו גאלד האט ווירקליך קיין גרענעץ, און עס זאל דיר ניט איבערראשען, אז ביידע ברידער האבען זיך באלד אנגעחאפּט אן מיר. 15 טעג נאך מיין אנקופט אין ריטעווע האב איך געהייראטהעט מיט דעם עלטערן ברודער, פירסט באָגדאן אָגינסקי, און איך בין דארום געוואָרען א ריינע, ווירקליכע פירסטין אלנא אָגינסקי. מיין חתונה איז צוגעגאנגען אהן פיעל פּאראד, וויא אין א קליין שטעטעל, און דעם טאג פון מיין האכצייט האב איך צוטהיילט פאר ריטעווער אָרימע לייט 300 רובעל.

„וויא דוא זעהסט, שוועסטער׳ל, בין איך גליקליך; נאר אויף מיין גליק העננט אויך א גרויסער וואָלקען, דען מיין מאן באָגדאן רעכענט צו פאהרען נעכסטע וואך אין לאנדאן פערקויפען מיינע הייזער, און ברייננען מיינע איבריגע זאכען, וועדליג וויא איך האב איהם איינגערעדט. ווען ער וועט קומען אין לאנדאן, וועט ער דאך אויסגעפינען די גאנצע וואהרהייט דורך א־שקענען וואס וועט איהם דערצעהלען, אז איך בין א אידישע טאָכטער פון מיין פאָטער׳ס זייט און א משומד׳ס א ווייב פון דער אנדער זייט. אשקען וועט איהם געווים אויך דערצעהלען, אז איך האב מיטגענומען מיט זיך אין ריטעווע אלעס וואס איך פערמאָג, און איך האב אין לאנדאָן מעהר קיין זאך.

„ווען ניט דיעזע שרעק, וואלט איך יעצט געווען די גליקליכסטע אויף דער וועלט, וועיל איך האב אימער די לעצטע צייט געגארט נאך א טיטעל און איך האב עס יעצט. איך האב געוואָלט זיין א פירסטין, און איך בין עס געוואָרען!

„אַ פריינדין אויס לאָנדאָן האט מיר געשריעבען, אז אשקען האט שוין מעהר קיין האפנונג אויף זיין דעטעקטיוו שטעלע. ער שפּיעלט גאנצע נעכט אין קאָרטען, און ער האלט אין איין פערלירען דאס וואָס איהר האט איהם געגעבען, איז דאָס אמת?

„אזוי וויא איך גיב מיין מאן אייער אדרעסע אין לאָנדאָן, זאלט איהר זעהן, ליעבע שוועסטער און שוואָגער, אז ער זאל ניט צוזאמענקומען מיט אשקענען. זעהט אויך צו פערגלעטען וויפיעל איהר קענט. איך גערים אייך הערצליך און ערוואַרט אייער אנטוואָרט — אָלגא אָגינסקי".

— דאס איז אביסעל א צומישטער קאפּ! — האט אסתר אויסגעשריען לאַבענדיג — אָגינסקי וועט זיך געוויס זעהן מיט אשקען און ווען ער וועט קומען אין ריטעווע, וועט ער הייסען אָלגאן געהן מיט איהר טיטעל מיט אלעמען.

— דאס ניט, — האט איהר גרינוואלד אונטערבראָכען — ביי קאטהאָליקען איז קיין גט ניטאָ און ער, אָגינסקי וועט זיך מוזען האלטען מיט איהר, סיידען ער וועט איהר ענג מאכען און זיא וועט אליין אנטלויפען —

— הורראה פאר דעם קאנדידאַט קליוולאנד! — האט זיך געהערט פון דרויסען א געשריי פון איינינע הונדערט לייט וואס האבען דורכגעמאטשט לעקסינגטאָן עווענױ מיט פאהנען און מוזיק.

49טעם קאפּיטעל.

דער משומד און דיא קאָלאָניע „שומר פתאים."

אמעריקא איז דאס לאנד פון „אדווערטייזמענטס" (רעקלאַמעס) זאגט דיא וועלט. דאס איז אַ גרויסע וואהרהייט, דען קיין לאנד אין דער וועלט האט ניט אזוי פיעל אמונה אין אַ ד ו ו ע ר ט י י ז מ ע נ ט ס וויא דער אַמעריקאנער. דיא גרעסטע זאך, וויא אויך דיא קלענסטע, מאכט דער יענקי בעקאנט דורך פערשיעדענע אנאָנסען. דער אמעריקאנער ערפאהרט אין בלאט אדער אין צירקולאר פון גוטע פלייש, בילינע זייף, ריעל=עסטייט, נאָלד=וואָרג, אין עקספּרעס וואגען, און ענטלאפענע ווייב א. ז. וו. יעדער קויפמאן קומט מיט זיין פאבריצירטע מליצה און שטעלט אריין זיין סחורה אין צייטונג, אין טהעאטער=פּראָגראם, אין סטריט=קאר און אין צירקולאר.

עס איז אויך דא אַ געוויסע קלאַס „אדווערטייזערס" וואס בעליידיגען שטארק דעם לעזער, און האפען דורך דעם צו געפינען פיעל קונדען. איהר וועט געפינען צום ביישפּיעל אין סטריט=קארס געוויסע רעקלאמעס איינגעפאסט אין ראהמען, אונגעפעהר מיט דיזען נוסח:

„ווייסט איהר, ווארום ביי אייך אין הויז איז שמוציג?
„וויל איהר קויפט ניט דיא פּארפומירטע גיד־הנשה
„זייף פון טרייטל ענד קאָמפּאני.

נאר, זאלכע מינים רעקלאמעס זיינען שוין אריין אין דער מאדע און דער עולם איז אזוי צו זיי צוגעוואוינט, אז קיינער געפינט זיך ניט בעליידיגט. אט איז אבער נאך א מין רעקלאמע וואס מען געפינט אין דיא וואגאָנעס פון דיא האָך=באהן:

„מיסטער, מיסטער! האט איהר שוין דאס גאר ניט
„קיין ברעקל בושה צו זיצען אין קאר מיט אזא פאר אלטע
„הויזען? שעהמט אייך אין אייער ווייטען האלז, אז איהר
„טראגט צווישען מענשען זאלכע שמאטעס. פאר וואס
„נעהט איהר ניט צו הויזענבערג ענד קאמפאני וואס
„מאכען צו ארדער א פאר הויזען פאר דריי דאלאר? איהר
„וועט דאך ניט אויסזעהן וויא א טרעמפ. פערגעסט חאטש
„ניט דיא אדרעסע.

וויא טרויעריג עס ווערט אויפ'ן הערצען דעם יעניגען, וואס לעזט אין וואגאן דיעזע אנאנסע און זיינע תחתונים זיינען ווירקליך אביסל מכולהידיג! עס דאכט זיך איהם אויס, אז דיעזע „מוסר" איז געשריבען געווארען פאר איהם אליין און ער מיינט אז אלע רייזענדע האלטען יעצט דיא אויגען אויף זיינע אפגעטראגענע הויזען.

וויעדער, א געוויסער אפטייקער „אדווערטייזט" פאטענטירטע מעדיצין מיט דיעזען נוסח:

„איהר זעהט מיר עפעס היינט אויס אויף צרות:—
„אייערע אויגען זיינען געזונקען אין קאפ, אייער געזיכט
„בלאס און עס איז אייך זויער אין מויל. גזלן וואס איהר
„זיינט אויף זיך אליין — פאר וואס קויפט איהר ניט א
„פלאש יאקעקא-וואסער.

איז דאס ניט א חוצפה? אז ער וויל אייך פערקויפען זיינע פעטענטירטע יאקעקא=וואסער, נעהט ער אייך איינרעדען אז איהר האלט ביי דער גסיסה, אין דער צייט ווען איהר זייט געזונד וויא א בער און רויט וויא א קוגעל. הונדערטער זאלכע רעקלאמעס געפינט איהר אין ניו יארק אליין אויף יעדען טריט און דער לעזער גע=פינט זיך אפילו א האר אויך ניט בעליידיגט. ניט נאר סוחרים אליין געברויכען זאלכע מיטעל ארויסצושטופען זייערע „מציאות", נאר אויך דיא רעדאקטארען, רבנים, שוחטים און באלעט=טענצערקעס בעדינען זיך מיט זאלכע רעקלאמעס.

עס איז געווען אין מאנאט דעצעמבער, דיא גרינוואלד'ס זיינען צוריקגעקומען פון א קורצע רייזע אין באסטאן, וואשינגטאן, באלטימארע און פילאדעלפיא ארויס=קומענדיג אויף דיא פענסילוויניע באהן=הויף אין ניו יארק האט גרינוואלד געלעזען א גרויסע אפישע מיט דיעזען נוסח:

אך וויא דום איהר זייט!

„ווארום לאנגוויילט איהר זיך וויא א מרה=שחורה
„ווען איהר האט אזוי פיעל פערגניגען אומזיסט? געהט
„אין „מאינערס טהעאטער" אין דער בויערי, וועט
„איהר זעהן וויא דיא שעהנע אראבערקע א מ י נ א
„טאנצט אימער „קולא=קומא" טענץ. עס קאסט אייך
„גאר 80 סענט.

אויף דיזועלבע אפּישע איז געווען צו זעהן א מחנה האלב נאקעטע טענצער־קעס געדרוקט אין קאָלירען. אין מיטען שטעהט דיא שעהנע א מ י נ א און ברעכט זיך מיטן קאָפּ הינטערוויילאך.

— אה, לאָמיך געהן בעזוכען דיזען טהעאטער, וואו אָלגאָ׳ס מוטער האט אמאל געמאכט דיזועלבע קונצען אלס טענצערקע. — האט גרינוואלד געזאגט צו זיין פרוי.

— איך גלויב ניט, מארקוס, אויב עס פּאסט פאר דיר צו געהן אין אזא פּלאץ.

— נישט־קשה, אסתר, מיר מענער מעגען געהן איבעראל; גלויב מיר, איך געה דארט ניט זיך אמוזירען, נאר גאנץ איינפאך אנקוקען דיא ביהנע וואו אָלגאָ׳ס מוטער האט אמאל טאנצענדיג צובראכען אזוי פיעל יונגע הערצער.

אסתר האט געגעבען א שווערן זיפץ, דען פאר איהרע אויגען איז פאָרביינע־שוואונדען דיא גאנצע דראמא פון איהר פאָטער׳ס אונגליקליכע פערבינדונג.

— איבריגענס, ווייסטו וואס, אסתר? לאמיר יעצט צוגעהן ביידע צו דיזען טהעאטער און עס בעטראכטען פון דרויסען־זייט; איך וויל אנקוקען דיזע געביידע, ניט מעהר.

— דאס יא, מארקוס.

גרינוואלד האט ארויסגענומען פון זיין טאשע דיא לאנד-קארטע פון ניו־יאָרק, האט צוגערופען א וואגען, און נאכדעם וויא ער האט א ווילע בעקוקט דיא קארטע, האט ער געזאגט צום פוהרמאן:

— טשעטהעם סקווער.

— וועלכען נומער?

— קיין נומער, בלויז דעם פּלאץ „טשעטהעם סקווער״.

גרינוואלד האט דערקלערט אסתר׳ן אז פון דיזען פּלאטץ קענען זיי צוגעהן בידן טהעאטער, און זיי וועלען אויך דערווייל בעסער קענען בעטראכטען דיא מערק־ווירדיגע בויערי פון וועלכע זיי האבען שוין אזוי פיעל מאל געהערט.

אין צוואנציג מינוטען ארום האט זיך דער פוהרמאן אראבגעלאזען נעבען דעם פערלאנגטען פּלאץ, און זיי זיינען געגאנגען צו פוס נעהנטער צו הערי מאינער׳ס טהעאטער. אבער, וויא זיי זיינען צוגעקומען צו באיארד סטריט, האט גרינוואלד עפּעס בעמערקט א גרויסע יודישע אפּישע אין א שוי־פענסטער.

— לאמיר צוגעהן זעהן דארט יענע אפּישע אין ווינקעל פענסטער — האט ער צו זיין פרוי געזאגט — מיר דוכט זיך אז איך זעה דארויף א בילד פון א מאן וואס מיר ביידע קענען.

— עס דוכט זיך דיר, מארקוס.

— עס דוכט זיך מיר גאר ניט.

וויא איבעראשט זיינען זיי געוואָרען ווען זיי האבען געזעהן דאס געדרוקטע בילד פון דעטעקטיוו אשקען וועלכען זיי האבען באלד דערקענט, אבוואהל ער האט

זיך געלאזט אבוואקסען א בערדיל. אשקען איז געשטאנען איינגעוויקעלט אין א טלית. דיא אפישע האט געקוועטשט אזוי:

צו אלע פריינדע פון ציון,

הרב הגאון רעווערענד פינחס אשכנזי אויס לאנדאן וועט האלטען א וויכטיגע רעדע נעכסטען דיענס-טאג צו גונסטען פון דיא שבי ציון נומער

☞ איינטריט 10 סענט. ☜

דיא איינגאהמע געהט פאר דיא נייע קאלאניע „שומר פתאים" וואס האט זיך געגרינדעט הינטערן בארג אררט פון יענער זייט כוש.

דער זעלבער בעריהמטער דרשן רעווערענד אשכנזי וועט אויך פרעדיגען נעכסטען שבת אין בית-המדרש הגדול וועגען דיא נויטהווענדיגקייט צו גרינדען א נייע תלמוד-תורה אין הארלעם.

— וואס! אשקען דער משומד, דער דעטעקטיוו איז גאר אין ניו-יארק און שפיעלט דיא ראליע פון א ראבינער, א גאון! — האט זיך גרינוואלד צולאכט; אבער וויא גיך ער האט זיך א נאמען גענעבען ר' „פינחס אשכנזי"!

אונטער דיא אפישע איז געווען געדרוקט דער זיגעל פון רב הכולל פון ניו-יארק, אז הרב המפורסם ר' פינחס אשכנזי איז א גרויסער בן-תורה דערצו, א גרויסער רעדנער אין ענגלייש און א תקיף ביי דיא ראטהשילדס. נאך דיעזע הסכמה פון רב הכולל, איז געשטאנען אויסגערעכינט דיא אדרעסען וואו מען בעקומט צו קויפען דיא טיקעטס צו הערן דעם בעריהמטען חובב ציון.

— וואס האט זיך מיר געחלומ'ט דיא נאכט און יענע נאכט זאל אויסגעהן צו אזא „שבי ציון" — האט גרינוואלד אויסגעשריען און האט זיך געהאלטען דיא זיי-טען האבענדיג.

— איך מוז געהן הערן וויא א משומד-דעטעקטיוו פרעדיגט וועגען דיא מוטער רחל'ס קבר און וועגען תלמוד-תורה — האט אסתר געזאגט מיט דיא גרעסטע נייגיערדע.

גרינוואלד האט ארויסגענומען פון טאשע א בליישטיפט, האט פערצייכנט דיא אדרעסע פון פערזאמלונג'ס פלאץ, און מיט פינף מינוטען שפעטער האט זיי א וואגען אבגעפיהרט אין זייער שעהנע היים — לעקסינגטאן סטריט.

50טעם קאפיטעל.

פאטריאָטישע פעטש פאר ירושלים.

דער זאַל „אנקת־מסלדך־הלל" אין איסט־בראָדוויי איז געווען ציעמליך **בעזוכט.** אלע זיינען געקומען הערן דעם בעריהמטען ארטהאָדאָקסישען ראבינער פון ענגלאנד, רעווערענד פינחס אשכנזי וויא ער וועט פרעדיגען פאר דעם „הייליגען רעיון פון ישוב ארץ ישראל".

— נאר צוערשט האט אנגעפאנגען דער פרעזידענט צוערקלערן אין הינקעדיגע דייטש ווארום דער „שבי־ציון" פעראיין איז אזא וויכטיגע זאך פאר כל ישראל. דער רעדנער האט געזאגט, צווישען אנדערע פראזען, דיעזע ווערטער:

איהר ווייסט דאד וואהרשיינליך אלע וויא ציון ליעגט מיר אין מאגען מיין ברויט, מיין זאַלץ, מיין פיטום און אלעס וואס איך האב, איז דאך פון ירושלים׳ער **געלד,** דען איך טרוים פון ציון, איך רייד פון ציון, איך שרייב פאר ציון און —

— און איהר חאפט אויך א דאלער פון ציון! — האט אויסגעשריען איינער פון פובליקום.

עס איז אפילו באלד געוואָרען א געטומעל; עס איז אבער ווידער שטיל געוואָרען.

דערנאך האט זיך אוועקגעשטעלט א געוויסער משכיל וואס האט זיך אין רוסלאנד בעריהמט געמאכט דורך זיינע ליגענס און מסירות וואס ער האט געשריבען אין ריין לשון־קודש. וואס אמת איז אמת, ער שרייבט אפילו העברעאיש גאנץ גוט, ער איז אבער איין אונוויסענדער מאן וואס פערשטעהט ניט איין לעבענדיגע שפראך, קען קיין זאך ניט אויסער ליגען זאגען. פונקט וויא אלע קלויזניקעס האט ער דיא זעלבע קראנקהייט צו געברויכען און רעדען געוויסע פרעמד־ווערטער וואס ער פערשטעהט זייער בעדייטונג ניט און וואס פאסען זיך איין ווארט צום צווייטען וויא א פאריש צו גוט שבת. זייעזער יאלעווער משכיל האט אזוי אנגעפאנגען:

„מיינע ווערטהע דזשענטעל־לייט און משכילים. איך בין אבסאָלוטט (?) „איינפערשטאנען מיט דעם הויכגעשעצטען פיזיאלאגישען (?) פרעזידענט, און „גלויבט מיר אז ווען איך האב ארומגערייזט אין קרים און האב געהאט צוריק־ „קומענדיג איין אודיענץ ביי דעם רוסישען גענעראל קויפמאן וואס האט געקויפט „מיין כתב־יד פון דתו ואבירם׳ס ביאגראפיע, האב איך שוין דאן געהאט דיא „מחשבה און דיא קאָנסטיפאציאָן (?) צו גרינדען אזא מין „שבי־ציון" וואס דיא „קאנסעקווענץ איז זעלבסט פערשטענדליך פאר מיינע ברידער וואס זיינען אונ־ „טעריאָכט. איך האב דאן געהייסען מיין פריינד איגנאטיעוו מען זאל באיקאַטירען „דיא ווערק פון קאראהים פירקאָוויץ, און איך היים אייך יעצט באיקאַטירען „דיא אלע חובבי ציון׳ניקעס וואס זיינען געגען אונזער פעראיין. צו דיעזען צוועק „שטעל איך אייך פאר דעם בעריהמטען לאנדאנער ראבינער רעווערענד דאקטאָר „אשכנזי וואס וועט געווים אונטערשטיצען מיין פארשלאג און אייער אונטער־ „שלאג ונאמר אמן".

נאכדעם איז פאַרגעקומען דער רעווערענד אשכנזי אליין און אלע האבען איהם אפּלאָדירט איידער ער האט נאך דיא מויל געעפענט.

גרינוואלד און זיין פרוי וואס זיינען געקומען הערן דעם דעטעקטיוו׳ס רעדע, זיינען געוואָרען שטארק אויפמערקזאם און האבען זיך צוגערוקט אביסעל נעהנטער.

אשקען האט אנגעפאנגען רעדען אין ענגליש, און אבוואהל ער איז קיין רעדנער געוועז, האט ער דאך בעסער געמאכט פאר דיא פריהערדיגע רעדנערס, דען ערשטענס האט ער געהאט א ציעמליך גוטע אויסשפּראכע אין ענגליש, און צווייטענס זיינען דיא רוסישע אידען אין ניו־יאָרק אימער מוכן ומזומן צו אפּלאָדירען א דייטשע אדער איין ענגלישע רעדע, זיא מעג אפילו קלעפּען וויא ארבעס צום וואנד. איבערהויפּט דיא משכילים זיינען איינגעגלויבט אז ווען איינער רעדט אין דייטש אדער אין ענגליש, דאן מוז ער זאגען „חכמות“.—איז דען דאָ אויף דער וועלט א גרעסערער חמור וויא אַ משכיל ?—ווען דער משומד האט געהאלטען אין רעכטיען מיטען ערקלערן דיא נויטהווענדיגקייט צו גרינדען א קאָלאָניע „שומר פּתאים“ הינטערן בארג אררט פון יענער זייט כוש—אין רעכטען מיטען דרשה, איז דער רעדנער פּלוצלונג בלאס געוואָרען און זיין צונג האט זיך געפּלאָנטערט אונטער דיא צייהן.

— אהא, רעווערענד אשכנזי האט אונז שוין דערזעהן — האט גרינוואלד געזאגט צו זיין פרוי שמייכלענדיג — קוק איהם נאר אן וויא ער איז געבליעבען אהן לשון !

— וואס האט ער מורא, דער נארר ? מיר וועלען איהם דאך ניט פערראטהען. לאז ער זיין וואס ער איז, דארף ער אלץ וויסען אז מיר ווילען זיך ניט צייגען אונדאנקבאר צו איהם.

— שאט־אפּ ! שטילל ! שטערט ניט דעם רעדנער — האבען איינגע אויסגעשריען צום באנק וואו גרינוואלד מיט זיין פרוי זיינען געזעסען.

אשקען האט גענומען דיא גלאז וואסער, און טרינקענדיג האט ער דערווייל בעטראכט נאך אמאל דיא אונערווארטעטע געסט פון לאנדאָן. ער האט אבער ווידער געפאסט מוטה און ער האט געענדיגט זיין דרשה מיט א שטיק מליצה פון דיא מיסיאָנערען וויא אזוי עס איז נויטווענדיג צו אונטערשטיצען דיא קאָלאָניעס פון „שבי ציון“ פעראיין.

מען האט דעם רעדנער דריי מאל אפּלאדירט, און דער פאָרזיצענדער האט אויסגערופען :

— ווער עס האט עפּעס געגען אונזער פעראיין, דער זאל ארויף אויף דיא פלאט־פאָרמע, און זאגען זיין מיינונג.

דיא „שבי־ציון“ קנאקערס האבען דאס נאר געטהאן פון יוצא וועגען ; זיי האבען גוט געוואוסט אז קיינער ווען ניט וואגען צו רעדען געגען פעראיין, דען זיי האבען געהאט ביי יעדער פערזאמלונג א צעהנדליג באדיונגען וואס האבען דיא נעגנער שטיל געמאכט מיט שלאגענדע בעווייזע. עס האט זיך אבער געפונען א מוטהיגער יודישער זשורנאליסט וואס איז געקומען צו דער פערזאמלונג אין דער בעגלייטונג פון איינגע גוטע פריינד מיט שטארקע הענד. דער זשורנאליסט איז ארויף אויף דיא פלאטפאָרמע, און האט אנגעפאנגען נאר אהן צערעמאָניע אזוי :

— „ווערטהעס פובליקום! אזוי וויא מען וויל אויסנארען געלד פון אתחלתא
„אונוויסענדע ברידער אין נאמען פון ירושלים, איז אונזער פפליכט אייך צו
„ווארנען פונקט וויא מען ווארינט אייך אויף יעדע באהנהאף איהר זאלט היטען
„אייערע טאשען פון פיק־פאקעטס (קעשעניקעס).

דא איז געווארן א גרויסער געטומעל: דיא מאבערס פון פעראיין האבען גע־הייסען דעם רעדנער „שטומען״; אבער זיינע גוטע פריינד האבען באלד פערגרייזילט דיא פויסטען. עס איז געווארן א גרויסע מהומה און פון דיא מהומה א געשלעג: שטוהלען זיינען געפלויגען איבער קעפּ, פרויען האבען געשריען „גוואלט״. גרינוואלד און זיין פרוי האבען זיך באלד ארויסגערוקט און אשקען האט דאסזעלבע געטהאן.

דער זשורנאליסט איז אלץ געשטאנען אויפין פלאטפארם, בעשיצט פון זיינע פריינדע; נאר אזוי וויא מען האט איהם ניט געלאזט רעדען, האט ער ארויסגעחאפּט א פעקיל קארטען שעהן געדרוקט און האט עס געווארפען איבערן האל פון אלע זייטען. אויף דיזע קארטען איז געוועזן געדרוקט מיט גרויסע אותיות דיא פאלגענדע ציילען:

א בת־קול פון בארג מוריה!

זייט דיא רעמער האבען האבען מיר חרוב געמאכט,
זייט זיי האבען בעדעקט מיין געזיכט מיט נאכט;
זייט דיא זון שיינט מעהר ניט אויף מיר וויא אמאל,
זייט טרויערקייט שוועבט אויף מיין בארג און טהאל,
זייט מיין פראכט איז דערווארגען, מיין שטאלץ צעבראכען,
מיין טעמפעל צושטערט און מיין הערץ צעשטאכען —
זייט דאן גרייפט מיר יעצט נייע שרעקען, א נייע קעלט,
דורך דיא „שבי־ציון״ באנדע אין דער נייען וועלט!
יום־כפור־באל טענצערס, אנארכיסטישע געזינדעל,
מאכען פון ירושלים א זונה, פון לבנון — א שווינדעל!
געוואלט אידען! עס ציטערט אין מיר יעדעס אבר —
וואס האבען אנארכיסטען צו מוטער רחלים קבר?

דער געשלעג אין האל איז געווארען שטארקער און שטארקער; דיא געשרייען האבען אבגעקלונגען אין דרויסען, און אין צעהן מינוטען ארום האבען דיא פאליסלייט ארויסגעפיהרט יעדען איינעם פון אנקת־מסלדך־האל. אשקען איז שוין לאנג געוועזן אין דרויסען מיט א רעדעל מענשען ארום איהם. יעדער האט עפּעס געזאגט, יעדער האט געמאכט מיט דיא הענד און יעדער האט זיך געבייזערט.

— האכגעשעצטער ראבינער אשכנזי! אייער ערשטע פאטריאטישע רעדע אין אמעריקא איז ניט געוועזן אין גאנצען מזל׳דיג, ניט אמת?

אשקען האט זיך ארומגעקוקט און האט געזעהן אז דאס רעדט צו איהם מארקוס גרינוואלד!

זיי האבען זיך געגעבען דיא הענד, אסתר האט זיך פערנייגט מיט א שמייבעל און זיי האבען אלע דריי שפּאצירט צו קאנאל סטריט.

51טעם קאפּיטעל.

דער יחום פון קולאַק.

ווען דיא גרינוואלדס זיינען אנגעקומען מיט אשקענען אין לעקסינגטאן אוועניו האטעל, האט ער זיי דערצעהלט ווארום ער איז געקומען זוכען אין ניו יארק זיין גליק. אַלגאַ איז פון איהם ענטלאָפען נאכדעם וויא זיא איז איהם פאליש געווען מיטן דאקטאר קינגסטאן און מיט א געוויסען קאפּיטאן ווילסאָן. ער האט דאס אלעס אויסגעפאָרשט פון זיינע דיענער מערי און פאטריק. אישקען האט אויך דערצעהלט וויא אזוי ער האט זיך גענומען צו שפּיעלען אין קאָרטען און אויף דער בערזע וואו ער האט כמעט אין גאנצען פערלארן דאס וואס אַלגאַ האט איהם איבערגעלאזען.

— איך בעדויער אייך ווירקליך, הערר אשקען — האט גרינוואלד צו איהם געזאגט.

— איהר דארפט מיר ניט בעדויערן — האט אשקען איהם ערווידערט — קיין גרויסער קבצן בין איך אהער ניט אנגעקומען. איך האב נאך א טויזענד דאלער באארעס געלד און איך בין ניט אזוי אונגליקליך. איך וועל וואהרשיינליך קריגען א שטעלע אלס ראבינער און ווען ניט, וועל איך מוזען צוריקנעהמען מיין אלטע בעשעפטיגונג אלס מיסיאָנער.

— וואס טויג אייך אזא שענדליכע פּראָפעסיאָן ? — האט אסתר צו איהם געזאגט.

— איך האב ניט אייער מיינונג, מאדאם, דען מיט וואס איז דאס ערגער וויא צו זיין א ראבינער און ניט גלויבען אין אידעשקייט ? איהר געפינט דא צעהנדליגע ראבינערס וואס גלויבען אין קיין זאך ניט און זיי פּרעדיגען דאך רעליגיאָן. מיט וואס זיינען זיי פיינער פאר דיא מיסיאָנערען ?

— זיי זיינען דאך אידען — האט אסתר געזאגט.

— ניט אזא גרויסארטיגער ענטפער, מיין ווייב — האט זיך מארקוס אריינגעמישט.

— וואס קענען מיר טהאן פאר אייך ? — האט איהם גרינוואלד ווידער געפרעגט.

— גאר ניט ; איך וויל דא אויפזוכען צוערשט מיין ברודער.

— אזוי גאר, איהר האט א ברודער אין אמעריקא ? — האט אסתר געפרעגט מיט נייגירדע.

— יא מאדאם ; ווען מיין ברודער איז אנגעקומען אין לאנדאן מיט 12 יאהר צוריק, בין איך געוועזן דאס ערשטע יאהר מיסיאָנער און איך האב איהם אליין געטויפט. וועהרענד איך האב אבגעקירצט מיין היימישען נאמען „א ש כ נ ז י" אין „אישקען", האט מיין ברודער געענדערט זיין נאמען אויף איין עכט רוסישען. ער האט זיך גאר צוערשט גערופען א י וו א ן ב א ש מ א ק א וו, און איך האב ערפאהרען אז אין ניו־יארק האט ער ווידער זיין נאמען געוועקסעלט. וויא ער הייסט דא, ווייס איך ניט. און דאס איז דיא אורזאכע ווארום עס וועט מיר זיין זעהר שווער איהם אויסצוגעפינען, סיידען איך זאל איהם דערקענען אין שטראסע.

— האט איהר גאר קיין ברעקל שפור?

— דיא איינציגע שטיקעל שפור וואס איך קען האבען, איז דורך דיא אידישע אנארכיסטען אין ניו יארק, דען איך האב געהערט, אז וויא מיין ברודער איז אהער אנגעקומען, איז ער געווארען א פייערדיגער אנארכיסט. נעכסטען פרייטאג אבענד וועל איך זיך ערקונדיגען אויף זייער מיטינג אין אָרטשארד סטריט.

— זייט איהר חאָטש בעצאָהלט פון דיא „שבי-ציון" פאר אייער היינטיגער דרשה? — האט גרינוואלד ווייטער געפרעגט.

— ניין, איך טהו עס אומזיסט איך זאל אביסל פּאָפּולער ווערן און דערנאך וועל איך וויסען וואס איך האב צו טהאן. עס טהוט מיר אבער לייד וואס דיא נענגער פון פעראיין האבען געמאכט אזא סקאנדאל. דער געשלעג האט א ביסעל צושלאגען מיינע פּלענער.

— עקסטרא!! דער גרויסער פּאיט אין ניו-אָרליאנס!! — האט זיך געהערט א געשריי פון קליינע צייטונג פּעדלערס — עקסטרא! לעזט דיא בעשרייבונג פון גרויסען פּאיט הייטע נאכט!

— וואס איז דאס? — האט אסתּר געפרעגט.

גרינוואלד וואס האט געלעזען א גאנצע וואך דיא ניו-יאָרקער צייטונגען וועגען דיזען גרויסען „פּרייז-פּייט", האט איהר ערקלערט אז ניו-אָרליאנס איז דער איינציגער פּלאץ וואו עס איז ערלויבט לאָטערי געשעפטען און „פּרייז-פּאיטס".

— אבער — האט אסתּר ווייטער געפרעגט — ווער זיינען זיי דען דיעזע צוויי „גדולים" וואס דיא צייטונגען זיינען דיא גאנצע וואך פול מיט זיי? וואס האבען זיי אויפגעטהאן? וואס האבען זיי ערפונדען? וואס האבען זיי געזאגט אדער געשריבען?

— חא, חא, חא! — האט זיך מארקוס צולאכט — דוא פרעגסט, ווער דיעזע צוויי „פּאיטערס" זיינען! זיי זיינען צוויי „גאָרנישטען" וואס קענען קיין זאך ניט, וואס ווייסען קיין זאך ניט, וואס האבען קיין זאך ניט געשריבען און ניט געזאגט. דאס זיינען צוויי בעזאָפענע „באָמס" (יונגאטשעס) וואס נעהמען זיך איבער מיט זייערע פויסטען און שטאָלצירען נאר מיט זייערע קולאקעס! מאָרגען וועט דיא ציוויליזירטע וועלט וויסען ווער עס קען געבען דעם גרעסטען קלאפּ, דער אונשטערבליכע שבור פון באָסטאָן אדער דער נענגער פון קאַליפאָרניא. עס קען זיין, אז זיי וועלען ביידע ניט טרוקען אפּשניידען און יעדער וועט ארויסקומען נאכ'ן „פּאיט" מיט א צוריסענע געזיכט, מיט בלויע אויגען און מיט אונטערגעשלאגענע זייטען — אבער געווינען וועט דער יעניגער וואס וועט קענען אויסהאלטען דיא קלעפּ, און דיא צעהנדליגע טויזענד מענשען, אדער בעסער אונמענשען, וואס קוקען צו דיעזען פּאיט מיט פרייד, וועלען פּאטשען „בראַוואָ"!

— שרעקליך! — האט אסתּר אויסגעשריען — דיעזע קולאקען ביזנעס איז דאך א שמוציגער פלעק פאר דיא פעראייניגטע שטאאטען וויא אויך פאר דיא גאנצע מענשהייט! מיר קענען אפשר מוחל זיין דיא צוויי „פּאיטערס" ווייל דא האנדעלט זיך צו געווינען 50 טויזענד דאלאר; אבער הימעל עפּען זיך, וויא קען מען מוחל זיין דעם אמעריקאנער פּובליקום וואס איז אזוי פיעל פערגרעבט און פעראייזילט זיך צו

בוקען מיט דעם טיפסטען רעספעקט פאר א שכור'ן קולאק? וויא קען מען פערצייהען דיא צייטונגען וואס מאכען אזא צימעס פון א באנדע אונוויסענדע שקצים?

אשקען וואס האט דיא גאנצע צייט איינגעהערט דעם געשפרעך מיט דעם גרעססטען ערנסט, האט ענדליך זיך אפגערופען:

— וואס וואונדערט איהר אייך? האט דען אמעריקא אויסגעטראכט דאס „פאיטען”? דאכט זיך מיר געפינען שוין אין דער תורה וויא אונזער עלטער־עלטער־פאטער י ע ק ב האט זיך געפאיט מיט אן אונבעקאנטען מאן אין פ נ ו א ל (בראשית ל״ב) וואו מיר געפינען: ויותר יעקב לבדו, ויאבק איש עמו עד עלות השחר (יעקב אבינו איז געבליבען אליין און א מאן האט איהם אויפגעפאדערט צום פאיט; דיעזער פאיט האט געדויערט ביז דער מארגענשטערן האט זיך בעוויזען). איך וויים ניט אויב יצחק'ס זוהן איז דאן געווען דער ערשטער פאיטער פון כנען; נאר איין זאך איז זיכער, אז ער האט געוויס זעהר גוט פערשטאנען וויא זיך צו פאיטען, דען וויא זיין געגנער האט געזעהן אז ער קען מיט איהם ניט מאכען, האט ער איהם געגעבען א קלאפ אונטערן דיך און דאס איז געגען דיא געזעץ פון פאיטען (וירא כי לא יכל לו ויגע בכף ירכו).

— אבער, זעהט א דשענטלמען יעקב אבינו איז געווען — האט גרינוואלד געזאגט — ניט גענוג וואס ער האט זיין בארבארישען געגנער מוחל געווען, ער האט איהם אויך דיא האנד פריינדליך געדריקט און האט פון איהם פערלאנגט ער זאל איהם ווינשען גליק.

— מערקווירדיג! — האט אסתר אויסגעשריען — אבער אלעס געפינט זיך אין דער תורה, אפילו פאיטען אויך! א וואונדערליכער דאקומענט דאס איז! יעצט איז מיר שוין קיין וואונדער ניט וואס דער שנארער נ פ ת ל י צ י מ ב ע ל בעוויזט, אז דער טעלעפאן און דער פאנאגראף זיינען געווען אין בית־המקדש.

— וועלכער נפתלי צימבעל? — האט מארקוס געפרעגט.

— דוא געדענקסט ניט דעם שנארער נפתלי צימבעל פון ירושלים? ער פלעגט אלץ קומען ביי אונז נאך א „גמילת־חסד”, און דאס לעצטע מאל וואס ער איז געקומען זיך פערהעלפען ביי מיין זעליגען פאטער, ביסטו אויך דערביי געווען.

— אה, איך געדענק שוין — האט זיך גרינוואלד א חאפ געטהאן — א קליינער נפש מיט לאנגע האר און מיט קאפעלוש וויא א בלאז־זאק! ער איז דאן געווען ביי אייך אין הויז, באלד נאך מיין בעפרייאונג, ווען דיין זעליגער פאטער האט געמאכט דעם אונטערהאלט. איך געדענק נאך וויא ראלערמאן האט פון איהם חוזק געמאכט.

— ראלערמאן איז א גראבער יונג אהן א כאראקטער — האט אסתר בעמערקט — וואס איז צו לאכען פון אן אונגליקליכען? איבערהויפט נאך ווען דיעזער אונגליקליכער איז א מאן פון בילדונג, נאר ער האט עס געלערנט אהן א סדר, און דארום מישט ער פאקטען מיט פאנטאזיע.

— אבער, ווייסט איהר וואו דיעזער צימבעל איז יעצט? — האט אשקען זי געפרעגט.

— ניין!

— ער איז אין ניו יארק, אין דול=הויז. א אידישער אנארכיסט האס עס מיר געסטערן דערצעהלט; ער איז דארט צוזאמען מיט א יונגען מאן, וואס איז געווען בעפריינדעט מיט מיין ברודער אין ניו יארק. איך וועל איהם דיעזע וואך בעזוכען אין דול-הויז, אום זיך צו ערקונדיגען וועגען מיין ברודער. איך וועל שוין דארט אויך צימבלען בעזוכען.

אשקען האט פון זיי גענומען אבשיעד; גרינוואלד מיט זיין פרוי האבען זיך צוריקגעצויגען אין זייער שלאף=צימער און אונטער די פענסטער אין שטראסע, האבען אפגעהילכט די קולות פון די צייטונג פעדלערס:

— עקסטרא! דער גרויסער פאיט אין ניו=ארליאנס!/ אלעס גענוי בעשריבען! צוויי סענט!

52טעס קאפיטעל.

אין דול=הויז אויף בלעקוועלס אינזעל.

— בלעקוועלס אינזעל! — האט אשקען געזאגט צום מאן מיט דעם שיפעל.

— אבער וואו דארפט איהר דארט? — האט איהם דער מאן געפרעגט — דארפט איהר וואס אין געפענגנים, אין האספיטאל אדער אין דול=הויז?

— וואס איז אייך דער חילק?

— עס איז מיר א גרויסער אונטערשיעד, ווייל דיעזע אלע דריי פלעצער זיינען ניט צוזאמען, און איך דארף וויסען וואו אייך צוצופיהרען.

דער טייך איז געווען זעהר „ביזי“: צעהנדליגע שיפעלאך זיינען געלאפען הין=און=צוריק אויף די בלויע וואסער=בעט. דא האט מען געזעהן פארביי=לויפען קליינע דאמפפערלאך וואס האבען געשלעפט גרויסע בארקעס; דא האט זיך געגליטשט א זעגעל=שיף וואס האט אויסגעזעהן מיט איהרע ווייסע פליגלען וויא א טויב פון וואונדער=לאנד; אין מיטען דארינען האט זיך געהערט א פייף פון א גרויסען דאמפפער וואס האט אויסגעזעהן אויפ'ן וואסער וויא א ריעזען=פאלאסט. דאס איז געווען דער דאמפפער „פוריטאניא“ פון די פאלל=ריווער ליניע וואס האט אפגערייזט נאך באסטאן און האט געשפאלטען דעם טייך מיט שטאלץ. א ביסעלע ווייטער זיינען געקומען ענטקעגען די „לווירא“ פון ניו=הייווען און די „אווירארא“ פון ניו-הארטפארד; גאר פון הינטען האבען זיך געזעהן א רייהע קליינע שיפעלאך מיט פישערס, מאטראזען וואס האבען גערעדט, געזונגען און האבען ארייגגעגעבען אין שטומען טייך א שפראך. פלוצלונג איז שטיל געווארן! אשקען מיט זיין בעגלייטער זיינען אנגעקומען ניט ווייט פון בלעקוועלס אינזעל. א גרויסע מרה=שחורה'דיגע שטילקייט האט איינגעוויקעלט דיעזען שלאפעדיגען אינזעלע וואס שטעלט פאר די לינקע זייט פון ניו=יארק.

— דא זאלט איהר ארונטערשטייגען — האט דער מאן געזאגט צו אשקען — דיעזער מויער וואס איהר זעהט איז די דול=הויז.

א הייליגע טרויערקייט האט גערוהט אויף די גרויסע געביידע, און פאזע מויער האבען זיך געזעהן איינינע אלטע לייט געבויגען אין צווייען; נעבען זיי יונגע

מעדכען מיט ווייסע פּאַרטוכער און בלאָנדע האָר, וועלכע בעדייענען דיא אַלטע עלענדע באָרדערס — דיא יונגענד וואס העלפט דיא אַטלקייט שטאַרבען!

אין דיזע גרויסע טראַגישע געביידע פון בלעקוועלס אינזעל שפּיגעלט זיך אָפּ דיא שווארצע זייט פון מענשענס לעבען. דיא וועלט זאגט, אַז משוגע איז ערגער וויא שטאַרבען; וויא אמת דאָס איז! האָט איהר אמאל צוגעקוקט אין אַ משוגעים־הויז וויא אַ פרוי קומט זעהן איהר אונגליקליכען מאַן? זיא קוקט איהם אין דיא אויגען און זיא פרעגט איהם:

— מיין ליבער מאַן, דערקענסטו מיר? דערקענסטו ניט דיין ווייב?

דעם איינציגען ענטפער וואס זיא קריגט פון איהם איז אַ ווילדער שאָקעל מיט'ן קאָפּ און אַ משוגענעם ברום.... ער דערקענט איהר ניט!

אָה, וואו נעהמט מען אַ האַרץ צוצוקוקען ווען אַ מוטער קומט זעהן איהר משוגענעם זוהן און זיא מוז זיך ענדליך אַרויסרייסען פון זיינע הענד, פון דיא הענד פון איהר איינציגען קינד!

— איך בין דאָך דיין מאַמע — זאגט זיא צו איהם מיט טרעהרן אין דיא אויגען.

— אָבער, דאס אונגליקליכע באַשעפעניס שטויסט איהר אַוועק מיט דעם ענטפער:

— אַוועק, אַוועק, אַוועק, דו ווילסט מיר בייסען....

נאָר, פּונקט וויא יעדע זאך אויף דער וועלט האָט איהר טראַגישע זייט און איהר קאָמישע זייט, דאס זעלבע איז אויך אין אַ משוגעים־הויז: דאָרט אין ווינקעל זיצט אַן אַלטער מאַן מיט אַ רוהיגע משוגעת. ער טהוט קיינעם ניט, ער ברעכט קיין זאך ניט; נאָר ווען ער כאַפּט אָן, דערצעהלט ער פון זיינע עשירות, פון זיינע פּאַלאַסטען און פעלדער וואס ער האָט אין דער גאַנצער וועלט, וויא אויך אין דער לבנה און אין דיא שטערן! אַ חוץ דעם, זאגט ער, איז ער אויך דער פּריוואַט סעק־רעטער פון יעזוס קריסטוס.

אַ ביסל ווייטער וועט איהר זעהן אַ מאַן וואס האָט זיך איינגערעדט אַז ער איז פון האָלץ און זיין איינציגער פערגניגען איז — ברעכען שויבען. ווען דיא בעדינטע נעהמען פון איהם אַוועק דיא שטיינער, זאגט ער צו זיי מיט'ן גרעסטען ערנסט:

— וואס קענט איהר מיר טהאָן? איהר וועט מיר אפשר צוברעכען? איך קען זיך אַליין צוריק אָבמאַכען גאַנץ — איך בין פון האָלץ!

דאָרט אין דיא ווייבערשע אָבטהיילונג זיצט אַ יונגע וואונדער־שעהנע פרוי און פערהאַלט זיך זעהר רוהיג: זיא האָט זיך איינגעבילדעט אַז זיא איז אַ בלום! זיא זיצט אַלע טאָג איינע שעה אין גאַרטען און דער גערטנער מוז איהר בעגיסען מיט אַלע בלומען צוגלייך.

נומער 364! — האָט אַשקען אַ בליק געגעבען אויף אַ בעט און ער האָט איבערגעלעזען דעם „נפתלי צימבעל“.

— וואס מאַכט איהר הערר צימבעל? האָט איהם אַשקען געפרעגט, איהם געבענדיג דיא האַנד.

— וואס זאָל איך מאַכען? איך האָב דאָ אַ שטעלע, דיא משוגעים קלאָהר

צו מאכען. איך לערן זיי שרייבען העברעאישע פאעזיע; אבער זיי זיינען גראבע קעפ און זיי ווילען ניט אנערקענען אז איך בין „ציון׳ס קעניג״. מען זינגט מיינע שירים אין די קאלאניעס פון פאלעסטינע און איך האב דער ערשטער בעוויעזען אז דער טעלעפאן האט שוין עקסיסטירט א צייט איידער אדם הראשון איז נאך געווען אן אונטער־אפיציער. . . .

— ווארום זייט איהר אוועק פון ניו־יארק? — האט איהם אשקען געפרעגט.

— ביי דיעזע פראגע, איז צימבעל געקומען אביסעל צו זיך, און האט גע־ענטפערט:

אין ניו־יארק איז מיר זעהר שלעכט געגאנגען. די אידישע רעדאקציעס זיינען רשעים. איך האב געשריעבען פאר אלע אידישע צייטונגען און מען האט מיר קיין מאל ניט בעצאהלט; מען האט מיר ווען־ניט־ווען צוגעווארפען א קוואָדער און איך בין אזוי אומגעגאנגען גאנצע טעג ניט געגעסען.

— פלעגען זיי דרוקען אייערע ארטיקלען?

— זיי פלעגען אימער דרוקען, די זשארגאנישע אידישע צייטונגען און אויך די ענגלישע־אידישע בלעטער; אבער, זיי האבען מיר קיינער ניט בעצאהלט, די רשעים, און אויב עס איז דא א גאט אין הימעל האט ער בעדארפט איבערקעהרן אלע אידישע רעדאקציעס וויא סדום און עמורא. נאר, איך האב זיי אלעמען אין דער ערד! די קריסטען האבען מיר דא געגעבען א פלאץ אלס פראפעסאר, און דערצו בין איך נאך ציון׳ס קעניג. אדרבא, אויב איהר גלויבט מיר ניט, וועל איך אייך וויזען.

צימבעל האט געגעבען א געשריי צום נומער 369 א זעקס בעטען וויטער:

— הע געגאסע קאָטער! דו ביזט דאך אן אנארכיסט, זאג דעם מאן וואס בין איך?

— איך האב קיין צייט ניט — האט קאטער געענטפערט מיט א ברום און זיינע רויטע האאר האבען זיך געגעבען א טרייסיל — איך האב קיין צייט ניט, איך דארף ענדיגען מיין ארטיקעל „מחשבות פון א פלאקען״ און מיין ליעד „עס שנעעט אין אפריקא״ פאר די „פרייע ארבייטער שטימע״.

— דער אנארכיסט איז משוגע, לאזט איהם געהן — האט צימבעל געזאגט — איהר זעהט דאך אז ער איז געקייט אין אייזען.

— געגאסע קאָטער — האט זיך אשקען צו איהם געווענדעט מיט א העפליכען טאן — איך בין געקומען צו אייך: האט איהר ניט אמאל געקענט אן אנארכיסט מיט דעם נאמען איוואן באשמאקאוו? ער איז געווען א לאנדאנער.

— דו ביסט א לומפ, א חמור, א ניעדערטרעכטיגער שורקע — האט קאטער א געשריי געטהאן, און זיינע קעטצעשע אויגען האבען געשפריצט מיט פייער — איך האב נאר איי בעקאנטען לאנדאנער אנארכיסט און ער האט ניט אזא קאררומפירטען קאפיטאליסטישען נאמען וויא איוואן באשמאקאוו.

— וויא הייסט אייער לאנדאנער פריינד?

— נענאסע אסקאר וולאדימיראוויטש איז געווען זיין נאמען.

— דאס איז קיין אידישער נאמען — האט אשקען צו איהם געזאגט — איך בין אבער ביי אייך נעקומען פרעגען אויסקינפטע וועגען אן אידישען אנארכיסט.

— דוא רעדסט וויא א געמיינער סאציאל־דעמאקראט — האט קאטער נענע־בען א קריץ מיט דיא ציינער — דיעזער אסקאר וולאדימיראוויטש איז געווען א אידי־שער אנארכיסט, זיין נאמען אין דער היים איז געווען.... איך האב פערגעסען, מיין מיסעס וויס.

— וואו, האט איהר געוואוינט אין ניו־יארק.

— 66 טשערי סטריט, טאפ־פלאר אין דיא בייזמענט — האט זיך צימבעל' ארויסגעחאפט.

אשקען האט פערצייכענט פון ספק וועגען דיעזע אדרעסע, און ער האט פער־לאסען מיט שרעק דיעזען טראגישען געצעלט וואו עס זיינען איינגעשפארט מענשען ביי וועמען עס האט זיך אויסגעלאשען דער לעצטער פונק פערשטאנד.

53טעס קאפיטעל.

דיא ביטערע ערפאהרונג אין דער בויערי.

עס איז שוין געווען א גוטע דריי שטונדען זייט אשקען האט צוריקגעקעהרט פון בלעקוועל'ס אינזעל. ער איז באלד הינגעגאנגען אין דער רעדאקציאן פון דיא „פרייע ארבייטער שטימע" נאכפרעגען אויף דיא מאדאם וואו נענאסע קאטער האט געוואוינט איידער ער איז ארויס פון דיא כלים.

דער הימעל האט זיך ביסלעכוויז פערוואלקענט און דיא שווערע לופט האט נענעבען אנצוהערן אויף רעגען אדער שטירם.

אשקען האט אזוי שפאצירט דורך דיא שווארצע נאכט, און פאר זיינע אויגען האבען נאך אלץ געשוועבט יענע ווילדע צוויי געזיכטער וואס ער האט א ווילע פריהער געזעהן אין דול־הויז. ווען ער איז אריין אין טשערי סטריט האט דער שטורם ענדליך אויסגעבראכען מיט זיין גאנצע ווילדע מאכט און א גוס רעגען האט איהם געשמיסען אין געזיכט. אבער, דיעזער צארניגער וועטער האט אויף איהם קיין ווירקונג געהאט. דיא קרעכצען פון שטורם, דיא קראכען פון דיא וועללען, דער ברום פון דיא „פעררים", דיא טראפענס רעגען, טרעהרין פון הימעל, וואס זיינען געפאלען אויף זיין פנים — דיעזע אלע זאכען האט אשקען נים געהערט, נים געזעהן און נים געפיהלט. עס זיינען דא צייטען אין מענשעק'ס לעבען, ווען זיינע אלע געפיהלען זיינען טויב, שטום און בלינד! עס זיינען דא צייטען אין מענשען'ס לעבען, ווען זיין זעעלע איז אזוי שטירמיש, אז ער פערגעסט דערוויל זיין קערפער — זיין שטערבליכען חאלאט!

— שטייטש — האט ער געזאגט צו זיך אליין — איז דאס מעגליך אז אסקאר וולאדימיראוויטש וואס איז ערמארדעט געווארען אין דראזשקע, איז גאר געווען אן אנארכיסט? שאדע וואס איך האב איהם נים געזעהן טויטער־הייט. אפילו זיין בילד האב איך אויך נים געקראגען. ס'איז דען א וואונדער?

נאריק דער גנב האט זיך די גרעסטע מיהע נעגעבען, איך זאל ניט צוקומען צום אויבען-אן. אבער, וויא קען דען זיין א איד מיט דעם נאמען אָסקאר וולאדימיראָוויטש? נאר, עס קען זיין אז ער האט זיך אזוי א נאמען נעגעבען פונקט וויא מיין ברודער האט זיך גערופען אין לאנדאן איוואן באשמאקאָוו.

אשקען האט זיך א ווילע פערטיפט אין זיינע געדאנקען און האט ווייטער גערעדט צו זיך אלליין:

— עס ווילט זיך מיר גאר ניט גלויבען אז אָסקאר איז געווען א איד, וואָרום אידען האבען גאר ניט אזא אויסוואורף וואס זאל זיך צוזאמענשמעקען מיט א פערדאָרבענע פרוי, מיט דער מחשבה צו מאכען א תל פון אן אָרדענטליכע פאמיליע. אָסקאר האט געצאפט געלד פון רובינשטיינען, האט פערלאנגט זיין טאכטער פאר א פרוי, און יעדעס מאל ווען רובינשטיין האט געמאכט א קרומע מינע, האט אָסקאר איהם געשראקען אז ער נעהט אויסזאגען די געהיימניסע און איהם פעראונגליקען אויף אייביג! דערצו מוז מען האבען א סך א שווארצערע זעעלע וויא א מערדער.

פלוצלונג זיינען אשקען'ס געדאנקען ארויס פון שווארצען טומאן: א בליץ האט געגעבען א טאנץ פאר זיינע אויגען, און דער בלויער געוועלב פון הימעל האט זיך געשפאָלטען וויא א ים גליהענדע פייער. נאכדעם וויא דיעזער בליץ האט אבגעשטיפט, האט דער דונער געגעבען א ווילדען קלאפ וואס האט זיך צובראכען אין קליינע דונערלאך וויא ארבעס. פון זיי איז ווידער געווארען איין דונער װאס האט זיך געבייזערט מיט א דערשטיקטען קול, האט געמורמילט, האט געגעבען א טראסק, האט ווידער געמורמילט ביז ער האט זיך פערלאָרען אין שטילען גאָרניט!

עס איז שוין באלד געווען 9 אוהר אבענדס ווען אשקען האט ענדליך אויסגעפונען אין נומער 66 טשערי סטריט די מיסעס ביי וועמען זיין ברודער האט געוואוינט א קורצע צייט צוזאמען מיט דעם משוגענעם אנארכיסט.

— האט דא ניט געוואוינט געגאסע קאָטער? — האט אשקען געפרעגט די מאדאם, א הויכע מאָגערע פרוי מיט קורצע האר.

— יא, ער האט דא געוואוינט, אבער ער איז יעצט —

— איך וויים וואו ער איז — האט אשקען איהר אונטערבראכען — נאר איך בין ניט אזוי אויסען איהם וויא זיין פריינד וואס האט מיט איהם צוזאמען געוואוינט ביי אייך. איך געדענק ניט גענוי זיין נאמען, דארום האב איך אייך פריהער געפרעגט אויף קאָטערן.

— זייט איהר א דעטעקטיוו אדער א רעפּאָרטער — האט די אנארכיסטקע געפרעגט מיט א טינערשען בליק.

— איך בין ניט דאס, ניט יענעם — נאר א ברודער פון דעם וואס איך זך.

— טאָ, ווארום געדענקט איהר זיין נאמען ניט?

— וויל מען האט מיר מיטגעטהיילט אז ער האט אין אמעריקא געוועקסילט

(Oginsky, 15.)

זיין נאמען. ווי עס ווייזט אויס, בייטען די אנארכיסטען זעהר אפט זייערע נעמען, ניט אמת?

פלוצלונג האט אשקען בעמערקט אויפ'ן וואנד א בילד איינגעפאסט אין א ראהם.

— דאס איז מיין ברודער, מאדאם, דאס איז ער מיט די ביינער — האט ער געזאגט ווייזענדיג אויפ'ן בילד. קענט איהר מיר ניט געבען דיזע פאטאגראפיע איך וועל אייך עס מארגען צוריק אפּגעבען.

— איך וועל אייך זאגען, מיסטער — האט זי געענטפערט מיט א געצוואונגענעם שמייכעל — בעצאהלט מיר די 5 דאלער וואס אייער ברודער אסקאר איז מיר שולדיג געבליעבען פאר עסען, וועל איך אייך אבגעבען אין גאנצען דאס בילד.

— אסקאר! — האט אשקען זיך א חאפּ געגעבען — אזוי גאר, ער האט זיך גערופען אין ניו-יארק אסקאר!

נאך א ווילע שטיל שווייגען, האט איהר אשקען ווייטער געפרעגט:

— און וואס איז געווען זיין צווייטער נאמען?

— איך קען אייך געגוי ניט זאגען: באשמאקאווסקי, אדער באשמאקאוויטש און אפשר אויך גאר איין אנדער נאמען; אי, עס ליעגט מיר אויפ'ן שפּיץ צונג —

— געוויס אסקאר איוואנאוויטש באשמאקאוו — האט אשקען געזאגט.

— עס קען זיין.

אשקען האט ארויסגענומען 5 דאלער, האט עס געגעבען דער פרוי. זי האט אראפּגעחאפּט באלד דאס בילד און האט איהם דערלאנגט.

— דעם ראהם דארף איך ניט. יעצט זאגט מיר מאדאם וואו איך קען זיך ערקונדיגען וועגען מיין ברודער? וואו, גלויבט איהר, האלט ער זיך יעצט אויף?

— איך גלויב, ער וואוינט גאר ניט מעהר צווישען אידען; מען זאגט ער האט זיך צוזאמענגעשמעקט מיט א שעהנע אקטריצע, און עס איז מעגליך אז ער אליין איז געווארען אן אקטיאר.

אשקען האט איהר בעדאנקט פאר די מיטטהיילונג, און ער האט פערלאסען דעם פלאץ א ביסעל מעהר צופריעדען. עס איז שוין געווען 11 אוהר אין דער נאכט ווען ער איז ארויס פון טשערי סטריט, און ער איז געגאנגען צו דער בויערי. ווי ער איז פארביי מיינער'ס טהעאטער, האט ער בעמערקט צווישען דעם המון מענשען מארקוס גרינוואלד.

— פון וואנען געהט איהר דא? — האט איהם אשקען געפרעגט — ווי קומט איהר אין אזא געמיינעם טהעאטער?

— איך האב געוואלט איין מאל פאר אלע מאל אנקוקען דאס טהעאטער וואו וויקטאריא אנינסקי, אייער ווייב'ס מוטער, האט געטאנצט. עס איז ווירקליך א טרויעריגער פלאץ.

— האט איהר עפּעס אויסקינפטע וועגען אייער ברודער?

פארלויפיג האב איך זיין בילד — האט אשקען צו איהם געזאגט ארויסנעהמענדיג די פאטאגראפיע פון טאשע.

גרינוואלד וואס עס אנגעקוקט, האט געגעבען א שפרונג און האט אויסגעשריען:
— אסקאר וולאדימיראוויטש!!!! איז ער געוועזען אייער ברודער?
אשקען איז געבליעבען א ווײלע וויא אהן לשון און האט געמורמעלט אונטער די ציין:
— יא, ער.... ער איז געוועזען מיין ברודער, רובינשטיינ׳ס מלאך המות און הארן׳ס קרבן....

54טעס קאפיטעל.

א מזומן משומדים און פארעווע אקטריצעס.

אלע מענשען זיינען יעגער, די וועלט איז א יאכט,
דען יעדער יאגט זיך נאך עפּעס טאג און נאכט.
דער קארגער יאגט זיך אימער נאך דער מטבעה,
דער עזות-פּנים יאגט זיך נאך דער דעה.
די מיידעל יאגט זיך נאך א יונגען בחור,
די אלטע מויד יאגט זיך נאך אבי א זכר!
נאך א טיטעל און מעדאל יאגט זיך דער סאלדאט,
נאך מחלוקות און שטרייט יאגט זיך דער אדוואקאט.
דער דאקטאר יאגט זיך נאך א קראנקען לונג-און-לעבער,
נאך א בר-מינן יאגט זיך אימער דער טויטען-גרעבער.
נאך מיליאנען יאגט זיך דער מיליאנער,
נאך משומדים יאגט זיך דער מיסיאנער.

אשקען האט שוין געהאט דורכגעמאכט כמעט אלע קלאסען יאכט. אין בע־סאראביען האט ער זיך געיאגט נאך דער דעה און נאך דער מטבעה; נאך טיטלען און כבוד האט ער זיך געיאגט אין לאנדאן ווען ער איז געוועזען דעטעקטיוו. ער האט זיך אויך געיאגט נאך מחלוקת און שטרייט, נאך רייכטהום, נאך חובבי ציון ביזנעס, נאך רבנות און — ענדליך ווידער נאך משומדים. אשקען האט איינגעזעהן, אז דער איינציגער וועג צו מאכען עטליכע דאלער איז זיך צוריקצוקעהרן צו זיין אלטע ביזנעס, נעמליך, — א מיסיאנער.

דיעזען בעשלוס האט ער געפאסט נאכדעם וויא ער האט זיך בעקאנט גע־מאכט אין ניו-יארק מיט א געוויסען מיסיאנער פליישמאן. זיי האבעןביידע געשלאסען „געשעפט" בשותפות און האבען געמאכט א האלסייל ביזנעס פון נשמות.

עס איז געוועזען דער 4טער מערץ, דער טאג ווען דער ני׳ער פּרעזידענט ווערט איינגעסטאלירט אין וואשינגטאן. ניו-יארק האט אויסגעזעהן יום-טוב׳דיג: טויזענדע מענשען האבען מארשירט מיט מוזיק צווישען לעבעדיגע וועלדער מענשען, וואס זיינען געשטאנען פון ביידע זייטען בראדוויי. ניו-יארק האט אויסגעזעהן וויא א ים גלאנץ מיט א הימעל פון פאהנען, דעקאראציאנען און עלעקטרישע ליכט. אין דער רייהע פון „מארטש" האבען זיך געצייגט היסטארישע וואגענס וואס האבען פארגע־שטעלט די הויפּט פונקטען פון די אמעריקאנישע געשיכטע, וויא אויך אנדערע זאכען.

דער ערשטער וואגען האט פארגעשטעלט דיא דריי זעגעל־שיפען מיט וועלכע קאלאמבוס האט צום ערשטען מאל דורכגעאקערט דעם ים.

דער וואגען דעקאָרירט מיט דיא נעמען פון אלע ניו־יארקער צייטונגען און מיט דיא איבערשריפט: „דיא פעדער איז מעכטינער פאר'ן שווערד".

דער גרויסארטיגער הארפע־וואגען וואס האט פארגעשטעלט דיא קונסט פון מוזיק.

דער שעהנער וואגען וואס האט פארגעשטעלט דיא וויסענשאפט.

דער פראַכטפאָלער וואגען וואס האט פארגעשטעלט דיא געטין ל י ע ב ע, און ענדליך דער מאיעסטעטישער וואגען פון דיא געטין פ ר י י ה י י ט — דאס אלעס איז געווען א קליינער טהייל פון דיא נאציאָנאלע הקפות וואס האבען זיך געצויגען דורך דיא שעהנע בראָדוויי.

אשקען איז געשטאנען אויפ'ן ווינקעל פון קאנאל און בראָדוויי. ער האט צוגעקוקט מיט פיעל אינטערעסע און האט ענדליך בעמערקט צו זיין חבר פליישמאן וואס איז געשטאנען נעבען איהם:

— איך גלויב, אז אין דיעזען ווינקעל פון ניו־יארק זיינען באלד דא א סך מעהר מענשען וויפיעל קאלאמבוס האט געפונען אין גאנץ אמעריקא! א וועלט האט זיך דאס איבערגעביטען!

— זאגט בעסער א וועלט עס האט זיך א י ב ע ג ע ק ע ה ר ט — האט זיך פלוצלונג אפגערופען צו איהם א גראָב־בייכיגער מאן מיט גרויע האאר וואס האט דערקענט אשקענען פון לאָנדאָן.

— וויא קומט איהר אהער, מיסטער נבל? — האט איהם אשקען געפרעגט.

— מיט א שיף — האט נבל געענטפערט מיט א טאן פול חוצפה — איך האב אייך אויפמערקזאם געמאכט, איהר זאלט ניט זאגען א י ב ע ר ג ע ב י ט ע ן נאר איבערגעקעהרט, ווייל אייער געשעפט אין לאנדאן איז דאך געווען צו א י ב ע ר־ק ע ה ר ן אידען צום קריסטענטהום.

— און איהר זייט דען ניט געווען אין לאָנדאן קיין מיסיאָנער? — האט איהם אשקען געפרעגט — איך געדענק דען ניט, אז איהר זייט געווען א גאנצער מאכער אין ב ע ט ה נ א ל ג ר י ן און פ א ל ע ס ט י נ ע־פ ל י י ס?

— דאס איז אלץ אמאל געווען, — האט נבל געזאגט מיט כעס — יעצט בין א „חובב ציון'ניק".

אשקען האט גוט געוואוסט אז נבל איז אן עזות־פנים און ער האט א נאטור זיך צו האפען באלד שלאגען. אבער אזוי וויא אשקען האט ניט געוואלט מאכען קיין סקאנדאל אין מיטען שטראסע, האט ער געענדערט דעם טאן מיט דיעזע ווערטער:

— ווארום זאלען מיר זיך דען קריגען, פריינד נבל? לאמיר בעסער זיין גוטע פריינד. קומט לאָמיר וואו אריינגעהן טרינקען א גלאז ביער.

— און ווארום טאקע ניט א גלעזיל וויין אויך? — האט געזאגט פליישמאן וואס האט דיא גאנצע צייט געשוויגען.

— ווען מיר געהן שוין יא, — האט נבל געזאגט — לאמיר שוין פאר דיעזעלבע

נעלד אריינגעהן אין א פלאץ וואו מען הערט א ליעדל, וואו מען זעהט א טענצעל און נאך עפעס.

— איך קען אבער ניט דיעזע נאכבארשאפט — האט אשקען בעמערקט — סיידען מיר זאלען היננעהן צום „פאלקסגארטען" אדער „אטלאנטיק גארטען" אין דער בויערי.

— אויך אין דיעזע נאכבארשאפט האבען מיר אזעלכע לוסטיגע פלעצער — האט פליישמאן איהם אונטערבראכען — נאר איך וויים ניט אויב דיא קינסטלער וועלען אייך געפעלען. דאס זיינען געוויסע יאלעווע קאנצערט-פלעצער וואו מען לערנט זיך שערן אויף אונזערע בערד: אן אקטריצע קומט ארויס מיט א ליעדל וואס האט קיין טעם, דיא אנדערע מיט א טאנץ וואס איז אהן זאלץ, א קאמיקער קומט ארויס מיט א פאק וויצען וואס ווילט זיך וויינען ביי יעדען וויץ. נאטירליך זיי נעהמען קיין געהאלט און מאנכע פון זיי מוזען נאך צוצאהלען דעם ווירטה פון פלאץ ווארום ער לאזט זיי ארויף אויף דיא ברעטער וואו זיי רייסען זיך דעם גארגעל, אדער וואו זיי שפרינגען וויא דיא ציגען.

— דאך אמוזירט מען זיך אין אזעלכע פלעצער אפטמאל פיעל מעהר וויא אין א טהעאטער — האט נבל געזאגט לאבענדיג — וויל דא געהט צו אלעס אהן צערעמאניע, און צווישען דיא פארעווע אקטריצעס געפינען זיך גאנץ שעהנע מיידלאך, טאקע מיט וועניג טאלענט, אבער מיט א סך חוצפה....

עס האט ניט געדויערט קיין 20 מינוטען, האבען זיך דיא דריי „תנאים" דורכגעשפאלטען א וועג דורך דיא גרויסע מאסע מענשען און זיינען אריין אין א סאלאן אויפ'ן ווינקעל בראדוויי און דיא 8טע שטראסע. דער פלאץ איז געוועזן צימליך בעזוכט, און ווען זיי זיינען אריין, האבען זיי געפונען א דייטשען פערשטעלט פאר א נעגער וואס האט געזונגען א ליעדל Push them clouds away (שטופ אוועק דיא וואלקענס). דערנאך איז פארגעקומען א יונגע פרוי, זעהר שעהן געבלייזט, זיא האט געזונגען און געטאנצט א טאנץ-ליעדל מיט דעם נאמען My Irish queen מען האט איהר ווידער פארגערופען און זיא האט מכבד געוועזן דעם פובליקום מיט א ליעדל What do I care וואס זיא האט צוגעטאנצט אויף אזא קאמישען ארט, אז כמעט אלע פרויען אין זאל זיינען רויט געווארען. נאטירליך, האבען דיא מענער נאך מעהר אפלאדירט און זיא האט ווידער געמוזט ארויסקומען. אבער זיא האט מעהר ניט געזונגען, זאנדערן זיא האט זיך געניינט און זיא איז אראפגעלאפען פון ביהנע. אין א מינוט ארום איז זיא געזעסען אין זאל נעבען א גלאז ביער און זיא האט געהאלטען קאמפאני איהר „דשימ'ן".

נאך דיעזע זינגערקע איז ארויסגעקומען א מאן איינפאך אנגעצויגען. מען האט באלד געקענט זעהן, אז ער קומט ניט מאכען קיינע קונצען, נאר איינפאך עפעס זאגען.

— ווערטהעס פובליקום! — האט ער אנגעפאנגען נאכדעם וויא ער האט זיך פערניינט — איך האב דיא עהרע אייך אנצוציינגען אז נעכסטע וואך האבען מיר פאר אייך א גאנצע רייהע שפאגיל נייע ארטיסטען און וואונדער-שעהנע פרויען. —

איך וועל אייך נאר אויסרעכענען איינינע נעמען: דיא גרויסע לאַלא, א שעהנע טענצערקע. נאך יעדען טאנץ וועט זיא שטעהן אויפ'ן קאפ! מיר האבען דעם פרינץ „אושבונורדון" פון יאפאן וואס וועט זיך ברעכען אויף א לייטער און ער וועט שפיעלען גיטארא מיט זיין נאז. היינט האבען מיר פאר אייך א גרויסארטינע איבערראשונג, א וואהרע פרינצעסין פון אייראפא וואס איז געווען אין לאנדאן דיא מעטרעסע פון פרינץ אף וויילס און אנדערע פרינצען. זיא וועט שפיעלען, צוזאמען מיט נאך צווי קינסטלער, דיא נייע קאמעדיע אין איין אקט מיט דעם נאמען:

The Smart Lady. דיא ביטערע נקבה.

דאס איז אויפגענומען געווארען אלס א מייסטערשטיק אין פאריז, לאנדא', וויען, בערלין, פעטערסבורג, רוים, מאדריד און קאנסטאנטינאפל. דער נאמען פון דיא פרינצעסין איז: איהר קעניגליכע האהייט אלגא דיא צווייטע, און זיא טרעט אויף צום ערשטען מאל אויף דער ביהנע אלס טענצערקע.

צוליעב דיעזע נייע קינסטלערין וועט קאסטען איינטריט 10 סענט, א חוץ וואס יעדער וועט פערצעהרן וויא געוועהנליך. וועהרטעס פובליקום! איהר ווייסט גאנץ גוט, אז פון אימער אן גיבען מיר זיך דיא גרעסטע מיה אייך צו אמוזירן מיט גרויס-ארטינע קינסטלער ערשטע קלאסע!

— דאס איז א ביסעל א קונץ — האט פליישמאן געזאגט — אפצוזאגען אזוי פיעל ליענען און ניט רויט ווערן!

— דא קענט איהר אפט מאל הערן נאך גרעסערע ליגענס — האט זיך נבל אפגערופען — און וואס איז נאך מעהר וואונדער וואס דאס אייזעלשע פובליקום פאטש בראוואָ, פונקט וויא דאס וואלט געווען דער ערשטער ליגען.

אשקען איז געווען שטיל וויא א בית-עולם, און האט קיין ווארט געזאגט. ער איז בלאס געווארן, האט זיך פערטיעפט אין זיינע געדאנקען און נאך א קורצע ווילע שטילשוויינען, האט ער געזאגט צו זיינע צוויי קאמעראדען:

— קומט, לאמיר געהן, עס איז ניטא וואס צו הערן.

— דאס מוז זיין א פרינצעסין אשר לא פרינצעסאָנו אבותינו — האט פלייש-מאן געזאגט לאבענדיג — דאך בין איך נייגיעריג דא צו קומען נעכסטע וואך איהר אנקוקען.

— גלעבען, עס איז ניטא וואס, — האט אשקען בעמערקט מיט א טאן פון אויף-מיין-דאגה — דאס איז דאס לעצטע מאל וואס איך קום אין אזעלכע לעכער. איך מאך מיט אייך א וועטע, אז זיי וועלען ציינען דעם פובליקום א מין פרינצעסין אויף שפרונזינעס אדער א חברה'טע פון דער בויערי. מיין פוס וועט שוין דא מעהר ניט קומען.

דאס האט אשקען געזאגט מיט'ן מויל; אבער אין הארצען האט ער בעשלא-סען צו קומען זעהן דיעזע אימפארטירטע „פרינצעסין" אין איהר ראָלע פון דיא „ביטערע נקבה".

55טעם קאפיטעל.

די „ביטערע נקבה“ און די רעבעצין.

ניט אלעס וואס ליגט איז נאלד, און ניט אלעס וואס די וועלט ריפט גליק איז גליק. אלע ווייסען, אז גליק איז א גוטע זאך; די צרה איז אבער וואס ניט יעדער מענש האט דעם זעלבען בעגריף פון ווארט „גליק“.

פיעל מענשען וואס האבען געהאט אין זייער לעבען שוועריגקייט און צרות, האבען זיך איינגעשמועסט, אז דאס וואהרע גליק ליגט אין לעדיג אומגעהן. פרעגט אויף א טשיקאוועס די יעניגע וואס ארבייטען וויא די אייזלען אויף א תכלית — פרעגט זיי וואס זיי רופען „תכלית“, וועלן זיי אייך געוויס ענטפערן:

— מיר ווילען קומען צו עטליכע דאלאר, — כדי מיר זאלען קענען רוהיג זיצען, און מעהר ניט דארפען ארבייטען.

— אָט דיעזע קלאס מענשען איז שטארק מקנא די „גליקליכע לייט“ וואס האבען ניט צו טהאן קיין אנדער זאך וויא צו לעבען א גוטען טאג. דאס איז אבער א גרויסער טעות; דען דער יעניגער וואס האט קיין אנדער ביזנעס וויא „זיך אויסרוהען“, דער האט אין דער אמת א סך וועניגער רוה פאר דעם וואס איז בעשעפטיגט קיין זאך ניט טהאן איז די גרעסטע משא אויף די פלייצעס פון מענשען און דיעזע משא פערשלעפט זעהר ליכט אין מרה־שחורה־לאנד.

זייט גרינוואלד מיט זיין פרוי האבען זיך בעזעצט אין ניו־יארק, האבען זיי קיין זאך ניט געטהאן. עס האט זיך זיי אבגעדוכט אז זיי זיינען זאט מיט גליק ווייל זיי האבען רייכטהום איבער די הויפענס. זיי האבען אבער פערגעסען, אז גליק און רייכטהום זיינען צוויי בעזונדערע זאכען וואס האבען קיין ברעקל שייכות מיט די אנדערע.

עס איז א וואהרהייט וואס איז בעקאנט יעדען דענקער: דער יעניגער וואס האט אלעס, דער זוכט אזוי לאנג ביז ער געפינט דאס וואס ער האט ניט. עס איז טאקע אמת, אז דער רייכער קען א סך געניסען, ער קען אבער דערפאר קיינע צרות פערטראגען און די מינדעסטע זארג מאכט איהם אונגליקליך. אלע טאג פערגניגען, דערעסט זיך אויך און וויא די וועלט זאגט: „קרעפלאך עסען, ווערט אויך מאוס יעדען טאג“.

אסתר גרינוואלד האט זיך געפיהלט זעהר גליקליך ווען זיא איז געקומען אין ניו־יארק, ווייט ווייט פון די דראמא וואס האט אונטערגעשטופט איהר פאטער צום קבר פאר דער צייט, און וואס האט איהר אליין שיער ניט אומגליקליך געמאכט. דער ים איז א גרויסער שלאף־טרונק און זיא האט כמעט פערגעסען אלעס; אבער, וויא זיא האט ערפאהרען, אז אסקאר וולאדימיראָוויטש איז געוועזען אשקען'ס ברודער, האט איהר הערץ אנגעפאנגען צו קאכען וויא א קעסל.

— שטייט, וויא קען דאס זיין? — פלעגט זיא זאגען זעהר אפט צו איהר מאן, אז דער וואס איז געוועזען דיין גוטער מלאך, דער זעלבער אשקען וואס האט דיר בעפרייט פון א שענדליכען טויט — וויא קען דאס זיין, אז זיין ברודער זאל האבען

נעווען דער מלאך המות פון מיין פאטער און שיער פון אונזביידען?

אסתר האט דאס פון איהרע געדאנקען ניט ארויסגעלאזען, און זיא האט אנגעהויבען צו האסען דעם נאמען אשקען, וועלכען זיא האט איבריגענס קיין מאל ניט געשעצט. זיא האט דיעזען נאמען ניט געקענט הערן און אויך אלגא איז געווארען ביי איהר טריף וויא חזיר. איז דען ניט אלגא דיא טאכטער פון יענע פערדארבענע פרוי וואס האט זיך צוזאמענגעשמעקט מיט א באנדיט, אשקען'ס ברודער, אום צו פעראונגליק'ן איהר פאטער?

גרינוואלד האט איהר ערקלערט, אז קיין מענש איז ניט פעראנטווארטליך פאר דיא מעשים תעתועים פון זיין ברודער; אבער דאס איז ניט גענוג געווען ארויסצורייסען פון איהר הערץ דעם האס וואס זיא האט געהאט צו דעם יענינגען וואס זיא האט גערופען „אסקארס ברודער”. אסתר האט זיך געפיהלט אונגליקליך ווארום זיא טאר דיעזען מאן ניט האסען נאך מעהר. אך, ווען דיעזער משומד וואלט ניט געהאט בעפרייט איהר מאן פון דער תליה, וואלט זיא יעצט געוואלט זעהן דיא גרעסטע נקמה אין איהם.

— קיין שלעכטעס ווינש איך חלילה ניט דעם משומד, ניט זיין פרוי -- האט זיא געזאגט צו איהר מאן — נאר איך וויל פון זיי מעהר ניט וויסען. איך קען ניעמאלס פערגעסען, אז אשקען'ס ברודער און אלגא'ס מוטער האבען צוריסען דיא פאהן פון מיין פאטערס עהרע און זיי האבען געמאכט אין מיין זעלע אזא טיעפע וואונד, אז איך האב מורא דיא צייט אליין וועט עס ניעמאלס קענען פערהיילען!

— אימער גליקליך איז אונמעגליך אויף דיעזע וועלט — האט מארקוס איהר ערווידערט — ווייל דער מענש מוז האבען זיין פעקל זארג. אויב ער האט ניט זוכט ער עס מיט ליכט.

יא, דאס איז א גרויסע וואהרהייט, אבער דאך קען אונזער וועלט אנדערש קיין קיום ניט האבען, ווען אין מענשענס לעבען זאל ניט זיין א לינקע זייט צו יעדער רעכטע.

ווען דער טאג זאל זיין איין לאנגער פריהמארגען, א פראכט,
קיין וואלקען, קיין רעגען, קיין אבענד און אויך קיין נאכט;
ווען דער גאנצער טאג זאל זיין איין לאנגער מארגען,
וויא גליקליך וואלט דער מענש דאן געלעבט אהן זארגען!

ווען דאס גאנצע יאהר וואלט געווען א פריהלינג אליין,
קיין ווינטער, קיין זומער, נור אפריל'ס אייביגען חן,
ווען פון דאס גאנצע יאהר זאל איין פריהלינג ווערן —
וויא זיס וואלט דאן געווען אונזער מארגענשטערן!

ווען אלע וועגען וואלטען געווען בארג אראפ,
אייער פערד זאל אימער קענען לויפען גאלאפ,
און מיט דיא גרעסטע מישא פליהען און שוועבען —
וויא גליקליך וואלט געווען דעם בעל-עגלה'ס לעבען!

ווען אלע ראָמאַנען־שרייבער וואָלטען נעקענט שרייבען,
וויסען ווען צו זיפצען, ווען קאַטאָוועס צו טרייבען —
ווען יעדער שרייבער זאָל זיין ארבייט אין ערנסט טהאָן,
ווִיא גרויסאַרטיג וואָלט דאָן געווען מיין פּראָפעסיאָן!...

* * *

אבער ניין! עס איז אומזיסט אונזער פּאָעטישער קרעכץ;
אין מענשען'ס לעבען מוז זיין אַ לינקס צו יעדען רעכטס.

— — — — — — — — — — — — —

גרינוואָלד מיט זיין פרוי וואוינען יעצט ווידער אין לאָנדאָן און שפּיעלען א נר יסע ראָליע. אָלגאַ האָט זיך א צייט ארומגעטריבען אין ניו־יאָרק אין דיא קליינע טהעאַטערע פון דער בּוערי וואו זיא האָט „געשפּיעלט" אונטער דעם נאָמען דיא „פּירשטין אָנינסקי", ביז זיא האָט זיך ענדליך ווידער פעראייניגט מיט איהר ערשטען מאַן פעליקס אשקען. זיא איז אבער נעווען מעהר בעקאַנט אין ניו־יאָרק אונטער דיא נעמען The acute princess און The Smart Lady (ביטערע נקבה). יעצט האָט זיך אָלגאַ'ס פּאָזיציאָן אין גאַנצען געענדערט: איהר מאַן אשקען האָט א גוטע שטעלע אין דיא וועסט אלס רעפאָרם־ראַבינער, און בכן איז פון דיא אידישע שיקסע געוואָרען א רעבעצין.

אויף דיזען נייעם ראַבינער געהט א ווערטעל אזוי:

אין א רעפאָרם שול פון דיא וועסט,
איז דאָ א ראַבינער זעהר געראָטען;
ער האָט אין שול פאַר זיינע געסט
געבלאָזען שופר אויף נאָטען.

ווען אשקען האָט אין מחזור „שברים" געזעהן,
האָט ער זיך געציקעלט מוזיקאַליש „מעע" —
און זיין „תקיעה־גדולה איז געווען —
טאַ־ראַ־ראַ בום־דע־רע!

ע נ ד ע.

געקליבענע
שריפטען

— פון —

י. י. זעווין („תשר"ק", „יודקאָוויטש").

דאס איז דער נאָמען פון תשר"ק'ס ערצעהלונגען וועלכע זיינען יעצט ערשיענען אין בוך=פאָרם און וועלכע זיינען געווען געדרוקט אין „טאגעבלאט" אונטער די נעמען:

חיים דער קאסטאמער פעדלער. | שמחה דער שמש.
דזשאו דער ווייטער. | בערל דער בוטשער באי.

מר. זעווין האט א נאָמען געגעבען זיינע ערצעהלונגען „געקליבענע שריפטען", ווייל ער האט זיי ניי אויסגעקליבען פון די טויזענדע ערצעהלונגען וועלכע ער האט פערפאַסט, און נור די בעסטע וועלכע זיינען פול מיט וויטץ און הומאָר, האט ער איבערגעגעבען צו דרוקען אין בוך=פאָרם.

מר. זעווין האט אויך א סך פון די ערצעהלונגען אין די „געקליבענע שריפטען" אויסגעבעסערט, פיעל זאָגאַר אין גאנצען איבערגעארבייט; זאָ, דאס די לעזער וועלען דערינען געפינען גאנץ נייעס לעבען און וועלען זיך אויף דאס ניי גוט אמוזירען.

מר. זעווין איז אהנע צווייפעל דער גרעסטער אידישער הומאָריסט אין אמעריקא, ווייל איהר קענט ניט דורכלעזען זיינע צוויי אדער דריי ציילען וואו איהר זאלט זיך נים פארנאנדערלאכען, ער שטעהט דעריבער אזוי הויך, אלס הומאריסטישער שרייבער אין אמעריקא פונקט ווי „שלום=עליכם" אין אייראָפּאַ.

מר. זעווין איז א מאדערנער אידישער הומאריסט, זיינע הומאריסטישע ער=צעהלונגען זיינען ניט פון דעם לעבען און ווירקען פון דעם אלטען דור, נאר פון דעם נייעם דור, אויך ניט פון דער אלטער וועלט, נאר פון דער נייער וועלט. אין זיינע שריפטען שפיעגלט זיך אָפּ דער גאנצער אידישער לעבען אין אמעריקא; זיין האנדעל און וואנדעל, זיין פרייד און לייד, זיין גליק און אונגליק. אלעס ווערט אזוי איינגעוויקעלט אין הומאר און וויטץ, דאָס אפילו ווען איהר לעזט א זאך וואס מען דארף דארויף וויינען, מוזט איהר אויך לאכען.

די „געקליבענע שריפטען" פון י. י. זעווין וועט אמוזירען דעם גאנצען אידישען פובליקום, און אפילו דיעזע וועלכע האבען שוין די שריפטען געלעזען אין „טאגעבלאטט" וועלען עס יעצט מיט פערגעניגען נאך אמאל לעזען אין בוך=פאָרם.

די „געקליבענע שריפטען" איז געדרוקט אויף שענעם פאפיר און געבונדען אין קלאָטה באַנד.

פרייז 75 סענט.

צו בעקומען אין אלע בוכהאנדלונגען ווי אויך ביי די פערלעגער:

HEBREW PUBLISHING CO.,

50-52 Eldridge St., New York.

עס איז ערשיענען פון דרוק דער בעריהמטער ראמאן

פריהלינג שטראמען

— פון —

א. טורגעניעוו

איבערזעצט פון לעאן קאברין

„פריהלינג שטראמען" איז איינע פון די בעסטע ווערק וואס דער גרויסער רוסישער שרייבער א. טורגעניעוו האט געשאפען. אין דיעזע ווערק גיט ער אונז א בילד פון איין עלטערען אונפערהייראטען מאן, וועלכער בערייעט זיין אויסגעלאסענעם און פריילינכען לעבען אין דער יוגענד; עראינערונגען קומען איהם אין קאפ אזוי ווי פריהלינג-שטראמען, זיי לאזען איהם ניט רוהען און פערפאלגען איהם ווי שווארצע שאטענס, ער דערמאהנט זיך ווי ער האט אמאל געלעבט, געליעבט און האט געקענט פיהרען א גליקליכען פאמיליען-לעבען און האט עס אליין צושטערט און פערניכטעט צוליעב זיינע דומע און רייצענדע פאנטאזיעס. אט דיעזע געדאנקען דערטרינקט ער אין בערוישענדע געטרענקע.

„פריהלינג-שטראמען" איז א מייסטערהאפטע שילדערונג. איהר זעהט ווי אין א שפיגעל אלעס וואס די רייגע פאנטאזיע פון פערפאסער האט געוואלט ארויסברייגען, און איהר ווערט בעגייסטערט לעזענדיג.

„פריהלינג שטראמען" איז געדרוקט אויף א שעהנעם פאפיער און געפאסט אין א פראכטפאלען קאווער.

פרייז 30 סענט

צו בעקומען ביי אלע בוכהענדלער, ווי אויך ביי די פערלעגער

HEBREW PUBLISHING COMPANY,

50-52 Eldridge St., New York.

געקליבענע שריפטען

פון דעם גרעסטען דייטשען דיכטער

י. וו. געטהע

אין פיער פראכטפאלע בענדער.

ענטהאלטען פאלגענדע ווערקע:

1. געטהע'ס ביאגראפיע.
2. ווערטהער'ס ליידען.
3. דאס מערכען.
4. פאוסט.
5. עגמאנט.
6. די משוגעת פון א פער־ליעבטען.
7. די וועטטע.
8. געטץ פון בערליכענגען מיט דער אייזערנער האנד.
9. קלאוויגא.
10. דער בירגער גענעראל.
11. די אויפגערעגטע.

געטהע'ס ווערק זיינען די פערל פון דער וועלט־ליטעראטור. עס איז כמעט ניטא א שפראך אין וועלכער עס זאל ניט זיין איבערזעצט געטהע'ס ווערק און עס איז אויך ניטא איין ציוויליזירטער מענש, וואס זאל ניט האבען געלעזען געטהע'ס ווערק.

געטהע'ס גרויסקייט ליעגט אין דעם, וואס זיינע טיפען און ביל־דער זיינען פול מיט פילאזאפישע געדאנקען און ערהאבענע אידעען.

געטהע האט געהאט בכח אריינצודרינגען אין די טיעפעניש פון דער מענשליכער נשמה און מאהלען אזעלכע בילדער, וועלכע זאלען מאכען א גרויסען איינפלוס אויף דער מענשליכער געזעלשאפט.

די 4 בענדער געקליבענע שריפטען פון י. געטהע

וועלכע מיר האבען יעצט ארויסגעגעבען אין אידיש, זיינען די בעסטע, וועלכע זיינען ארויס פון זיין פעדער און וועלכע האבען צו יענער צייט, ווען זיי זיינען ערשיענען, אויפגעשטורעמט די גאנצע וועלט.

פרייז בלויז 2 דאלאר

(פארטא פריי).

HEBREW PUBLISHING COMPANY,

50-52 Eldridge St., New York.

א פראכט אויסגאבע פון

גראף לעאָ טאָלסטאָי'ס

געוועהלטע ווערקע

אין צוויי דיקע פראכטפאלע בענדער.

ענטהאלטען פאָלגענדע ווערקע:

1. טאָלסטאָי'ס ביאָגראפיע.
2. די קרייצער סאָנאטא.
3. איך און מיין מאַן.
4. מיין פריינד'ס פרוי.
5. איוואַן איליאיטש'עס טויט.
6. צוויי דורות.
7. פאָליקושקא.
8. אננא קארעגינא.
9. דער נסיון.
10. די פערפיהרונג.
11. איוואַן דער נאַר.
12. מיין ווידוי.
13. קריעג און פריעדען.

גראף טאָלסטאָי איז געווען דער גרעסטער רוסישער שרייבער און זיינע ווערק זיינען איבערזעצט געוואָרען אין אַלע אייראָפעאישע שפראַכען און זיינען איבעראַל פערקויפט געוואָרען אין די מיליאָנען; עס איז כמעט ניטאָ איין ציוויליזירטער מענש, וואָס זאָל ניט האָבען געלעזען טאָלסטאָי'ס ווערק.

טאָלסטאָי'ס גרויסקייט ליעגט אין דעם, וואָס ער גיט איבער זיינע הויכע אידעאַלען און פילאָזאָפישע געדאנקען אין אינטערעסאַנטע און שפאַנענדע ראָמאַנען. און אַז מען לעזט זיינעם אַ ראָמאַן איז אויסער וואָס מען איז זעהר שטאַרק פעראינטערעסירט אין די ער־צעהלונג, לערנט מען אויך דערביי פיעלעם וועגען געוויסע פראַגען אין לעבען.

טאָלסטאָי'ס געוועהלטע ווערק זיינען געדרוקט אויף טהייערען פאַפיער און פראַכטפאָל געבונדען.

אַ פראַכט־אויסגאַבע פון „טאָלסטאָי'ס געוועהלטע ווערק" אין אידיש איז אַ ציערונג צו האָבען אין הויז.

פרייז בלויז 2 דאלאַר.

(פאָרטא פריי).

HEBREW PUBLISHING COMPANY,

50-52 Eldridge St., New York.

געקליבענע שריפטען

פון דעם גרויסען רוסישען שרייבער

איוואן טורגעניעוו

איבערזעצט פון לעאן קאברין

אין 4 פראכטפאלע בענדער.

אינהאלט פערצייכניס פון די פיער בענדער:

1טער באנד

1. אסיא
2. די ערשטע ליעבע
3. דער רופא
4. א צוזאמענקונפט
5. דער טאגע־בוך פון א איבעריגען מענשען

2טער באנד

1. פאעזיע און פראזא 1טער טהייל
2. פאעזיע און פראזא 2טער טהייל
3. צוויי פריינד
4. קלארא מיליטש

3טער באנד

1. מומו
2. וואלד און סטעפע
3. דריי פארטרעטען
4. אין א פערוואָרפענעם ווינקעל
5. דריי מאָל בעגעגענט
6. טוק... טוק... טוק

4טער באנד

1. טשערטאָפּכאנאָוו און נעדאָ־פּיוסקין.
2. טשערטאָפּכאנאָוו'ס סוף.
3. דער הונד
4. א הפקר מענש
5. א חלום
6. א לעבעדיג הייפעל ביינער
7. יאקאב פאסינקאוו
8. אנדרעי קאלאסאוו

פרייז בלויז 2 דאָלאר

(פּאָרטא פריי)

HEBREW PUBLISHING COMPANY,

50-52 Eldridge St., NewYork.

געקליבענע שריפטען

— פון —

אנטאָן טשעכאוו

איבערזעצט פון לעאָן קאָבּרין

אין 4 פראכטפאָלע בענדער

אינהאלט פערצייכנים פון די פיער בענדער:

1טער באַנד

1. די נקמה.
2. וואָס אַן אַנגעקלאָגטער האָט דערצעהלט.
3. אַ בעקאַנטער מאַנספּאַרשוין.
4. אַ גליקליכער מענש.
5. אַ רפואה געגען שכרות.
6. אַ טהעאטער דירעקטאָר אונטער אַ זאָפע
7. די ענגלענדערין.
8. דער אויסרופונגס־צייכען.
9. דער רעדנער.
10. אַ קונסט־ווערק.
11. דער נצחון פון אַ זיעגער.
12. דער ממזר.
13. אַן עלענדע בעשעפענים.
14. אַ טהייערער קינד.
15. אוים די שריפטען פון אַ אויפ־גערעגטען מענשען.
16. זומער געסט.
17. אַ רעטהזעלהאַפטע נאַטור.
18. דער טוידט פון אַ בעאַמטען.
19. די מכשפה.
20. נערוועז.
21. דאָס איז געווען זי.
22. איבערגעזאָלצען.
23. איבעריגע מענשען.
24. דער שלעכטער אינגעל.
25. אַ מעשה מיט אַ שוהל־אינגעל.
26. אַ שריפטשטעלער.
27. אַן אונגעוועהנליכער מענש.
28. דער קרומער שפּיעגעל.
29. אַ פאַמיליען־פאָטער.
30. אַ גוטער סוף.
31. אין באָד 1.
32. אין באָד 2.
33. דאָס לעזען.
34. דער ערשטער ליעבהאָבער.
35. די פאַסירונג.
36. דער פאַססאַזשיר פון דעם ער־שטען קלאַס.
37. אונפאָרזיכטיגקייט.
38. דער קלוגער וועכטער.
39. די שטיוועל.

2טער באנד

1. דער אנטלאפענער.
2. א בלבול.
3. פינסטערניש.
4. לעבעדיגע סמנים.
5. דעם קאפיטאן'ס יוניפארם.
6. דער מאן.
7. די פאלאטע נומער זעקס.
8. אן אונגליק.
9. די ארומשפרינגערקע.
10. אריאדנא
11. גנבים
12. נו, פובליקום !

3טער באנד

1. די ליידענדע
2. די דאמען
3. אין דער פאסט אבטהיילונג
4. ביים בארבער
5. דער שפיעגעל
6. די שכנים
7. דער אונטערזוכונגס-ריכטער
8. שונאים
9. די דאמע מיט'ן הינטעל
10. א צרה
11. ווייבער
12. א פאל פון פראקטיק
13. וואלאדיא דער גרויסער און וואלאדיא דער קליינער
14. שטארקע געפיהלען
15. שווערע מענשען
16. אננא אויף דער האלדז
17. א נערוועזער אנפאל
18 קלייניגקייטען פון לעבען

4טער באנד

1. וואינקא
2. שלאפען ווילט זיך
3. אניוטא
4. וואס זי האט דערצעהלט
5. דער געבורטס-טאג
6. די פויערים
7. וואלאדיא
8. נשמה'ניו
9. אהן א נאמען
10. דער פאטער
11. קעסטניקעס
12. די אפטהעקערקע
13. דאס ווייב
14. די מוהמע
15. די כאריסטקע
16. די פארבלאנדזשעטע
17. בענקעניש
18. אגרעסען

פרייז בלויז 2 דאלאר

(פארטא פריי)

HEBREW PUBLISHING COMPANY,

50-52 Eldridge St., NewYork.